This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש היימלאנד

2

1968

אינהאלט

זײַט

דווירע כאראל. לירישע העפטן. צײכענונגען פון ה. אינגער 2

הירש אָשעראָוויטש. היט אָפּ דײַן שטעגעלע... (לידער) . 26

יויסעף ראבין. איך זע דיך, ווילנע... (ראָמאן. סאָף).
צײכענונגען פון ה. קראווצאָוו 30

וולאדימיר דאנקאָ. אין אָט דער העכסטער רעגע (לידער 80

באָריס פּאָלעוואָי. איר מישפּאָכע (דערציילונג) 83

א. גאָנטאר. צום 60־טן געבורטסטאָג פון יויסעף קאָטליאר . 91

יויסעף קאָטליאר. זאָל א שטערן לײַכטן (לידער) . . . 92

מוישע אלטמאן. א מײַסע מיט א נאָמען (דערציילונג) . . 94

מייער כאראץ. שטייגעריש (לידער 102

יאשע רוביאן. מאָנאָלאָגן 105

רוון פּוסטילניקאָוו. צוויי מיניאטורן 116

הירש רעלעס. שפּעט אין הארבסט.—אף דער דווינע און אנד.
לידער 119

יעכיעל טשיטשעלניצקי. זיי האָבן זיך ניט אומגעקערט
פון דער מילכאָמע 120

ליטעראטור־קריטיק. ביבליאָגראפיע. פראגן פון קונסט

ארן ראסקין. דער טראָט פון דוירעס 126

הערש רעמעניק. פּאָלעמישע נאָטיצן 131

אונדזערע מיטיילונגען. כאצקל נאדעל. שאָלעם אשס
פּאָפּולערקײַט. מייער ברוקאזש. וועגן דעם קינסטלער
יעהודע פּען. אווראָם פּריבלודע. אינטערעסאנטע
סטאטיסטיק 138

קאָמענטארן פון רעדאקציע 143

לייענער שרײַבן אונדז. א מאטאָנע פון אווסטראליע 144

אונדזער רעפּליק. י. ברעגמאן. קעדיי עס זאָל ברענגען
נוצן 146

בלעטערנדיק זשורנאלן און צײַטונגען 148

פארשיידנס 150

נאָטיצן פון א יידישן בוקיניסט 152

קורצע רעצענזיעס. מאָטל גרוביאן. דער מײַסטער פון
דער ליד 154

כראָניק 82, 90, 101, 130, 153, 156

לאָמיר ווידער זינגען אָט די לידער. די ליד וועגן
קאכאָווקע. ווערטער פון מ. סוועטלאָוו, מוזיק פון
אי. דונאיעווסקי 157

פון אונדזער פאָטאָ־ארכיוו 158

פרײַנטלעכע שארזשן 159

נאָטיצן אפן קאלענדאר 160

הויפּט־רעדאקטאָר

א. ווערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

ה. אָשעראָוויטש,

אי. באָרוכאָוויטש,

א. גאָנטאר, נאָטע לוריע,

מ. לעוו.

(פאראנטוואָרטלעכער סעקרעטאר),

ב. מילער, י. פאליקמאן,

ס. פריי, י. ראבין,

ר. רובין.

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון ססר

אַכטער יאָרגאַנג

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“

מאָסקווע

פּעוורואַל

2

1968

דווירע כאַראַל

מיט אינטערעס וועלן געלייענט ווערן די מע־מוארן פון דער דיכטערן דווירע כאַראַל. מע דאַרף זײַן אַ געבוירענער פון די אוקראַיִנער שטעטלעך, — פון אַכרימאָווע אָדער מאַנאַסטירישטשע, — קעדיי גלײַך דערשפּירן דעם אַראָמאַט פון די „זוניקע וויגן פון אוקראַיִנער פעלדער“ (ד. האָפּשטיין), וואָס לאָזט זיך אַזוי שאַרף פילן אַף ניט וויניק זײַטלעך פון כאַראַלס „לירישע העפטן“. אָבער אויך באַם לייענער, וועלכער איז דאָרט ניט אויס־געוואַקסן, וועט אַ ציטער טאָן דאָס האַרץ, און עס וועלן אים פאַרכאַפּן די זיכרוינעס פון דער דיכטערן.

ע ר ש ט ע ר   ט י י ל

מײַן היים

אונדזער שטעטל אַכרימאָווע

ציטעריק האַרץ
און בלינדער געוויסן
מיט נעכטנס מיט שטילע
האָט ניט צעריסן.

פון בליִענדן גאָרטן,
פון צוויט אַף דיביימער
האַרץ האָט פאַרטראָגן
פון כאַראָווע היימען,
האַרץ האָט פאַרטראָגן דורך פעלדער און יאָרן
פון קליינינקע שטיבלעך
די ליבע די קלאָרע...

צווישן צוויי וועלדער — באָנדאַרי און דווי־זשעק — אין אַ טאָל אונטער אַ בערגל ליגט דאָס שטעטל אַכרימאָווע, אַרומגערינגלט פון אַלע זײַטן מיט דאָרפישע הײַזער. צוויי ברייטע שליאַכן ציִען זיך אין דער ווײַט.

איין שליאַך שלענגלט זיך באַרג־אַראָפּ פאַרבײַ דעם וואַלד באָנדאַרי; ער פירט צו דער באַן און אויך קיין אומאַן. דער צווייטער שליאַך פירט אין שטעטל מאָנאַסטירישטשע.

אין 1884 איז אין שטעטל אַכרימאָווע, קיִעווער גובערניע, געבוירן געוואָרן בײַ מײַן זיידן רע־פּאָעל בערגעלסאָן דער מיזיניק דאָוויד.

מײַן זיידנס עלטסטע טאָכטער, באַשעווע, איז מײַן מאַמע. איך בין געבוירן געוואָרן אין 1894.

לירישע העפטן

די זײַטלעך, וואָס זײַנען געווידמעט דאָוויד בערגעלסאָנען, ווארפן א נײַע שײַן אף דער אויספאָרמירונג פונעם גרויסן שרײַבער. זיי האָבן א באדײַטונג אויך פאר דער ליטעראטור־פאָרשונג, פאר דער כאראקטעריסטיק פון דעם געשטאלט פון פענעקן, פאר דער פראָבלעם פון אווטאָביאָגראפישן עלעמענט אין בערגעלסאָנס ראָמאן „באם דניעפער“.

באנאנד דערמיט דערציילט דווירע כאָראָל אינטערעסאנטע פראָטים פונעם ייִדישן ליטעראַרישן לעבן ערעוו דער רעוואָליוציע און אין די ערשטע יאָרן נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע.

אין דעם יאָר איז מײַן זיידע רעפאָעל בערגעלסאָן געשטאָרבן.

קיין אומאן פלעגן מיר פאָרן מיט אונדזער פאעטאָן. די באלעגאָלעס האָבן אים גערופן „די כאָליערע“, ווײַל ער איז געווען זייער א שווערער. די שליאכן האָבן זיך געווייקט אין בלאָטע און אין קאליוזשעס. „אז דו פאָרסט ארײַן מיט דער „כאָליערע“ אין א טינטערל, — אזוי האָבן גערופן די באלעגאָלעס די קאליוזשעס, — ביסטו א פארפאלענער“.

צו די שליאכן האָבן זיך געטוליעט פעלדער: ווינטער — פארשאָטן מיט שנייען, זומער — אין בלי פון ארבעס און גריקע, ווייץ און קאָרן.

איך האָב ליב געהאט די שמאָלע סטעזשקעלעך אין קאָרן.

■

אָט אײַל איך מיט פעלדער
אין פארנאכטן אליין,
אין טאָל אונטער בערגל —
צווישן היימען מײַן היים.

אין פויערשע שטיבלעך
מע גרייט זיך צום שלאָף,
און דאָ שטויבן די בערג נאָך
פארשפעטיקטע שאָף.

ס'איז נאָך ערגעץ אין דאָרף
אין א פענצטערל ליכטיק,

איבער קאָפּ מײַנעם אָוונט
ווערט געדיכט און געדיכטער.

פון דאָרף און פון היים
כ'בין פארגאַן אָן א זײַט,
פארטשעפּען מיך שטעגלעך
און פירן מיך ווײַט.

ניט ווייץ און ניט האָבער,
נאָר פעלדער מיט גריקע,
פעלדער צעבליטע
פאר בענקענדע בליקן.

אָכרימאָווע פלעגט ווינטער־צײַט זינקען אין שנייען. אף די שטרויענע דעכער — ווײַסע, פוכיקע היטלען. אף די נאַקעטע צווײַגן — דערפרוירענע שפּערלעך.

„באָם, באָם"

מײַן טאטע האָט גענומען אין ארענדע אין דעם דאָרף אבראמאָווקע א גוראלניע. דאָס דאָרף געפינט זיך נײַן ווערסט פון אָכרימאָווע. מײַנע עלטערן פאָרן אריבער אין דאָרף. מיך, די מיטלסטע, לאָזט מען איבער בא דער באָבען. דער באָבעס צימער איז דאָס בעסטע אין גרויסן הויז. דאָ איז ליכטיק און זוניק. אין פענצטער, זע איך, ציען זיך ארוף־א־בארג געקעסטלטע פעלדער. איך געדענק א גלעזערנע שאפע מיט זילבערנע לײַכטער. די זון האָט זיך צעשײַנט אף די לײַכטער און זיך צעברעקלט אף קליינע זונעלעך. די גוטע, העלע זון האָט זיך צעשײַנט אף די ווענט, אפן טישטעך; אפן דיל האָט די זון צעשאָטן קליינע קעסטעלעך שײַן. איך שפּרינג ארום, איך פּרוּוו איבערשפּרינגען פון איין קעסטעלע שײַן אפן צווייטן. די באָבע — באם טיש. דורך ברילן קוקט זי ארײַן אין א סידער. זי איז א גרינגע, א שלאנקע, אין א טונקל קלייד. אפן קאָפּ בא איר — א ווײַס זײַדן טיכל. דער באָבעס פּאָנעם איז פול מיט קנייטשן. די קנייטשן אפן שטערן און בא דעם מויל — טיף, ווי קארבן. „די באָבע איז א צעבראָכענע", — פלעגט וועגן איר זאָגן די מאמע. פארוואָס איז די באָבע א צעבראָכענע, האָב איך זיך דערוווּסט א סאך שפּעטער. די באָבע רופט מיך צארט דווירעלע און היט מיך אָפּ פון אלדאָסבייז. דערפאר שפּרינג איך לעבן איר אזוי זאָרגלאָז פון איין קעסטעלע שײַן אינעם צווייטן.

איך האָב א ליאלקע מיט בלאָנדע האָר און בלויע אויגן. איך האָב א קליין פּושקעלע, רופט מען עס: „דער נעכטיקער טאָג מיט די גלעקלעך", ווײַל עס קלינגען אין דעם קליינע גלעקעלעך. שאבייסענאכטס פלעגט מען צו האוודאָלע אָנשיטן אין דעם פּושקעלע בסאָמים. איצט איז עס צעבראָכן, נאָר די גלעקלעך קלינגען, ווי אמאָל. האָט די באָבע דאָס פּושקעלע מיר געשענקט.

איינמאָל אין א זומער־טאָג האָט זיך בא אונדזער גאנעק אָפּגעשטעלט א גרויסער וואָגן. דער וואָגן איז געווען אינווייניק אויסגעבעט מיט היי. די באָבע האָט מיר געזאָגט: „די מאמע האָט זיך פארבענקט נאָך דיר, דו פאָרסט צו דער מאמען".

אין וועג בין איך אײַנגעשלאָפן אף די הענט בא דער אלטער ניאניע. געקומען זײַנען מיר אין אבראמאָווקע פארנאכט. מיט ליבע און פרייד האָבן מיך באגעגנט די מאמע, די שוועסטערלעך. שלאָפן האָט מען מיך געלייגט אין קינדערשן צימער. אין ווינקל האָט טונקל געברענט א נאכט־לעמפּעלע. די ניאניע אוסטיע האָט אונטערגעוויגט כאנעלעס וויגל. איך בין ניט געשלאָפן. איך בין געלעגן אָן עלנטע און א פארגעסענע. טרערן האָבן זיך געגאָסן פון מײַנע אויגן. די שפּילעכלעך האָט די באָבע מיר פארגעסן מיטגעבן. מײַן קינדערש הארץ האָט דאָס ערשטע מאָל דערפילט צאר. אף מאָרגן דערזע איך די מאמע און די שוועסטערלעך, נאָר אין די טונקעלע כאדאָרים איז מיר אלץ פרעמד. די מאמע איז ניט די באָבע. די שוועסטערלעך האָבן מיך ניט ליב. זייערע ליאלקעס געפעלן מיר ניט. איך בין גרייט זיך צעוויינען. נאָר פּלוצעם האָט א פריילעכער קלאנג פארפולט די שטוב. „באָם, באָם, באָם!" האָט געקלונגען אין אלע ווינקעלעך. איך בין אוועק זוכן דעם „באָם". איך זוך אים אונטערן טיש, אונטער דער שאפע, אונטער דער קאנאפּע. סאָפּקאָלסאָף האָב איך אים געפונען, דעם „באָם". ער האָט זיך געטראָגן דורך די אָפענע פענצטער. „באָם — עס וועט זײַן פריילעך, עס וועט זײַן גוט, זייער גוט". איך בין ארויס אין סאָד און דערזען: דער סאָד איז פול מיט פרוכט — גרויסע בלויע פלוימען, געלע בארן און עפּל נייגן די צווײַגן נידעריק צו דער ערד. און בינען, געלע בינען, זשומען ארום די גרינע צווײַגן. און צום בלויען הימל, איבער די שפּיצן פון דיביימער, טראָגן זיך קלאנגען פון גלעקער: „גוט, גוט, אזוי גוט, מאַמעש וווּנדערלעך". די מאמע האָט מיר געזאָגט, אז דאָס קלינגען די גלעקער אין קלויסטער. א ברייטער שליאך טיילט אָפּ דעם קלויסטער פון אונדזער סאָד. לעבן קלויסטער שטייט א קליין שטיבל. דאָרט וווינט דער גאלעך. דעם גאלעכס טאָכטער שאדקאָווסקאיא איז דער מאמעס א כאַווערטע. זי איז א קורסיסטקע. זי איז אָפּגעזעסן עטלעכע יאָר אין טורמע. איצט האָט מען זי ארויסגעלאָזט צו איר טאטן, דעם גאלעך, אף „פּאָרוקי". שאדקאָווסקאיא איז א הויכע, א דארע, טראָגט א שווארץ קלייד מיט א הויכן קאָלנער. גאנצע טעג רייכערט זי פּאפּיראָסן. זי האָט מײַן מאמען אויך אויסגעלערנט רייכערן. שאדקאָווסקעס פארכמורעט פּאָנעם שרעקט מיך. בא

אונדז אין סאָד אַף א באַנק לייענט זי מיט דער מאַמען אַף א קאָל א בוך, זיי זינגען לידער און רייכערן פּאַפּיראָסן.

איינמאָל באַנאַכט איז שאַדקאָווסקאַיאַ ניט געסטײַעט. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז זי איז אַנטלאָפן. די מאַמע איז איר שטאַרק מעקאַנע געווען. מײַן מאַמע האָט געטרוימט האַלטן עקזאַמען פאַר פיר קלאַסן און לערנען זיך ווײַטער. אַז מײַן מאַמען ווילט זיך וויינען, זינגט זי לידער. זי זינגט די זעלבע לידער, וואָס זי פלעגט זינגען אינאיינעם מיט דער שאַדקאָווסקאַיאַ:

Как дело измены, как совесть тирана,
Осенняя ночка темна.
Темнее той ночи встает из тумана
Видением мрачным тюрьма.

מיר פאָרן צוריק קיין אַכרימאָווע

מײַן טאַטע קומט אָן אַף אַרבעט אין א צוקערזאַוואָד. פון צײַט צו צײַט פאָרט ער אַף לאַנג אַוועק פון דער היים, און מיר, פיר קינדער, בלײַבן מיט דער מאַמען. צו אונדזער מישפּאָכע איז צוגעקומען א ברודערל. א מיזיניק. ער הייסט נאָכן זיידן רעפאָעל בערגעלסאָן.

מיר וווינען אַלע אין פליגל פון דער באָבעס שטוב. נאָכן זיידנס טויט האָט מען די יערושע ניט געטיילט. די באַלעבאָסטע איבער אַלץ איז געבליבן די באָבע. די עלטערע צוויי זין, בעניע און מאָטל, פירן די געשעפטן. אונדזער פליגל שטייט אונטער א גרויסן שטרויענעם דאַך. דער פליגל האָט פיר צימערן: א שלאָפצימער, אַן עסצימער, א „דיעטסקע"[1] און א קליין „דיעטסקעלע". דאָס קליינע „דיעטסקעלע" האָט געהאַט א באַס ווינקל. מיר פלעגן דאָרט ניט שלאָפן. נאָר דאָוויד האָט ליב געהאַט גראָד דאָס קליינע „דיעטסקעלע". ער קומט אַהין, פאַרשפּאַרט די טיר און שרײַבט.

פון זינט איך געדענק זיך, געדענק איך די שאַפע מיט ביכער. די מאַמע פלעגט אויסשרײַבן דעם זשורנאַל „ניוואַ". דער זשורנאַל האָט געהאַט בײַלאַגעס — די ווערק פון רוסישע קלאַסיקער. מע פלעגט צונויפזאַמלען דעם זשורנאַל פאַר א יאָר צײַט, און דער אײַנבינדער פלעגט אים אײַנפּאַקן אין גרויסע האַרטע טאָוולען. די שאַפע האָט מען געבראַכט נאָך פון אַבראַמאָווקע. מע האָט זי אַוועקגעשטעלט אין סטאָלאָווע. די מאַמע האָט אַף דער וואַנט לעבן דער שאַפע אויפגעהאַנגען לעוו טאָלסטאָיס בילד. אַף דער ערשטער פּאָליצע ליגן דעם טאַטנס ביכער אין ענגליש און אין דײַטש. שעקספּיר — אין רוסיש. אַף דער צווייטער פּאָליצע ליגן די בײַלאַגעס צו דער „ניוואַ": גאָנטשאַראָוו, טורגעניעוו, נעקראַסאָוו, טשעכאָוו, לעסקאָוו און גלעב אוספּענסקי.

איך האָב אָפט געזען דאָווידן בא דער שאַפע. ער פלעגט דאָרט שטיין לאַנג. און אַוועקגייענדיק, פלעגט ער זאָגן צו דער מאַמען: „שעווע, איך האָב גענומען בא דיר א ביכל". דער אײַנגעבונדענער זשורנאַל איז געלעגן אַף דער לעצטער פּאָליצע. מיר, קינדער, האָבן אים ליב געהאַט צוליב די בילדער, וועלכע מיר האָבן גערופן „די מענטשעלעך".

אונדזער סאָד ציט זיך פון דער באָבעס שטוב אונטער דעם גרינעם בלעכענעם דאַך ביז צו אונדזער שטיבל מיטן שטרויענעם דאַך.

דער סאָד איז אָפּגעצאַמט פונעם הויף מיט א נידעריקן פּאַרקן. אין הויף איז פאַראַן צוויי סטאַניעס. אין איין סטאַניע שטייען בריטשקעס, דראָשקעס, שליטנס איינער אַפן צווייטן. דאָרטן שטייט אויך אונדזער פאַעטאָן „די כאָליערע". ס'איז דאָרט ענג און שטויביק. אַהין פאַרקלײַבן זיך הינער, ווען זיי ווערן קוואָקעס. אין די שליטנס לייגן זיי אייער און זיצן אויס קליינע הינדעלעך. ווען עס באַווײַזט זיך אין הויף די פאַרלוירענע קוואָקע, געפינט מען אין סטאַניע איר נעסט. אין דער צווייטער סטאַניע שטייען צוויי גרויסע פערד. אין איין ווינקל פון דער סטאַניע איז אָנגעשאַרט ביז דער סטעליע א באַרג האָבער. בא דער וואַנט, ניט ווײַט פון דער טיר, שטייט יאַנקל פורמאַנס בעטל — א לאַנגער קאַסטן אָנגעבעט מיט היי און צוגעדעקט מיט א קאָלדרע. לעבן דער סטאַניע — א קעלער. לויפן מיר, קינדער, פונעם קעלער באַרגאַראָפּ און באַרג־אַרויף. דער פּאַרקן, וואָס רינגלט אַרום דעם סאָד און דעם הויף, איז פון אַלטע גרויע ברעטער. אין פּאַרקן — א הויכער טויער, דורך וועלכן עס פאָרן אַרײַן די פערד מיט דער בריטשקע. די פערד האָט מען אײַנגיכן פאַרקויפט.

איצט, ווען מיר פאָרן קיין אומאַן, רופן מיר א באַלעגאָלע. די באַלעגאָלעס רופט מען „די שוואָטים", ווײַל זיי זײַנען זיבן ברידער. זיי זײַנען הויכע, ברייטפּלייציקע יונגען, שיטן מיט פרײלעכע גראָבע ווערטלעך. זיי קאָנקורירן צווישן זיך, נאָר לײַטיש. זיי שלאָגן זיך ניט, ווי די קאַצאָווים. זיי מאַכן נאָר כויזעק איינער פונעם צווייטן. פינף ברידער פון די זיבן אַרבעטן אַפן וואָקזאַל אין כריסטינאָווקע. מיר פאָרן מיט נאָכעמען אָדער מיט דאָווידן אַף אונדזער פאַעטאָן, אַנדערש קומט גאָרנישט ניט אַרויס: „די כאָליערע" נעמט פאָרט מיטאַמאָל זעקס מענטשן — דרײַ פון אויבן, צוויי אַפן בענקעלע און איינעם אַף דער קעלניע. ווען דאָס שטעטל האָט אַנומלטן געשיקט נאָכן רעבן קיין מאָנאַסטירישטשע, האָט מען געבעטן בא דער מאַמען די „כאָליערע". די כסידים, וועלכע האָבן באַגלייט דעם רעבן, האָבן

1 קינדער־צימער.

זיך אונטערגעטשעפעט בא די רעסאָרן און זײַ־
נען נאָכגעלאָפן דעם פאַעטאָן. זיי האָבן אָפּגע־
בראָכן א רעסאָרע, און די מאמע איז בארויגעז
געוואָרן אפן באַלעגאָלע.

אונדזער אָכרימאָווע איז א קליינער גוט פון א פעטערבורגער גענעראַל. פון יאָר צו יאָר ווערט דער גוט אָרעמער. אין אָכרימאָווע וווינט דעם גענעראַלס עלטערער זון — פעטיע. אין שטעטל זאָגט מען וועגן אים: ער איז א שיקער, א גאָר־ניט, א פארדרייטער קאָפּ. ייִדן האָבן ניט קיין פּאַרנאָסע בא אים. און מע רופט אים מיט ביטל פּעטיע פּ-ע-ט-ע! זומער קומען אף א קורצער צײַט קיין אָכרימאָווע זײַנע ייִנגערע ברידער פון פעטערבורג — קאַדעטן און אָפיצערן. דאַן פירט מען ארויס פון די פריצישע סטאַניעס פערד און קארעטעס, פון די ארומיקע דערפער פאָרט זיך צונויף יוגנט. אין לעוואָנע־נעכט אפן שליאַך פארבײַ אונדזער גאַנעק יאָגן זיך רײַטער און קארעטעס אף ווייכע גומענע רעדער.

אָכרימאָווע האָט צוויי לאַנגע גאַסן, הינטער־געסלעך און א מאַרק. פון איין זײַט מאַרק — יאַטקעס, פון דער צווייטער — באַקאַליי־קלייטן. פאַר די יאַטקעס האָב איך מוירע. דאָרט הענגט אף די ווענט פאַרבלוטיקט פלייש פון די שעפע־לעך, וואָס פלעגן שטויבן דעם שליאַך אף אונ־דזער באַרג. איך האָב אויך מוירע פאַר די קאַצאָ־ווים: די קאַצאָווים זײַנען הויכע, געזונטע, מיט רויטע בערד, זיי שלאָגן זיך און לויפן צעבלו־טיקטע איבערן שטעטל. ווען צעבלוטיקטע קאַצאָ־ווים יאָגן איינער נאָכן צווייטן, ווערט ליידיק אין די גאַסן. מענטשן באַהאַלטן זיך, אַזוי ווי זיי באַ־האַלטן זיך פון א בוהיי, ווען ער רײַסט זיך אָפּ פון דער סטאַדע און יאָגט מיט א ווילדער מוקע־רײַ איבערן שליאַך.

די רײַכסטע קלייט איז מייער ארנס. דאָרט זײַנען פאַראַן לימענעס, מאַראַנצן און שאָקאָלאַד. מייער ארנס קלענסטע טאָכטער, באַסיע, איז אַלט זיבעצן יאָר. זי האָט אויגן, ווי שוואַרצע קאַרשן, און האָר, ווי טונקעלער מעש. באַסיע שפּילט א ליבע מיטן לערן־ייִנגל פון אַפּטייק יאַנקל זעלצ־מאַן. מייער ארנס האָט צוויי עלטערע מיידלעך ביז באַסיען, און, כוץ דעם, שטייט אים ניט אָן דער שידעך מיט זעלצמאַנען. באַסיע האָט באַקו־מען טובערקוליאָז. מייער ארנס האָט זיך איבער־געשראָקן און האָט זיי כאַסענע געמאַכט. נאָר יאַנקל האָט זיך אויך אָנגעשטעקט פון באַסיען מיט טובערקוליאָז. פון קיין רעפואָס אף היילן טובערקוליאָז האָט מען אין יענע צײַטן ניט גע־ווּסט. און דאָס יונגע פּאָרפאָלק איז אומגעקו־מען. דאָס שטעטל האָט געוויינט. וועגן באַסיען און יאַנקלען האָט מען געזונגען לידער. איינע פון זיי האָב איך פאַרגעדענקט:

אוי, ווער זאָגט עס, אז א ליבע איז א
גליק, — אוי, אוי, אוי,
א ליבע איז דאָך אן אומגליק אף דער וועלט,
א ליבע איז א וואָרע טשעכאָטקע,
פון ליבעס גייען קינדער פון דער וועלט.

אין דער באָבעס שטוב

שאַבייסנאַכטס און אין די יאָמטויווים קומען זיך צונויף אין דער באָבעס שטוב ייִדן אין קאַ־פּאָטעס. דאָס פאָדערשטע צימער אין שטוב רופט מען „די פּערעדניע“. אין פּערעדניע קומט מען ארײַן פון דער גאַס דורכן גאַנעק און דורך א לאַנגן קאָרידאָר. די טיר, וואָס פירט פונעם קאָ־רידאָר אין פּערעדניע, איז א פעסטע, מיט אײַזערנע קליאַמקעס. דאָרט זײַנען פאַראַן נאָך צוויי טירן: איין טיר פירט אין סטאָלאָווע, די צווייטע — אין קיך. אין סטאָלאָווע הענגט איבערן קײַלעכדיקן טיש א הענגלאָמפּ.

ארום טיש זיצן דער פעטער בעניע און דער פעטער מאָטל. אהין גייען ארײַן ייִדן פון דער פּערעדניע. אין פּערעדניע ברענען אין לײַכטער צוויי ליכט. אפן טיש זידט א סאַמאָוואַר, און ווער עס וויל, טרינקט אויס א גלעזל טיי. אין גרויסן כיידער איז פינצטערלעך. בא דער וואַנט — א שאַפע מיט צוויי סייפערטוירעס, זיי זײַנען פאַר־וויקלט אין סאַמעטענע שוואַרצע מענטעלעך. פון קיך הערט זיך א פריילעך געלעכטער און א יונג קאָל. פון צײַט צו צײַט גייט פון דאָרטן ארויס א דינסטמיידל, זי גיט אכטונג, אז דער סאַמאָ־וואַר זאָל ניט טשאַדען. זי שיט אונטער טיי אין טשײַניקל. מיר דאַכט זיך, אז די פּערעדניע איז קיינעמס ניט — ייִדן ריידן שטיל וועגן זייערע דײַגעס: ס'איז קראַנק דאָס ווײַב, די קינדער האָבן ניט קיין שיך, עס קלעקט ניט צום לעבן. פאַר־וואָס לויף איך אהער אין פּערעדניע? מיר גע־פעלט די שפּיל פון שאָטן און שײַן אף די ווענט. און אויך דאָס, וואָס דאָ קאָנסטו טאָן אַלץ, וואָס דו ווילסט, קיינער פאַרווערט דיר ניט. פאַר־קערט, איך לויף פאַרבײַ די ייִדן אין די לאַנגע קאַפּאָטעס, איינער גלעט מיט א ברייטער האַנט מײַן צעפּאַטלטן קאָפּ און זאָגט: „א צוגעלאָזט קינד“. א צווייטער ענטפערט אים: „א באַר־לאַנט...“

די באָבע איז קראַנק, זי קאָן ניט גיין אין שול דאַווענען, האָט מען געבראַכט די סייפערטוירעס אין שטוב.

אין יאָמטויווים קומען ייִדן אין שטוב דאַווענען. זיי טוען אָן טאַלייסים און רינגלען ארום דעם קײַלעכדיקן טיש אין סטאָלאָווע, מע צעוויקלט די סייפערטוירע. אָנגעבויגן איבערן טיש, לייענט מען די טוירע. אַלע קעפּ זײַנען ווי צו־געדעקט מיט איין טאַלעס. מע לייענט מיט א זינגעוודיק און צעצויגן קאָל, אַזוי אז מיר פאַר־קלעמט עס באַם הארצן. ווען מע פאַרוויקלט די

טוירע, שטופּ איך זיך צו צום טיש, איך זע קליינע אויסיִלעלעך אַף פּאַפּיר. איך טו מיטן פינ־גער א גלעט דאָס פּאַפּיר — עס איז הארט און גליטשיק. איך נעץ אָן א פינגער אין מויל און טו א רייַב דאָס פּאַפּיר. עס ווערט ניט נאַס. דער טאַטע האָט מיר דערקלערט, אז דאָס פּאַפּיר, אַף וועלכן מע שרייַבט די טוירע, הייסט פּארמעט. ער האָט מיר אויך דערקלערט, וויִאזוי מע מאַכט פּארמעט.

איך טראָג זיך ארום אין אַלע ווינקעלעך פון דער שטוב, פון סאָד און פון דעם הויף. און מיטאמאָל, אינדערפרי, פארווילט זיך מיר שלאָפן. די מאמע זאָגט פארזאָרגט: דאָס קינד האָט זיך ערשט געשפּילט, געווען פריילעך, און איצטער איז עס ניט מיט אַלעמען. שפּרעכט מיר די באָבע אָפּ א גוט־אויג. די מאמע ברענגט אָן איי, א שאָל און א שיסל. דאָס איי צעברעכט מען און מע גיסט עס אויס אין דער שאָל. אַלע קוקן אפן איי, און איך קוק אויך. איך דערזע א קליין, שווארץ קייַקעלע אפן געלעכל. „מייַן קעפל". די באָבע פרעגט בא דער מאמען: „דווירעלע האָט אָן איינהאָרע?" ענטפערט די מאמע: „ניין". פרעגט נאָכאמאָל די באָבע: „דווירעלע האָט אָן איינ־האָרע?" ענטפערט די מאמע: „ניין". „פונוואנען זי איז געקומען, אהין זאָל זי גיין", — זאָגט די באָבע, און מיטאמאָל גיסט זי אויס דאָס איי אין שיסל. מיך פארדריסט זייער, פארוואָס איך האָב ניט געזען, ווי די איינהאָרע — דאָס שווארצע קייַקעלע — האָט זיך ארויסגעקייַקלט פון מיר, געקייַקלט איבערן טיש און גלייַך ארייַן אין דער שאָל. נאָר אזוי ווי די איינהאָרע ליגט שוין אין שיסל, ווער איך פריילעך און איך וויל שוין מער ניט שלאָפן. איך לאָז זיך לויפן אין קיך ארייַן.

בא דער באָבען אין קיך איז דער אויוון פול מיט פלאָם און מיט טעפּ. אין א ווינקל, לעבן אויוון, שטייט א קאָטשערע און א ראָהאַטש. ביי־לע די קעכנע באַווייַזט מיט זיי קונצן. אָט כאַפּט זי ארויס מיטן ראָהאַטש פון די גליִענדע קוילן א זודיקן טאָפּ און שטעלט אים אוועק אפן פּרי־פּעטשיק, און דעם צווייטן טאָפּ, פארקערט, שטעלט זי גלייַך אַף די קוילן. אָט שטילט זי דאָס פייַער אין אויוון, מאַכט עס קלענער, עס זאָל זיך ניט אָנצינדן די סאַזשע. איך קיך בא דער וואנט, אַף א בעטל, זיצן די דינסטמיידלעך. זיי פּירן א פריילעכן שמועס. זיי זינגען א ליד און קאַטשען זיך פאר געלעכטער.

— אוי, ווו ביסטו געווען, אוי, ווו ביסטו
געווען, קעצעלע, פייגעלע מייַנס?
— איך בין געווען אין ווייַנגאָרטן, איך
האָב געשפּילט אין קאָרטן, קעצעלע,
פייגעלע מייַנס.

איך האָב ליב דעם פלאָם אין אויוון, איך האָב ליב די לידער, וואָס מע זינגט דאָ, נאָר זעלטן לויף איך אין קיך. די דינסטן לאַכן פון מייַנע אייגענע. זיי טוען עס ניט אָפן, זיי האָבן מוירע. נאָר איינע דער אנדערער זאָגט א סאָד, און זיי קוקן אַף מיר און לאַכן. באזונדערס ראָכל די פּאַקרעטקע. זי איז א גראָבע, א קליינע. זי האָט שמאָלע שלעכטע אויגן און געלע האָר. זי איז א שארף־בייַסיקע. אין שטוב זאָגט מען, אז זי איז אזא שלעכטס, ווייַל זי איז א מיִעסע און ווייַל זי האָט א מאמזער. נאָר מע לייַדט פון איר, ווייַל זי איז דווירע דאָדיעס טאָכטער. דווירע דאָדיעס איז געווען אונדזער דאָווידס אַם. עטלעכע יאָר האָט דווירע דאָדיעס געוווינט בא אונדז אין שטוב. מע האָט זי ליב, ווייַל זי איז זייער א גוטע, אַף איר פּאָנעם ליגט א מילדער שמייכל. זי איז א הויכע, א ברייטפּלייציקע, זי טראָגט א ברייט קליידל אין פאלדן און אין קוויטן. אירע ביידע טעכטער זייַנען דינסטן בא אונדז. ראָכל — בא דער באָבען אין שטוב. ציפּע — בא אונדז אין פליגל. דווירע דאָדיעס צווייטער מאן איז א שוסטער. ער איז ציפּעס טאַטע.

איינמאָל האָט די מאמע צונויפגענומען די צעריסענע שיך און האָט געזאָגט ציפּען: וועסט זייַן עטלעכע שאָ בא דער מאמען, ביז דער טאַטע וועט ניט פאריכטן די שיך. אז דו וועסט גיין אהיים, וועסטו די שיך מיטנעמען מיט זיך.

איך האָב ליב דווירע דאָדיעס. איך האָב אייַנ־געבעטן דער מאמען, זי זאָל מיך אָפּלאָזן צו איר מיט ציפּען. בא דווירע דאָדיעס איז א גרוי־סע קיך און א גרויסער כיידער. אין קיך אַף א נידעריק בענקעלע זיצט ציפּעס טאַטע דער שוס־טער. אפן דיל ארום אים ליגן שיך און צווישן זיי וואַלגערן זיך שטיקלעך לעדער. אין צווייטן כיידער שטייט א בעט, פול מיט בעטגעוואנט, א טיש און צוויי בענקלעך. אפן טיש — א טישטעך מיט צוויי מעשענע לייַכטער. אין שטוב שמעקט מיט נאַסע וועגט. דווירע דאָדיעס האָט מיך אוועקגעזעצט צו זיך אין פּאַדאָלעק און דער־ציילט מיר מייַסעס. דער פּאַדאָלעק איז בא איר א טיפער, די ברוסט איז ווייך און ליב, ווער איך אנשלאָפן. ווען מע וועקט מיך אוף, זייַנען די פאריכטע שיך פארבונדן אין א פּאַטשיילע און מיר גייען אהיים.

מייַן מאמע האָט ליב פאָלקסלידער. ווען עס קומט צו אונדז א נייַ דינסטמיידל, נעמט די מאַ־מע זי ארייַן אין סטאָלאָווע און יענע זינגט איר אויס אַלע לידער, וואָס זי קען. איך געדענק צוויי לידער, וועלכע די מאמע האָט זיך אויסגעלערנט בא באסיען, אונדזער דינסטמיידל: „אוי, פונוואַ־נען נעמט זיך א ליבע? פון ריידן און פון שמו־עסן, און פון לאַכן, און אונדזער ליבע איז גע־שלאָסן אין איינע־צוויי פארנאַכטן. און אז אונ־דזער ליבע איז געשלאָסן, האָט דאָך נאָך קיינער ניט געוווּסט, און הייַנט איז א קלאַנג אין אַלע גאַסן, אז אונדזער ליבע איז צונישט"...

און א צווייטע ליד: „איך האָב אמאָל א שעם געהאַט פאַר אַן ערלעך מיידל. דער שעם איז בא מיר טײַערער געווען פון גאָלד. הײַנט בין איך אָרעם, עלנט און באַליידיקט"...

מײַן זיידע רעפאָעל בערגעלסאָן

מײַן זיידע רעפאָעל בערגעלסאָן איז געווען א קענער פון יִדיש. גאַנצע קאַפּיטלען פון פאַר־שיידענע ספרים האָט ער געלייענט אָף אויס־ווייניק. א קלוגער, א שווײַגער. ווען ער פלעגט זאָגן א וואָרט, פלעגט עס אָפּט בלײַבן ווי א שפּריכוואָרט אין דער ארומיקער געגנט. די מאַ־מע פלעגט זאָגן, אז דער זיידע האָט א טפיסע צו מענטשן. מײַן זיידע איז געווען א מיוון אָף וואַלד. ער פלעגט קויפן בא פּריצים דעליאַנקעס און גערדיכטע דעמבענע וועלדער און זיי פאַנאַנ־דערארבעטן. דאָס האָלץ פלעגט ער פאַרקויפן אין די גוראַלניעס און צוקער־זאַוואָדן און די דעמבענע שטאַמען — אָף בוי־מאַטעריאַל.

די באָבע

די באָבע לעבט אין מײַן הארצן נאָך פון יענע צײַטן, ווען כ'פלעג שפּרינגען אפן דיל פון איין קעסטעלע שײַן אין צווייטן. איצט איז די באָבע קראַנק און גייט אָפּט ניט ארויס א גאַנצן טאָג פון איר צימער. זי איז, ווי פריִער, א גרינגע, א טרויעריקע. ווי פריִער, טראָגט זי א שוואַרץ וואָלן קלייד און א קלאָר־ווײַס זײַדן טיכל אפן קאָפּ. ווען זי גייט א שווײַגנדיקע איבער די כאַ־דאָרים, קוקן די ארומיקע איר נאָך מיט אָפּשײַ. נאָר זי קוקט ערגעץ ווײַט פאָרויס. און מיר דאכט זיך, אז זי פירט א שמועס מיט עמעצן, וואָס געפינט זיך אויסער די ווענט. אז איך דערזע זי, גיי איך איר נאָך פוסטריט, נאָר זי זעט מיך ניט. ווײַזט אויס, זי האָט איך מיר פאַרגעסן. אז איך פרעג די מאַמע, פאַרוואָס איז די באָבע אזוי טרויעריק, ענטפערט זי מיר: „דאָס הארץ איז בא דער באָבען צעבראָכן".

די באָבע גייט אמאָל ארײַן צו אונדז אין שטיבל. זי פאַרמאַכט זיך מיט דער מאַמען אין שלאָפצימער. ווען זיי גייען ארויס פון דאָרטן, זײַנען בא זייביידן פאַרוויינט די אויגן. איינמאָל, ווען די טיר איז אין שלאָפצימער געווען ניט פעסט פאַרמאַכט, בין איך געשטאַנען בא דער שפּאַרונע פון דער טיר. איך האָב ארײַנגעקוקט אין צימער און געהערט, וואָס די באָבע רעדט. „מע האָט פאַרברענט בא דעם פאָרעץ די טווויע. די קינדער האָבן געגעבן אַן אדעראָף אפן ווייץ. דער פאָרעץ וועט דעם אדעראָף ניט אומקערן. די קינדער האַלטן אין איין דערלייגן". טרערן גיסן זיך איבער איר צעקנייטשטש פּאָנעם. „דאָ־וויד וויל ניט דאַוונען, ער האָט שאַבעס געריי־כערט א פּאַפּיראָס". די עקן פון איר קלאָר ווײַס טיכל זײַנען צעבונדן. מיט איין עק ווישט זי אויס די טרערן, וואָס גיסן זיך פון אירע אויגן. דער מאַמעס טיפע בלויע אויגן — אויך פול מיט טרערן. מיך אַרט זייער, וואָס מײַן קראַנקע באָבע וויינט.

איך האָב געזען, ווי די באָבע האָט געבענטשט ליכט. דער גרויסער קײַלעכדיקער טיש אין סטאָלאָווע איז צוגעדעקט מיט א ווײַסן אָנגע־קראָכמאַליעטן טישטעך, די כאַלעס אפן טיש זײַנען באַדעקט מיט א סערוועטל. אין די לײַכ־טער — הויכע ליכט. שטיל און פאַרטראַכט צינדט אָן די באָבע די ליכט. טיפער פאַרנאַכט קוקט ארײַן אין די פענצטער, הויכע פײַערלעך פון די ליכט באַלויכטן דאָס האַלב־פינצטערע צימער. איך רײַס ניט אָפּ די אויגן פון די פײַער־לעך. זיי צעברענען זיך פריילעך און ציִען זיך ארויף. דער באָבעס פּאָנעם זע איך ניט. עס איז פאַרדעקט מיט אירע קליינע הענט. איך הער נאָר איר שטיל הארציק קאָל. די פײַערלעך זײַנען אירע שליכים צום אייבערשטן, דערציילט זי זיי אויס איר צעבראָכן הארץ. נאָר מיטאמאָל ווערט איר קאָל העכער און שטאַרקער. מיט צאַר פאַרטיידיקט זי דאָס לעבן פון אירע קינדער, אירע ווענט און איר שטוב.

איך וואַקס

איך וואַקס. איך זע שוין, ווער עס לעבט מיט מיר. איך זע שוין, וואָס עס טוט זיך ארום מיר. אין מײַן הארצן וועקט זיך אוף א ליבע צו דער מאַמען, צום טאַטן, צו דאָווידן. אָט שטייט דער טאַטע צווישן טאָג און נאַכט אין א ווינקל פון כיידער. הארציק־שטיל איז זײַן קאָל: ער דאַוונט. מיט וועמען רעדט דער טאַטע? צו וועמען ווענדט ער זיך?

איך בין א דאָרפיש מיידעלע, איך לויף ארום באָרוועס. איך קלעטער אָף די ביימער אָף צו דערלאַנגען דעם ערשטן רויטן ווײַנשל...

אין זומער און ווינטער,
אין קעלט און אין רעגן
מיט ביימער און פייגעלעך
אָטעמט מײַן לעבן.

איך האָב זיך שוין לאַנג אויסגעלערנט לייע־נען און שרײַבן. א רעפעטיטאָר גרייט אונדז, קינדער, צום עקזאַמען אין א קאַזיאָנע גימנאַזיע. איך ווייס שוין א סאך זאכן, נאָר ווער איז דער אייבערשטער, ווייס איך ניט. איך זע אים ניט, איך האָב פאַר אים גרויס אָפּשײַ, ווײַל מײַן טאַ־טע רעדט אזוי הארציק מיט אים. טראַכט איך

מיר אזוי: דער אייבערשטער לעבט אין הימל, דערפאר זע איך אים ניט. ער זיצט אף א וואָלקן, דערפאר רופט מען אים „דער אייבערשטער". ער הערט זיך צו צו אלץ, וואָס עס טוט זיך אף דער ערד. ער איז ענלעך מיטן פּאָנעם, מיטן וווקס אף לעוו טאָלסטאָי, ער טראָגט אויך א גאַרטל. אזוי טראַכט איך וועגן אייבערשטן. אָבער אף געוויס ווייס איך ניט. איך האָב אים קיינמאָל ניט געזען. דעם טאַלנער רעבן האָב איך אליין געזען. וועגן אים ווייס איך אלץ אף גע־וויס: כסידים האָבן אים געבראַכט פון מאָנאַסטי־רישטשע אף דער „כאַליערע". ער האָט געוווינט בא דער באָבען אין זאַל. א סאַך פרעמדע יידן פלעגן זײַן בא אונדז אין שטוב. כאַשעווע יידן פלעגן זיצן מיטן רעבן אין זאַל, אָרעמע יידן פלעגן שטיין אין די לעוואָנע־נעכט הינטער די שטאַכעטן.

אין קינדערשן שטיבל
געמיטלעך און פריילעך,
ביכלעך מיט מענטשעלעך,
די קאַץ, ווי געווײנלעך.

כאַנעלע אין בעטל,
נאָר איך קאָן ניט שלאָפן,
הײַנט אין אָוונט
האָבן זיך וווּנדער געטראָפן.

פאַרוואָס נאָכן רעבן געשיקט האָט
מען פערד?
דען קאָן ער ניט פליִען, ווען ער
וויל, אף דער ערד?
אין פינצטער באַהאַלטן זיך רינוועס
באַם שליאַך,
עס קאָן זיך נאָך טרינקען דער רעבע
אין טײַך...

מײַן טאַטע לאַכט פונעם רעבן. און ניט אומ־זיסט לאַכט ער. מע האָט אונדז, קינדער, אַרײַנ־געפירט צום רעבן און מע האָט אים געזאָגט: „רעבע, די קינדער וועלן פאָרן קיין אומאַן האַלטן עקזאַמען אין גימנאַזיע, ווינטשעוועט זיי צו, רעבע, זיי זאָלן אויסהאַלטן". „זיי וועלן אויס־האַלטן, זיי וועלן אויסהאַלטן", — האָט געזאָגט דער רעבע.

אין גימנאַזיע אָפּן עקזאַמען האָב איך באַקומען א „צוויי". מע האָט מיך אָפּגעקוילעט, האָט גע־זאָגט די מאַמע. און וואָס האָט געזאָגט דער רעבע?

אונדזער דאָוויד לאַכט ניט נאָר פונעם רעבן, ער לאַכט אויך פון די יידן, וואָס ראַשעשאַנע און יאָמקיפּער טוען זיי טשוווע און פאַסטן. דאָ־וויד זאָגט: „די יידן נאַרן אָפּ גאָט. א גאַנץ יאָר טוען זיי אוויירעס: מע לײַגט, מע איז מע־קאַנע איינער דעם צווייטן. קומט יאָמקיפּער, ווײ־נען זיי פאַר גאָט, פאַסטן און בעטן זיך אויס א גוט־יאָר. גייען אוועק די יאָמטויווים, טוען יידן אלץ, וואָס זיי האָבן געטאָן פאַראַיאָרן. מע לײַגט, מע איז מעקאַנע איינער דעם צווייטן"... דאָוויד זאָגט: „די יידן נאַרן אויס בא גאָט דאָס געזונטע יאָר"...

דאָוויד

דער באָבעס מיזיניק דאָוויד איז געוואַקסן א לעבעדיק קינד, פול מיט אזעס און שקאָצערײַ. די באָבע איז שוין געווען קראַנק און ניט יונג. זי האָט זיך ניט געקאָנט ספּראַווען מיט אים. זי האָט אים ליב געהאַט מער, ווי די אַנדערע קינדער. זי האָט אים געהאַלטן גאַנצע טעג אין כיידער. זי האָט געזאָגט דעם רעבן: „וועט איר אים אָנרירן מיט א פינגער, נעם איך אים בא אײַך טייקעף צו". דער רעבע איז געווען א קײַסן. ווען די קינדער האָבן זיך צעהוליעט, פלעגט ער זיי שלאָגן. דער רעבע האָט אָנגעזאָגט דאָ־ווידן, אז ער זאָל אין דער היים גאָרנישט ניט דערציילן. איינמאָל, ווען דאָוויד איז געקומען אהיים, האָט די באָבע אים באַטראַכט און גע־זאָגט: „דער רעבע האָט דיך אוודע הײַנט גע־שלאָגן". — „נו, אז ער האָט געשלאָגן און אז מע טאָר ניט אויסזאָגן?" — האָט געענטפערט דאָוויד. „און פאַרן אויער האָט ער דיך געצויגן, דער אויער פלאַקערט בא דיר". — „און אז ער האָט געצויגן און אז מע טאָר ניט אויסזאָגן?" מער איז דאָוויד אין כיידער צו דעם רעבן ניט געגאַנגען. דאָס קלענסטע קינד אין שטוב, דער מיזיניק דאָוויד, פלעגט שאַרף רעאַגירן אף אַן אוולע. ער האָט אונדז אמאָל דערציילט, ווי מע האָט אים פאַרגעסן אין כיידער. הארבסט. בלאָ־טעס. אלע טאָג טראָגט אים יאַנקל אָפּ אף די פּלייצעס אין כיידער. אינדערפרי טראָגט ער אים אָפּ און פאַרנאַכט נעמט ער אים צו פון כיי־דער. אין איינעם א פרײַטיק האָט די באָבע פאַר־געסן שיקן יאַנקלען. און דאָוויד איז איבערגע־בליבן אין כיידער. דער זיידע איז געקומען פון דאַווענען און געמאַכט קידעש. דאָוויד, דער מיזי־ניק, פלעגט דערטרינקען דעם ווײַן פונעם זיידנס קידעש. ווען מע האָט אָנגעהויבן זוכן דאָווידן, האָט מען זיך געכאַפּט, אז ער איז אין כיידער, און מע האָט געשיקט נאָך אים יאַנקלען. „און מיך, — דערציילט דאָוויד, — מיך האָט מען פאַרגעסן אין כיידער. אלע קינדער האָט מען צוגענומען אהיים. איך בין געבליבן איינער. די רעבעצן האָט אונטערגעשמירט מיט געלער ליים די ערד, פאַרשפּרייט מיט א טישטעך דעם טיש, אוועקגעלייגט צוויי כאַלעס. דער רעבע קלײַבט זיך גיין דאַווענען, און איך טרעט ניט אָפּ פונעם פענצטער, עפּשער וועט זיך באַווײַזן יאַנקל. די רעבעצן בענטשט ליכט, ס'קומט דער רעבע פו־

נעם דאַוונען. איך וואַרט שוין מער ניט. און מיטאַמאָל עפּנט זיך די טיר און ס'גייט אַרײַן יאַנקל"...

די באָבע פֿלעגט זומער אָוועקפֿאָרן זיך היילן. די עלטערע קינדער — יאַנקלען און סאָרקען — שיקט מען געוויינלעך קיין אָדעס. דאָוויד פֿלעגט בלײַבן אין דער היים, אַליין מיט די דינסטן און מיט יאַנקל דעם פֿורמאַן.

זומער איז פֿאַר דאָווידן געווען א גליקלעכע צײַט. ער איז מיט יאַנקלען געפֿאָרן רײַטנדיק אַף די פֿערד צום טײַך, געבאָדן זיי און געפּאָיעט. איינמאָל, ווען די באָבע איז שוין געקומען אַהיים, האָט ער זיך אַרופֿגעכאַפּט אַף א פֿערד און אָנ־געהויבן יאָגן איבערן הויף. דאָס פֿערד איז גע־לאָפֿן גלײַך אין דער סטאַניע. דאָוויד האָט זיך פֿאַרטשעפּעט און צעשלאָגן דעם קאָפּ.

ווען מע פֿלעגט כאַסענע מאַכן א קינד אין שטוב, פֿלעגט מען אין הויף שטעלן א שאַלאַש. דעם שאַלאַש שטעלט מען בא דעם פּאַרקן, פֿון אויבן פֿאַרציט מען אים מיט א ברעזענט. דער־נאָך פֿלעגט מען פֿאַרגראָבן אין דער ערד סטוי־פּעקלעך און צעלייגן אַף זיי ברעטער. צו דער כאַסענע פֿלעגט מען די ברעטער צודעקן מיט טישטעכער. נאָך דער כופּע קומען אין שאַלאַש געסט: די מעכוטאָנים, כאָסן־קאַלע. זיי פֿאַר־ברענגען דאָרט די נאַכט ביז פֿאַרטאָג. קלעזמער פֿלעגט מען ברענגען פֿון די אַרומיקע שטעטלעך. מע האָט דערציילט: ווען מע איז אַרײַן אין שאַ־לאַש, האָט מען געטראָפֿן אַזא בילד: דאָוויד האָט געטאַנצט אַף די טישן פֿון איין עק צום צווייטן, נאָך אים האָט נאָכגעטאַנצט זײַן כאַווער בערל. דאָוויד האָט דיריזשירט מיט די פּאָלעס פֿון זײַן קאַפּאָטקעלע און געזונגען:

אַז די קלעזמער וועלן קומען, וועלן מיר
טאַנצן אָט אַזוי, אָט אַזוי...

דאָוויד איז געוואַקסן מער אין דרויסן, ווי אין שטוב. ער האָט די שטוב ניט ליב געהאַט. די באָבע האָט אָפּט געשיקט נאָך אים די דינסט, אים ברענגען אַהיים, נאָר ער פֿלעגט ניט פֿאָלגן. ווינטער אין די גרויסע פֿרעסט פֿלעגט ער קו־מען אַהיים א פֿאַרפֿרוירענער, א פֿאַרגליווער־טער. די באָבע האָט שטענדיק געוואַרט אַף אים. דער סאַמאָוואַר אַפֿן טיש האָט געזאָדן און אויך געוואַרט אַף דאָווידן. אַרײַנגעלאָפֿן אין שטוב, האָט זיך דאָוויד אַרופֿגעוואָרפֿן אַף דער היי־סער טיי. די באָבע האָט מוירע געהאַט, אַז ער זאָל זיך ניט אָפּבריען. דערהערט זײַנע טריט אין קאָרידאָר, האָט זי שוין אָנגעגאָסן פֿון דעם זודיקן סאַמאָוואַר א גלאָז טיי און צעגאָסן זי אין שאָלן.

ווען מיר זײַנען אַריבערגעפֿאָרן צוריק קיין אַכרימאָווע, איז דאָוויד אַלט געווען זיבעצן יאָר. ער איז געווען א דאַרער, א וווקסיקער, מיט אויגן, ווי שטערן, אין וועלכע עס האָט זיך גע־לויכטן פֿרייד און אומעט, צאַרטקײַט און סינע. דאָווידן האָבן ליב געהאַט אין שטוב גרויס און קליין. ווען ער פֿלעגט אַרײַנגיין אין שטוב, פֿלעגט ווערן לעבעדיק און פֿריילעך אין אַלע ווינקעלעך. אָט איז ער די גאַבעטע באַבציכע (א צונעמעניש), ער רוקט זיך איבערן דיל אַף די קני. די באַבציכע איז א קליינוווקסיקע. אַפֿן קאָפּ בא דאָווידן — א שאַלעכל. ער רוקט זיך צו יעדן פֿון אונדז און זאָגט מיט א זיס קעלעכל, ווי זי: „מע בעט אײַך אַפֿן באַדעקנס"; אָט איז ער א כאַזן. ער וויגט זיך בא א בענקל מיט פֿאַרמאַכטע אויגן. ער זינגט באַם אָמעד: אָט זאָגט ער מיטן קאָל פֿון דער מומע: „מאַטל, שרײַב אויס א גאַזעט: כ'דאַרף אויסשפּרייטן די שאַפֿע". מיט אונדז, קינדער, שפּילט ער אין „האַצמאַך איז א בלינדער", אין פּאַטשערלעך, און אין „ווילסט א כאַסן". דאָוויד האָט צוגע־טראַכט א טעלעפֿאָן מיט דראָטן. דער טעלעפֿאָן ציט זיך דורכן סאָד, פֿון דער באָבעס שטוב און ביז אונדזער שטוב.

טישעבאָו פֿלעגט די מומע ציפּע אויסשפּרייטן אַפֿן דיל א וואַטאָווע קאָלדרע. זיצנדיק אין די זאָקן אַף דער קאָלדרע, פֿלעגט די מומע לייענען די געשיכטע, ווי עס איז כאָרעוו געוואָרן דער בייס־האַמיקדאָש. די מומע איז אַן אַלמאָנע מיט קינדער. זי לעבט שווער. עס וויינט זיך איר. זי לייענט זינגעוודיק, דערבײַ וויינט זי: „ער האָט געהאַט א קופּערנעם פּיסק מיט אײַזערנע נעגל..." דערהערט עס דאָוויד, איז ווו ער באַ־געגנט ניט די מומע, זאָגט ער איר מיט איר אינטאָנאַציע: „אוי, ציפּע, א קופּערנער פּיסק מיט אײַזערנע נעגל". די מומע ווערט אין קאַס, נאָר באַלד לאַכט זי אײַנעם מיט אונדז. אַזוי קאָמיש קאָפּירט ער זי.

צום עקזאַמען פֿאַר זעקס קלאַסן האָט דאָווידן געגרייט א סטודענט ליפּאָוועץ, וועלכער איז געווען אין אַכרימאָווע אַף א קאָנדיציע. אין שטוב האָט מען געזאָגט, אַז ער האָט אַראָפּגע־פֿירט דאָווידן פֿון וועג. דאָוויד האָט אופֿגעהערט דאַוונען און אָנגעהויבן רייכערן אום שאַבעס פּאַ־פּיראָסן. אַלע מאָנטיק פֿלעגט צו אונדז אין שטעטל אַפֿן יאַריד קומען א פֿאָטאָגראַף. דאָוויד האָט גענומען בא ליפּאָוועצן זײַן קאָסאָוואָראָ־טקע[1] און זײַן גאַרטל. אין סאָד האָט ער אָנגע־שאַרט היי און, ליגנדיק אַפֿן היי, אָן א היטל, מיט א פּאַפּיראָס אין מויל, זיך פֿאָטאָגראַפֿירט. די באָבע, ווען זי האָט דערזען די פֿאָטאָגראַפֿיע, האָט זי מיט צאַר געזאָגט: „א שייגעץ, אַרום און אַרום א שייגעץ".

פֿון קינדווײַז אָן האָט דאָוויד פֿײַנט די שטוב מיט אירע טונקל־שפּאַלירטע ווענט, מיט אירע שווערע טירן און לאָדן, מיט אירע טפּילעס און

[1] א העמדל מיט א שטייענדיקן קאָלנער.

שרעקן. ער האָט צארט ליב די באָבע. נאָר ער פאָלגט זי ניט: ער רײַסט אום שאבעס ווײַנשל אין סאָד, יאָגט ארום מיט די כיידער־ייִנגלעך אין די הינטערגעסלעך, לייגט ניט קיין טפילין.

אינגיכן איז די באָבע געשטאָרבן. דאָוויד פלעגט מיט טרערן דערמאָנען עפיזאָדן פון איר לעבן, איבערכאזערנדיק: „דאָס בעסטע, וואָס איז אין מיר, איז פון מײַן מאמען". איצט, ווען איך טראכט וועגן דער באָבען, פרעג איך בא זיך אליין: פארוואָס האָבן אזוי פרי קנייטשן און קארבן צעאקערט איר בלאס לענגלעך פאָנעם? פארוואָס האָט זי, א באלעבאָסטע פון א רײַך הויז, זיך ניט אינטערעסירט מיט קיין באלעבאטישקײַט, מיט דעם, וואָס עס טוט זיך אין שטוב און אין קיך, ווּ ס׳זײַנען געווען א סאך פרעמדע מענטשן? בא זיך אין צימער פלעגט זי שאָענווײַז שטיין באם פענצטער, גלײַך ווי זי וואָלט געווארט אָף עמעצן. זי פלעגט זיך אײַנקוקן אין די הוילע פארפרוירענע פעלדער, וואָס האָבן זיך געצויגן בארג־אראָפ, גלײַך זי וואָלט אונטער זיי געזען א צווייט לעבן — אן אנדערס, א פארלוירענס. מע האָט גערעדט, אז אין דער יוגנט האָט די באָבע עמעצן ליב געהאט און ניט געקאָנט אים פארגעסן א גאנץ לעבן. ווען אירע ערשטע קינדער זײַנען געשטאָרבן, האָט זי זיך אײַנגעשמועסט, אז דער איבערשטער שטראָפט זי, ווײַל זי איז זינדיק אין די מאכשאָוועס. און זי איז געוואָרן רעליגיעז.

די מאמע האָט מיר דערציילט: מאָנטיק, ווען עס שטעלט זיך אויס א יאריד אונטערן פענצטער, רופט די באָבע דאָס דינסטמיידל און זאָגט איר: „זעסט, בא יענעם וואָגן שטייט א מענטש, ער איז דערפרוירן. רוף אים ארײַן אין קיך, גיב אים אָפעסן, ער זאָל זיך דערוואַרעמען". דער באָבעס זין בעניע און מאָטל, ווען די באָבע איז געשטאָרבן, האָבן אראָפגענומען די ברעטער פונעם טיש, אָף וועלכן עס פלעגן עסן אָרעמעלײַט, און ארײַנגעלייגט זיי אין דער באָבעס קייווער: „זיי זאָלן זײַן בעטערס פאר איר".

ווער זשע איז געווען מײַן באָבע, וואָס האָט איבערגעגעבן דאָווידן דאָס בעסטע, וואָס אין אים?

א מאמע גיט ניט בלויז לעבן.

א מאמע — ניט נאָר זי היט דאָס לעבן, ווען עס איז שוואך, ווי א פוכעלע. א מאמע גיט נאָך איבער איר קינד דאָס אויסגעטרוימטע, דאָס ניט־דערזאָגטע און דאָס ניט־דערגרייכטע.

און מאמעס כאָוועס אויס זין, וועלכע זײַנען א שײַנדלינג פאר זייער פאָלק.

אזא איז געווען דאָווידס מאמע, מײַן באָבע.

צום עקזאמען פאר אכט קלאסן האָט דאָווידן געגרייט פאנמאן. וועגן פאנמאנען, וואָס איז געקומען אָף א קאָנדיציע פון מאָנאסטירישטשע, האָט מען בא אונדז געזאָגט: „אויב ליפאָוועץ האָט אויסגעלערנט דאָווידן רייכערן אום שאבעס א פאפיראָס, האָט פאנמאן אים אײַנגאנצן אראָפגעפירט פון וועג. פאנמאן איז געווען אן „אייביקער סטודענט", ער האָט צו 40 יאָר געטראָגן א סטודענטיש היטל און א פעלערינע, זיך אויסגעלאכט פון אלץ און פון אלעמען. ס׳איז שווער געווען צו וויסן, ווען ער שפאסט און ווען ער רעדט ערנסט.

נאָך דער באָבעס טויט האָט דאָוויד געוווינט אין איר ליכטיקן צימער, נאָר שרײַבן פלעגט ער קומען צו אונדז אין „דיעטסקעלע". ער האָט געזאָגט: „איך קאָן ניט איבערטראָגן יענע שטוב".

איינמאָל איז ער ארויסגעגאנגען פון דאָרט און זיך אָנגעשטויסן אָף זײַן אמאָליקער רעבעצן כאנע, וועלכע האָט נאָכן טויט פון איר מאן, דעם מעלאמעד מוישע, געהאנדלט מיט ליכט. ווען די רעבעצן האָט אים דערזען, האָט זי זיך מיטאמאָל א וואָרף געטאָן צו אים: „דאָווידל!" נאָר דאָוויד האָט אפגיך מיט איר זיך א גריס געטאָן און איז פארשוווּנדן. די באליידיקטע רעבעצן האָט נאָר באוויזן צוגעבן: „אניט גייט ער? ער שפרינגט"... פון דאן אָן איז בא אונדז אין שטוב געבליבן א ווערטל: „דאָוויד, ניט ער גייט, נאָר ער שפרינגט". וועגן דעם מעלאמעד רעב מוישע האָט דאָוויד אונדז דערציילט, אז ער איז געווען א הויכער, א בלאסער און האָט געהאט קראנקע לונגען. אמאָל האָט ער געזאָגט די טאלמידים: „קינדער, איר מיינט, אז מײַנע הויזן זײַנען פארשמאָלצעוועט און זיי זײַנען אין לאטעס? ניט עמעס. מײַנע הויזן זײַנען פון אטלאס, און די לאטעס אָף זיי זײַנען פון סאמעט. איך טראָג אטלעסענע הויזן אין סאמעטענע קוויטן".

דאָוויד פלעגט זיך צוהערן, ווי עס רעדט מײַן מאמע, און פארשרײַבן אייניקע ווערטער. איינמאָל, אין פרילינג, זײַנען געווען אין צימער אָפן די פענצטער. עמעצער איז ארײַנגעגאנגען און געלאָזט אָפן די טיר. די מאמע האָט געזאָגט: „פארמאכט די טיר, ס׳איז א צוגלופט". דאָוויד האָט זיך אופגעכאפט פונעם בענקל און אָנגעהויבן איבערכאזערן: „א צוגלופט, א צוגלופט..." איך זוך שוין אזוי לאנג דאָס וואָרט. א דאנק דיר, שוועע".

מײַן מאמע

מײַן מאמע איז געווען באם זיידן די עלטסטע טאָכטער פונעם צווייטן ווײַב. זי איז געוואקסן א ציטעריקע. די ערשטע קינדער בא דער באָבען זײַנען געשטאָרבן. זעקס קינדער האָבן זיך בא איר געפעלט קליינערהייט, נאָך ביז דער מאמעס געבוירן. די באָבע האָט געשטאמט פון באלטע, פון א שיין אָרט. בא זיי אין דער מישפאָכע איז געווען א צאדיק. דעם זיידנס שטוב איז געווען

דאַוויד בערגעלסאָנס שוועסטער שעווע.

די מישפּאָכע פון שאָלעם כאַראַל. אין דער ערשטער ריי פון רעכטס — די דיכטערין.

דווירע כאַראַל אין דער יוגנט.

ענג פארבונדן מיט רעב דאָווידל טאַלנער. ווען מע פלעגט פאַרטראַכטן א נײַ געשעפט, אָדער מע פלעגט וועלן טאָן א שידעך, צי עמעצער איז קראַנק געוואָרן אין שטוב, איז מען געפאָרן נאָך אן אייצע צו רעב דאָווידלען. מע פלעגט זאָגן אין שטוב: „די וועלט האלט רעב דאָווידלען פאַר א כאַכעם“. ווען מײַן מאמע איז אַלט געוואָרן נײַן יאָר, איז זי געוואָרן א קאַלע. רעב דאָווידל האָט מעשאַדעך געווען צוויי פון זײַנע כאַשעווע כסידים: רעפאָעל בערגעלסאָנען און ראַפאַלאָוויטשן. דער זיידע האָט אוועקגעשטעלט אין שטוב פאַר דער קאַלע א גרויסן געלן דעמבענעם קאַסטן, וועלכער האָט פאַרנומען דרײַ פערטל וואַנט. מע האָט אָנגעהויבן קלײַבן דער מאַמען נאַדן. דאָס בעסטע און דאָס שענסטע, וואָס מע האָט געבראַכט פון אויסלאַנד, האָט מען געלייגט צו דער מאַמען אין קאַסטן. דאָרט זײַנען געלעגן טײַער וועש, זײַדנס און סאַמעט, פאַרשיידנפאַרביקע ווײַבערשע פאַטשיילעס, דופטיקע זייפן און אָדעקאָלאָנען אין קעסטעלעך פון אַטלאַס. שפעטער, ווען די מאַמע פלעגט עפענען דעם קאַסטן, איז ניט בלויז מיר, קינדער, נאָר אויך דאָוויד פלעגט זיך אַרײַנכאַפן א קוק טאָן אַף די אַנטיקן.

אז די מאַמע איז אַלט געוואָרן זעכצן יאָר, האָט מען באַקאַנט די כאָסן־קאַלע. די מאַמע איז אויסגעוואַקסן א הויכע, א גרינגע, ווי די באָבע. זי איז געוואַקסן א פריילעכע, האָט ליב געהאַט געזאַנג, ביכער, נאַטור. דער כאָסן — א לײַטיש, געבילדעט ייִנגל — איז געווען א קליינוווּקסיקער און קורצזיכטיקער, האָט געטראָגן ברילן. ווען די מאַמע האָט דערזען דעם כאָסן, האָט זי מיט טרערן געזאָגט צום זיידן: „דו ווילסט, אז די קאָץ אין ברילן זאָל זײַן מײַן מאַן?“ דער זיידע איז אוועקגעפאָרן צום רעבן און האָט אים געזאָגט, אז ער וויל אָפלאָזן דעם שידעך, ער האָט געבעטן דעם רעבן, ער זאָל אים העלפן. רעב דאָווידל האָט געפרוווט אײַנריידן ראַפאַלאָוויטשן, נאָר ראַפאַלאָוויטש איז ניט מאַסקים געווען. ער האָט געזאָגט, אז דעם זון זײַנעם געפעלט די קאַלע, און ער איז ניט מויכל דעם זיידן די יעסורים פון זײַן קינד. רעב דאָווידל האָט דאַן געזאָגט: „מאַכט כאַסענע, נאָך דער כאַסענע וועלן מיר זיי געטן“.

נאָך דער כאַסענע איז דער יונגער ראַפאַלאָוויטש אַריבערגעפאָרן צום זיידן אין שטוב. ער האָט געוווינט אין א קליין צימערל. די מאַמע האָט זיך פאַרשלאָסן אין איר צימער. זי פלעגט ניט אַרויסגיין צום טיש עסן און ביכלאַל זעלטן אַרויסגיין פון איר צימער. זי האָט מוירע געהאַט באַגעגענען ראַפאַלאָוויטשן. אין שטוב האָט מען געזאָגט, אז ער איז א שטיל ייִנגל, זי האָט זיך נאָר אײַנגערעדט. אַזוי איז דורכגעגאַנגען א האַלב יאָר. די מאַמע פלעגט זינגען טרויעריקע לידער און ניט געוואָלט זיך באַגעגענען מיט קיינעם.

די באָבע האָט מיט טרערן געבעטן דעם איידעם, ער זאָל פאָרן אהיים. איז ער אוועקגעפאָרן. זײַן פאָטער האָט זיך באַליידיקט, און מע האָט דאָס יונגע פאַרפאַלק געגעט. ווען די מאַמע האָט מיר דערציילט פון אַלע אירע איבערלעבענישן, האָט זי געזאָגט: „ער האָט געזען, אז איך וויל אים ניט, האָט ער געדאַרפט מיך אָפלאָזן, נאָר ער האָט געוואָלט מיך איבערברעכן. איז ער אַליין שולדיק געווען אין זײַנע ליידן“. די מאַמע איז דאַן אַלט געווען זיבעצן יאָר.

די מאַמע האָט געבעטן דעם זיידן, ער זאָל איר קויפן א פיאַנע. דער זיידע האָט ניט געוואָלט, נאָר זי האָט אים, סאַפקאַלאָסאָף, אײַנגערעדט. אָבער ווו זאָל מען שטעלן די פיאַנע? „שטעל זי אין קעלער, שטעל זי אין סטאַניע, באַ מיר אין שטוב וועל איך קיין פיאַנע ניט דערלאָזן“ — האָט געזאָגט דער זיידע.

מײַן מאַמע האָט לאַנג זיך ניט געקאָנט צוקלײַבן קיין פּאָר. זי פלעגט אין אומאַן זיך באַגעגענען מיט געבילדעטע מענטשן פון איר קרײַז, נאָר קיין כאָסן פאַר זיך ניט געקאָנט געפינען. דער ערשטער אַדוואָקאַט אין אומאַן זוואָניצקי האָט געשיקט צום זיידן א שאַדכן. דער אַדוואָקאַט איז מײַן מאַמען געפעלן געוואָרן, ווײַל ער איז געווען א קלוגער. נאָר דער זיידע האָט געטײַנעט: „א גוי, א גוי־גאָמור, ווי האָסטו געקאָנט טראַכטן פון אים?“ נאָר זוואָניצקי האָט געפירט די מאַמע אַף די פראָצעסן, אַף וועלכע ער פלעגט אַרויסטרעטן. די מאַמע האָט מיר דערציילט פון איינעם זײַנעם א פראָצעס: א מיידל האָט אונטערגעוואָרפן איר ערשטגעבוירן קינד אונטער א פרעמדן פלויט, זוואָניצקי האָט זי פאַרטיידיקט. אָפן געריכט האָט ער געזאָגט: „האָגאַר איז געווען קליגער און שטאַרקער פון איר, האָט זי דאָך איבערגעלאָזט איר קינד אין מידבער“. דער אוילעם האָט געוויינט, דאָס מיידל האָט מען באַפרײַט.

מע האָט באַקאַנט מײַן קומענדיקן טאַטן מיט דער מאַמען. מײַן טאַטע איז איר געווען נעענטער, איידער אַנדערע. אייראָפעיִש געבילדעט, א רעליגיעזער און אָרנטלעכער מענטש, אי צו גאָט, אי צו לײַטן. א סויכער איז ער געווען א קליינער. ער האָט דערלייגט אין גוראַלניע מײַן מאַמעס נאַדן און איר יערושע, וועלכע די ברידער האָבן איר אויסגעטיילט נאָכן זיידנס טויט.

אין טויזנט נײַן הונדערט ערשטן יאָר איז דער טאַטע אָנגעקומען אין א צוקער־זאַוואָד. דאָרט האָט ער אָפגעאַרבעט אַלע זײַנע יאָרן און אין טויזנט נײַן הונדערט זיבעצטן יאָר געוואָרן א מיטגליד פון א פאַראַפאַריין. אינעם נײַנצעטן יאָר האָבן אים אין קיִעוו בעשאַס א פאָגראָם די דעניקינצעס דערשאָסן. א שטילער, א באַשיידע־

נער, פֿלעגט ער דאַוונען שטיל. זײַן כאַנעקע־לעמפּל, בעיערושע פֿונעם בעלזער ראָוו, איז געווען א קליינס, אָן באַפּוצונגען. מײַן טאַטנס מישפּאָכע איז געווען פֿון לעמבערג. צו מײַן טאַטן פֿלעגט מען קומען זיך לאַדן, אײַנלייגן נאַדן, אַנשרײַבן א בריוו. צו אונדז, קינדער, האָט ער זיך באַצויגן שטרענג. ווען ער פֿלעגט דערזען א שטיקל ברויט אַפֿן דיל, פֿלעגט ער ווערן באַרויגעז און לאַנג ניט וועלן ריידן מיט אונדז. ער האָט אונדז אַמאָל דערציילט: „פֿאַלט א קערנדל אַף דער ערד, די זון וואַרעמט עס, דער רעגן פּויעט עס אָן, גיט דאָס קערנדל אַרויס א קליינינקן וואָרצל און צעעפֿנט א שפּראָצל. די ערד זעטיקט דעם וואָרצל, דאָס שפּראָצל ציט זיך אַרויף, צו דער זון. שווער איז דעם שפּראָצל אויסוואַקסן אין א זאַנג...“

ווינטער פֿאַרט דער טאַטע אַוועק אַף לאַנג אין זאַוואָד. ווען ער קערט זיך אום אַהיים, ווערט געמיטלעך און פֿרייליך אין שטוב. אײַנדערפֿרי, ווי נאָר איך כאַפּ זיך אוף פֿונעם שלאָף, הער איך מײַן טאַטנס שטיל האַרציק קאָל. די טיר אין סטאָלאָווע איז אָפֿן. דאָרט אַפֿן טיש ברענט א לעמפּל. איך ווייס: מײַן טאַטע קוקט אַרײַן אין א סידער. עס טאָגט. די שויבן אין „דיעטסקע“ זײַנען פֿאַרצויגן מיט האַרטן טוי. פֿאַר דער נאַכט האָט דער פֿראָסט אויסגעפֿרוירן געמעלן פֿון בלעטער און גראָזן.

א מילדע האַנט גיסט מילך אין בלוי פֿון פֿרי.
און ליכטיק ווערט אין שויבן,
מיט האַלב־פֿאַרמאַכטע אויגן כ׳קוק אַף האַרטן
טוי פֿון שויב
און זע מײַן נאָמען אויסגעפֿרוירן דאָרט אין א
ווינקעלע פֿון אויבן.

אין סטאָלאָווע איז שוין דאָס לעמפּל אויסגעלאָשן, עס קלינגען טעפּעלעך און שאָלן. דער טאַטע גרייט אונדז, קינדער, פֿרישטיק. עס זידט דער סאַמאָוואַר. נאָר אונדז, קינדער, דערלויבט מען ניט אַזוי פֿרי אופֿשטיין. לייען איך פֿון אילאָווײַסקיס געשיכטע מײַן אוראָק.

«Земля наша велика и обильна, но порядка на ней нет...»[1]

אין סטאָלאָווע לויפֿן מיר אַרײַן אויסגעוואַשענע. מײַן טאַטע האָט ליב אָרדענונג. אַף יעדן פֿון אונדז וואַרט זײַן בענקל און זײַן עמאַלירט טעפּעלע אין ווײַסע קווייטן און פּונקט אַזא שאָל. דאָס טעפּעלע איז פֿול מיט זיסער טיי מיט מילך, דערנעבן — א טעלערל מאַנע־קאַשע און א ריפּטל ברויט מיט פּוטער.

אַז דער טאַטע איז דאָ, וועט זיך קיינער ניט דערוועגן ניט עסן די קאַשע, קיינער וועט ניט אויפֿעסן דאָס איבערשטע פֿונעם ברויט מיט פּוטער און דאָס איבעריקע אַראָפּוואַרפֿן אונטערן טיש. מיר געדענקען אַלע, ווי שווער עס וואַקסט אויס א קערנדל אין א זאַנג, ווי שווער עס קומט אָן א מענטשן זײַן שטיקל ברויט.

ווען עס ווערט קראַנק בא מײַן מאַמען א קינד, דערשרעקט זי זיך אַזוי, גלײַך זי פֿאַרלירט עס באַלד. זי גייט ניט אָפּ פֿון זײַן בעטל ניט באַטאָג און ניט באַנאַכט. דער מאַמעס בלויע אויגן זײַנען פֿול מיט טרערן. צעשנײַדט זיך עמעצער פֿון אונדז א פֿינגער, אָדער עמעצער פֿאַלט און צעקלאַפּט זיך, ציטערט זי אוף, ווי א דערשראָקענער פֿויגל, און וואַרפֿט זיך צוהילף. נאָר לייענט די מאַמע א בוך, וואָס פֿאַרכאַפּט זי, איז זי שוין ניט קיין היגע. זי קוקט אַף אונדז, קינדער, מיט פֿאַרפֿרעמדטע אויגן, גלײַך זי קען אונדז ניט. ווען די מאַמע וואַכט אוף, שאַרט זי זיך צו צו אונדז, קינדער, מיט מילדער גוטסקײַט, זי זאָגט: „איך האָב א זשמענקעלע קינדער: איין העניעלע, איין דוווירעלע, איין כאַנעלע און איין רעפֿאָעל. איך האָב אַזוי ווייניק קינדער“.

ווען זי האָט איבערגעלייענט „אַנאַ קאַרענינאַ“, האָט זי טרויעריק געזאָגט: „און אַז איך האָב קינדער, בין איך שוין מער קיין מענטש ניט? טאָלסטאָי האָט געהאַרגעט אַנען, ווײַל טאָלסטאָי איז א מאַנצבל...“

איך געדענק א זומער־פֿאַרנאַכט אין בויערקע הינטער קיִעוו. איך גיי מיט דער מאַמען אַפֿן שליאַך אין פֿעלד. עס פֿאַרגייט די זון. אַפֿן הימל — א וווּנדערלעך געמיש פֿון פֿאַרבן: בלוי און ראָז, ליכט און שאָטן, גאָלד און זילבער. די ווייכקײַט פֿון פֿאַרבן־געמיש צויבערט מיך. איך רייד צו דער מאַמען, נאָר זי הערט מיך ניט. איך רוף זי, זי ענטפֿערט ניט. ווער איך באַרויגעז און פֿאַרקוק זיך אַליין אַפֿן הימל. פֿלוצלינג ציט זי מיך באַם אַרבל: „וואָס איז מיט דיר? גלײַך דו ביסט ניט בא די געדאַנקען!..“

מײַן מאַמע זינגט לידער: ייִדישע, רוסישע, אוקראַיִנישע. אין אירע לידער רעדט זי אויס איר האַרץ. צומײנסטן זינגט זי טרויעריקע לידער. שאַבעס באַטאָג, נאָך וואַרמעס, זינגט זי מיטן טאַטן אינצווייען. ווען דאָוויד קומט צו אונדז שאַבעס אָדער יאָמטעוו צום וואַרמעס, זינגען זיי אינדרײַען.

די מאַמע זינגט פֿריִער אַליין:

איז וועמען רײַכקײַט, אשירעס און אַלעס
און קינדער, ווי עפּל פֿון בוים,
און וועמען קראַנקײַט, און עלנט, און דאַלעס
און זײַן נאַוונאַד פֿון דער היים.

א באַל אין הימל איז צוגעגרייט,
מאַלאָכים אַף צו באַדינען שטייען.

[1] די ערד אונדזערע איז גרויס און שעפֿעדיק, נאָר קיין אָרדענונג איז אַף איר ניטאָ.

צו אַלע טישן איז צוגעגרייט.
דער סאַרווער איז גאָט אַליין.

דאָ זוכט מען ניט קיין ייִכעס,
דאָ דאַרף מען נאָר בעטיכעס.

אינדרײַען זינגט מען:

Я бабочку видел
с разбитым крылом[1].

דאָוויד זאָגט, אַז דער טאַטע פאַרייִדישט אַ רוסישן ניגן. ווען מע זינגט По синим волнам океана[2], הייבט דאָוויד גלײַך אָן אַזוי:

— לוי, לוי, לוי, לוי!

דער טאַטע זינגט אַליין:

За то паны — паразиты...[3]

די מאַמע קערט זיך אום צו דער ייִדישער ליד: „דער רעבע איז אַמאָל אַפן יאַם געפאָרן, אונדזער רעבע דער באַלנעס. און דעם וועג פון פיל יאָרן האָט ער געמאַכט אין איין מעסלעס. ס'איז געווען פרײַטיק־צונאַכטס, האָט מען געגרייט שיין צום טיש, פלוצעם איז געוואָרן אַפן יאַם אַ שטורעם און ס'איז אַרויס אַ געפילטער פיש".

ווען מײַן מאַמע זינגט אינמיטן טאָג, פאַרמאַכט זי די טיר אין צימער, אַזוי ווי די באָבע, ווען זי פלעגט דאַוונען. מײַן מאַמעס לידער זײַנען ווי אַ געבעט:

דער ווינט בייגט דאָסביימעלע,
דער רעגן וואַשט עס אָפּ,
און די טראָפּנס פון די בלעטעלעך
רינען, ווי טרערן אַראָפּ.

עלנט, מאַמע, בין איך איבערגעבליבן,
עלנט בין איך, ווי אַ שטיין.
מײַן האַרץ אויסצורײדן האָב איך ניט
פאַר קיינעם,
די בעסטע זאַך איז, אַז איך וויין.

סטעזשקעס מײַנע גאָלדענע,
סטעזשקעס מײַנע זילבערנע,
איר זאָלט כאָטש פאַרוואַקסן ניט ווערן,
איר זאָלט כאָטש פאַרוואַקסן ניט ווערן.

דאָוויד האָט ליב דער מאַמעס לידער. אַמאָל כאַפּט ער זיך אַרײַן צו אונדז באַטאָג אינמיטן דער וואָך. מיר דערלאַנגען אים טיי מיט אײַנגעמאַכטס. די מאַמע זינגט אים די לידער, וועלכע געפעלן אים. איינע פון זיי האָט דאָוויד איבערגעשריבן און אָפּגעגעבן אַנ—סקין. „איר האָט געהערט, מינאַסטאַם, און עפּשער געזען מיט די אויגן, ווי דער ווינט טרײַבט די שיף אַפן יאַם, זי פליט דאָרט פײַל־אויסן־בויגן. און גיכער פון איר פליִען מײַנע יאָרן אַזוי געשווינד אַוועק. ניט לאַנג בין איך אַ קליין קינד געווען און הײַנט בין איך געעלטערט — אַ שרעק! וואָס האָב איך געדאַרפט, וואָס האָט מיר געפעלט און וואָס איז מיר אָפּגעגאַנגען? צי דער טאַטע האָט געליִען, צי האָט ער געבאָרגט, אַבי אַף אַ זראַזע געווען. הײַנט רײַסט מיך דער דאָנערשטיק באַ די פאָלעס: אַף מעל גיב אַהער, באַלעבאָס. דער פרײַטיק שרײַט: מע דאַרף צו דער כאַלע, מע דאַרף נאָך אָט דאָס און אָט דאָס.

אַ קעסטעלע איז מײַן וואָגן געווען, און ליאַלקעס איך האָב דאָרט געפירט, פאַרן פערדל בין איך אַליין געלאָפן, אַליין האָב איך געקוטשערט. איצט שפּאַנט מיך אײַן דער דאַלעס אין פערד־און־וואָגן. וויאָ, שרײַט ער צו מיר. דו, וויסטער דאַלעס, ווי קאָן איך זיך יאָגן, אַ געזינדעלע זיצט אַף דער פור.

אַ רועך, אַ רועך אין זײַנע ביינער,
אין אונדזער שוועסטערס זון.
ס'איז אים דערין ניט שולדיק קיינער,
נאָר דער וויסטער ווין.

ראַבאָנים, דאַיאָנים אַף דעם טאַטנס צאַד
געווען,
דאַלפאָנים, קאַפּצאָנים אַף דער מאַמעס צאַד
געווען.
פאַרשמירט אַ מישפּאָכע אַ מעשומעד איינער,
אונדזער שוועסטערס זון.
ס'איז אין דערינען ניט שולדיק קיינער,
נאָר דער וויסטער ווין.

דו, ברודערקע, דו, ברודערקע, ביסט דאָך
ניט לאַנג פונעם אָרט,
דו מוזט דאָך וויסן, וואָס עס טוט זיך דאָרט?
דו זאָלסט וויסן, וואָס עס טוט זיך דאָרט,
וואָלסטו צעשמוצערט געוואָרן אַפן זעלביקן
אָרט".

אָנשטאָט אַ מײַסעלע פלעגט די מאַמע לייענען אונדז געגראַמטע שורעס: „זאָגן וועל איך אײַך, אַז דער רענדאַר איז רײַך. רײַך איז דער רענדאַר, בײַסן זאָל אים אַ קאָמאַר! אַ קאָמאַר זאָל אים בײַסן, צאָרעס זאָלן אים רײַסן, אַזוי האָב איך געשווירן. געשווירן האָב איך, אַ קישן צו אַ ציך, אַ ציך צו אַ קישן, דער ראָשכוידעש ניסן. ניסן ראָשכוידעש, שאַבעס לעקוידעש, קוידעש לעשאַבעס, לאָמיר שפּילן אין דאַמעס..."

אונטערן שטרויענעם דאַך

אונדזער פליגל אונטערן שטרויענעם דאַך איז אָפּגעטיילט פון דער גרויסער שטוב, וואָס אונטערן בלעכענעם דאַך, בלויז מיט אַ פרוכט־סאָד.

[1] כ'האָב געזען אַ שמעטערלינג מיט אַ צעשעדיקט פליגעלע; [2] איבער די בלויע כוואַליעס פון אָקעאַן; [3] פאַנעס זײַנען פאַראַזיטן.

אין דער גרויסער שטוב לעבט אומזיכערקייט: דאָס פֿאָלק בונטעוועט! מע קאָן בלײַבן, ווי נאָך א סרייפֿע. בא אונדז אונטערן שטרויענעם דאך ווייסט מען ניט קיין שרעקן. מײַן טאטע דינט אין א צוקער־זאוואָד און באקומט אלע כוידעש געהאלט.

מײַן מאמעס פֿרײַנטשאפֿט מיט דער שאדקאָווסקאיא האָט זיך איבערגעריסן. נאָר די ביכער, וואָס זיי האָבן געלייענט אינײנעם, זײַנען דער מאמען, ווי אמאָל, טײַער: טורגעניעווס „טאטעס און קינדער" און נעקראסאָווס „רוסישע פֿרויען". די מאמע זאָגט: די שאדקאָווסקאיא איז אָפּגעזעסן דרײַ יאָר אין טורמע, און פֿאר מיר איז מײַן גאנץ לעבן א טורמע.

ווינטער פֿאָרט דער טאטע אַף לאנג אוועק פֿון דער היים. מיר, קינדער, לערנען זיך אין „דיעטסקע". דאָס דינסטמיידל פֿאָרעט זיך אין קיך. די מאמע איז איינע אליין. זי נייט אַף דער מאשין און זינגט. אָפֿט לייענט זי ביכער. פֿון די בלעטער גייען צו איר אראָפּ לעבעדיקע מענטשן און געשעענישן. די מאמע לעבט איבער, וואָס די יוגנט שטעלט אײַן דאָס לעבן, וואָס זי זיצט אין די טורמעס און מע פֿארשיקט זי אַף קאטאָרגע.

אין אָוונט קומט צו אונדז אונדזער לערערן נעסיע זוואָניצקאיא. זי איז א סטודענטקע פֿון קיִעווער אוניווערסיטעט. זי לערנט מיט אונדז שוין דאָס צווייטע יאָר. ווען נעסיע וועט אָנקלײַבן א ביסל געלט, וועט זי אוועקפֿאָרן קיין קיִעוו און פֿאראענדיקן איר לערנען. נעסיע זינגט נײַע לידער, די מאמע האָט זיי אויך אויסגעלערנט. „שלאָף, אלעקסע, יוירעש פֿײַנער, ליכטיקער פֿארשוין! שלאָף, בעניאָכיד, קאדעש מײַנער! שלאָף זשע, שלאָף, ניט וויין!.. ווערסט מיר זײַן א גרויסער כאָכעם, קליגער נאָך פֿון מיר, און א מעלעך שעבעמלאָכים מיט א לאנד סיביר..."[1]

נעסיע האָט אונדז אמאָל דערציילט, ווי מע האָט צוגענומען איר ברודער. מע האָט באנאכט געמאכט בא זיי אן אונטערזוכונג, אלץ פֿון די בעטן און שאפֿעס ארויסגעשלײַדערט, געמאכט אין שטוב האָרע־קאָרע, און דעם ברודער אוועקגעפֿירט. זייער מאמע האָט פֿון דעמלט אָן שוין מער פֿון בעט זיך ניט אופֿגעהויבן.

לאנג ציט זיך א ווינטערדיקער אָוונט. נאָר בא אונדז אין שטוב באמערקט מען עס ניט. צו אונדז קומען זיך צונויף כעוורע, וועלכע נעסיע גרייט צום עקזאמען. מע דערציילט איינער דעם צווייטן, וואָס מע האָט געלייענט און געהערט. אין מאָנאסטירישטשע האָט עמעצער געלייענט „איך קאָן ניט שווײַגן"[1], ווייסן מיר שוין אויך וועגן דעם. קיין אָכרימאָווע פֿאלט ארײַן אן איינציקער עקזעמפּליאר פֿון אן אינטערעסאנט ביכל, לייענען מיר עס אלע צוזאמען.

קאלט און גרוי זײַנען די ווינטערדיקע טעג אין אָכרימאָווע. קורצע, פֿול מיט בענקשאפֿט און אומעט, ציִען זיי זיך. אין טיפֿע שנייען זינקט די שטוב, די ביימער זײַנען פֿארשאָטן ביז די צווײַגן. פֿארן גאנצן טאָג ווערסטו דאָ ניט זען קיין לעבעדיקן מענטשן, כוץ די שטוביקע. פֿאר די אויגן — אלץ, וואָס איך האָב נעכטן אין אָוונט איבערגעלעבט. איך גיי צו צו דעם ביכער־שראנק. דאָס וויפֿלטע מאָל לייען איך טאָלסטאָיס „וואָסקרעסעניע"[2]. איך לייען, און דער טאָג ציט זיך שוין ניט אזוי לאנג. בא דער שאפֿע הענגט טאָלסטאָיס בילד. איך קוק זיך אײַן אין זײַנע טיפֿע אויגן און טראכט: ווי הויך דו האָסט מיך אוועקגעפֿירט פֿון מײַן עלנטן טאָג... איך טראכט, אז אָט די ווינטערדיקע עלנטע טעג איז אין דער שטוב געוואקסן דאָוויד. דאָ האָט ער זיך אויסגעכאָוועט און אָנגענומען קויכעס. דאָ האָט ער אָנגעהויבן שרײַבן און איז איצט שוין א שריפֿטשטעלער אין א גרויסער שטאָט...

צוויי ברייטע אָכרימאָווער שליאכן פֿירן צו באנען.

באנען יאָגן אוועק צו די שטעט. אין די שטעט בויען בויער הײַזער, קינסטלער מאָלן בילדער און שרײַבער שרײַבן ביכער.

אין די שטעט זײַנען טורמעס פֿול מיט יוגנט. אין איינער א טורמע זיצט איצטער אונדזער נעסיעס ברודער.

און איך — ווער וועל איך זײַן אין דער גרויסער שטאָט?

„ניט ערגער פֿון אנדערע", ענטפֿער איך זיך אליין.

אין אונדזער היים

אין אונדזער היים איז געבוירן און געוואקסן דאָוויד. ער האָט געצויגן זאפֿט און קראפֿט פֿון אירע וואָרצלען און צעוואקסן זיך אין א וואונדערלעכן דעמב.

אין אונדזער היים איז געבוירן און געוואקסן מײַן מאמע, ווי די פֿאלמע בא גארשינען, זיך געצויגן אין דער הייך צו דער זון, און זי ניט דערגרייכט, געבליבן אפֿן גאנצן לעבן מיט ניט דערזאָגטע ווערטער, ניט דערזונגענע לידער.

אין אונדזער היים בין איך געבוירן געוואָרן. געוואקסן א דאָרפֿיש קינד, א פֿארוויגטע מיט דער מאמעס פֿאָלקסלידער, מיט דעם טאטנס הארציקע טפֿילעס און מיט געבעט־געזאנגען פֿונעם דאווענען אין דער באָבעס שטוב.

[1] ווערטער פֿון שאָלעם־אליינכעמס סאטירישער ליד „שלאָף, אלעקסע..." אָנגעשריבן אין 1905 קעגן דעם קייסער ניקאָלײַ דעם צווייטן.

[1] ארויסטרעטונג פֿון ל. טאָלסטאָי קעגן דעם צארישן טעראָר; [2] „טכיִעס־האמייסים".

ווי אַלע דאָרפֿישע קינדער, פֿלעג איך זיך אַרומטראָגן אין הויף צווישן הינער און אינדיקעס. אין סאַד פֿלעג איך זיך דראַפּען אויף די עפּל- און ווײַנשל-ביימער, ווען זיי זײַנען געשטאַנען אין בלי, אויך ווען זייערע צווײַגן האָבן זיך געבויגט אונטער די זאַפֿטיקע פּרוכטן.

איך פֿלעג צעיאָגן זיך פֿון אונדזער קעלער באַרג-אַראָפּ און גרינג אַריבערשפּרינגען דעם פּלויט אין גאַלעכס גאָרטן. דאָרט, אויף די בייטן, פֿולע מיט קליינע אוגערקעלעך, קאַבאַקלעך און סאָנישניקעס, פֿלעג איך זיך פֿאַרטײַען. אין זומערדיקן באַטאָג פֿלעג איך אָטעמען מיט אַלץ, וואָס האָט זיך געשפּרייט אויף דער ערד, און מיטן רייעך פֿון דער ערד אַליין. אַלע דאָרפֿישע רייכעס זײַנען מיר ליב געווען: פֿרילינג — דער צוויט פֿון די ביימער, זומער — די פּרוכטן, האַרבסט — די בלאָטיקע ערד, ווינטער — דער שניי און דער פֿראָסט.

דאָוויד, וועלכער האָט שאַרף געפֿילט רייכעס, פֿלעגט לאַכן פֿון מיר. אַמאָל האָט ער אַ פֿיר געטאָן מיט דער נאָז און שמייכלענדיק מיך געפֿרעגט: „דווירעלע, מיט וואָס שמעקט איצטער?“ איך האָב אויך אַ פֿיר געטאָן מיט דער נאָז און גלײַך געענטפֿערט: „איצטער שמעקט מיט דאָווידן“.

דאָוויד רופֿט מיך „דווירעלע“ מיט דער אינטאָנאַציע, ווי אַמאָל די באָבע און ווי איצט די מאַמע.

ווען איך האָב זיך אָנגעהויבן לערנען, האָב איך ליב געקראָגן די שטומע מאַפּע, וועלכע איז געהאַנגען אויף דער וואַנט בײַ אונדז אין „דיעטסקע“. איך האָב ליב געקראָגן די וואַרעמע לענדער אַרום דעם עקוואַטאָר פֿאַר זייער אייביקן זומער. ווען איך האָב געהאַלטן עקזאַמען פֿאַרן פֿינפֿטן קלאַס אין דער קאַזיאָנער גימנאַזיע, האָב איך אויפֿן לאָשן פֿון געאָגראַפֿיע אויסגעדריקט מײַן בענקשאַפֿט. דער לערער האָט שווײַגנדיק געקוקט, ווי דאָס געאָגראַפֿישע שטעקעלע אין מײַן האַנט פֿליט איבער דער מאַפּע פֿון לאַנד צו לאַנד. ער האָט מיר געשטעלט אַ „פֿינף“. מײַן מאַמע האָט ניט געגלייבט. זי איז אַרײַנגעגאַנגען צום לערער פֿון געאָגראַפֿיע און האָט אים געפֿרעגט, צי האָט מען ניט געהאַט קיין טאָעס.

די בלומען, וועלכע איך קלײַב צונויף אין פֿעלד, טריקן איך אויס צווישן די זײַטלעך פֿונעם טאַטנס ספֿאָרים. איך קוק זיך אײַן אין די קליינע אויסיעלעך, וואָס דערציילן וועגן דעם לעבן פֿון מײַן פֿאָלק. איך הער דאָס קאָל פֿון טאַטנס טפֿילע און שטעל זיך פֿאָר: הייסע זאַמדן ערגעץ ניט ווײַט פֿונעם עקוואַטאָר. עס וואַקסן לולאָווים און עסרויגים...

איך וואַקס אויף אוקראַיִנער פֿעלדער אַ ייִדיש מיידל, בײַ וועמען עס זינגט דאָס האַרץ, נאָר קיין ווערטער פֿאַר מײַן געזאַנג האָב איך ניט. פֿרעגט מיך אַמאָל דאָוויד: „פֿאַרוואָס שטייסטו שטענדיק אין אַ זײַט? פֿאַרוואָס שווײַגסטו שטענדיק?“ איך ענטפֿער אים: „אַלע ריידן גלאַט און גיך, און איך קאָן ניט ריידן אַזוי ווי אַלע. איך האָב ניט קיין ווערטער“...

„נאַרעלע, — לאַכט ער, — וועסט נאָך אַמאָל ריידן בעסער פֿון זיי אַלעמען“.

פֿאַרנאַכט, ווען אין שטעטל שפּילן קלעזמער, הייסט עס, אַז אין שטעטל איז אַ חתונה. און אויפֿן שליאַך, דורכן מאַרק, פֿירט מען די כּלה צו דער חופּה. איך גיי צום שליאַך. איך שטיי בײַ אַ זײַט און קוק: אָט גייט די כּלה, מע פֿירט זי אונטער די הענט. איך קוק אויף איר מיט צער, פֿאַרוואָס גייט זי ניט מיט אַ הויך-פֿאַרהויבענעם קאָפּ צו דעם, וואָס וועט איר באַלד אָנטאָן אַ פֿינגערל? צו דעם, מיט וועמען זי וועט אַוועקגיין מיט זוניקע וועגן, מיט בלאָטיקע וועגן — אויף תּמיד, אויף שטענדיק?

זומער. שאַבעס באַטאָג ווערט אין שטעטל אײַנגעשלאָפֿן אַלץ, וואָס לעבט. מע שלאָפֿט בײַ אונדז אין שטוב, בײַ דער באָבען, בײַ די שכנים. דאָס גאַנצע שטעטל שלאָפֿט. פּוסט, הייס, נודנע און טרויעריק.

איך וואַרף אַרויף מײַן באַטיסטענעם שאַרף אויפֿן קאָפּ ביז די אויגן. איך גיי אין פֿעלד. אין פֿעלד איז אויך הייס, נאָר דאָרטן שאָקלען זיך די זאַנגען אויפֿן ווינט, ווי לעבעדיקע. איך גיי מיט דער שמאָלער סטעזשקע בײַם ברעג פֿעלד און בײַם ברעג שליאַך. מײַנע שטעקשיכלעך טראָג איך אין דער האַנט. די זון בריט, דער ווינט וויגט די זאַנגען. ער נעמט גרינג און לינד מיך אַרום, שפּילט מיט די עקן פֿון מײַן שאַרף. ווער איך זאָרגלאָז, פֿריילעך, פֿאַרשײַט און טרוימעריש. זינג איך מיר מײַנע לידער-טרוימען:

הייס זײַנען זאַמדן,
נאָך הייסער — דער ווינט,
אײַל איך אַ באָרוועסע,
אײַלן איז גרינג.

זאַמדן און זאַמדן.
כ'בין וווּקסיק און הויך,
גרינג איז מײַן טשאַדרע,
גרינגער פֿון רויך.

אַ שנירעלע פּערל
איך טראָג אויפֿן האַלדז,
ווי טויען באַגינען
שפּילט אַלץ און גלאַנצט.

אויף פֿעלדזיקן שטיין,
אַליין אין דער הייך —
מײַן ייִשעוו אין נעפּל,
מײַן ייִשעוו אין רויך.

כ'שטיי העכער פון פאסטעכער.
דאָס זאמד — ניט צעגליט,
העכער און העכער
מײַנע מיידלשע טריט.

שטעקעלעך, רינגעלעך
כ'שרײַב אפן זאמד,
זאָל זיך דיר דאכטן
מײַן קליינינקע האנט.

סימאָנימלעך וויכע
איך צייכן פארשײַט,
זאָל זיך דיר דאכטן
מײַן טשאדרע פון ווײַט.

ווען עס זעצט זיך די זון, גיי איך אהיים. אומ־צופרידן באגעגנט מיך די מאמע: „ווו ביסטו גע־ווען א גאנצן טאָג? דאָס פּאָנעם אָפּגעברענט, די נאָז רויט. פארגעסט, אז דו ביסט שוין א מיידל צו לײַטן...״

אזוי זאָגט די מאמע מײַנע און שטעלט אפן טיש פאר מיר א טעלער קאלטן באָרשטש, א גלאָז קאלאָטוכע און יונגן קנאָבל אף א טעלערל. איך האָב פייִקײַטן צו האנט־ארבעט: איך ניי אויס, איך שטריק, איך קען אויך אויסארבעטן א זאָק. מײַן מאמע איז גליקלעך פון מײַנע פייִ־קײַטן. ווען ס'קומט צו פארן פון קיִעוו דאָוויד, באווײַזט זי אים מײַנע האנט־ארבעטן. „דו וויסט, — זאָגט זי אים, — פאר א האלבער שאָ צײַט ארבעט דווירעלע אויס א פּיאטקע צום זאָק". דאָווידן געפעלט עס שטארק. ער זאָגט מיר צארט: „דווירעלע א פיאטקע־מאכערן, ווי קומט עס צו דיר?"

ווען איך ניי אויס, דארף איך ניט ריידן מיט קיין מענטשן. איך זיץ צווישן אלע און טראכט מיר וועגן וואָס איך וויל.

אראָפּגעלאָזט די אויגן,
איך ניי מיט זײַד
אף סאמעט אויס.
זיי וויסן ניט ארום,
ווי ס'פרייט זיך שטיל מײַן הארץ.

צו פארבן טונקלע —
פארבן העלע גיב איך צו,
צעבליט מײַן בלימעלע,
אָטעמט שטיל.
עס וויסט שוין אויך
פון בלויע טעג,
פון שטויב אף וועג...

סארא נאכט איז הײַנט בא אונדז אין אָכרי־מאָווע! וועגן אזא נאכט האָט געשריבן פושקין. איך גיי ארום אין סאָד איבער די שטעגלעך און לייען פושקינס לידער. איך לייען אזוי, ווי זיי זאָלן זײַן מײַנע אייגענע. באצויבערט פון דער נאכט און גליקלעך פון מײַן צוזאמענזײַן מיט פושקינען, גיי איך ארום מיט פריילעכע טריט אין סאָד. פּלוצעם דערהער איך, ווי עס שפּילט א פידל. צארט און מילד האָט זיך צעשפּילט א פידל אין סאמע מיטן נאכט. איך שטיי שוין אפן גאנעק.

מע פירט דעם כאָסן צו דער כופּע־וועטשערע. ס'איז הײַנט א כאסענע אין שטעטל. אפן פרײַען פלאָץ, פארבײַ אונדזער שטוב, דערזע איך מענטשן, אין לעוואָנע־שײַן דערזע איך דעם קלעזמער מיט זײַן פידל. די שפּיל פונעם פידל ווערט שטילער און שטילער. דער פלאָץ ווערט ליידיק. אונטערן הויכן הימל בלײַבן נאָר די קליינינקע שטיבעלעך אונטער שטרויענע דעכער. זיי טוליען זיך איינס צום צווייטן עלנט און פאר־לוירן. זיי דרעמלען? זיי שלאָפן? צי זיי האָבן זיך פארטראכט איבער עמעצנס א שווערן גורל?

נאָר ניט פון מײַן גורל.
מײַן גורל איז אן אנדערער:

אָן ווענט, אָן נידעריקע סטעליעס וועט זײַן מײַן גורל. אָן ווענט, וועלכע האָבן געהאלטן מײַן מאמעס לעבן, ווי אין א טורמע.

כ'קאָן צווישן ווענט זיך ניט פרייען,
ווײַזט אויס, מער ניט כאָלעמען,
ניט העפטן, ניט נייען,
ווײַזט אויס, מער בא שוועלן
פארנאכטן ניט שטיין
און ווארטן, אין וואָלקנס
זאָל עפּעס געשען...

עס זײַנען מיר טײַער די פעלדער, אף וועלכע איך וואקס; די ברייטע שליאכן, מיט וועלכע איך גיי, די טיפע קרענעצעס, אין וועלכע איך לאָז אראָפּ א ליידיקן עמער און צי אים ארויס א פולן מיט זילבערנעם קרישטאָלענעם וואסער.

מאָנטיק אפן יאריד דערזע איך א בלינדן בעטלער. ער שטייט אין שאָטן אונטער א בוים. ער האלט אין די הענט א לירע און זינגט. לעבן אים — א קליין דאָרפיש יאטל מיט אן איבער־געקערטן היטל אין די הענט. מע ווארפט אין היטל גראָשנס און קאָפּעקעס.

אף דער ליד פונעם בעטלער רופט זיך אָפּ מײַן הארץ:

שלאנק איז טאָפּאָל,
שלאנק און הויך,
אין זײַן שאָטן
שטייט א בלינדער,
ציט פון שליאכן
שטויב, ווי רויך...

איך ווייס ניט, פארוואָס מיך ציט אזוי צו זיך די טיף פון א קרענעצע, ווו עס קוועלט קאלט וואסער. קאָן זײַן דערפאר, וואָס איך בענק נאָך א לעבעדיק לעבן, א ריינס, ווי קרישטאָלן וואַ־

סער. כ'קוק מיט ליבע און מיט ראכמאָנעס אפּן לײמענעם שטיבל אונטער שטרויענעם דאַך, אין וועלכן איך בין אויסגעוואַקסן:

טריפט פון שטילע שויבן שײַן,
אין מײַן היים — פאַרשניט דאָס גליק.
רו — פאַרוועבט אין ווענט פון ליים.
אין ליים פאַרוועבט עס איז מײַן גליק.

ס'איז דער הימל קלאָר און בלוי,
ס'קלינגט מײַן קאָל דאָ אפּן ווינט.
וועקט דער ווינט אין סטריכעס שטרוי:
שײַן און שויבן, בלײַבט געזונט.

איך געזעגן זיך מיט מײַן היים. מיט דאָווידס היים. איך נעם מיט זיך מיט מײַן מאמעס געזאַנג, מײַן באָבעס געזאַנג, דאָס זויבערע און קוועלנדיקע, ווי דאָס וואַסער אין טיפע אָכרימאָווער קרענעצעס.

צ ו ו י י ט ע ר   ט י י ל

פאַרטונקלטע צײַטן

דאָוויד אין קיִעוו

אין 1904 פאָרט דאָוויד אריבער קיין קיִעוו. ער וווינט בא זײַן עלטערן ברודער יאנקל בערגעלסאָן. דער פעטער יאנקל האנדלט מיט וואלד, ווי דער זיידע. די שטוב איז באם פעטער א פרייליכע. דער פעטער יאנקל האָט ליב, ווי דאָוויד, א שפּאס טאָן, זאָגן א גלײַכווערטל, אויך הערן מוזיק. ער לאָזט ניט דורך קיין איין קאָנצערט אין „קופּעטשעסקע“. דאָוויד לעבט בא זיי, ווי אין אַן אייגענער היים. די מומע לייקע איז סאָרע־כאַנע מײַזעלס א שוועסטער. נאכמען מײַזל[1] איז סאָרע־כאַנעס זון און דער מומע לייקעס פּלעמעניק.

באגעגענען זיך באם פעטער אין שטוב דאָוויד מיט נאכמענען. זיי ווערן גוטע כאווײרים. נאכמען האָט צוויי קלענערע ברידער: יאנקל און יעכיִעל. אלע דרײַ האָבן ליב דאָווידן. מע לעבט ווי איין מישפּאָכע. דאָוויד לייענט זיי זײַנע ערשט אָנגעשריבענע שורעס. די געשטאַלטן פון דאָווידס בוך — דאָס זײַנען לעבעדיקע מענטשן, וועלכע קומען ארײַן צו די ברידער אין שטוב.

ווען עס דרוקט זיך „ארום וואָקזאַל“, ברענגט מען פון דער דרוקערײַ צו נאכמענען אהיים די

[1] נאכמען מײַזל (1887—1966) — באוווּסטער ליטעראַטור־פאַרשער.

גראַנקעס און מע באהאנדלט זיי. בא די ברידער מײַזל קלײַבט זיך צונויף די קיִעווער ייִדישע יוגנט — שרײַבער, קינסטלער, ארטיסטן. דער מומע לייקעס פּאָטער בערל־ייִצכאָק וואַרשאווסקי האָט נײַן זין און טעכטער און 42 אייניקלעך. איינער פון זיי איז זוסיע סקאָמאָראָווסקי. זײַן פרוי סאָניע איז דער פּראָטאָטיפּ פון מירעלען אין „נאָך אלעמען“.

מיר פאָרן אריבער פון אָכרימאָווע קיין קיִעוו

מיר קומען אָן זיך לערנען אין א קיִעווער גימנאזיע. דאָס גיט אונדזערע עלטערן א מעגלעכקײַט צו באקומען „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ“. אין קיִעוו קריגט מײַן טאטע ארבעט אין דער אלעקסאנדראָווער געזעלשאפט פון צוקער־זאַוואָדן. ער דינגט א דירע פאר 60 רובל א יאָר און קויפט מעבל. מיר וווינען אָף קליין־וואסילקאָווער גאס. דער פעטער יאנקל וווינט אָף פּאָדאָל.

איינמאָל האָבן מיר דערזען, ווי אָף דער טיר, וואָס גייט ארויס צו דער גאס, איז מיט קרײַד אָנגעמאָלט א קרײַז מיט א פּינטעלע אינמיטן און אָף די טירן פון די רוסישע שכיינים — ציילעמלעך. דער פעטער יאנקל דערציילט אונדז, אז אָף פּאָדאָל זײַנען אָף אלע טירן אָנגעצייכנט קרײַזן און ציילעמלעך. דאָס האָבן געטאָן די שוואַרצמייניקעס. זיי גייען מיט צלאָמים פון פּאָדאָל, דורכן קרעשטשאטיק, אָף דעמיִעווקע און זינגען «Боже, царя храни».

„דיעלאָ בייליסא“

אין יענער צײַט האָט זיך געקאָכט מיט דעם בארימטן פּראָצעס „דיעלאָ בייליסא“. די שטאָט, דאָס גאנצע לאנד איז געווען אופגערודערט. ייִדן האָבן מוירע געהאט פאר פּאָגראָמען.

אין טאָג, ווען מע האָט געדאַרפט ארויסטראָגן דעם אורטייל, איז קיינער אין גאס ניט ארויסגעגאנגען. אָף אונדזער קליין־וואסילקאָווער גאס איז געווען גליוער־שטיל און פּוסט. מיר זײַנען געשטאנען אפּן באלקאָן פונעם צווייטן שטאָק, ווו מיר האָבן געוווינט. פּלוצעם האָבן זיך דערהערט ווילדע געשרייען. ארום דעם שכיינעסדיקן הויז, וואָס מע האָט דעמלט רעמאָנטירט, איז געשטאנען א הילצערנער פּארקן. די שוואַרצמייניקעס האָבן פאַרשלעפּט הינטערן פּארקן א ייִדישן סטודענט, געשלאָגן אים און געטראָטן מיט די פּיס. דעם סטודענט האָט מען שפּעטער אוועקגעפירט אין אלעקסאנדראָווער שפּיטאָל.

ווידער איז פּוסט און שטיל אין גאס. געבליבן איז בא אונדז א געפיל פון פאַרלוירנקײַט און

פאַרצווייפלונג. מיר הערן זיך איַין אין יעדן קלאַנג, וואָס קומט פון דער גאַס. עס דאַכט זיך — עמעצער שרייַט.

ווער ווייסט: עפשער האָט זיך שוין ערגעץ אָנגעהויבן א פּאָגראָם?

שפּעט אין אָוונט האָט מען געבראַכט די ידיע: מע האָט באַפרייַט ביילייסן.

איך בענק אהיים

און ערגעץ ווייַט אין טאָל, הינטער א בערגל, ליגט מייַן היים, מייַן שטעטעלע אַכרימאָווע:

איך בענק נאָך די פעלדער אין טוועס,
איך בענק נאָך די לאָנקעס מיט
סטערטעס היי,
צעשאָטענע אַף זיי.

איך בין געבוירן אין א דאָרף,
כ'בין א דאָרפיש מיידל.
איך האָב בא הארבסט געלערנט,
וויאַזוי איך זאָל לעבן.
פרילינג אין פעלדער,
אין ארומיקן שטייַגן,
איך בין געוואַקסן, ווי גראָז,
אין שטילקייַט, אין שווייַגן.
איך פריי זיך מיט פאַרבן,
מיט ליכט און מיט קלאַנג.
אין ראַכוועס, אין קעלט
און אין רעגן
מיט ביימער און פייגעלעך
אָטעמט מייַן לעבן.

אין שטאָט איז מייַן ערד פאַרפּאַנצערט אין אַספאַלטן. די ביימער איז דאָ ענג־ענג! הויכע הייַזער האָבן פאַרשטעלט די ביימער דעם הימל. מיר איז דאָ אויך ענג.

די גימנאַזיע „קאַלינאָווסקאַיאַ“

דער דירעקטאָר פון אונדזער גימנאַזיע מאַריאַ איוואַנאָוונא איז אַן עלטער מיידל, א רעליגיעזע. גאַלאַכים, פּאָפּעטשיטעלעס פון דער גימנאַזיע זייַנען אָפטע געסט אַף אונדזערע לימודים. זיי דערציילן די גימנאַזיסטקעס וועגן געטלעכן פונק, וואָס לעבט אין הארצן פונעם מענטשן. צוויי מאָל איך כוידעש קומען פאָר אין זאָל פון דער גימנאַזיע „מאָלעבענס“. מיר שטייען זיי אויס אַף די פיס. איך שטיי און טראַכט מיר וועגן עפּעס מייַנס, וועגן אייגנס.

„וואָס מע טאָר ניט, מעג מען דאָך, מעג מען דאָך, מעג מען דאָך, און וואָס מע מעג, מעג מען דאָך אוודע“, — באַמבלען זיך אין זיקאָרן ווערטער פון א ליד, וועלכע דאַוויד האָט אונדז אויסגעלערנט.

מייַן באַליבטסטער לערער אין גימנאַזיע איז אַנדריי איוואַנאָוויטש. ער לערנט אונדז פיזיק און אַסטראָנאָמיע. מיר קומען אין אָוונט אין גימנאַזיע. אַפן באַלקאָן, אַפן לעצטן שטאָק, שטייט א טעלעסקאָפּ מיט צוויי טרויבן, אָנגעשטעלט צום אויסגעשטערנטן הימל. באַם טעלעסקאָפּ פּאָרעט זיך אַנדריי איוואַנאָוויטש. ער איז הויך און דאַר, ניט קיין געזונטער. אויגן בא אים — טיפע, בלויע, די באַקן איַינגעפאַלענע. אַלט איז ער א יאָר 40—45. אַנדריי איוואַנאָוויטש באַווייַזט זאָרגעוודיק יעדן פון אונדז די פּלאַנעטעס יופּיטער און ווענערא, די געשטערנס „גרויסע בעריכע“ און „קליינע בעריכע“. ווען איך דערפיל זיך עלנט, הייב איך אָן זוכן אין הימל מייַנע שטערן — און ס'ווערט מיר היימלעכער צו לעבן אַף דער וועלט...

אַנדריי איוואַנאָוויטש לערנט אונדז דענקען און פאַנטאַזירן. אָט שפּאַנט ער איבערן קלאַס און שרייַבט מיט קרייַד אַפן טאָוול. פּלוצעם פאַרוואַרפט ער א פראַגע, ווי א ווענטקע: „און וואָס וועט זאָגן וועגן דעם איוואַנאָוואַ?“ אויב איוואַנאָוואַ האָט פאַרשטאַנען דעם געדאַנק, איז דער לערער גליקלעך, ער רעדט ווייַטער. קיינער פון אונדז ווייסט ניט, ווען ער וועט באַלד אויסרופן. ער האַלט אונדז אין שפּאַן. „און וואָס וועט עפּעס כאַראָל זאָגן?“ און אויב איך באַווייַז ניט מיטאַמאָל ענטפערן, ווערט ער כמורנע און באַמערקט מיט פאַרדראָס: „כאַראָל האָט געגעגנעצט“. ער כאַזערט איבער דאָס אייגענע נאָכאַמאָל. איך געדענק דאָס געפיל, ווען איך פלעג ניט קאָנען ענטפערן. מיר פלעגט זיך דוכטן, אַז אַנדריי איוואַנאָוויטש האָט מיך געוואָלט מיטנעמען אַף די פליגל פון זייַן וויסן און איך האָב אים אַראָפּגעצויגן צו דער נידער.

טאָמיד אַזאַ דיסציפּלינירטער, איז אַנדריי איוואַנאָוויטש איינמאָל ניט געקומען אין גימנאַזיע אַף זייַן לימעד. ווען ער איז א צווייט מאָל ניט געקומען, האָט דער דירעקטאָר מאַריאַ איוואַנאָוונא געשיקט אונדזער שווייצאַר צו אים אהיים. די באַלעבאָסטע פונעם צימער, ווו ער האָט געוווינט, האָט דערציילט, אַז אַנדריי איוואַנאָוויטש איז נעלעם געוואָרן און בא אים אין צימער איז געווען אַן אונטערזוכונג. צו מאַריאַ איוואַנאָוונען זייַנען געקומען צוויי זשאַנדאַרמען. מע האָט זיך נאָכגעפרעגט אַפן לערער אַנדריי איוואַנאָוויטש. מאַריאַ איוואַנאָוונא האָט געוויינט: אין די ווענט פון איר גימנאַזיע האָט זיך געפונען א מענטש, וואָס האָט געפירט רעוואָליוציאָנערע ארבעט אין קיִעוו.

איז אָט ווער ס'איז געווען מייַן באַליבטער לערער!

אין יענער צײַט

איינמאָל, אַף אַן אָוונט, וואָס איז פּאַרגעקומען בא אונדז אין גימנאַזיע (איך האָב דאַן געלערנט אין אַכטן קלאַס), איז צוגעגאַנגען צו מיר א גראָווע פרוי און געזאָגט: „קום אַפּ אין א זײַט, כ׳וועל דיר זאָגן עטלעכע ווערטער, וועגן דיר אַליין".

איך האָב זיך א ביסעלע דערשראָקן, אָבער פונדעסטוועגן בין איך אַפּגעגאַנגען אין א זײַט. די פרוי האָט מיר געזאָגט: „כ׳קוק אין דײַנע אויגן און זע, אז דײַן נעשאָמע האָט שוין געלעבט עטלעכע לעבנס"... „איז ווער בין איך געווען אין מײַנע אמאָליקע לעבנס?" — האָב איך געפרעגט. „ס׳איז שווער צו זאָגן, — האָט זי געענטפערט. — עפשער איז דײַן נעשאָמע געווען אין א הונט און עפשער אין א קאַץ, און ס׳קאָן זײַן, דו ביסט געווען אמאָל א מענטש". איך האָב געענטפערט דער פרוי אזוי: „איך וויל ניט וויסן, וואָס עס איז געווען. מיר איז טײַער מײַן הײַנטיק לעבן אַף דער ערד, יעדעס שטויבעלע אַפּן שליאַך, יעדעס גרעזעלע אַף מײַן וועג, יעדעס טויעלע אַפּן גראָז. איך דאַרף ניט קיין אנדערע לעבנס". די גראָווע פרוי האָט מיך אײַנגעלאַדן אין איר קרײַז פון טעאָסאָפן. זי איז געווען א פאַנאַטיקערן. מיטן גאַנצן הארצן מיר געוואָלט העלפן „אופוועקן מײַן זיקאָרן".

אין יענער צײַט פון פינצטערער רעאַקציע האָט אין די מויכעס געהערשט פּעסימיזם און מיסטיציזם אפילע צווישן געלערנטע און שרײַבער. מע האָט געפונען, אז די רעליגיע איז די גרעסטע דערגרייכונג פון דער מענטשהײַט. מע האָט קולטיווירט אויסגעלאַסנקײַט. די יוגנט האָט געלייענט פּשעבישעווסקין, ווערביצקאַיא; „סאַנין" ארציבאַשעווס איז דאַן געווען אין דער מאָדע.

דאָוויד איז אין אָט דער צײַט טאָמיד געווען לעבן אונדז. ער האָט מיט קאַס און מיט האַס אָפּגעוואָרפן פון אונדז די מיסטיק. און מיר, קינדער, זײַנען געגאַנגען מיט זײַן וועג. מיר האָבן געלייענט טאָלסטאָיען, טשעכאָוון, בערגעלסאָנען.

דאָוויד

דאָוויד וווינט שוין מער ניט באַם פעטער יאַנקל. ער האָט געדונגען א צימער אַף פּאָדאָל. ווען איך קום צו גיין צו דאָווידן, טרעף איך בא אים שטענדיק מענטשן. איך האָב זיך באַקאַנט בא אים מיטן ארטיסט ראַפּאַלסקי, מיט דאָברו־שינען, ניסטערן, באַלמאַכשאָוועסן (דאַן שוין אַן עלטערער און ניט געזונטער מענטש).

איך האָב אמאָל געטראָפן בא דאָווידן סאָניע בלינדער, דעם פּראָטאָטיפּ פון מירעלען אין „נאָך אַלעמען". סאָניע האָט געהאַט בלויע אויגן, א ווײַס פּאָנעם און טונקל־בלאָנדע האָר. געקליידט איז זי געווען אין שווארצן. דאָוויד האָט געשפּילט אַפּן פידל. איך האָב אוועקגעשטעלט אַפּן טיש בארן, וועלכע איך האָב געבראַכט פאַר דאָווידן. דאָוויד האָט ווײַטער געשפּילט. מיר האָט זיך דאַן געדאַכט, אז אין קליינעם צימער איז אַלץ ניט געוויינלעך. דאָווידס פידל דערציילט וועגן אונדזער געזינדער. ווען דאָוויד פלעגט שפּילן אַפּן פידל, פלעגט ער בעטן, ס׳זאָל קיינער ניט ארײַנגיין אין צימער. זײַן פּאָנעם פלעגט דאַן זײַן אזוי אויסגעלײַטערט, גלײַך ער אַליין וואָלט דאָס צווייטע מאָל געשאַפן די מוזיק.

איך האָב בא דאָווידן געטראָפן דעם פּאַרלעגער קלעצקין פון ווילנע. בא קלעצקינען איז געווען א פּרײַנטלעך, ווייל פּאָנעם, באַרעמלט מיט א שווארצער באָרד. מײַן מומע לייקע פלעגט מאַכן ספּעציעל פאַר קלעצקינען א יאָמטעווודיקן ווארמעס. מײַן מומע לייקען איז ער געווען שטאַרק צום הארצן, זי פלעגט זײַן געריכט פון זײַן קענען פירן א שמועס, פון זײַן פּראָסטן האַלטן זיך. ווען קלעצקין איז אוועקגעגאַנגען, האָט זי געזאָגט: „ניט אומזיסט האַלט מען די ווילנער פאַר איידעלע מענטשן". מיר איז ניט איין מאָל אויסגעקומען צו הערן פון דאָווידן: „איך וועל פאָרן קיין יאַלטע, נאָר פריִער דאַרף איך באַקומען א בריוו פון קלעצקינען... ווען איך וועל באַקומען געלט פון קלעצקינען, וועל איך קויפן"... קלעצקין פלעגט העלפן יידישע שרײַבער. אַף דער הוטע בא אים, הינטער באַברויסק, האָבן אָפּגערוט י.־ל. פּערעץ, שאָלעם אַש, דער ניסטער, בערקאָוויטש און אויך דאָוויד בערגעלסאָן.

דאָוויד קומט צו אונדז אַף די יאָמטויווים. נאָכן ווארמעס זינגט ער מיטן טאַטן און מיט דער מאַמען יידישע און רוסישע לידער. אָפּט כאַפּט ער זיך ארײַן א קוק טאָן אַף „די קינדער". אזוי רופט ער אונדז. איינמאָל איז ער ארײַנגעקומען מיט דעם ניסטער, א צווייט מאָל מיט באַלמאַכשאָוועסן. מיט דאָברושינען פלעגט ער אָפּטער קומען צו אונדז.

ווען דאָוויד קומט אַליין, זעצן מיר אים אוועק אַף דער קאַנאַפּע, אינמיטן. מיר, אַלע פיר, זיצן ארום אים. און עס שיטן זיך אַף אים פראַגן. כוץ דעם, וואָס ער איז אונדז זייער טײַער, איז ער בא אונדז דער גרעסטער אווטאָריטעט. אַלץ, וואָס ער זאָגט, איז אין אונדזערע אויגן דער עמעס אַליין. דאָוויד האָט אונדז אמאָל געזאָגט: „קינדער, בא אײַך אין קליינעם „דיעטסקעלע" בין איך געוואָרן א שרײַבער. אינעם קליינעם צימער פון אײַער דינסטמיידל האָב איך אָנגעשריבן דעם „טויבן".

ווען מײַן טאַטע איז געקומען צום זיידן אין שטוב, איז דאָוויד אַלט געווען אכט יאָר. מײַן טאַטע האָט געבראַכט מיט זיך ביכער ניט בלויז

אין רוסיש, נאָר אויך אין די אנדערע שפּראכן, וועלכע ער האָט באהערשט. ער איז אויסגעוואקסן אין אן אָרעמער, רעליגיעזער, ייִכעסדיקער מישפּאָכע, וועלכע האָט געשטאמט פון לעמבערג. אין דער יוגנט האָט ער זעלבשטענדיק, אָן קיינעמס הילף, א סאך געלערנט. ער האָט זיך מיט גרויס אָפּשײַ באצויגן צום וויסנשאפטלעכן געדאנק, צו דער יערושע פון די אָוועס. דאָוויד פלעגט מיט צארטקײַט דערמאָנען די יאָרן, ווען ער איז געוואקסן לעבן מײַן טאטן. ער האָט אונדז דערציילט עפּיזאָדן פון יענער צײַט. מײַן טאטע איז אויסגעוואקסן אין דער שטאָט אָדעס. דעריבער איז אים אין שטעטעלע אָכרימאָווע געווען ניט גאָר היימלעך. דעם ערשטן פרײַטיק־צונאכטס, ווען ער איז געגאנגען מיטן זיידן אין שול דאווענען, האָט ער איבערגעלאָזט אפן שליאך אין בלאָטע זײַנע קאלאָשן און געקומען אהיים אין די שיך. אזוינע בלאָטעס זײַנען דאן געווען בא אונדז אין אָכרימאָווע. דעם טאטן איז געווען שווער זיך צופּאסן צום סיידער פון קליינשטעטלדיקן לעבן און צו דער שטוב.

ווען דאָוויד מיטן טאטן קומען זיך צונויף, שפּארט מען זיך. מע טײַנעט הייס, ביז דאָוויד לויפט צו צו דער עטאזשערקע, כאפּט ארויס פון דאָרטן א בוך און ווײַזט דעם טאטן א שורע, אף וועלכער ער פארופט זיך. ער באווײַזט מײַן טאטן שווארץ אף ווײַס זײַן געדאנק, און מע לאכט בײדע פריילעך. ווען דאָוויד האָט אָנגעהויבן שרײַבן, האָט ער דאָס פארטרויט דעם טאטן. דער טאטע האָט אים געזאָגט: „שרײַב, שרײַב. עס וועט זיך בא דיר גוט באקומען. און אויב אפילע עס וועט זיך ניט באקומען, וועסטו זיך כאָטש אויסשרײַבן די האנט און האָבן א גוטן קסאוו...“

צארט, מיט א ליבן שמייכל דערמאָנט דאָוויד מײַן טאטן. מײַן טאטע לאכט און זאָגט: „זעסט, איך האָב דיר געגעבן ניט קיין שלעכטע אייצע“.

איך הער זיך אײַן צו זייערע שמועסן. מיך ארט, פארוואָס מײַן טאטע איז רעליגיעז. ער לייענט דאָך דארווינען, ער אליין זאָגט דאָך, אז דער מענטש האָט דורך מי, דורך אייגענער האָרעוואניע דערגרייכט אלץ, וואָס ער פארמאָגט. פארוואָס זשע איז ער רעליגיעז? נאָר פון זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, זײַנען די אלטע טײַנעס פארגעסן. איצטער רעדט מען וועגן דעם, וואָס ס'טוט זיך אף דער וועלט: וועגן דער ארבעטער־באוועגונג, וועגן די שטרײַקן, וועגן דער מעלוכע־דומע.

דאָוויד, ווען ער קומט צו אונדז, לייענט ער אונדז ניט קיין לעקציעס, לערנט אונדז ניט, נאָר אף דער קאנאפּע גייט א שמועס. דאָוויד דערציילט, מיר פארגיבן פראגן. אזוי זעט עס אויס פונדערווײַטנס, נאָר אינדערעמעסן וועבט זיך דער שמועס אליין פון זיך. דאָוויד איז פול מיט שטימונג. די ווערטער „אינטויִציע“, „איך שפּיר“, „דאָס זעקסטע געפיל“ האָב איך דאָס ערשטע מאָל געהערט פון דאָווידן. ווען דאָוויד דערקלערט אונדז עפּעס, שאפט ער אפן אָרט בײַשפּילן.

מיט צארטקײַט, מיט שטראלנדיקע אויגן רעדט דאָוויד וועגן גוטע מענטשן. ווען ער נעמט אָבער ריידן וועגן מענטשן קליינלעכע, באלגײַוועס, ווערן זײַנע אויגן פול מיט האס. ער זאָגט: „ס'זײַנען דאָ מענטשן, וואָס מאכן פון אלץ א זשארקאָיע“.

אמאָל האָט דאָוויד געזאָגט מײַן ברודער רעפאָלעקן: „דו ווייסט, פארוואָס דו ביסט מיר טײַער? כ'זע אין דיר דײַן טאטן: זײַן אָרנטלעכקײַט, זײַן באשיידנקײַט און זײַן האָנער“. מײַן ברודער איז א קאָמוניסט פון אָנהייב רעוואָליוציע, ער איז אין קיִעוו אף אָנפירנדיקער ארבעט. איך גלייב, ווען מײַן טאטע זאָל ניט געווען אזוי פרי אומקומען, וואָלט ער נאָך אין 1918 יאָר זיך אָנגעשלאָסן אינעם נײַעם לעבן.

דאָוויד האָט ליב י.־ל. פּערעצן. ער דערציילט אונדז פון „כסידיש“. איך האָב דאן נאָך ניט געקענט לייענען ייִדיש. שפּעטער, ווען איך האָב זיך אויסגעלערנט און געלייענט אליין, האָט זיך מיר געדאכט, אז דאָוויד האָט בייסן לייענען עפּעס צוגעגעבן זײַן אייגנס. אויסגעלערנט מיך לייענען ייִדיש האָט דאָברושין.

מער פון אונדז אלעמען האָט דאָוויד ליב געהאט העניען, אָבער צו מיר האָט ער זיך אויך וואַרעם באצויגן. א סאך שפּעטער, ווען ס'איז ארויסגעגאנגען זײַן בוך „שטורעם־טעג“, האָט ער מיר אפן שארבלעטל אָנגעשריבן: „כ'געדענק, ווי דו האָסט זיך געלערנט גיין, פלעגסט שטעלן א טראָט און פאלן, שטעלן א טראָט און פאלן, ביסטו מיר, ווי דעמלט, טײַער, ווען דו שטעלסט דײַנע נײַע אייגענע טריט“.

אייניקע דאָווידס געדאנקען האָב איך פארגעדענקט. לעמאָשל: „קיין גאָט איז ניטאָ, גיב איך אָפּ כעזשבן זיך אליין. א כעזשבן פאר מײַן לעבן. איך זאָג: כ'וועל לעבן שיין, כ'וועל זײַן עטיש. אזוי וויל איך און פאָדער עס פון זיך אליין“.

דאָוויד האָט געהאט א ניכטערן, רעאליסטישן צוגאנג צו מענטשן. איינמאָל האָב איך אים דערציילט וועגן א כיסאָרן פון א מענטשן, וועלכער איז אים געווען טײַער. דאָוויד האָט אראָפּגענומען א סטאטועטקע פונעם בופעט און געזאָגט: „אָט זי האָט ניט קיין כעסרוינעס. זי איז אָבער טויט. ביסטו א לעבעדיקער מענטש, האָסטו כעסרוינעס...“

וועגן אונדזערער א באקאנטער האָט ער געזאָגט: „זי גייט אף איין טראָטואר און קוקט אפן צווייטן, עפּשער וועט זי דאָרט עמעצן באגעגענען. זאָל זי בעסער קוקן אף דעם טראָטואר,

אַף וועלכן זי גייט, דאָ לאָזט זי דורך דעם, אַף וועמען זי וואַרט...״

אַמאָל האָב איך דערציילט דאַווידן, אַז מיר געפעלט זײַנער אַ פרײַנט, נאָר יענער באַמערקט מיך ניט. דאַוויד האָט מיר געענטפערט: „ס׳איז גאָר ניט אַזוי שלעכט. ס׳איז בעסער, איידער ס׳זאָל זײַן פאַרקערט: אויב דו געפעלסט אַ מענטשן, וועלכער אינטערעסירט דיך ניט, איז וואָס האָסטו דערפון?״

דאַוויד און נאַכמען מײַזיל באַגעגענען זיך מיט דער ייִדישער דעמאָקראַטישער אינטעליגענץ אין קיִעוו. זיי טרעפן זיך אין דער גאַרקיך פאַר אָרעמע סטודענטן און קורסיסטקעס, אין דער אומלעגאַלער שול אַף דעמיִעווקע און אין דער לערער־קאָלאָניע אין בודאַיעווקע. אַף קוזנעטשנע גאַס, אין גאַרקיך פאַר אָרעמע סטודענטן און קורסיסטקעס, טרעפן זיך אומלעגאַל די פאַר־שטייער פון ייִדישע פאַרטייען (בונד, פאַריי־ניקטע און פּויאַלע־ציִען). דאָרט קומען פאָר הייסע שטרײַטן. מיט האַס און קאַס טרעט אַרויס מוישע ליטוואַקאָוו קעגן די ציִעניסטן.

אַף דעמיִעווקע איז פאַראַן אַ שול פאַר מיידלעך. דאָרט לערנט מען אומלעגאַל. דער קורס איז אויסגערעכנט אַף פיר יאָר. די לימודים פירן זיך אין ייִדיש. פון די לערער געדענק איך: שי־מען דאָבינען (שפּעטער איז ער געווען אַ לעק־טאָר אין פּעד. אינסטיטוט, אַ וויסנשאַפטלעכער מיטאַרבעטער פון אינסטיטוט פאַר ייִדישער קול־טור אין קיִעוו), מיכל לעוויטאַנען (דעם קומענ־דיקן רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל „רויטע וועלט״, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין כאַרקאָוו), באָרעך שוואַרצמאַנען, וועלכער האָט נאָך דער רעוואָלוּ־ציע אָנגעפירט מיט דער ייִדישער קאָלאָניע אין מאַלאַכאָווקע.

אין דער דאָזיקער שול פלעגן פאָרקומען לי־טעראַרישע אָוונטן. דאַוויד פלעגט לייענען קאַ־פּיטלען פון „אַפּגאַנג״, אָדער ער פלעגט קומען מיט זײַן פידל און שפּילן. עס זײַנען דאָ פאָר־געקומען אָוונטן, געווידמעט שאָלעם־אַלייכעמען, דאָברושין, בערגעלסאָן, שיקע ליובאָמירסקי פלעגן פאָרלייענען שאָלעם־אַלייכעמס דערציי־לונגען.

די דעמיִעווקער שול איז געשאַפן געוואָרן אין 1908 יאָר. אין יענער צײַט האָבן ייִנגלעך אַמערסטנס געלערנט אין טאַלמעטוירעס, די מיידלעך האָבן זיך אין ערגעץ ניט געלערנט. אין דעם דערמאָנטן 1908 יאָר איז דערצו געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיטעט. מע האָט געדונגען אַ צי־מערל באַ אַן אָרעמער אַלמאָנע און געעפנט אומ־לעגאַל די שול. דער קאָמיטעט האָט געקויפט דרײַ ביכער: אַ דעקלאַמאַטאָר, נאַדסאָנס אַ בוך און «Революционное движение»[1]. ס׳איז

[1] רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג.

אײַנגעאָרדנט געוואָרן אַ לאָטעריי, וואָס האָט אַרײַנגעבראַכט 25 רובל. 10 רובל האָט מען באַצאָלט דער אַלמאָנע פאַרן צימער, דרײַ — דעם אוריאַדניק. פאַר דעם איבעריקן געלט האָט מען אײַנגעקויפט ביכער און העפטן. געלט האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געקלעקט. דער קאָמיטעט האָט באַשלאָסן אײַנצוטיילן די דעמיִעווקער גאַסן אַף „אוטשאַסטקעס״[1]. פיל ייִדישע מישפּאָכעס פלעגן אַרײַנטראָגן צו 10 קאָפּעקעס אַ כוידעש פאַר דער שול. אין שפּיץ פונעם קאָמיטעט איז געשטאַנען באָרעך שוואַרצמאַן, אַן אייביקער סטודענט פון קאָמערץ־אינסטיטוט.

נאָך דער רעוואָלוציע איז די דעמיִעווקער שול פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער 36־טער אַרבעט־שול.

גראַנאָווסקי

מײַן ברודער רעפאָלעקן גרייט צום עקזאַ־מען אין דער קאָמערץ־שול אייגער אַ סטודענט גראַנאָווסקי. אַ וווּקסיקער, אַ בלאָנדער, אַ פריי־לעכער, אין אַ סטודענטישער פאָרמע מיט גאָל־דענע קנעפּלעך. ער האָט זיך צוגעוווינט צו אונדזער שטוב און פלעגט קומען צו אונדז אויך דאַן, ווען רעפאָלעק האָט זיך שוין געלערנט אין קאָמערץ־שול. שטענדיק, ווען ער פלעגט קומען, פלעגט ער פריִער טרינקען טיי אין עס־צימער און פאַרברענגען מיטן טאַטן. מײַן טאַטע האָט אים געאַכטעט. זיי פלעגן ריידן וועגן דער מילכאָמע, וואָס גייט אין לאַנד, וועגן די קאָרבאָ־נעס און אומגליקן, וועלכע ס׳האָט געבראַכט די מילכאָמע, וועגן די פּליטים. מע לייענט אַ פרישע צײַטונג.

באַ אונדז אין צימער האָט גראַנאָווסקי מיט אונדז געלייענט לידער פונעם „דעקלאַמאַטאָר״, סאַשע טשאָרניס לידער, גאָרקיס „שטורעם־פויגל״.

איינמאָל, ווען גראַנאָווסקי איז אָוועקגעגאַנגען, האָבן מיר געפונען אַפן דיל, אונטערן בענקל, ווו ער איז געזעסן, אַ בייגעלע פּאַפּיר, צונויפגע־לייגט אינפירן. עמעצער פון אונדז האָט עס אויפ־געהויבן און דורכגעלייענט. ווי דערשיטערט זײַ־נען מיר געוואָרן, ווען מיר האָבן דערזען, אַז דאָס איז אַ פּראָקלאַמאַציע, אַ לעבעדיקע פּראָקלאַ־מאַציע!

די פּראָקלאַמאַציע האָט גראַנאָווסקי פאַרלוירן, ווען ער האָט אַרויסגענומען פונעם פּאָרטפעל אַ בוך. מיר האָבן איבערגעלייענט עפּעס אויסער־געוויינלעכס: „נידער מיט דער מילכאָמע!״, „ני־

[1] באַצירקן.

דער מיט דער זעלבסטהערשונג!“, „זאָל לעבן דער באוואָפּנטער אופשטאנד פון פאָלק!“, „זאָל לעבן די רעוואָליוציע!“.

מיר האָבן זיך דערשראָקן. וואָס זאָלן מיר טאָן? אויב דער טאטע און די מאמע וועלן זיך דערוויסן וועגן דער פּראָקלאַמאַציע, וועלן זיי גראַנאָווסקין ניט לאָזן מער איבערטרעטן אונדזער שוועל. בא אונדז אין צימער איז אַף דער וואנט געהאנגען א שפּיגל. איין ברעטעלע פון אונטן איז אָפּגעשטאַנען. מיר האָבן פארוקט אהין דאָס בייגעלע פּאפּיר, געוואָרט אַף גראַנאָווסקין און זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן. ווי אפצולאָכעס, איז ער א פּאָר וואָכן ניט געקומען. מיר האָבן זיך צונויפגערעדט, אז די פּראָקלאַמאַציע זאָל אים אָפּגעבן העניע... ווען גראַנאָווסקי איז אַרײַן צו אונדז אין צימער, זײַנען מיר ארויסגעגאַנגען. העניע האָט דערציילט: שווײַגנדיק האָט זי אים דערלאַנגט דאָס בייגעלע פּאפּיר. איז ער מיטאמאָל געוואָרן בלאַס און שטיל געזאָגט: „כ׳האָב זי אליין געפונען און ניט באוויזן איבערלייענען“.

נאָך דער רעוואָליוציע איז גראַנאָווסקי געווען אַף פאראַנטוואָרטלעכע ארבעטן.

מײַן שוועסטער העניע

העניע איז עלטער פון מיר אַף אַנדערהאַלבן יאָר. נאָר איך האָב קיינמאָל זיך ניט געקאָנט גלײַכן צו איר. זי איז קלוג און פײַן. וועגן איר פלעגט מען זאָגן אין אַכרימאָווקע: „העניע האָט א מאנצבלשן קאָפּ“. כ׳געדענק, ווען העניע האָט דאָס ערשטע מאָל מיך פארווונדערט. ס׳איז געווען נאָך אין אבראמאָווקע. מיר זיצן מיט דער ניאניע אוסטיע אין סאָד אַפן גראָז אונטער די ביימער. אַף די צווײַגן רײַפן פלוימען — גרויסע, געלע און בלויע. א טשאַטע וואָראָנעס איז אָנגעפלויגן אַף די ביימער: טרײַבט זיי די ניאניע אוסטיע:

Ай, ай, від нас літай,
до батюшки літи,
у нього бери [1].

העניע האלט אין די הענט א ביכל. זי לייענט אונדז א מײַסעלע „באָווע קאָראָלעוויטש“. זי לייענט אזוי, ווי זי וואָלט אליין אויסגעטראכט דאָס מײַסעלע. איר קאָל קלינגט. עפּשער קלינגט דאָס ביכעלע אליין?

אזא גרויסע וועלט ארום מיר. און איך פאַרשטיי זי ניט. העניע אָבער פארשטייט אלץ. סויבל, דער מומע ריווקעס טאָכטער, איז געוואָרן א קאַלע. דער כאָסן שרײַבט איר בריוו אין רוסיש. סויבל קען ניט קיין רוסיש. זי וויל ניט, אז דער כאָסן זאָל וויסן וועגן דעם. בעט די מומע ריווקע בא דער מאמען: „זאָל העניע שרײַבן ענטפערס אַף די בריוו“. דאָס, וואָס סויבל זאָגט אַף ייִדיש, שרײַבט העניע אַף רוסיש. ווען האָט זי זיך אויסגעלערנט אזוי גוט שרײַבן?

דער כאָסן האָט אָנגעשריבן פון זשאשקאָוו סויבלען וועגן „ליובאָוו“. דאָ ווייסט שוין ניט סויבל, וואָס צו ענטפערן אפילע אַף ייִדיש. זי בעט העניען: „טראכט מיר עפּעס צו וועגן „ליובאָוו“. נאָר העניע איז אלט 12 יאָר. און זי איז אין דעם איניען ניט באהאוונט. העניע האָט אָבער א גוטן זיקאָרן. אין אינהאלט פון גאלאָכאָווס כרעסטאָמאַטיע האָט זי געזען עפּעס וועגן „ליובאָוו“. זי זוכט אין דער כרעסטאָמאַטיע, געפינט און לייענט אַף א קאָל. „ס׳איז ניט יענע „ליובאָוו“, — זאָגט טרויעריק סויבל. „כ׳זע אליין, אז ס׳איז ניט יענע“, — זאָגט העניע פארטראכט. די „ליובאָוו“, וואָס זי האָט געפונען אין כרעסטאָמאַטיע בא גאלאכאָוון, איז любовь к отечеству [1]. אזא „ליובאָוו“ פארשטייט דאפקע העניע יאָ.

ווען העניע ענדיקט די גימנאזיע, קומט זי אָן אַף די העכערע פרויען־קורסן, אַפן פיזיש־מאַטעמאטישן פאקולטעט.

ווי בינען אַף האָניק קלעפּן צו העניען די קורסיסטקעס. אלע האָבן זי ליב. איניקע פארטרויען איר זייערע סודעס.

העניע פארשרײַבט די לעקציעס. אין דער היים שרײַבט זי זיי איבער אַף ריין. לויט אירע פארנאָטירטע לעקציעס גרייטן זיך די קורסיסטקעס צו די עקזאמענעס. די לעקציעס פארשרײַבט אויך זשעניע, וואָס האָט געענדיקט די גימנאזיע מיט א גאָלדענער מעדאל. העניע און זשעניע ווערן כאווערטעס, לערנען זיך אינייינעם. פארברענגען בא אונדז די אָוונטן. מיר אלע דרײַ האָבן א באזונדער צימער. העניע האָט נאָך כאַווערטעס: מאַרוסיע און נוימע. מיך און כאנעלען האָט מען אויך אַרײַנגענומען אין דער קאָמפּאַניע.

צו אונדז קומט יוינע. ער איז פארליבט. נאָר אונדז איז שווער אויסצוקלאָרן — אין וועמען: אין העניען, צי אין זשעניען? ס׳קומט אויך גראַנאָווסקי.

אונדזערע עלטערן גייען זעלטן אַרײַן צו אונדז אין צימער. זיי זײַנען פארנומען מיט אייגענע איניאָנים. צו זיי גייען אונדזערע קרויווים. מיר פארמאָגן א גרויסע מישפּאָכע און האָבן ניט שטארק ליב דעם טאטנס רײַכע קרויווים. אונדז וואָלט ניט געאַרט, עס זאָל עפּעס טרעפן אזוינס, וואָס זאָל א ביסל אראָפּשלאָגן זייער האָנער.

[1] איַי, איַי, פון אונדז פלי אוועק, צום גאלעך פלי, בא אים נעם צו.

[1] ליבע צום היימלאַנד.

אונדז איז ניט גרינג. אַף מײַן טאַטנס געהאַלט לעבן זעקס מענטשן. מיר אַלע פיר לערנען זיך. דער טאַטע צאָלט „פּראַוואָטשעניע" פאַר אונדז. קיין דינסטמיידל האַלט מען ניט. מיר, מיידלעך, העלפן דער מאַמען. אָבער ס'איז סײַוויסײַ שווער זיך דורכצולעבן. די מילכאָמע דויערט. דאָס לעבן איז טײַער. מײַן טאַטע האָט אויך גאָר ניט קעגן, ס'זאָל זײַן אַן איבערקערעניש.

מײַן טאַטן איז צוגעקומען אַ נײַע דײַגע. מיר זײַנען ניט קיין סטאַטעטשנע, ווי אַלע מיידלעך. מיר האַלטן זיך ניט אַזוי, ווי די מיידלעך פון זײַן טאַטנס מישפּאָכע. דאָוויד פּאַרטיידיקט אונדז. „רעב שאָלעם, ווי זאָלן זיי זיך האַלטן — באַ דער נאָז, באַ די זײַטן? זיי האַלטן זיך נאַטירלעך, און עס פּאַסט זיי". מע האָט אונדז אָנגעהויבן רופן „טשעכאָווישע שוועסטער". מיר זײַנען צו זיי ענלעך בלויז לויט דער צאָל. נאָר דאָוויד קלײַבט נאַכעס. „די קינדער באַקומען פליגעלעך און פּרוון זיך אַליין פליִען".

איך און מײַן שוועסטער כאַנעלע האָבן געענדיקט אַכט קלאַסן גימנאַזיע. איז וווּהין זאָל איך אָנקומען לערנען? איך וואָלט געוואָלט לערנען אַף דער נאַטורוויסנשאַפטלעכער אָפּטיילונג. איך גיי מיט העניען אַף אירע פּראַקטישע לימודים. כ'זע — אַף לאַנגע טישן שטייען אין רייען מי־קראָסקאָפּן. מע צעגלידערט מיט פּינצעטן גע־וויקסן און מע לייגט זיי אויס אונטערן מיקראָ־סקאָפּ. מע קוקט און מע דערלערנט יעדעס טײַלכל פון געוויקס, מע שטודירט זײַן מאָרפאָלאָגיע. מע אַנאַטאָמירט פרעש, פיש, קראָליקעס און מע פאָרשט זייערע קליינע טײַלכעלעך. ווײַל קעדיי וויסן דאָס גאַנצע, דאַרף מען עס צעגלידערן אַף די באַשטאַנדטיילן. און איך וויל גאָר אַנדערש דערלערנען די נאַטור. מיר איז טײַער דאָס לעבן, דער אָטעם, דער גערענגל אין דער נאַטור פאַרן לעבן, דער גערענגל פון יעדער באַשע־פעניש, פון יעדן געוויקס, זאָל עס זײַן אַ קוסט, זאָל עס זײַן אַ גרעזעלע.

און ווײַל איך בין אויך אַ טײַלכל פון דער נאַטור, טוט מיר ווײ, ווען איך זע, אַז אַ שטור־רעמווינט האָט צעבראָכן אַ בערעזע. איך זע: די שוואַרצע ערד האָט געבוירן אַ גרינעם קוסט, אַפן קוסט האָבן זיך צעבליט רויטע רויזן. אַף אַ דינינק שטענגעלע וויגט זיך אַ זאַפטיקע העל־רויטע פּילעניצע. זי וואַקסט פון שויס, פון דער שוואַרצער ערד, ווי אַ וווּנדער. איך זע: אַף אַ ווײַסינק פּיסעלע האָט זיך איבערגעקערט אַ שיסעלע. דאָס איז אַ ווײַסער שוואָם. אַ שניי־ווײַ־סער שוואָם רײַסט זיך פון דער שוואַרצער ערד, ווי אַ וווּנדער, ווי אַ נעס.

וווּהין זאָל איך אָנקומען לערנען, איך זאָל קענען ברענגען נוצן „דעם מאָרגעדיקן מענטשן", ווי עס האָט אונדז קינדווײַז געלערנט דער טאַטע. סאָפּקאָלסאָף קומען מיר ביידע אָן (איך מיט כאַנעלען) אַהין, וווּ עס לערנט העניע. אַזוי איי־צעט מיר מײַן קלוגע מאַמע. דעם טאַטן איז אַלציינס. ער זאָגט: דער איקער, זאָלסט ליב האָבן דײַן אַרבעט. דאָוויד זאָגט אויך דאָס זעלבע. מיר לערנען זיך לויט העניעס און זשעניעס פאַר־נאָטירטע לעקציעס. העניע און זשעניע דער־קלערן דאָס, וואָס אונדז איז ניט פאַרשטענדלעך. נאָך אַ יאָר טראַכטעניש און פלאָנטעניש ווערט מיר גרינגער. איצט איז מיר שוין קלאָר — ניט דאָס איז מײַן באַרוף, מיר געפעלט ניט מײַן לערנען... מיר געפעלט ניט מײַן לעבן... און איך וואַרט אַף אַן אַנדער, אַף אַ צווייט לעבן, אַף אַ לעבעדיק לעבן.

הירש אשעראָוויטש

היט אָפּ דײַן שטעגעלע...

באלוינונג

כ'וויס, אז מענטשן האָבן פײַנט דעם ווינט
און האָבן ליב די שטראלן.
אָבער אויך דעם ווינט איז קאלט,
און ער זיך אָנווארעמען איז א באלן.
עפן אים א פענצטער,

עפן אים א פענצטער.

ס'דארף א היים ניט זײַן פארמאכט!

כ'וויס, אז אלע הײַזער
האָבן ריגלען, שטאבעס, שלעסער,
און, אן אָפּגעזונדערטע,
עס פילט די רויִקײַט זיך זיכערער און בעסער.
און פונדעסטוועגן פארשפאר די הינט,
שליס אוף דײַן טיר, פראל אוף דײַן פענצטער!

זעסט שוין: ס'האָט דער קאלטסטער ווינט
די פרישסטע לופט געבראכט.

יעיצערטאָוו

מורמלט מיר ארײַן אין אויער מײַן ביטאָכן:
„אלע בייזע וועזנס פון דער וועלט פונקט שלאָפן,

וואך עס זײַנען נאָר די גוטע.
טוען זיי בלויז גוטס. אויך דו טו!"

גיב איך זיך א ריס אראָפּ פון מײַן געלעגער,
און מיט הארטער אײַנגעשפארטקײַט פון א יעגער,

א צעכראסטעטער איך לאָז זיך לויפן
אין א היציקן געיעג נאָך מײַסים־טויווים...

אײַל איך, ווי דער ערשטער שטראל פונעם פרימאָרגן,
זוך, ווו מײַן געגארטער יאגד־פאנג ליגט פארבאָרגן;

גרייט כ'בין דורכצולויפן אומצאָליקע מײַלן,
אויסצושיסן מײַנע גוטהארציקײַט־פײַלן...

כ'שפיר: איך מוז, איך מוז זיך צו מײַן פאנג דערקלײַבן,
א, מײַן הארץ — מײַן פײַלן־טאש, — זאָלסט נאָר ניט ליידיק בלײַבן!

דער זינד־באָק

דער שווער־באאוולטער,
דער אומגליקלעכער סאָיִר־לעאזאָזל
מיט הערנער, וועלכע שטעכן,
דוכט, גאָר אינעווייניק אינעם קאָפּ,
געוואָרן איז אוועקגענומען
פונעם אומלויפן און צופן גראָזן.
א באָק, א באָק —
אן אומגליקלעכער אומשולדיקער באָק!

ער האָט א שטילע ציג
מיט ראָזלעכע אניוועסדיקע אויגן,
ער האָט צוויי ווײַסע צאפעקלעך,
וואָס נאָך די פלאטערלעך זיי שפרינגען נאָך.
צו וואָס איז עס אים אלץ?
צו וואָס האָט ער זײַן מאמעס זיסע מילך געזויגן,
דער באָק, דער באָק —
דער אומגליקלעכער אומשולדיקער באָק?..

געקומען איז א סיווער מאן
אין אויסטערלִיש באצירטע ווײַסע בגאָדים,
ארופגעלייגט א האנט אים אף די הערנער
און געמורמלט, און געגלאָצט.
געווען איז שווער די האנט
און ווי מיט שטעכלקעס באלאָדן...
א באָק, א באָק —
אן אומגליקלעכער אומשולדיקער באָק!

אומזיסט־אומניִשט פון שפּיץ פון פעלדז
אראָפּגעשטופּט צו ווערן
אין אָפּגרונט, ווו אפילע א היִענע אויך
דעם טויטן קערפּער ניט געפינט...
אָ, וויסט איז דעם,
וואָס אָף זײַן גורל פאלט אויס די באשערטקײַט,
ער זאָל צעשמעטערט און צעריסן ווערן
מיט די פרעמדע זינד!

א באָק, א באָק —
אן אומגליקלעכער אומשולדיקער באָק...

שפּראך

דאָס קירצסטע שורעלע איז אָפּט צו לאנג —
שוין צו געראם דעריך איז דעם געדאנק.
באגערט ער: ענגער, ענגער זאָל אים זײַן,
ס׳זאָל אין דער פולקײַט, גאָט באהיט, קיין פוסטקײַט ניט ארײַן...

אָ, ברייטער־ענגער וואָרט־מונדיר, פארוואָס
איז אזוי שווער, זאָלסט זײַן אין סאמע מאָס?

דער זיידע

צו ביסעלעך, צו ביסעלעך —
און ס׳ווערט א פול־פול שיסעלע.
פארשטייסט, מײַן קינד, פארשטייסט?

ווען מע פארלאָזט דאָס וויגעלע,
בלײַבט עלנט ס׳ווײַסע ציגעלע.
(באם אָנהייב — שוין פאראט!)

א טראָטעלע, א טראָטעלע.
אף וועגן אויסגעטראָטענע,
עס טרעפט, מע בלאָנדזשעט גאָר.

אין וועלדער, ווו די כײַע וווינט,
אין סטעפּעס, ווו די זון ניט שײַנט,
אין היים, וואָס ציט און טרײַבט,

איז מען ניט־לײַטיש לײַטישע.
ס׳האָט יעדער א פארשײַטע שאָ,
ווען ער איז פונקט פארקערט...

מע ענדערט זיך, מע ענדערט זיך,
מיט פריידן מע פארבלענדעט זיך,
און וואָס געוועוען מע בלײַבט.

דאָס ייִנגל, דער דערוואקסענער,
דער זאָקן בלײַבער־וואקסענער —
אין זעלבן בענקשאפט־קרײַז.

די צוקונפט, די פארגאנגענהײַט,
די מענטשלעכע פארלאנגען־קייט
זיי בינדן אלץ צונויף.

היט אָפּ, מײַן קינד, דײַן שטעגעלע,
פארגעס ניט קיין איין רעגעלע,
אז וועג איז א ו י ך א היים.

צו ביסעלעך, צו ביסעלעך
עס פילט זיך אָן דאָס שיסעלע,
און פולקײַט מ ו ז זײַן שווער...

פונק

קינד פון גרויע שטיינער צווײ,
אופקום און פארשווינדונג,
העלקײַט אף איין אויגנבליק,
אויסלעשונג דורך צינדונג,

אָ, ווי קלײנקײַט קאָן זײַן גרויס,
צײַטווײַליקײַט — צײַטיק!
אויב אזוי, קאָן איך דאָך אויך
עפּעס וואָס באטײַטן.

די עלטער

דאָס רויטע היטעלע גייט דורכן וואַלד,
און ס'גייט איר שאָטן נאָך,
ווי א באַשיצנדיקער יעגער.
נאָר עס איז איבעריק —
דער גרויער וואָלף, ער איז שוין אַלט,
ער ליגט מיט אָפּגעטעמפּטע ציין
און דרעמלט אַף זײַן מאָך־געלעגער.
די באָבע וואַרט אין בעט
און טראַכט, און טראַכט, און טראַכט:

„ניטאָ דאָס רויטע היטעלע,
ניטאָ דער וואָלף,
ווּ זײַנען זיי עס ביידע?"
איך פּרווו איר ענטפערן,
נאָר כ'הער, מײַן ערשטע כאַווערטע —
דאָס רויטע היטעלע ווערט אופגעבראַכט:
„ווער איז ער עס? וואָס דאַרף ער דאָ,
אַט דער־אָ פרעמדער, פרעמדער זיידע?"...

פרייד...

דרייט זיך
אַרום זיך דאָס הינטל.
יאָגט דעם נאָך זײַן עקל.
מיינט עס — — —
גאַרנישט מיינט עס!
ס'איז דעם פריילעך:
ווויל איז

זיך נאָך זיך צו יאָגן,
גוט איז
זיך אַליין ניט כאַפּן,
ליב איז
זיך פאַר זיך צו שרעקן,
זיס איז,
ווען די שרעק איז שטוינונג...

קאַפּריטשיאָ

נעם איך וועלן, וואָס איך וויל ניט,
און פאַרקלעם אַליין מײַן איך.
דאַפקע ווען מיך אַרט די שפּיל ניט,
שפּיל איך זיך, שפּיל איך זיך...

איז פאַראַן דען אַזאַ ווינטל,
וואָס זאָל שטענדיק פליִען גלײַך?
איז פאַראַנען דען א ווינקל,
ווו ס'איז ניט א צופאַל רײַך?

נעם איך וועלן, וואָס איך וויל ניט,
און פאַרשוועך אַליין מײַן איך.
דאַפקע ווען מיך אַרט די שפּיל ניט,
שפּיל איך זיך, שפּיל איך זיך...

קוליען פייגל אין דער לופט זיך
און זיי הענגען אַף מײַן בליק.
און די בענקשאַפט ראַק פאַרופט זיך
אַף א שטוס, וואָס רופט זיך: גליק.

נעם איך פילן, וואָס איך פיל ניט,
און פאַראַט אַליין מײַן איך.
דאַפקע ווען מיך אַרט די שפּיל ניט,
שפּיל איך זיך, שפּיל איך זיך...

דורכגעקעמט דעם לעבנס שויבער
כ'האָב מיט א געדיכטן קאַם,
און, ווי אומפלייט, כ'האָב זײַן צויבער
קאַלט געוואָרפן אינעם פלאַם...

גוט איז וועלן, וואָס מע וויל ניט,
און ניט וועלן, וואָס מע וויל.
ס'וויסטע רימען זיך: „איך שפּיל ניט!"
איז די שפּילעוודיקסטע שפּיל.

• • •

געמיינט האָב איך, עס ליגט א שטיין,
און עס איז גאָר א טויטע שוואַלב!
פאַרוואָס איז אַזוי ווייטעקדיק
אויך א ניט־אַרנדיקער טאָעס?

ווער געמען דאַרף אַף זיך די שולד —
דער האַרטער שטיין, וואָס מאָרדן וויל?
די שוואַכע שוואַלב, וואָס האַלט ניט אויס?

מײַן מענטשלעכע ניט־שליימעסדיקע ריִע?

עס ליגט א שוואַלב אינמיטן וועג.
עס ליגט א שטיין אינמיטן האַרץ...

פילפל

ניט געוווּסט כ׳האָב, אַז מײַן וויסן
איז אַ זעלבסטזיכער ניט־וויסן.
איצטער ווייס איך, איצטער ווייס איך,
אַז איך ווייס ניט, וואָס איך ווייס.

ווייס איך ניט, צי ס׳זאָל מיך פרייען,
ווייס איך ניט, צי ס׳זאָל פאַרדריסן;
כ׳ווייס אַפילע ניט, צי ס׳אַרט מיך,
צי ס׳איז דאַפקע מיר אַלציינס...

אין געווימל פון די פראַגעס,
אינעם איגל פון די ענטפערס
איז אַרומגעצוימט מײַן זינען
מיט אַ צווייענדיקן פלויט,

און עס וואַרפן זיך מאַכשאָוועס,
ווי די נאָכגעיאָגטע שלאַנגען,
און עס שפּריצן פון זיי שפּליטערס —
אָט ווי פונקען, אָט ווי שרויט.

כ׳טראַכט אַזוי און כ׳טראַכט דערקעגן,
כ׳פּרוּוו אַלץ אַנדערש, אַנדערש דרינגען,
כ׳דריי צונויף פון די געדאַנקען
דאָס געקינצלטסטע געפלעכט...

ווי אַ קונצנמאַכער סטענגעס,
צי איך סוואָרעס און האַשאָרעס,
און איך הענגען בלײַב אין פּלאָנטער...
עך, ניט עכט און ניט גערעכט!

• • •

מוטלאָזער מענטש, אינעם לאַנגווײַל
פאַרזײַערט, —
נעסט, ווו דער יִיעש זײַן אַש־יאָמטעוו פײַערט,
וואַרג ניט מיט גרויקײַט די גילדענע שאָען,
מאַך ניט קיין נײַנען פון ליכטיקע יאָען!

קרײַזט אָן און אופהער דער פּאַקעל־באַגינען,
קאָן אַף איין אָרט זיך קיין אָרט ניט געפינען.
יאָג זיך נאָך אים! נאָכן טאָג זיך צו יאָגן
ווירדיקער איז, ווי די נאַכט צו באַקלאָגן.

סאָלאָווייִש

אין דעם שויבער פון אַ ליפּע
הילכט אַ סאָלאָוויי
וועגן בענקשאַפט, וועגן ליבע,
וועגן פרייד און וויי.

פּינטלט, פּאַסיקט זיך דער ניגן,
פונקט ווי מאָרזע־שריפט;
קנאַקט, ווי קנאַפּעלעך אַף שטיגן,
יאָמערט, מוסערט, שטיפט...

דונערס־קאַרליקעלעך — טרעלן
קיצלען לײַב פון נאַכט;
לויפט זי, היפּערט איבער שוועלן,
לאַכט און וויינט, און לאַכט...

14

ס׳פירן וועגן קיין פּאָנאר,
עס פירט קיין וועג צוריק.

(קימאט א וויגליד אין ווילנער געטאָ)

אווראָם דער שוסטער, וואָס האָט אַלע זײַנע יאָרן געלעבט בעשאָלעם מיט גאָט, האָט אים טרײַ געדינט, געהאט אין אים א שוץ און אן אָנשפּאַר, — האָט אין דער געטאָ, ערגעץ אָף קאַמעניצקער, רודניצקע אָדער אָשמענער געסל, זיך דערפילט אָן א גאָט. דאפקע ער, דער גלײַ־ביקער און גוטער אווראָם, דער אָרנטלעכער און איבערגעגעבענער אווראָם־אָווינו, וואָס צײַטנ־ווײַז האָט מען אים כוישעד געווען, אז ער גע־הערט צו די לאַמעד־וואָוו צאַדיקים, דאפקע ער האָט אים דאָ פאַרלאָרן פריִער פון א סאך אַנ־דערע. אויב „ער" שווײַגט בײַס אזא אומגליק, איז ווּ איז ער און וואָס איז ער? „ער" איז אָפּגעפאַלן, ווי די הויט פון א ווונד, וואָס האָט זיך אויסגעהיילט.

— דו ווייסט, — האָט ער אײנמאָל געזאָגט צו גאָט, — אז אָף קליין־שניפּישעק האָט מען מיך גערופן אווראָם־אָווינו? ווייסט. זאָלסטו טאַקע וויסן זײַן, אז איך, אווראָם־אָווינו, בין נאָך דאָ. און דו, דער גאָט פון אווראָם, ייִצכאָק און יאַנקעוו, ביסט שוין ניטאָ. וואָס פאַר א גאָט ביסטו, אז דו קוקסט רויִק צו, ווען מע לאָזט דיך אָן א פאַלק? דער סאָף וועט זײַן, אז דו וועסט נאָך דאַרפן גיין איבער די הײַזער. מעגסט זײַן זיכער, אז אין ווילנע וועט מען דיר אפילע קיין פּרוטע ניט דערלאַנגען. וואָרעם, ווערדליק ווי איך זע, איז ביזוואַנען דו וועסט זיך אויס־

קלײַבן קומען נאָך א נעדאָווע, וועלן שוין אין ווילנע קיין ייִדן ניט זײַן, און איך, איך, דער נאַר, האָב דאָך אָף אַן עמעס געמיינט, אז אין דײַנע הענט ליגט אַלץ.

אווראָם דער שוסטער האָט א מאך געטאָן מיט דער האַנט אָפן געוועזענעם קאַוואַלאָכל און איז אוועק זוכן איציקן. ס׳איז געווען פאַרנאַכט. אַלע זײַנען שוין געווען אין געטאָ. די ענגשאַפט איז געווען זייער גרויס, נאָר אווראָם האָט אים אָפּ־געזוכט.

— איציקל, מיט קיין פאַרלייגטע הענט וועסטו דאָך ניט זיצן. נעם מיך אויך. פאַרלאָז זיך אָף מיר.

— אז די צײַט וועט קומען, וועלן מיר אײַך רופן, רעב אווראָם.

אָף מאָרגן איז באַם טויער אָפן ראָג רודניצקע פּאַרגעקומען אזוינס, וואָס האָט אַלעמען אופּ־גערודערט.

די לעצטע צײַט האָבן איציק און העניע זיך אינדערשטיל באַגעגנט מיט אײנצלנע קאָמוניסטן און קאָמיוגיסטן, ארומגערעדט די לאַגע, זיך מעיאַשעוו געווען, פון וואָס זאָל מען אָנהייבן. זינט דעם גרויסן אומגליק האָט זיך איציקן ניט אײַנגעגעבן צו זען טאַמאַרן. זי איז אין דער צווייטער געטאָ, אָדער זי באַהאַלט זיך אויס? דערנאָך האָט זיך ארויסגעוויזן, אז זי ארבעט אין שפּיטאָל אַלס שוועסטער.

הײַנט דאַרף זיך איציק מיט איר באַגעגענען.

שוין דרײַ־פיר טעג, ווי אין געטאָ איז שטיל. קײנעם שלאָגט מען ניט. קײנעם שיסט מען ניט. קײנעם פירט מען ניט אָף פּאָנאַר, אַלע אינדער־פרי גייט מען צו דער ארבעט, און מע קומט פון דער ארבעט בעשאָלעם צוריק. און צי ווײַל מענטשן ביכלאַל, און ייִדן ביפראַט, ווילן לעבן מיט האָפענונג און געפינען א טרייסט, ווי די זאַך זאָל ניט זײַן, נאָר וויבאַלד עטלעכע טעג איז גע־

סאָף. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נום. 1, 1968.

ווען רויק, האָט יעדערער געוואָלט עס אויסלייגן צום גוטן: עפשער איז עס א סאָף צו די צאָרעס?

און דער טאָג איז הײַנט, ווי עס מאכט זיך אין טיפן הארבסט, גראָד אָן איבערגאנגס־טאָג — פון הארבסט צו ווינטער. די ערד איז טרוקן, די לופט שטײַפער, דער הימל זאָגט אָן — ווארט, ראבויסײַ, אָפּן ערשטן שניי.

איציק ווארט אף טאָמאָרן, ער וויל וויסן, וואָס טראכט זי, וואָס פאר אן ענטפער האָט זי אף דער הארבער שײַלע: פון וואָס דארף מען אָנהייבן? ווי זעט זי אויס? זײַן פארלאנג איז, אז זי זאָל זײַן אזא, ווי ער געדענקט זי.

איציק געהערט צו די, וואָס זעט און באמערקט א סאך, פארשטייט מענטשן, כאפּט אוף יענעמס א געדאנק, איידער יענער זאָגט אים נאָך ארויס. אים איז שווער צו זען, ווי די צײַט האָט געענדערט מענטשן אף ניט צו דערקענען.

איציקן ווילט זיך וויסן: און טאָמאָר? זי איז געבליבן די זעלבע, זי האָט זיך ניט געענדערט? עס איז דאָך באוווסט, אז אפילע אף דער ווײַסער בעריאָזע זײַנען די צווײַגן טונקל. איציק ווארט אף טאָמאָרן אף קאָמניצקער גאס. ער דערמאָנט זיך, ווי טאָמאָר האָט אויסגעזען אין דער יוגנט, ווען זיי האָבן געוווינט אף איין הויף. ער דערמאָנט זיך זייערע באגעגענישן אין די אומלעגאלע דירעס. ער האָט זי שוין לאנג ניט געזען. און אים ווילט זיך, אז דאָ, אין דער געטאָ, ווּ ס'איז אלץ אויסגעשטעלט אף אומקום, זאָל זי קומען א מוטיקע, א שיינע.

איציק ווארט אף איר אף קאָמניצקער גאס. און אף רודניצקע — באם טויער פון דער געטאָ האָט מען טאָמאָרן פארהאלטן. וואָס זי האָט געטאָן באם טויער, דאָס איז שוין געווען שווער פעסטצושטעלן. נאָר גראָד אין דער רעגע האָט דער אומגליק אָנגעטראָגן מורערן.

מורער האָט ניט אומזיסט געלאָזט אף עטלעכע טעג צורו די געטאָ. זאָל מען זיך בארויִקן, וועלן דערנאָך די שרעק און דער אומגליק זײַן נאָך גרעסער.

דער באלעבאָס פון דער ווילנער געטאָ, פראנץ מורער, איז אלט פיר און צוואנציק יאָר. א הונט אף פיר פיס וואָלט שוין אין אזא עלטער לאנג געפייגערט. אָבער א הונט אף צוויי פיס, אזא, ווי מורער, איז יונג און געזונט, און אלע זײַנע קויכעס גיט ער אָפּ איין ציל — אויסראָטן יידן. שווער צו זאָגן, וואָס פאר א בעריע ער וואָלט געווען אָפּן פראָנט מיט א ביקס קעגן א ביקס. אָבער איבער אומבאוואָפנטע, הונגעריקע און מידע, פארשפארטע אין געטאָ האָט ער אויסגעוויזן גרויסמערדערישע שעפערישקײַט און דערפינדערישקײַט. הײַנט האָט אים אָפּגעגליקט. א פרוי באם טויער מיט א פעקעלע אין דער האנט... וואָס טראָגט זי עס? לאָזט זיך אויס: א ביסל עסן. דאָס איז פארבאָטן. ער אליין, מורער, האָט עס פארבאָטן. וואָס קומט פאר אזא פארברעכן? וואָס מורער וויל, דאָס קומט. ער קאָן הייסן אוועקפירן קיין פאָנאר, ער קאָן דאָ אף אָן אָרט שיסן. איז אים דאָס הײַנט ווינציק. די נעשאָמע זײַנע פאָדערט אזא שפּיל, וואָס זאָל אים פארשאפן גאָר א באזונדערע האנאָע.

ער זעט פאר זיך א שיינע פרוי, א שטאלטנע, וואָס רופט ארויס אָפּשײַ. זי איז פול מיט מענטשן־ווערדע און פרויִשקײַט, און מורער גיט א באפעל דער פאָליציי באם טויער:

— שמײַסן! אָפּן הוילן!

די ווערטער האָבן טאָמאָרן דערשיטערט א סאך מער, ווי ווען זי וואָלט דערהערט דעם באפעל „שיסן“. זי האָט זיך גענומען ארײַנציִען אין זיך אליין, ווי זי וואָלט וועלן ווערן קלענער, אײַנגעשרומפּן ווערן ביז אויס, ניטאָ. אפילע די פאָליציי איז אף א רעגע געבליבן שטיין אָפּהענטיק. שיסן איז לײַכטער... אָבער שמײַסן? די הענט דערלויבן עס ניט.

— נו?

פון אזא „נו“ אנטרינט דאָס לעצטע ביסעלע מענטשלעכקײַט, וואָס איז בא אזעלכע כײַעס נאָך געבליבן. דרײַ־פיר מאן האָבן זיך א וואָרף געטאָן צו איר.

זי האָט צו זיך ניט צוגעלאָזט. מיט די ציין געביסן, מיט די נעגל זיך געגראבלט ביז בלוט. זי האָט זיך געווערט מיט אלע קויכעס. אינגיכן זײַנען זיי זי גויווער געווען. אראָפּגעריסן פון איר די קליידער, דאָס העמד, די זאָקן, די שיך. זי איז געבליבן א נאקעטע, מיט צעשאָטענע שווארצע האָר. זיי האָבן זי א הייב געטאָן אף די הענט.

דורכן טויער האָבן, ווי שטענדיק אין דער צײַט, גרופּעס ארבעטער זיך אומגעקערט צוריק אין געטאָ. מורער האָט זיי געהייסן בלײַבן שטיין, זיי זאָלן זען, וואָס עס קומט אזא איינעם, וועלכער טראָגט ארײַן עסן אין געטאָ.

בא טאָמאָרן זײַנען שוין ניט געבליבן קיין קויכעס זיך קעגנצושטעלן, און זי האָט געקאָנט ניט מער ווי רופן צוהילף:

— ראטעוועט! העלפט!

דאָס איז געווען א קאָל פון א פארצווייפלטן מענטשן. שווער געווען אפילע צו דערקענען טאָמאָרס שטים. אָבער דער טאטע, מייער מינסקער, וואָס איז צוזאמען מיט א גרופּע געקומען פון דער ארבעט, האָט דערהערט און דערקענט די שטים פון זײַן טאָכטער.

— טאָמאָר?! — האָט ער אויסגעשריִען און געבליבן שטיין אומבאוועגלעך, ווי דאָס גאנצע בלוט וואָלט אים אין קאָפּ ארײַן און ציט אים צו דער ערד. — טאָמאָר, — האָט ער איבערגעכאזערט שוין פאר זיך אליין. ער איז געשטאנען, ווי א געבונדענער, קיין קויעך ניט געהאט א ריר טאָן מיט אָן אייווער. אין דער רעגע האָט ער דערזען,

ווי זײַן געוועזענער שאָכן, בערל דער שנײַדער, וואָס ארבעט מיט אים אין איין גרופּע, איז ארויסגעלאָפן און זיך א וואָרף געטאָן טאָמאָרן צוהילף.

העכער צוואנציק יאָר האָט בערל געוואָרט אַף זײַן שיינער טאָמאָר. אמאָל, אין א בייַנהאשמאָ־שעסדיקער שאָ, פלעגט ער זיצן אינעם ווינקל הינטערן קליידער־שראנק און כאָלעמען וועגן דער גליקלעכער מינוט, ווען טאָמאָר וועט צו אים קומען און ער וועט זי איידל און צארט א גלעט טאָן איבער דער האנט. איצט ליגט זי א הוילע אין פּאָליציייִשע מאנצבלשע הענט און רופט אים צוהילף. אין דער מינוט האָט ער דער־פילט אין זיך א גרויסן קויעך. ער האָט אָנגע־כאַפּט א פּאָליצײַ פארן קאָלנער און אראָפּגעבויגן צו דער ערד. מייער מינסקער, וואָס איז געקו־מען צו־זיך, האָט א צווייטן גענומען ווארגן און שלאָגן.

מורער איז געקומען צוהילף. ער איז מיטן רעוואָלווער אין דער האנט שטיל צוגעגאנגען און אלע דרײַ — טאָמאָרן, בערלען, מייערן — איינציקווײַז געשאָסן. דערנאָך איז ער ווידער אָפּגעגאנגען אָן א זײַט.

— נו?

די דרײַ דערשאָסענע זײַנען געלעגן באם טויער. די פּאָליציי־לײַט זײַנען געשטאנען מיט אראָפּגעלאָזטע הענט.

וואָס באַטײַט דער „נו?“ וואָס פארלאנגט ער? זיי פארשטייען ניט.

— וואָס האָב איך באפוילן?

זיי האָבן זיך געכאַפּט: שמײַסן.

אינגיכן האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט די גאנ־צע געטאָ.

שיסן איז שוין פאר קיינעם קיין נײַס ניט. אזויפיל טויזנטער מענטשן זײַנען אומגעקומען. שמײַסן? וויפל יונגע מיידלעך האָט מען געשמיסן באם טויער, און מורער איז געשטאנען דערבײַ און אָנגעקוואָלן. ניט איין מאָל איז מורער געקו־מען אין דער באָד, ווען פרויען וואשן זיך, ארומ־געגאנגען, באטראכט אלעמען.

דאָס נײַס איז באשטאנען אין דעם, וואָס דרײַ געטאָ־מענטשן האָבן זיך געוואָרפן אַף פּאָליציי. צווישן זיי א פרוי, וואָס האָט זיך קעגנגעשטעלט מורערן.

ניט ווילנדיק קומט די פראגע: ווען אָט די דרײַ מידע, אויסגעהונגערטע און פארביטערטע מענטשן האָבן געוועט? וואָלטן זיי געזיגט! און עפשער האָבן זיי שוין געזיגט מיט דעם אליין, וואָס זיי האָבן אופגעהויבן א האנט קעגן דער דײַטשישער מאכט?

ניט אלע, עמעס, טראכטן אזוי. די רעבעצן האָט פארבראָכן די הענט און געזאָגט מיט א טײַנע:

— וויי איז מיר, ווי טוט מען עס אזוינס?
רער וועט דאָך ניט שווײַגן.

און שמועל־יאָשע, וואָס דרייט זיך שוין ניט אזוי ארום דעם ייִדן־ראט, ווי ארום דעם קאָ־מענדאנט גענס, האָט געוואָרנט:

— ייִדן, מע טאָר ניט. מע דארף פאָלגן. דאָס איז דער איינציקער וועג. גענס האָט געזאָגט...

איציק וויטנבערג, וואָס האָט שטארק איבער־געלעבט דעם טויט פון זײַן ברודער, פון טאָמאָרן און פון איר טאטן, האָט נאָך דעם, ווי ער האָט זיך א ביסל בארויִקט, געזאָגט צו זיך אליין: ניין, ניט אומזיסט האָט ער געוואָרט אַף טאָמאָרן. ער האָט געוואָלט וויסן איר מיינונג, פון וואָס אָנ־צוהייבן? זי איז ניט געקומען, אָבער איר מיינונג האָט זי געזאָגט: קעגנשטעלן זיך.

וואָס א טאָג ווײַטער, האָט איציק אלץ מער באנומען, אז ער האָט זי ליב, די אומגעקומענע טאָמאָר. נאָך ייִנגלווײַז איז זי אים געווען גע־פעלן. ווי זײַן ברודער, לעבט ער איצט מיט דער האָפענונג — זי וועט קומען. און ער וואַרט אַף איר. זי וועט קומען און זאָגן: „איציקל, מע טאָר ניט זיצן מיט פארלייגטע הענט. אויך אין געטאָ גייט דורך דער פראָנט“.

זי שטייט אים פאר די אויגן א לעבעדיקע, א פריילעכע, א שיינע. זי וועט קומען.

זי איז ניט געקומען. אלע טאָג דערוויסט זיך איציק וועגן אייגענע און באקאנטע, וואָס קומען אום. דער הויף אַף שניפּישעק, וואָס איז אריבער אין געטאָ, ווערט אלץ מער אײַנגעשרומפּן.

15

פאלאנגע. יאם. וואלד, זון.

אין די זומערדיקע כאדאָשים קום איך אָפּט אהער: טראכטן וועגן א נײַ ווערק, באגעגענען זיך מיט פרײַנט.

דאָ דוכט זיך אמאָל: קיין מילכאָמע איז ניט געווען, היטלער איז ניט געווען, קיין געטאָ איז ניט געווען. טאטעס און מאמעס מיט קינדער אפן פליאזש. מענטשן באיאָרטע — אין וואלד.

מיט א ווילנער דיכטער גייען מיר צום יאם. מיר שפּאצירן. שוין סאָף טאָג, נאָר די זון הענגט נאָך איבערן יאם. אפן וואסער ליגט זיך אויס א פײַערדיקער וועג צום ברעג. דער אָנגעגלי־טער קײַלעך לאָזט זיך אראָפּ אלץ נידעריקער, אָט באלד וועט ער זיך אײַנטונקען אין וואסער. און דאָס וואסער ארום איז מילכיק, און דער פײַערדיקער זון־וועג אַף די שטילע כוואליעס באם ברעג הוידעט זיך לײַכט, די זון איז שוין אפן האָריזאָנט און שוין א דריטל אין וואסער. איצט זעט זי אויס, ווי א גאָלדן איי אַף אן אומענדלעכער בלויער טאץ. ווען זי איז אַף העלפט אין וואסער, זעט זי אויס, ווי א שיף, נאָך נידעריקער — ווי א כינעזיש דעכל. די

זון איז ענדלעך אינגאנצן אראָפּגעפאַלן אין וואַ־
סער און איז אוועק צום גרונט. די לעוואָנע איז
ארויס.

מיר שפּאַצירן אפן ברעג פון רויקן יאַם. קיין
מילכאָמע איז ניט געווען. קיין היטלער איז ניט
געווען. קיין געטאָ איז ניט געווען. איז פאַרוואָס...
אינמיטן דער רויִקער וועלט נעמט מיר דער
דיכטער דערציילן...

און איך דערצייל עס איבער.

אין טעלש איז ערעוו יאָמקיפּער.

אין טעלש האָבן די דײַטשן פאַר יאָמקיפּער
אומגעבראַכט אלע מאַנצבלען. און נאָר איינעם
געלאָזט לעבן — דעם דאָקטער.

געבליבן זײַנען נאָך דערווײַל לעבן די ווײַ־
בער מיט די קינדער.

א יאָמקיפּערדיקער הימל הענגט איבער דער
שטאָט, זינט די דײַטשן זײַנען אַרײַן, — א בלײַ־
ענער הימל, וואָס אָט פאַלט ער אראָפּ אָף די
קעפּ פון די מענטשן, א הימל, וואָס דריקט, פאַר־
מעקט אלע האָפענונגען.

אָבער היינט, ערעוו יאָמקיפּער, מוז מען דאָך
צום הימל אָנקומען, כאָטש ער איז א בלײַענער,
א באַרויגעזער, א פאַרזאָרגטער און פאַרשטעלט
אלע וועגן צו גאָט.

היינט איז דאָך דער סאמע פּאַסיקער טאָג צו
בעטן און פּאָדערן: שאַאריי שאָמאַיִם פּסאַך —
עפן די טויערן פון הימל, און א סאָף זאָל נעמען
צו די צאָרעס.

לאַנגזאַם, גרוי און שווערמוטיק ציט זיך היינט
פון אינדערפרי אָן דער טאָג. די גאַסן זײַנען פול
מיט יאָמקיפּערדיקן ציטער און פּאַרכט. קעדיי
צו פאַרגיטיקן דעם הימל און זײַן באַלעבאָס,
באַמיט מען זיך צו פאַרפּאַסטן מיט האַנאָע, ווי
גאָט האָט געבאָטן, און דערנאָך גייען די פרויען
מיט די קינדער אין שול אַרײַן צו קאָלנידרע.
זיי גייען אין יאָמטעוודיקע קליידער, שטרענגע
און פאַרזאָרגטע, מיט די מאַנצבלשע מאַכזיירים
אין די הענט.

די ווײַבערשע שול איז אײַנגעהילט אין טונקל־
קײַט, עס ברענען בלויז עטלעכע גרויסע ליכט.
אלע זעצן זיך אויס אָף די ערטער און וואַרטן...
זיי וואַרטן, ווי שטענדיק, אין איימע און פּאַכעד,
אַז אונטן, אין דער שול, זאָל זיך אָנהייבן דער
יאָמקיפּער...

אונטן, אין דער מאַנצבלשער שול, לויכטן די
עלעקטרישע לאָמפּן. אין קאַסטנס זאַמד ברענען
ווײַסע און געלע נעשאָמע־ליכט. באַם אָרנקוי־
דעש, ווו דער ראָוו פלעגט דאַווענען, שטייט דער
איינציקער מאַנצבל — דער דאָקטער. פאַר איין
מענטשן איז דאָ צופיל ליכט. עס בלענדט אין די
אויגן. פון דער ליכטיקער שול שרײַט אַרויס די
פּוסטקײַט, קוקט אַרויס מיט ליידיקע בענק און
שטענדערס. די ליכטיקײַט וואַרפט אָן א שרעק,
די פּוסטקײַט — א ציטער. ער איז איינער אליין
יאָמקיפּער צו קאָלנידרע אין שול, דער איינצי־
קער ייִדישער מאַנצבל אין דער שטאָט.

— דאָקטער, זײַט מויכל... — דאָס זאָגט צו אים
דער ראָוו, וואָס איז געקומען דאַווענען. ווי שטענ־
דיק צו קאָלנידרע, איז דער ראָוו געקומען אין
א קיטל, מיט א גאַרטל אַרומגעבונדן, און א נײַער
סאַמעטענער יאַרמלקע. די לאַנגע גראָווע באָרד
איז צעקעמט.

— זײַט זיך מאַטריִעך, דאָקטער... — דער
ראָוו פאַרנעמט זײַן אָרט.

— רעבע, לעשאָנאָ טויוואָ טיכאָסיימו!

— גאַם אַטעם!

דער דאָקטער רוקט זיך א ביסל נידעריקער,
פאַרנעמט א צווייט אָרט. און ווידער נעמט אים
עמעצער אָן פאַרן אָרבל און זאָגט:

— זײַט מויכל, דאָקטער, זײַט זיך מאַטריִעך.

דער דאָקטער דערזעט זײַן שאָכן, וואָס לעבט
מיט אים אונטער איין דאַך. דער דאָזיקער שאָכן
קומט אין שול נאָר צו יאָמטויוויס, דעריקער ראָ־
שעשאָנע און יאָמקיפּער. אין דער האַנט האַלט
ער א קליין און שיין מאַכזערל.

— דאָקטער, א כסימע טויווע אײַך!

— גאַם אַטעם!

דער דאָקטער רוקט זיך ווידער א ביסל ני־
דעריקער. און אומעטום איז מיט אים די זעלבע
זאַך. עס קומען די באַלעבאַטים פון די שטעטל.
אלע אין ווײַסע קיטלען. צווישן דעם אוילעם,
וואָס ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער, ווערט
דעם דאָקטער פרייִלעכער און היימישער. ער איז
ניט אליין. ער זוכט אוף זײַן אייגענע שטאָט און
שטעלט זיך וואַרטן אָף קאָלנידרע. ער וואַרט,
ער קוקט זיך אַרום... פאַרוואָס הייבט מען ניט
אָן? ער דערזעט אָבער, אַז ער שטייט נאָך אַלץ
אָף דעם זעלבן אָרט, ווו דער ראָוו פלעגט שטיין.
די שול איז פּוסט. ליידיקע בענק און ליידיקע
שטענדערס. די גרויסע ליוסטרע, וואָס לאָזט זיך
אַראָפּ פונעם הויכן סופיט אינמיטן דער שול,
נעמט זיך לאַנגזאַם שאָקלען. אָט־אָט וועט די
ליוסטרע אַראָפּפאַלן, ווי א געהאַנגענער, וואָס
האָט זיך אַראָפּגעריסן פון דעם שטריק.

פון שרעק שרײַט אויס דער דאָקטער ניט צום
אָרנקוידעש, נאָר צו דער גרויסער ליוסטרע:

— גאָט, ווו ביסטו? ווער וועט היינט דאַווענען?
ווער וועט א גוט־יאָר אויסבעטן? איך בין
איינער...

דעמלט דערהערט דער דאָקטער טריט. עמע־
צער לאָזט זיך אראָפּ פון דער ווײַבערשער שול.
איבער די אויסגעטראָטענע, אויסגעשטשערבע־
טע טרעפּ לאָזן זיך אראָפּ די פרויען. דער דאָק־
טער ציטערט אזש אוף. יאָמקיפּער... ווײַבער אין
דער שול. און די ווײַבער מיט די מאַכזיירים אין
די הענט גייען אלע צום מיזרעך. איינע, א מיטל־
יאָריקע פרוי, וואָס ווייסט אלע מינהאָגים און

אלע טפילעס, איז צוגעגאנגען צום אָרנקוידעש, פּאנאנדערגערוקט דעם פּאָרויכעס און געעפנט די טירלעך פון אָרן. זי האָט ארויסגענומען די סייפערטוירעס און איבערגעגעבן די פרויען, וואָס זײַנען דערבײַ געשטאנען. די פרויען מיט די סייפערטוירעס אין די הענט האָבן זיך אויס־געשטעלט ארום אָרנקוידעש, און די מיטליאָריקע פרוי איז צוגעגאנגען צום אָמעד, אראָפּגעצויגן נידעריקער דאָס טיכל, פארהויבן די הענט און מיטן באוווסטן אלטן ניגן אָנגעהויבן:

— קאָל נידריי...

באלד אָבער האָט זי דערפילט, אז ניט די טפילע און אפילע ניט דער ניגן זײַנען צוגע־פאסט פארן הײַנטיקן יאָמקיפּער. ניט דאָס דארף מען בעטן, ניט אזוי דארף מען רופן, ניט דאָס זײַנען די ווערטער. און זי האָט א זאָג געטאָן מיט א לאָשן, וואָס קומט פון טיפן ווייטעק:

— גאָט, ווו ביסטו? פארוואָס שווײַגסטו? פאר־וואָס העלפסטו אונדז ניט אין דעם גרויסן אומ־גליק?

די ווײַבער און די קינדער אין דער שול האָבן מיט געוויין און געשריי איבערגעכאזערט:

— גאָט, ווו ביסטו?

און דער איינציקער מאנצבל אין דער שול האָט צוזאמען מיט זיי געוויינט און גערופן.

א גאנצע נאכט האָט גערעגנט. דער ווינט האָט געטומלט און געשראָקן. עס האָט זיך אויסגע־דוכט, אז מע קלאַפּט אין די טירן. פון אינדערפרי אָן רעגנט ווידער.

הײַנט איז יאָמקיפּער. דער הארבסטיקער פוי־לער רעגן איז אזוי ביטער און אײַנגעעסן, פונקט ווי אפן הארצן. עמעצער זאָגט אפילע:

— וואָס פאר א לעבן, אזא וועטער.

הײַנט איז יאָמקיפּער, און דעריבער געפינט מען שוין אפן רעגן א זכוס:

— גאָט וויינט אף זײַנע קינדער.

— וואָס האָט ער צו וויינען? אים טשעפּעט מען דאָך ניט...

— עס טוט אים ווי דאָס הארץ. זען אזויפיל צאָרעס און אומגליקן...

— אויב ער זעט, פארוואָס שווײַגט ער?

— קעגן געסטאפּאָ וואָס קאָן ער אופטאָן?

— דערוף איז ער דאָך א גאָט. אלץ ליגט אין זײַנע הענט. ער איז דאָך מעלעך מאלכיי האמ־לאָכים.

— ווער האָט עס אײַך געזאָגט?

א סאך פאסטן הײַנט, דאווענען פרום, בעטן א כסימע טויווע. אויב הײַנט וועט דער אייבער־שטער ניט העלפן, ניט דערהערן, ווען זשע דען? שמועל־יאָשע פאסט הײַנט. ער דאווענט. ער בעט גאָט.

דעם עמעס דארף מען זאָגן: ער איז מיט גאָט אויך ניט אופריכטיק. ער נארט אים. שמועל־יאָשע ווייסט, אז אף זיך ראטעווען דארף מען גאָר דאווענען צו געגנסן, בא אים בעטן, אים גע־פעלן, אים פּאָלגן... אזוי טוט ער טאקע, שמועל־יאָשע, ער פּאָלגט געגנסן, ער כאנפעט אים. און פונדעסטוועגן... עפּשער וועגדט זיך עפּעס פון גאָט אויך? וואָס קאָן שאטן, אז ער וועט דאווענען צו גאָט? זײַן געבעט זעט אויס, ווי ער זאָל שרײַבן א בריוו ניט באוווסט צו וועמען. דער אדרעס קאָן זײַן סײַ גאָט, סײַ געגנס. ער וועט נאָכדעם צושרײַבן.

בא דער האנט קאָן אים גאָט סײַווי ניט כאפּן. זײַנע פאלש שמייכלענדיקע אויגן מיט די שווארץ־אפּלען, וועלכע לאָזן אין זיך ניט ארײַנקוקן, גיבן גארניט אויס. דערבײַ ווייסט שמועל־יאָשע שוין פון לאנג, אז בא דער האנט כאפּט מען געוויינלעך אָן אָרנטלעכן, ווען ער מאכט דעם ערשטן טאָעס. א ליגנער און א גנאָרניק כאפּט מען ניט, ווײַל ס׳איז בא אים ניט איינמאָל אין א נאָווינע.

וועגן זיך טראכט שמועל־יאָשע, אז ער אליין איז אן אָרנטלעכער מענטש און א גינציקער סײַ צו לײַט, סײַ צו גאָט. פּאָשעט — ער האָט מאזל. וועגן דעם, אז מע פירט אף פּאָנאר און מע צעשיסט דאָרט, ווייסט ער. אָבער ער האלט זיך פאר אן אויסנאם — ער מעג עס וויסן. אנדערע דארף מען נאָר טרייסטן, ניט זאָגן דעם עמעס, אײַנריידן, אז די מענטשן, וואָס מע פירט אוועק פון דער געטאָ, פירט מען אף ארבעט. זיי לעבן.

געגנס פארלאנגט פון אים, ער זאָל טרייסטן מענטשן, בארויִקן זיי. פון שאָלעם־באַיס וועגן דערלויבט דאָך גאָט אליין זאָגן ניט דעם גאנצן עמעס.

דערבײַ האָט שמועל־יאָשע שטארק אין זינען, אז זײַן שיינע טאָכטער שלאָמיטע מיט איר קינד איז אין רוסלאנד. זיי וועלן בלײַבן גאנץ. דער איידעם? ניט דער איידעם קוקט אף אים, ניט ער קוקט אפן איידעם.

ער איז איינער. פאר אים איינעם וועט אים קלעקן סייכל און אײַנפאל אף זיך צו ראטעווען. און ביכלאל דוכט זיך אים, אז איינגאנצן זײַנען דאָ דרײַ, וואָס האָבן די ווערט צו לעבן אף דער וועלט: ער, געגנס און גאָט.

כײַע שוביך פאסט הײַנט אויך. זי איז פול מיט פאָרכטיקײַט, מיט געבעט, מיט געוויין פאר קאָל־ייסראָעל, פאר ווילנער יידן און פאר איר מיש־פּאָכע.

זי טײַנעט צו גאָט. זי רעדט זיך מיט אים דורך און דערציילט אים וועגן די גרויסע צאָרעס און אומגליקן. זי גיט זיך אָפּ אף אים א בייזער. ניט זי רעדט צו אים, נאָר זי וויל זיך קריגן.

— דו פאַרגעסט אָן אונדז. טאָרסט ניט פאר־געסן! פארוואָס קוקסטו צו און שווײַגסט? אויב ניט דו, ווער זשע וועט העלפן?

דערנאָך, אז זי האָט זיך דערמאָנט, ווי מע

זאָגט יאָמקיפּער אין דער טפילע „אונעסאנע טויקעף“: „מי יחיה ומי ימות... מי באש ומי במים“[1], האָט זי א געשריי געטאָן:

— ראַטעווע אונדז, מיר גייען אויס! מיר קומען אום, מיר זײַנען צו שפּאָט און צו שאַנד...

זי האָט געוויינט, פון גאַנצן האַרצן געוויינט, אַלע גלידער זײַנען געווען פול מיט געוויין. איר האָט זיך גענומען אויסדוכטן, אַז זי זעט גאָט, ער הערט. זי האָט זיך א רוק געטאָן צו אים, ווי זי וואָלט אים וועלן אָנכאַפּן פאַרן אַרבל, ניט אָפּלאָזן, ביז זי וועט באַקומען אַן ענטפער, א צוזאָג...

באַטאָג האָט אויפגעהערט צו רעגענען.

אין געטאָ האָבן זיך אַרײַנגעריסן דײַטשישע סאָלדאַטן מיט א געשריי און א ליאַרעם. זיי האָבן געשאָסן אין אַלע זײַטן: אין די פענצטער, אין די בוידעמס, אין די טירן. זיי האָבן פון די הײַזער אַרויסגעטריבן מענטשן אויף דער גאַס און גרופּעסווײַז אַרויסגעפירט פון דער געטאָ. צווישן די ערשטע, וועמען זיי האָבן געטריבן צום געטאָ־טויער, איז געווען כײַע שובין.

שמועל־יאָשע האָט דורך א שפּאַרונע אַרויסגעקוקט, וואָס אויף דער גאַס טוט זיך. ער האָט געזען, ווי מע פירט כײַע שובין, כיענע די זאָקנמאַכערן, יאָסל־דאָוויד און סאָרע וויטנבערג...

אים האָט אָפּגעגליקט. ער איז צופרידן.

ווען די בריגאַדעס זײַנען געקומען צוריק פון דער אַרבעט, האָבן א סך פון די מאַנצבלען ניט געפונען זייערע אייגענע: עלטערן, קינדער, פרויען.

16

„אין ווילנער געטאָ האָט מיך סאָניע מאַדייסקער געלערנט שיסן פון א רעוואָלווער“.
ווילנע, 1965.

(פון א פּריוואַטן בריוו)

ווינטער. נאַכט. א בלענדיקער שניי האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף די געסלעך פון דער ערשטער געטאָ. דורך די פענצטער, וואָס קוקן אַרײַן אין די געטאָ־געסלעך, זעט מען, ווי דער לײַכטער און ווייכער שניי, אַן אומבאַוועגלעך־רויִקער און קינדעריש־פרייִלעכער, שײַנט אונטער דער פּערל־מוטער־העלער און פולער לעוואָנע. מע זאָל א מענטשן פּלוצעם אויפוועקן פון שלאָף, וועט ער געוויס זאָגן: כאַנעקע. גוט זיך צו שליטלען, גוט אויף פּאָדרעזעס פאָרן, גוט מיט שניי־גאָמלקעס זיך וואַרפן. גוט... וועט אָבער דער שלאָף אינגאַנצן אָפּטרעטן, וועט זיך דער מענטש כאַפּן, ווו ער איז... א צולאָכעס, וועט ער זאָגן, ניט מער...

די פענצטער, וואָס קוקן אַרויס צו דער „אַריישער זײַט“, זײַנען פאַרקלאַפּט מיט ברעטער און פאַניער. דורך א שפּאַלט קאָן מען מיט איין אויג זען זאַוואַלנע. דורך א שפּאַלט גאַנוועט זיך אַרײַן פון דאָרט א לעוואָנע־שטראַל און לייגט זיך אויף אַן אויער פון א שלאָפנדיקן אויפן דיל.

די דאָזיקע ווינטער־נאַכט וועקט פון שלאָף. מע שפּאַנט אַריבער אָדער מע שפּרינגט אַריבער איבער די שלאָפנדיקע אויפן דיל און מע קוקט אַרײַן דורך א פענצטער אין דער געטאָ אָדער דורך א שפּאַלט אויסער דער געטאָ. אַרום־און־אַרום איז שטיל און רויִק. ס'איז א שאָד אַזאַ נאַכט צו פאַרשלאָפן, בעסער געניסן פון דער רויִקייט. וואָרעם וויפל דאַרף א געליטענער מענטש אויף באַקומען א ביסל האָפענונג, אויף טרוימען וועגן גוטס?

עטלעכע רויִקע שאָ אין א ליכטיקער לעוואָנע־נאַכט, ווען דער גאַנצער אַרומיקער אומגליק און טרויער זײַנען באַדעקט מיט ווײַסן זויבער פון לײַכטן און ווייכן שניי.

אין אַזאַ ליכטיקער נאַכט האָבן זיך אין לייב מירקינס פינצטערן קעלער אויף קאָמיניצקער גאַס, אונטער דער געטאָ־באָד, באַגעגנט צוויי מענטשן. אין קעלער האָט געברענט א קליין ליכטל, צוגעקלעפּט מיט כיילעוו צו א לײַסטל פון אַן אַלט פאַניער־קעסטל. ביידע זײַנען געזעסן אויף א קעסטל, וואָס איז פון ביידע זײַטן געווען אַרומגעקלאַפּט מיט פּאַסן בלעך, פון וועלכע עס האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט פאַרזשאַווערטע טשוועקעס. זיי זײַנען געזעסן פּאָרזיכטיק און געשאַרט אַרום זיך מיט די הענט, ניט צו פאַרטשעפּען זיך אָן א טשוועקל. מאַכמעס דער טונקלקײַט, וואָס האָט אַרומגערינגלט דאָס פײַערל פונעם ליכטל, מאַכמעס דעם כוישעך בא די ווענט איז שווער געווען צו דערקענען די מענטשן. מע וואָלט נאָר געקאָנט דערזען, אַז ס'איז א פרוי מיט א מאַנצבל.

אין דער פינצטערניש, ווען מע זאָל זיך צוהערן צו די צוויי שטימען, כאָטש דאָס קומט פאָר אין א קעלער, וואָס דעמפּט צו דאָס קאָל, איז ניט שווער אויפצוכאַפּן, אַז די שטים פונעם מאַנצבל איז רויִק, אַפילע טרוקן־רויִק. ס'איז א רויִקײַט, וואָס לאָזט ניט צו דעם געדאַנק נאָענט צום האַרצן, דערווײַטערט אים עטוואָס, קעדיי דער געדאַנק זאָל זײַן פּאָשעט און ניכטער, ער זאָל זײַן מאַנצבלש־קלאָר און זאָל באַטײַטן נאָר דאָס, וואָס ער באַטײַט. פאַרקערט, די פרויען־שטים איז ווייך, ליריש. עס פילט זיך, אַז בא דער פרוי איז דער געדאַנק ניט ווינציקער האַרץ, ווי קאָפּ.

דער מאַנצבל איז איציק וויטנבערג.

די פרוי — סאָניע מאַדייסקער.

הײַנט איז סאָניע אָנגעקומען אין געטאָ.

לויט איר פּאָנעם איז שווער צו דערקענען ניט

---

[1] „מי ייִכיע אומי יאָמוס... מי באָייש אומי באַמאַיִם“ — ווער זאָל לעבן און ווער זאָל שטאַרבן... ווער זאָל אומקומען אין וואַסער און ווער — אין פײַער.

נאָר, וואָס זי האָט איבערגעלעבט נעכטן, נאָר אפילע וואָס זי האָט איבערגעלעבט הײַנט. אלע אירע שווערע איבערלעבונגען פארוקט זי אין זיך אזוי ווײַט, אז זי געפינט זיי אליין ניט. זי געפינט ניט, ווײַל זי וויל ניט געפינען. לויט איר אײַנגעבאָרענער טעווע איז זי א קאָנצענטראט פון אָפּטימיזם. די, וואָס קענען זי נעענטער, ווייסן אויך, אז דאָס גרונט־געוועב פון אָט דער דרייסטער קעמפערישער נעשאָמע איז מילדע פרויִישקײַט.

אָנהייב מילכאָמע איז זי צופוס געלאָפן פון גראָדנע קיין ווילנע. די דײַטשן זײַנען קיין ווילנע געקומען פריִער פאר איר. זי איז ארײַנגעפאלן אין לוקישקער טורמע, פונוואנען מע קערט זיך זעלטן אום. זײַנען אָבער די דײַטשן געקומען פאָדערן ספעציִאליסטן, האָט זי זיך אָנגעגעבן פאר א געניטער ספעציִאליסטן אין א געוויסן פאך און איז פון טורמע געקומען אין געטאָ.

און וועמען זי האָט נאָר באגעגנט מיטן גוטן שמייכעלע אפן פּאָנעם, האָט זיך יענער געוווּנדערט: פון וועלכן קאָנצערט קומט זי אזא צופרידענע?

איר אויסזען — ווי פריִער: קאשטאנעווע האָר, פארקעמט מיט א שרונט אינמיטן און מיט צוויי דארע, קורצע צעפלעך פון הינטן, בלויע אויגן. און ווי פריִער — אומרויִקע פיס, וואָס ווילן, דוכט זיך, באלד אוועק א טאנץ.

בא סאָניע מאדייסקער איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אזא פאל, ווען זי זאָל האָבן עפּעס פארענדיקט אין לעבן און זאָל דעריבער זיך דערלויבן א געוויסע צײַט זײַן פרײַ, רוען. אלעמאָל הייבט זי ערשט אָן. אויך מיט איר קומען אין געטאָ האָט זיך דאָס לעבן ניט פארענדיקט. עס הייבט זיך אָן... מיט איר קומען אהער איז געקומען האָפענונג.

און אָט איז די ערשטע באגעגעניש פון איציק וויטנבערג מיט סאָניע מאדייסקער.

נאָך דעם, ווי איציק האָט אין דער פינצטער א שמייכל געטאָן: „עס פאסט צו זאָגן, גאָט צו דאנקען, וואָס מע זעט זיך“, האָבן ביידע געדארפט קלאָר מאכן די ערשטע און וויכטיקסטע פראגע: בא די איצטיקע באדינגונגען און איבערלעבונגען פון דער לעצטער צײַט צי זײַנען זיי פארבליבן קאָמוניסטן, ווי פריִער.

ער האָט געענטפערט:

— אָן צווייפל.

און סאָניע האָט א צופרידענע קימאט אויסגעשריִען:

— איך בין גליקלעך דאָס צו הערן. אין אזא שווערער צײַט איז ניט שווער אראָפּצוגיין פון וועג.

איציק האָט פאָרגעזעצט: צי האלט זי, אז אויך אין דער געטאָ גייט דורך דער פראָנט פון דער מילכאָמע?

— ווי דען אנדערש... אוואדע, אוואדע!

ער האָט ווידער פאָרגעזעצט:

— פון שמועסן מיט כאווירים איז קלאָר געוואָרן, אז עס זײַנען פאראן צוויי מײנונגען. אײנע: ארויספירן מענטשן צו די פארטיזאנער אין וואלד. די צווייטע: בלײַבן אין געטאָ און אָרגאניזירן דאָ דעם קאמף.

— ווי איז דײַן שטעלונג?

— אוועקגיין איצט פון דער געטאָ און לאָזן די מאסן אליין אפן באראָט פון די פאשיסטן איז פאראט! — זײַן שטים האָט ניט אויסגעהאלטן די רויִקײַט, ווי ער וואָלט זיך גענומען בייזערן אף עמעצן. — מיר, קאָמוניסטן, זײַנען פאראנטוואָרטלעך פארן פאָלק, מיר, ייִדן — קאָמוניסטן, זײַנען אין די געטאָ־באדינגונגען פאראנטוואָרטלעך פאר צענדליקער טויזנטער ייִדן, וואָס זײַנען פארמישפּעט צו אומקום. מיר דארפן זיי פירן צום ווידערשטאנד, צום קאמף. אוואדע קאָנען הונדערט מאן, צוויי הונדערט זיך דורכרײַסן צו די פארטיזאנער. דערנאָך וועט מען אונדז פארשילטן: געלאָזט אף העפקער א פאָלק און אליין אנטלאָפן. אזוי פארשטיי איך עס... איך בלײַב!

די גאנצע צײַט, וואָס וויטנבערג האָט גערעדט און זיך אף עמעצן געבייזערט, האָט סאָניע געשוויגן. אין די מינוטן איז זי געווען ניט קיין אָנטיילנעמער פון דעם געשפרעך, נאָר ניט מער ווי א צוהערערן. און ווײַל ער האָט זײַן געדאנק ניט געהאלטן איצט ווײַט פון הארצן, ווײַל עס האָט גערעדט ניט נאָר פארשטאנד, נאָר אויך געפיל, האָט עס איר שטארק צוגעטראָפן. דאָס זײַנען אירע אייגענע געדאנקען און געפילן, נאָר זי הערט עס פון א צווייטן.

— ביסט גערעכט... — געזאָגט האָט זי עס שטיל, מיט מוטערלעכער געלאסנקײַט. — און ווײַטער... וועלכע אופגאבן?

איציק האָט זיך בארויִקט. ער האָט ניט מער, אף וועמען צו זיך בארויגזן. זײַן שטים האָט ווידער אויסגעדריקט ניכטערקײַט. די ווערטער האָבן אויסגעדריקט דעם געדאנק זאכלעך און גענוי.

— מיר זײַנען קאָמוניסטן פון א ליקווידירטער פארטיי. ווער זײַנען מיר?

— דאָס נעם איך אף זיך. איך וועל זיך אין שטאָט פארבינדן מיט דער ליטווישער פארטיי־אָרגאניזאציע. ווײַטער?

— דער קאמף דארף ארומנעמען אלע שיכטן פון דער געטאָ. מיר דארפן שאפן א פארייניקטע פארטיזאנישע אָרגאניזאציע.

— דאָס נעמסטו אף זיך. — איצט האָט שוין סאָניע אָנגעפירט מיטן געשפרעך. — ווײַטער?

— געווער.

— וואָס מע וועט קאָנען באקומען אין שטאָט, נעם איך אף זיך. ווײַטער?

— ווײַטער? זאָל זײַן מיט מאַזל. זאָלסט זיך היטן...

— לויטן אויסזען נעמט מען מיך אָן פאַר א פּוילישער פּאַנענקע. פּויליש רייד איך גוט. קאָנסט זיך פאַרלאָזן... און ביכלאַל... אָן ריזיקע...

ערשט איצט האָבן זיי דערזען, אז דאָס פּײַערל אפן קנייטל האָט זיך א נייג געטאָן אין א זײַט און כיילעוו־טראָפּנס האָבן געגומען פאַלן פון דער ליכט אפן קעסטל.

זיי זײַנען ארויס פון קעלער. די געטאָ איז געשלאָפן. עפּשער האָט עמעצער געזען גוטע כאַלוימעס. די לעוואָנע איז אראָפּ נידעריקער, אָבער איז נאָך אַלץ געווען ליכטיק און פול. עס האָט אפילע זיך געקאָנט דוכטן, אז זי וועט באַלד זיך אראָפּלאָזן אף א פאַרשנייטן דאַך אין איינעם פון די געטאָ־געסלעך.

ביידע, איציק און סאָניע, האָבן נײַגעריק אָנגעקוקט די לעוואָנע פון ווילנער געטאָ. זיי האָבן געשוויגן.

לייווי זאקהיים שלאָפט אויך ניט. ער איז הונגעריק. ער איז שטענדיק הונגעריק. אַלעמאָל האָט ער זײַן מיטל, ווי אײַנצושלאָפן, ריכטיקער, ווי זיך אײַנוויגן און אײַנשלעפערן. ער פאַרמאַכט די אויגן און מאָלט זיך אויס דײַטלעך און געוואָגנט. ני, מיט פאַרב און רייעך, ווי ער באַגעגנט ערגעץ אין א ווילנער הינטערגעסל מורערן. ער דערקענט אים טייקעף, כאָטש מורער גייט אָנגעטאָן אין טראַנטעס, זײַן פּאָנעם איז שוין א יאָר צײַט ניט געוואַשן, ער טראָגט א טאָרבע און בעט נעדאָווועס. לייווי טרעט פון אים ניט אָפּ, ער וויל אים פאַרשלעפּן אין א ווינקל און גוט אָנביי־קערן די ביינער. דרייט זיך יענער אַלץ ארויס. יאָגנדיק זיך נאָך מורערן, שלאָפט ער סאָפּקאָל־סאָף אײַן. אָבער הײַנט, אין אזא שיינער ווינטער־נאכט, שלאָפט זיך ניט. ער האָט שוין מורערן געפּאַטשט, געשלאָגן... און אײַנשלאָפן קאָן ער ניט. שטייט ער באַם פענצטער און קוקט ארויס אין דרויסן. מיט דער האַנט האַלט ער אונטער דאָס הארץ, עס זאָל אזוי ניט נאָגן אונטערן לעפּעלע. און אזוי שטייענדיק באַם פענצטער, דערהערט ער, ווי עמעצער פון די שלאָפנדיקע גיט א זאָג:

— צימעס...

— צימעס? ווער עסט עס אין שלאָף צימעס? — פרעגט לייווי זאקהיים.

— איך, — ענטפערט אורעמל מילין, — איך קאָן ניט אײַנשלאָפן. איך עס, קלוימערשט, צימעס, שלינג שפּײַעכץ און וויל שטילן דעם הונגער.

— פאַרוואָס עפּעס צימעס?

— דעם קוגל האָב איך שוין אופגעגעסן. איצט בין איך דערגאַנגען צום צימעס.

— א מערן־צימעס צי א פלוימען־צימעס?

— וואָס איז די נאַפקעמינע? — ענטפערט יענער. — אבי עסן.

— „אבי עסן“! און פילן א טאַם? און האָבן האַנאָע? א מערן־צימעס האָט נאָר זיסקײַט, א פלוימען־צימעס האָט זיסקײַט און זויערקײַט. איך האָב ליב די קערלעך פון די פלוימען.

— איך האָב ליב די פלוימען גופע. איך וואָלט געגעסן צימעס מיט ברויט.

— כילעל־האַשעם. צימעס מיט ברויט... פע! צימעס מיט ברויט? זעט איר, א שטיקל ברויט אָן צימעס... דאָס איז שוין גאָר אָן אנדער זאַך. ניט דאַפקע קיין פריש ברויט און ניט קיין סאַך ברויט. א סקאָרינקע מיט שפּײַעכץ... ווער רעדט נאָך מיט א גרויפּעלע זאַלץ אף דער צונג.

— יידן, — רופט זיך אָפּ א שטים פון ווינקל, — לאָזט שלאָפן. אָדער גיט מיר אויך א כײַלעק צימעס... איך שטאַרב עסן.

לייווי שטעלט זיך ווידער באַם פענצטער. ריידן וועגן עסן מיט עמעצן אנדערש טאָר מען ניט. אָבער מיט זיך אַליין מעג ער דאָך. אמאָל פלעגט ער, ווי א ליבהאָבער, ארויסטרעטן פאַרלייענען שאָלעם־אַלייכעמען. איצט לייענט ער פאַר זיך אַליין „מילכיקס“. ער לייענט שטיל, אין שויב אריין. נאָר הונגער האָט שוין אזא טעווע: א טויבער דערהערט, וואָס א שטומער דערציילט... מע הערט אים.

„א כאָכעם, הערט איר, איז געווען דער, וואָס האָט אײַנגעפירט א מינהעג, אז שוועס אינדערפרי זאָל מען עסן מילכיקס. וואָרעם, לאָמיר זיך ניט נאַרן, וואָס קאָן זײַן בעסער, און פרישער, און זיסער, און געשמאַקער, און וועלוועלער פון מילכיקס? —

פון מילך אָבער האָט איר קאַשע מיט מילך, לאָקשן מיט מילך, רײַז מיט מילך, און טייגלעך מיט מילך, און באָלאַבעשקעס מיט מילך, און פאַרפל מיט מילך, און גלאַט מילך; הײַנט די מײַכאָלים פון קעז און פּוטער האָבן דען א שיר? בארעכנט נאָר: קרעפּלעך, און וואַרעניקעס, און וואַרניטשקעס, און א קוגל, און א מאַהינע, און א טייגעכץ, און קנישעס, און מנישקעס, און בלינצעס, און צאָרעס־קניידלעך, און קאַשניקעס, און ווערטליקעס, און ווערטוטן. און וויפל איז פאַראַן מײַכאָלים, וואָס מע קאָן זיי ניט אָנגעדענקען! לעמאָשל: קאָרזש מיט קעז, מאַסליטשקענע קאַשע, און פיש געפּרעגלטע אף פּוטער, און א באָרשטש א מילכיקער, און ריאַזשענקע, און מאַסלינקע — אַלץ אזעלכע פּאַטראַוועס, וואָס קיינער זאָגט זיך פון דעם ניט אָפּ, סײַדן שוין נאָר אָן אָפּגעריסענער נאַר, וואָס מע באַדאַרף אים געבן קײַען שטרוי...“

— לערער זאקהיים, מאַטערט אונדז ניט. אײַנגיכן דאַרף מען שוין אופשטיין צו דער ארבעט.

און איר לאָזט ניט שלאָפֿן, רייצט דעם אַפּע־
טיט...

אין דער רעגע דערהערט מען, ווי ערגעץ ניט ווײַט רײַסט זיך אויף א באָמבע. דערנאָך א צווייטע.

מע באשיסט די געטאָ!

אין איין קעהערעף־אין זײַנען אַלע אָף די פֿיס. די גאנצע געטאָ איז אופגעשפרונגען פון שלאָף און געוואָרן וואך.

— ווער שיסט?

— אעראָפּלאנען באשיסן די געטאָ.

— מע וועט אונדז אַלעמען אומברענגען.

עס איז געוואָרן א געוויין פון קינדער, א קרעכצערײַ פון עלטערע. מע איז געלאָפן צו די פֿענצטער, צו די טירן. צי קאָן מען זיך ניט ערגעץ אויסבאהאַלטן? וואָס קאָן עס העלפן, אז מע פֿאַרוואַרפט די געטאָ מיט באָמבעס?

— שטיל! — האָט אויסגעשריִען לייווי זאַקהיים. — שרײַט ניט. דאָס באָמבאַרדירן דאָך די שטאָט סאָוועטישע אעראָפּלאנען. גאָט צו דאַנקען!

אַלע זײַנען צוגעפאלן צו די אינווייניקסטע פֿענצטער און צו די שפאַלטן פון די אויסווייניקסטע. פונקט, ווי מיט א מינוט צוריק האָט מען געציטערט פאַר שרעק, אזוי האָט מען איצט געציטערט פאַר פֿרייד.

— סאָוועטישע, סאָוועטישע...

— אונדזערע, אונדזערע... — שרײַט אויס לעווין־ליאָווין, און ער בעט זיך:

— נאָך א באָמבע.

און טאַקע באַלד דערהערט זיך אַן אופרײַס.

— נאָך, נאָך... — בעט א צווייטער.

און ווידער אַן אופרײַס פון א באָמבע.

— אזוי, אזוי... — זאָגט לייווי זאַקהיים, — דערלאַנגט זיי, די פאשיסטן, צינדט זיי, ברענט זיי...

עס איז געוואָרן שטיל. און ווײַל ס'איז געוואָרן שטיל, האָט זיך געדוכט, אז אַלץ שטאַרבט אָפּ. עס איז גאָר קיין לעבן ניטאָ אָף דער וועלט.

— שוין אַלץ?

— א שאָד, א שאָד!

מיט די פֿאַלנדיקע באָמבעס האָט מען זיך געפֿילט זיכערער און היימישער. מע איז באַשיצט. און עס טויכט אויף א האָפֿענונג: דאָס קומען אונדזערע באפרײַער. ס'איז אָבער שטיל. אַלע טרעטן אָפּ פון די פֿענצטער. אָפּן האַרצן איז ניט פרײַלעך. ווידער איז מען אין געטאָ. אינגיכן אָבער דערהערט מען — עס רײַסן זיך באָמבעס. אעראָפּלאנען זײַנען נאָכאַמאָל דאָ. די שׂימחה איז געוואָרן אזוי גרויס, אז לייווי זאַקהיים מיט לעווין־ליאָווין האָבן זיך געלאָזט טאַנצן.

און דערנאָך, אז עס איז אײַנגאַנצן שטיל געוואָרן, זײַנען אַלע ווידער געווען אומגליקלעך און צעבראָכן. ווידער געטאָ. אין דער דירע, ווו עס וווינט די לערערקע העניע, האָט מען פון גרויס פרייד, וואָס סאָוועטישע אעראָפּלאנען באָמבאַרדירן, אופגעעפֿנט די פֿענצטער און ארויסגעקוקט צום הימל.

די געטאָ־פּאָליצײַען מיטן קאָמענדאַנט יאַנקעוו גענס בעראָש זײַנען ארומגעלאָפן, ווי פאַרסאַמטע מײַז, ווי פײַערלעשער אָף א סרייפֿע, וואָס לאָזט זיך ניט לעשן. זיי האָבן אכטונג געגעבן, אז קיינער זאָל, כאַס־וושאָלעם, ניט ארויסגיין פון שטוב, ניט ארויסקוקן פון א פֿענצטער. ווען זיי האָבן דערזען, ווי כאַיִם דעם שוסטערס מיט יאַשע שובינען קוקן דורכן אָפּענעם פֿענצטער צום הימל, רוקן ארויס די קעפּ און זוכן די אעראָפּלאנען, האָבן זיי גענומען שרײַען, דראָען, פֿאָדערן, אז מע זאָל פֿאַרמאַכן די פֿענצטער. די לערערקע העניע איז צוגעלאָפן, א קוק געטאָן, וואָס אָפּן הימל טוט זיך, און צוגעמאַכט דאָס פֿענצטער.

— וויבאַלד אונדזערע באָמבאַרדירן דעם סוינע, — האָט זי געזאָגט, — איז א סימען, אז מע נעמט זיך אָן מיט קויעך. מירן נאָך גיין אָף היטלערס לעוויַע.

די מאָגענדאָוויטשעס האָבן נאָך יעדער באָמבע איבערגעכאַזערט זייערס.

זי:

— עס קאָפּעט גאָלד.

ער:

— גינגאָלד.

פון אָנהייב האָט אוראָם דער שוסטער פון גרויס אומדערוואַרטקײַט רײדן ניט געקאָנט. אז ער איז געקומען צו־זיך, האָט ער געזאָגט צו דער לערערקע העניע:

— נאָך אזעלכע געסט וועט מען דאָך געוויס ניט זיצן מיט פֿאַרלייגטע הענט. פֿאַרגעסט ניט אָן מיר. איר מעגט זיך אָף מיר פֿאַרלאָזן, העניע.

אז עס האָט גענומען טאָגן, איז אין געטאָ געוואָרן אָן אָנגעלאָף: דײַטשישע אָפֿיצערן, געסטאַפּאָווצעס.

יידן, לאָזט זיך אויס, זײַנען שולדיק אין דעם, וואָס סאָוועטישע אעראָפּלאנען האָבן באָמבאַרדירט.

דערויף האָט זיך קיינער ניט געריכט. יידן פון דער פֿאַרשפּאַרטער געטאָ זײַנען שולדיק?

לייווי זאַקהיים האָט אָף דעם געענטפֿערט:

— ווען זײַנען יידן ניט שולדיק? באַזונדערס, ווען עמעצן גייט מיט דער פוטער אראָפּ.

פּאָליציי האָט גענומען כאַפּן, שלעפּן פון די גאַסן, פון די הײַזער מאַנצבילן און פֿרויען, געזעצט אָף מאַשינעס און אוועקגעפֿירט אַהין, פונוואַנען מע איז צוריק ניט געקומען.

באַזונדערס האָט די פּאָליציי געווילדעוועט אין דעם הויז, ווו מע האָט באַנאַכט געעפֿנט א פֿענ־

צטער. אָבער דאָ האָבן די מאַנצבלען ניט גע־
פאָלגט, ניט געוואָלט גיין, זיך קעגנגעשטעלט.

— מיר גייען אין ערגעץ ניט. קומט אין קע־
לער! — האָבן כאָים און יאשע אויסגעשריען.
און א מאַן צען־צוועלף האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט
איבער די הילצערנע טרעפּלעך אין פאַרדומפּע־
נעם קעלער אַריַין.

פּאָליציי האָט באַפוילן אַרויסגיין. קיינער האָט
זיי ניט געפאָלגט. דעמלט האָבן פּאָליציי־לייַט
מיט העק און שטעקנס זיך אַראָפּגעלאָזט אין
קעלער. עס איז געוואָרן א געשלעג אַף טויט
און אַף לעבן. מיט צעדראַפּעטע און צעבלו־
טיקטע פּענעמער האָבן זיך די פּאָליציי־לייַט גע־
מוזט אָפּטראָגן און זייַנען געלאָפן רופן די באַ־
וואָפנטע פּאָליציי, וואָס שטייט אַף דער דרויסנ־
דיקער זייַט פון דער געטאָ. יענע זייַנען געקומען
און האָבן געשאָסן אין קעלער. עס האָט אָבער
ניט געהאָלפן. זיי האָבן געמוזט מיט זייערע
ביקסן און מעסערס זיך אַראָפּלאָזן אין קעלער
אַריַין. דאָ איז ווידער פאָרגעקומען א געשלעג
צווישן די באַוואָפנטע פּאָליציַיען און אומבאַ־
וואָפנטע געטאָ־מענטשן. איינע מיט מעסערס און
ביקסן, די צווייטע — מיט הוילע הענט. די צען־
צוועלף מענטשן זייַנען אַלע ביז איינעם אומגע־
קומען. אָבער אויך די פּאָליציַיען זייַנען געוועזן
צענעריקט, די שינעלן אַף זיי צעריסן.

באַ איינציקע אין דער געטאָ האָט עס אַרויסגע־
רופן שרעק, באַ אַנדערע — אַנציקונג.

שמואל־יאָשע, וואָס איז איצט א גאַנצער בעל־
באָים באַם קאָמענדאַנט, האָט מיט זייער אַן
ערנסט פּאָנעם געטייַנעט:

— גענס האָט געוואָרנט: ניט קעגנשטעלן זיך,
ניט אַרויסרופן קיין כשאַד, פאָלגן, נאָכגעבן, מיר
זייַנען דאָך אין זייערע הענט. גענס איז גערעכט,
איר הערט, יידן...

אויסגעהערט זייַנע רייד, האָט איינער א שפּיַי
געטאָן און איז אוועק וויַיטער, דערנאָך זיך אומ־
געקערט און געזאָגט:

— פּאַרעטער.

17

היימשטאָט!

אין מיַין בלוט, אין מיַין לייַב־און־לעבן איז
איַינגעזאַפּט די ליבע צו דיר. וואָס וויַיטער פון
דיר, היים, אַלץ שענער האָסטו אויסגעזען, ווען
דו ביסט מיר געקומען צו כאָלעם. די זון אַף
דיַינע געסלעך איז געווען גאָלדענער, ווי אומעט־
טום, דאָס וואַסער אין דיַין טיַיך פרישער און
וויַיכער, ווי אין אַלע טייַכן און יאַמען. דיַינע
קוואַלן און קרעמעצעס האָבן געטרוישט מיטן גע־
זאַנג פון מיַין יוגנט. דער שטויב פון דיַינע גאַסן
איז געווען אַנגענעם, דער רויך פון דיַינע קוי־
מענס איז געווען ליב, דיַינע סעדער און גער־
טענער — איַינגעבאַקן אין האַרצן. דיַינע מייד־
לעך — די שענסטע, דיַינע באָכורים — די
בעסטע. מיַין היים, מיַין היימשטאָט, ביסט מיר
ליב, ווי די ערשטע ליבע.

ווילנע. ווינטער. אָוונט־דעמערונג. א לייַכט
שנייעלע פאַלט. פון דער אָסטראָבראַמע צו דער
ברייטער גאַס גייט א פוילישע פאַנענקע און
ציילעמט זיך פרום. זי גייט לאַנגזאַם, סטאַטע־
טשנע. לויט איר געלאַסענעם טראָט און רויִקן
בליק איז צו זען, אַז דאָס מיידל איז גוט דער־
צויגן, א גאָטספאָרכטיקע, פרומע קאַטאָליקערן,
וואָס גייט געוויס פון קאָסטיאָל, ווו זי האָט גע־
בעטן צו גאָט און צו זיַין מוטער.

דאָס יונגע פוילישע מיידל מיט די פינקלענ־
דיקע שנייעלעך אַפן היטעלע און אַפן מאַנטל
קאָן פון אינדערפרי אָן ניט פּאָטער ווערן פון
עטלעכע שורעס, וואָס האָבן זיך הייַנט אין איר
איַינגעגעסן:

גייסט אַרויס:
סאַרא הייליקער באַגינען!
ראָז און ראָז און מער ניט ראָז
סייַ די שוואַרצערד, סייַ דאָס גראָז...

פאַר סאָניע מאַדייסקער, וואָס איז אין ווילנע
געבאָרן, אויסגעוואַקסן, געשפּילט אין צייכנס,
געציילט קליינערהייט אירע כאַווערטעס מיט
„מאַדמואַזעל אווו זאַווע...״, געלערנט אין סאָפּיע
מאַרקאָוונעס גימנאַזיע, דעקלאַמירט אַף אָוונטן
קולבאַקס לידער, — פאַר איר איז איצט די
שטאָט ווילנע פרעמד. ניט נאָר פרעמד, נאָר
געפערלעך. פאַר יעדן אומפאָרזיכטיקן טראָט קאָן
זי באַצאָלן מיטן לעבן. וויפל לעבנס האָט זי?
סאָניע דאַרף אוועקגיין וואָס וויַיטער פון זיך
אַליין, זי איז א פוילישע. זי הייסט קאַטאַזשינאַ
ראָמאַנאָווסקאַ. זי איז א פרומע קאַטאָליטשקע,
אַף איר האַלדז הענגט א קייטעלע מיט א צייַ־
לעמל. די פוילישע שפּראַך באַהערשט זי גוט.
עס קומען איר צוניץ אירע איַינגעבוירענע
אַרטיסטישע פייִקייַטן.

שוין עטלעכע טעג שפּאַצירט זי אַזוי אַרום
איבער די ווילנער גאַסן און געסלעך. וועמען
זוכט זי? וועמען וויל זי געפינען?

אַך, ווען איר גליקט אָפּ און זי קאָן ערגעץ
באַגעגענען אָדער כאָטש זיך דערוויסן, ווו מע
קאָן געפינען דעם אַלטן פוילישן אַרבעטער, וואָס
באַ אים איז געווען די יאַווקע. עטלעכע מאָל איז
איר פריִער אויסגעקומען מיט אים זיך טרעפן.
אָבער זיַין פּאָנעם האָט זי ניט געזען, ניט פאַר־
געדענקט. ער האָט געטראָגן אַזאַ היטל מיט אַזאַ
דאַשעק, אַז אי דו זעסט דעם מענטשן, אי דו
זעסט אים אינדערעמעסן ניט. ער האָט אָבער
יעדן פאַרגעדענקט פונעם ערשטן מאָל אָן. ווען
זי קאָן זיך מיט אים באַגעגענען, וואָלט דער
וועג פאַר איר געווען אָפן. אָבער קיין האָפענונג

אף דעם האָט זי ניט. אלץ האָט זיך געענדערט. זוכט זי אנדערע באקאנטע פֿון דער אונטערערד. אין גראָדנער טורמע האָט זי זיך באפֿרײַנדעט מיט א פוילישער כאווערטע פֿון ווילנע. גערופֿן האָט מען זי מארישע. טאקע אין טורמע האָט איר מארישע דערציילט, ווו זי וווינט אין ווילנע: אינעם געסל, ווו אדאם מיצקעוויטש האָט אמאָל געלעבט, קימאט א הויף קעגן א הויף. סאָניען איז באקאנט דאָס שמאָלע געסל, די פֿארצײַטיק־שווערע הײַזער, געדעקטע מיט ברוינע דאכלקעס, די טונקעלע הויפֿן מיט פֿארמאכטע טויערן און שמאָלע קאליטקעס. זי האָט דאָס געסל עטלעכע מאָל דורכגעשפאנט פֿון אָנהייב ביזן סאָף און צוריק, ארײַנגעקוקט אינעם הויף אנטקעגן מיצקעוויטשעס הויז און קיין לעבעדיקן נעפעש דאָרט ניט באמערקט. דעמלט האָט זי זיך געלאָזט גיין צום קאָסטיאָל פֿון דער הייליקער אנע. דערבײַ האָט סאָניע אין זינען, אז זי דארף ניט אזוי ארויסווײַזן, וואָס פֿאר אן אײַנדרוק עס מאכט אף איר די שיינקײַט פֿון דעם קאָסטיאָל. זי גייט דאָך ניט קוקן טעאטער, נאָר מיספאלעל זײַן צו גאָט.

פֿון דער יוגנט אָן איז איר געפֿעלן די לײַכטע, שיינע געבײַדע, וואָס איז אינווייניק אָנגעפֿילט מיט אזויפֿיל לופֿט, אז עס דוכט, זי קאָן זיך יעדע רעגע אופֿהייבן מיט אירע גלײַכע גאָטישע ליניעס צום הימל. סאָניע ווייסט, וואָס נאפאָלעאָן האָט געזאָגט וועגן דער הייליקער אנע, ווען ער איז ארײַן אין ווילנע: אז ער וואָלט זי גענומען אף דער דלאָניע און אָפגעטראָגן קיין פאריזש. סאָניע לאָזט אראָפ די אויגן צו דער ערד, ווי עס טוען מאָנאשקעס. מיט אן אראָפגעלאָזטן קאָפ קומט זי ארײַן אין קאָסטיאָל. וואָס און ווי צו ריידן מיט גאָט, ווייסט זי שוין. צוריקגייענדיק, לאָזט זי זיך ווידער צום שמאָלן געסל, ווו עס האָט מיט א סאך יאָרן צוריק געלעבט אדאם מיצקעוויטש. צוזאמען מיט איר גייט ארויס פֿון קאָסטיאָל אן עלטערע פרוי אין ברילן, וואָס גייט אויך צום זעלבן געסל.

סאָניע טוט אזוי ווי פֿארבײַגייענדיק א פֿרעג בא אָט דער פרוי, צי קען זי ניט צופֿעליק א פאנענקע מיטן נאָמען מארישע, וואָס האָט אין אָט יענעם הויף געוווינט. זי מאָלט דערבײַ אויס מארישען.

— איר האָט שוין אויך וועגן איר געהערט?.. יאָ, זי האָט טאקע דאָ געוווינט... אנטלאָפֿן. א נארישע צי א דרייסטע, דײַטשן זוכן זי. זאָל די פאנענקע בעסער אף איר זיך ניט נאָכפֿרעגן. — די פרוי גייט שנעל אוועק.

סאָניע שפאנט ווײַטער. מארישען האָט זי ניט געפֿונען, אָבער א גרוס האָט זי באקומען א גוטן. די אונטערערדישע באוועגונג איז ניט אָפגעשטאָרבן. פֿאראן כאוויירים, זי ווייסט ניט וויפֿל, אָבער פֿאראן. זי וועט זוכן. זי וועט געפֿינען. זי געדענקט אן אדרעס פֿון נאָך א כאווערטע, פֿון א ווײַסרוסיש מיידל מיטן נאָמען פֿעדאָרע. ביידע, סאָניען און פֿעדאָרען, האָט מען אין 1939 פֿארמישפעט צום טויט, און ביידע האָט געראטעוועט די רויטע ארמיי. פֿעדאָרע האָט געוווינט אף אנטאָקאָל. און דער סימען איז אויך א קאָסטיאָל — פיאָטער און פאוועל.

פֿעדאָרעס נאָמען רופֿט ארויס בא סאָניען דערמאָנונגען. 1939. הארבסט. צי דער הארבסט איז טאקע געווען אינדערעמעסן אזא שיינער, צי האָט טאקע די זון געשײַנט אין די גאָלדענע בלעטער אזוי, אז עס האָט זיך געדוכט, די ביימער האָבן גענומען אפסנײַ בליִען? קאָן זײַן, אז דאָס אלץ איז גאָר ניט געווען, נאָר אפֿן הארצן איז געווען זון און פֿרילינג. די רויטע ארמיי דערנעענטערט זיך צו גראָדנע, ווו סאָניע זיצט דאָס פֿערטע יאָר אין טפיסע. בא סאָניען טאנצן די פֿיס אליין פֿון זיך. די רויטע ארמיי גרײַפֿט אָן. ארטילעריע דונערט. אין דער גראָדנער טורמע טרייסלען זיך די שויבן. סאָניע זינגט, סאָניע טאנצט. זי פֿרייט זיך, זי נעמט ארום אירע כאווערטעס. אינמיטן טאנצן בלײַבט זי פלוצעם שטיין, הערט זיך אײַן. איר אויער כאפט שטענדיק אוף, וואָס ארום טוט זיך.

— די וואך איז, דוכט זיך, אנטלאָפֿן, מיר זײַנען אליין...

און באלד דערהערט מען טאקע, ווי אין די מאנצבלשע קאמערעס עפֿנט מען די טירן. אָט עפֿענען זיך אויך די פֿרויען־קאמערעס, און מיט א געשריי „הורא“ לויפֿן אלע צוזאמען ארויס אין הויף ברעכן דעם טויער.

צי קאָן עמעצער, וואָס האָט עס אליין ניט פֿארזוכט, פֿארשטיין און פֿילן דעם טאם פֿון אליין עפֿענען די טורמע־קאמערעס, פֿון אופֿברעכן, אופֿפֿראלן דעם טויער, הינטער וועלכן מע האָט אזויפֿיל יאָרן געהאלטן מענטשן פֿארשפארט. איין טויער, דוכט זיך, איז ווינציק. מע קאָן איצט די וועלט איבערקערן. און די סאָוועטישע ארטילעריע גיט אלץ צו וויסן, אז די רויטע ארמיי גייט, קומט, דערנעענטערט זיך...

סאָניע מיט פֿעדאָרען, ביידע ווילנערקעס, לאָזן זיך קיין ווילנע. אָבער קורץ איז זייער וועג. פוילישע אָפֿיצערן פֿארהאלטן זיי, און מע פֿארמישפעט זיי צום טויט. ווידער ברענגט מען זיי אין טורמע, אין דער זעלבער גראָדנער טורמע. מע זעצט זיי ארײַן אין איינצל־קאמערעס, אין טויט־קאמערעס.

סאָניע ווארט אפֿן טויט און גלייבט ניט אין אים. שטארבן? זי, סאָניע, שטארבן? עס קאָן ניט זײַן. עס לייגט זיך ניט אפֿן סייכל. דאָס הארץ איז קעגן. איר לעבנסלוסט און האָפֿערדיקײַט, איר פֿרוייִשקײַט גלייבט ניט. ווי קאָן עס זײַן: ניט לעבן? די נאכט גייט זי ארום איבער דער קאמערע הין־און־צוריק. זי דערמאָנט זיך די

שול־יאָרן. אַלע ייִנגלעך זײַנען אין איר געווען פֿאַרליבט. און זי אין זיי... אַלע האָבן איר פֿאָרויסגעזאָגט, אַז זי וועט זײַן אַ באַרימטע אַרטיסטן. אויף די אָוונטן פֿלעגט זי דעקלאַמירן:

און טרעפֿסטו אַ פֿויער אַן אַלטינקן ערגעץ,
באַקלאָגסטו זיך אים אויף דעם מאַזל פֿון
מענטשן:
טשי טשויעש, מאַנילאַ, זיי עסן קעסיידער,
און מיר — איך און דו — דאַרפֿן בענטשן...

...און אַז עס קומט אָן דער האַרבסטיקער פֿאַרנעפּלטער פֿאַרטאָג, הערט זיך סאָניע אײַן אין דער שטילקײַט פֿון טורמע־קאָרידאָר, צי הערט מען ניט קיין טריט, צי גייט מען ניט צונעמען בא איר דאָס לעבן... צי דען קאָן עס זײַן? און אויב יאָ, אויב עס וועט געשען, וואָס איז נאָכן לעבן? גאָרניט... שוואַרץ און פּוסט. עפּשער קאָן מען צוריק קומען? ווען מע קאָן, וואָלט זי געוויס געקומען! און דער וועלט אַפּצולאָכעס, באַזונדערס דעם טויט אַפּצולאָכעס, כאַזערט זי די שורעס:

גייסט אַרויס:
סאַראַ הייליקער באַגינען!
ראָז און ראָז און מער נישט ראָז
סײַ די שוואַרצערד, סײַ דאָס גראָז...

...און פּלוצעם... אַ בראַזגערײַ פֿון אײַזן... אויפֿן הויף פֿון דער טורמע איז אַרײַן אַ סאָוועטישער טאַנק.

— ברידער און שוועסטער, איר זײַט פֿרײַ!

פֿעדאָרע איז אַוועק קיין ווילנע. סאָניע איז געבליבן אין גראָדנע און געוואָרן אַ סטודענטן פֿון פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט.

איצט זוכט זי פֿעדאָרען אין ווילנע. און אויך איצט, אין טעג פֿון געפֿאַר און אומגליק, וויל סאָניע ניט פֿאַרלירן די האָפֿענונג. זי וויל ניט און קאָן ניט.

זי קומט אַרײַן אויך אין דער געדיכטעניש פֿון די געוועזענע ייִדישע גאַסן און געסלעך. זי קומט אַרײַן און פֿאַרגעסט אויף אַ ווײַלע, ווער זי איז איצט. זי איז שוין ניט קיין פּוילישע פּאַנענקע מיט אַ ציילעמל אויפֿן האַלדז. זי איז ווידער סאָניע מאַדייסקער. די ייִדישע שכיינים לויפֿן איר אַנטקעגן. דער טאַטע מיט דער מאַמען קומען אָן, די שוועסטער. און עס האָט שוין איינמאָל אַפֿילע געטראָפֿן, ווען זי האָט אין אַ פֿאַרשנייטן ווינטער־אָוונט דערזען אין אַ פֿענצטער אַ ליכטל אויפֿן אושאַק, און ס'האָט איר אין האַרצן אַ זעץ געטאָן מיט אומגעריכטקײַט: כאַנעקע! זי איז גרייט צו לויפֿן אַהיים, די שוועסטער וועלן אַלע לאַטקעס אופֿעסן. און צוזאַמען מיט דעם קומט איר פֿאַר די אויגן דער ערשטער כאַנעקע־יאָמטעוו אין דעם ערשטן קלאַס פֿון סאָפֿיע מאַרקאָוונעס גימנאַזיע. סאָניע האָט געזונגען „כאַנעקע, כאַנעקע, אַ יאָמטעוו אַ שיינער...“ זי האָט געטאַנצט. זי איז געווען גליקלעך.

דאָס דויערט אָבער ניט לאַנג. זי קומט צו זיך. זי איז אויף גרויס־סטעפּן־גאַס, זי גייט אַרויף אויף קליין־סטעפּן־גאַס, דורך זאַוואַלנע לאָזט זי זיך צו נאָוואָגראָד... גאָר ניט די זעלבע גאַסן, וואָס אַמאָל. ייִדישע גאַסן אָן אַ ייִדיש וואָרט. אויף דער „פֿאַרשיווער רעמיזע“ הערט מען ניט דאָס פֿאַרהאָרעוועטע פּעטע און שאַרפֿע פֿורמאַניש־טרעגערישע לאָשן. אויפֿן האָלץ־מאַרק רופֿט מען ניט קיין קוינים. די אַלטע אויבס־הענדלערקעס מיט די פֿײַערטעפּ אונטער זיך שרײַען מער ניט, אַז זייערע געפּראָרענע עפּל זײַנען „פֿלעשער ווײַן“. די שוסטער־ און שנײַדער־וואַרשטאַטן זײַנען פֿאַרמאַכט, און די אַלטע שילדן מיט אָנגעמאָלטע שטיוול און שער־און־נאָדל הענגען פֿאַריאָסעמט.

סאָניען ווערט אומהיימלעך און ניט גוט. דער אומגליק גייט איר אַנטקעגן. זי אַנטלויפֿט, זי וויל זיך ראַטעווען. און ווידער ווערט זי קאַטאַזשינאַ ראָמאַנאָווסקאַ. אַ סטאַטעטשנע פּוילישע פּאַנענקע, אַ פֿרומע קאַטאָליקערן. זי גייט רויִק און שטעלט געלאַסענע טריט. איר איז גוט, זי האָט אַ גאָט.

זי וויל גאָר ניט טראַכטן וועגן געפֿאַר, ווען זי באַגעגנט דײַטשן אויף דער גאַס. זי וויל ניט דערלאָזן דעם געדאַנק, ווען מע קוקט אויף איר פֿאַרדעכטיק, אַז מע וועט זי דערקענען, אַז מע ווייסט, ווער זי איז און וואָס זי איז. זי טאָר אַליין ניט צווייפֿלען און קיינער טאָר ניט צווייפֿלען אין דעם, אַז זי איז קאַטאַזשינאַ ראָמאַנאָווסקאַ.

און איינמאָל, אַרויסגייענדיק פֿונעם רײַך־באַפּוצטן און העל־באַלויכטענעם קאָסטיאָל פֿון פּיאָטער און פּאַוועל, באַגעגנט זי אויף אַנטאָקאָל מאַרישען.ביידע וווּנדערן זיך (באַזונדערס — מאַרישע), קוקן זיך אָן און פֿאַרשטייען איינע די אַנדערע.

דער ערשטער אופֿרוף פֿון דער פֿאַראייניקטער פּאַרטיזאַנישער אָרגאַניזאַציע:

„לאָמיר ניט גיין ווי שאָף צו דער שכיטע!

ייִדישע יוגנט, גלייב ניט די פֿאַרפֿירער. פֿון די אַכציק טויזנט ייִדן אין ירושלים דליטע איז געבליבן נאָר צוואַנציק. פֿאַר אונדזערע אויגן האָט מען אַוועקגעריסן די עלטערן, ברידער און שוועסטער. ווו זײַנען די הונדערטער מענער, געכאַפּטע אויף אַרבעט דורך דער שטאָטישער פּאָליציי? ווו זײַנען די נאַקעטע פֿרויען און קינדער, אַרויסגעפֿירטע אין דער גרויליקער נאַכט פֿון דער פּראָוואָקאַציע? ווו זײַנען די ייִדן, די געכאַפּטע אום יאָמקיפּער? און ווו זײַנען אונדזערע ברידער פֿון דער צווייטער געטאָ? וועמען מע האָט אַרויסגעפֿירט פֿון דער געטאָ, דער וועט

זיך מער ניט אומקערן, ווײַל אַלע וועגן פֿון גע־סטאַפּאָ פֿירן קיין פּאָנאַר. און פּאָנאַר איז — טויט! רײַסט אַראָפּ די אילוזיע פֿון פֿאַרײַעשטע: אײַערע קינדער, פֿרויען און מענער זײַנען ניטאָ! פּאָנאַר איז ניט קיין לאַגער, מע האָט זיי אַלעמען דערשאָסן. עס האָט היטלער פֿאַרטראַכט אַ סיסטעם אומצוברענגען אַלע ייִדן אין אייראָפּע. אויף אונדז איז אויסגעפֿאַלן די ערשטע ריי. לאָמיר ניט גיין ווי שאָף צו דער שכיטע! עמעס, מיר זײַנען שוואַך און האָבן קיין הילף ניט. אָבער דער איינציקער ווירדיקער ענטפֿער אונדזער סוינע איז — ווידערשטאַנד! ברידער! בעסער פֿאַלן ווי פֿרײַע קעמפֿער, איידער לעבן אין דעם מערדערס גנאָד. זיך קעגנשטעלן ביזן לעצטן אָטעם!

ערשטער יאַנואַר 1942. ווילנע, אין געטאָ".

18

ס'ברענט! ברידערלעך, ס'ברענט!
אוי, אונדזער אָרעם שטעטל נעבעך ברענט!
ס'האָבן שוין די פֿײַער־צונגען
דאָס גאַנצע שטעטל אײַנגעשלונגען —
און די בייזע ווינטן הודזשען,
אונדזער שטעטל ברענט!

און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך —
מיט פֿאַרלייגטע הענט.
און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך —
אונדזער שטעטל ברענט...

(מ. געבירטיג)

עס איז נאָך אַלץ ווינטער. האַלץ אין דער געטאָ איז ווייניק, גאָר ווייניק.

די פּעסימיסטן, וואָס לייגן אַלץ אויס צום שלעכטן, זאָגן, אַז מע וועט אומקומען פֿון קעלט. די פּעסימיסטן טרעפֿן שטענדיק. זיי לייגן אויס צום שלעכטן — טרעפֿן זיי. וואָרעם פֿונוואַנען קומט גוטס אין געטאָ?

די אָפּטימיסטן, פֿאַרקערט, מיט זייער פֿאַרויסזאָגן גוטס האָבן נאָך, זינט די געטאָ עקזיסטירט, קיינמאָל ריכטיק ניט געטראָפֿן. זייערע האָפֿענונגען זײַנען ניט מקוים געוואָרן.

הײַנטיקס מאָל האָבן די פּעסימיסטן, דוכט זיך, ניט געטראָפֿן. מורער איז ערגעץ אָפּגעפֿאָרן אויף עטלעכע טעג. ווי נאָר עס איז געוואָרן באַוווּסט, אַז ער איז שוין אַרויסגעפֿאָרן פֿון דער שטאָט, האָט מען גענומען פֿירן וועגלעך האָלץ אין דער געטאָ. פֿון מורערן איז געווען אַ דערלויבעניש אויף צען וועגלעך האָלץ. איצט, אַז ער איז אָפּגעפֿאָרן, האָט מען געבראַכט צען מאָל צען וועגלעך. און דערצו האָט מען נאָך צוזאַמען מיטן האָלץ אַרײַנגעפֿירט עסנוואַרג: מעל, פֿלייש, פּוטער...

עס איז געוואָרן אַ ביסל פֿרײלעכער. די אָפּטימיסטן, אויף וויפֿל גאָט האָט זיי געהאָלפֿן און געמאַכט די פּעסימיסטן צום נאַר, האָבן געמאַכט זייערע אויספֿירן: מורערן פּאַסט ניט נאָכגעבן די ייִדן. פֿאַרט ער בעקיוון אַוועק אויף אַ פּאָר טעג, קעדיי די געטאָ זאָל זיך מיט אַלץ באַזאָרגן. אַלע וואָך אָדער אַלע צוויי וואָכן וועט ער אַזוי טאָן. די פּעסימיסטן האָבן ניט דערווידערט. האַלע־ווײַ, גאָטעניו.

שמואל־יאָשע איז אַרומגעגאַנגען איבער דער געטאָ און געטרײַעט:

— איצט זעט איר שוין אַלע, אַז גענס איז געגרעכט. נאָר פֿאָלגן. וועט אַלץ זײַן גוט. אָט דאָס איז אונדזער וועג... מע דאַרף פֿאָלגן...

די, וואָס שטייען און הערן עס, שווײַגן. באַ זיך טראַכט מען: „לייג אָן מיטן קאָפּ, פּאַסקודע". אָבער זאָגן עס האָט מען מורע. אינמיטן זײַנע רייד איז אָנגעקומען די לערערקע העניע. זי האָט עס ניט געקאָנט פֿאַרשווײַגן:

— שמואל־יאָשע איסעק, מיר איז קיינמאָל ניט געווען געפֿעלן אײַער איסעק. הײַנט איז עס פּאָשעט אַ פֿאַרברעכן. פֿאַר איין טאָג פֿון אײַער לעבן ווילט איר אָפּגעבן טויזנטער פֿרעמדע לעבנס. ווינציק יעסוימים און אַלמאָנעס...

די צווייטע געטאָ איז שוין ליקווידירט. אין דער ערשטער, איצט דער איינציקער, איז ניט צו געפֿינען אַזאַ מענטשן, וואָס זאָל ניט דאַרפֿן זיצן שיווע, זאָגן קאַדעש, ניט זײַן קיין אָוול. ווער עס האָט פֿאַרלאָרן עלטערן, ווער קינדער, ווער אַ מאַן און ווער אַ ווײַב. און דערצו: אַ גרויסער טייל פֿון די לעבעדיקע האָט זיך אַליין פֿאַרלאָרן.

די לערערקע העניע איז אין דער געטאָ אַרײַן איינינקע אַליין, אָן קרובֿים. אָבער דאָס געפֿיל פֿון פֿאַרלירן קרובֿים, פֿרײַנט, באַקאַנטע איז איר גוט באַקאַנט. זי לעבט איבער פֿאַר אַנדערע. לעצטנס איז באַ איר אַ געפֿיל, אַז זי פֿאַרלירט אַ גאַנצע שטאָט, אַ גאַנץ פֿאָלק פֿאַרלירט זי. איבער איר אייגענעם לעבן ציטערט זי ניט. אַזויפֿיל מענטשן זײַנען אומגעקומען, וועט אומקומען נאָך אַ מענטש. זי אַליין. דערפֿאַר אָבער קוקט זי צו מיט גרויס האַרצקלעמעניש, ווי מיט יעדן טאָג ווערט איר קלאַס קלענער אויף אַ שילער, אויף צוויי. די דײַטשן האָבן געכאַפּט, פּאָליציי האָט צוגענומען. אַלע טאָג ווערן צווישן די שילער מער יעסוימים און יעסוימעס. די לערערקע העניע איז פֿאַר זיי אַ מאַמע. אַלץ פֿאַרטרויט מען איר. די לערערקע הערט אויס, טרייסט, גיט אָן אייצע.

די שול געפֿינט זיך אין די געוועזענע פֿלייש־קראָמען אויף דער אַמאָליקער יאַטקע־גאַס. עטלעכע אַלטע טישלעך, עטלעכע אַלטע בענק, קוים וואָס זיי האַלטן זיך. אַ הינקעדיקער טאַבו־

רעט פאַר דער לערערקע. דאָס אַלץ האָבן די לערער און די שילער פון ערגעץ געבראַכט. אַליין פאַריכט, אַז מע זאָל קאָנען נוצן.

די פענצטער זײַנען פאַרפראָרן. דורך די שפּאַרונעס יאָגט אַרײַן א ווינט. אונטן בא דער טיר איז אָנגעשאָטן שניי. די לערערקע זיצט אין מאַנטל. זי וואַרעמט די הענט אין די אַרבל.

די שילער זיצן אויך אין די מאַנטלען. מע שרײַבט אַף אַן אַלטן העפט, וואָס מע האָט ערגעץ געפונען, אַף אַן אַלטער צײַטונג. אָדער מע לייענט לויט דער ריי פון איין ביכל.

די לערערקע העניע, וואָס גלייבט שוין לאַנג ניט אין גאָט, וואָס איז אַן אופריכטיקע קאָמוניסטקע, ווען זי הערט אויס א שווער האַרץ, א פאַרצווייפלטע נעשאָמע, רײַסט זיך בא איר אַרויס א קרעכץ און זי זאָגט מיט אזא גלויבן, אַז דאָס וואָלט גאָר פּאַסן פאַר א כסידישן רעבן:

— גאָט וועט העלפן! ער מוז... — און דערנאָך גיט זי צו: — אונדזערע וועלן קומען, וועט ווידער זײַן גוט.

עס טרעפט אָבער, אַז זי קאָן גאָרנישט ניט זאָגן, מיט גאָרנישט ניט טרייסטן. דאָס מויל עפנט זיך ניט. זי ווערט, לעמאַשל, א פאַרציטערטע, ווען זי דערזעט, ווי זינע גליקמאַן קומט נאָך דער אַרבעט אַרײַן אין שול. בא דער דאָזיקער מאַמען האָבן די דײַטשן אַרויסגעריסן פון די הענט די טאָכטער און פאַר אירע אויגן דערהאַרגעט. ווען זי קומט אַרײַן אין שול, שטעלט זיך אַוועק בא דער וואַנט און קוקט אַף דער לערערקע, ווערט העניע אויס מענטש. די מאַמע האָט, אַפּאָנעם, פאַרגעסן, אַז איר קינד איז אומגעקומען, דאָס איז זי געקומען אָפּנעמען איר טעכטערל פון דער שול. אָט וועט זי באַלד פרעגן:

— ווו איז מײַן מיידעלע?

וואָס זאָל העניע ענטפערן?

די מאַמע פרעגט אָבער גאָרנישט. הייסט עס, אַז זי ווייסט, זי געדענקט וועגן איר אומגליק. נאָך מער: עס לאָזט זיך אויס, אַז זי איז פריילעך. זי שמייכלט אַפילע.

„צי איז זי ניט גערירט? — טראַכט די לערערקע. — פון די געדאַנקען גערירט?"

לאָזט זיך אויס, אַז די לערערקע האָט ווידער א טאָעס געהאַט. בא דער מאַמען איז זיך פריילעך מאַכן איצט א מיטל, זי זאָל זיך אַליין דאָס לעבן ניט נעמען. זי זינגט אָפּט, קעדיי פאַרטרײַבן די שווערע געדאַנקען. זי לאַכט, זי זאָל ניט דאַרפן טראַכטן. זי רעדט א סאַך, זי זאָל זיך אַליין פאַריידן...

זי איז געקומען צו דער לערערקע פון געווינהײַט, ווי זי פלעגט פריִער קומען פרעגן וועגן איר מיידעלע, דערציילן וועגן איר. הײַנט קומט זי דערציילן וועגן זיך אַליין.

העניע הערט. זי פאַרשטייט, וואָס מיט זינע גליקמאַן קומט פאָר. דערפאַר שרעקט זי זינעס שמייכל, איר פריילעכקײַט. נאָר אויב דאָס איז א מיטל צום לעבן, איז זאָל זײַן אזוי. זינע רעדט לאַנג, א סאַך, וואָרעם וווהין האָט זי צו גיין, מיט וועמען האָט זי צו ריידן?

דערפאַר אָבער איז זייער קורץ מייער גאָרפינקל, א טאַטע פון א צווייטער שילערן. מייער גאָרפינקל איז געווען א קאָמוניסט. איצט איז ער אין אַלץ אַנטוישט.

— העוועל האַוואָלים. פאַרוואָס, לערערקע, איז קיין גאָט ניטאָ? איך וויל אין אים גלייבן. פאַרוואָס איז ער ניטאָ? א שאָד, אַפילע קיין גאָט איז אויך ניט פאַרבליבן...

די לערערקע פאַרשטייט זייער גוט, אַז אין דער געטאָ, ווו אַלץ איז העפקער, ווו אָט לעבסטו און אין א מינוט אַרום וועט מען דיך דערשיסן, ווו מענטשן־ווערדע טרעט מען מיט די פיס, קאָן מען קיין טײַנעס ניט האָבן, ווען עמעצער אַנטוישט זיך אין אַלץ און זוכט אין עפּעס אַן אָנשפּאַר, א גלויבן. ערגער איז, ווען דער עמעצער האָט ניט אין וואָס צו גלייבן. קיין גאָט איז אים אַפילע ניט פאַרבליבן. העניע שאָקלט מיטן קאָפּ, זי באַדויערט, זי פילט מיט. זאָגן זאָגט זי גאָרנישט. זי וואַרט, אַז גאָרפינקל זאָל אַוועקגיין. שאָלעמקע קוקט אַרויס פון דער זײַט און וואַרט, ביז די לערערקע וועט זיך באַפרײַען. ער דאַרף איר עפּעס פאַרטרויען, קיינער זאָל עס ניט הערן.

— שאָלעמקע, רייד... — זי זאָגט עס שטיל, אַז דאָס ייִנגל זאָל ווערן דרייסטער, זאָל זיך ניט שעמען.

— דער טאַטע איז ווידער קראַנק. ער קאָן אַף אַרבעט ניט גיין...

שאָלעמקעס מאַמע איז אומגעקומען אין איינער פון די ערשטע אַקציעס. דער עלטערער ברודער איז אויך אומגעקומען. און דער טאַטע איז אָפט קראַנק. אין נאָרמאַלע באַדינגונגען וואָלט שאָלעמקע נאָך געווען דאָס, וואָס ער איז, א קינד פון נײַן־צען יאָר, פאַר וועמען די עלטערן זאָרגן. איצט איז ער שוין א דערוואַקסענער. די לאַטעס אַף זײַנע צעריסענע קליידער האָט ער אַליין געלייגט. בענדלעך צו די שיך האָט ער אַליין געמאַכט. ער קאָן אָפּקאָכן קאַרטאָפל, אַרײַנשלאָגן א טשוועקל, אויסוואַשן א טעלער, צונייען א קנעפּל, לייגן א לאַטע אַף א שוך. ער איז די באַלעבאָסטע אין שטוב. אַז עס מאַכט זיך, ווען דער טאַטע ברענגט אַמאָל פון דער שטאָט א ביסל עסנוואַרג, קאָן עס שאָלעמקע זייער גוט אויסבאַהאַלטן. אויב מורער וועט, ווי זײַן שטייגער איז, גיין איבער די הײַזער זוכן פאַרבאָטענע ברויט און קאַרטאָפל, וועט ער בא שאָלעמקען א קרענק געפינען.

דאָס ייִנגל איז דאַר, די אויערן זײַנען בלאַסע

און גרויסע, די אויגן אומרויִקע און דערשראָקענע. דעם קאָפּ האַלט ער אַראָפּגעלאָזט, ווי ער וואָלט שטענדיק זײַן פֿאַרטראַכט. ער רעדט שטיל, מיט אַ שוואַכער שטים. ער מאַכט דעם אײַנדרוק, אַז זײַן מויל איז פֿול מיט פֿאַרטריקנטע טרערן.

ער האָט זיך ניט געוואָלט ווענדן צו דער לערערקע, ער האָט אָבער קיין ברירה ניט. ער ווייסט, אַז ווי נאָר ער וועט אַרײַנקומען אין שטוב, וועט דער קראַנקער אויסגעהונגערטער טאַטע אַף אים אַ קוק טאָן מיט די טרויעריקע אײַנגעפֿאַלענע אויגן, וואָס פֿרעגן:

— עפּשער געבראַכט עפּעס?

ניט מיטן מויל וועט ער פֿרעגן, — מיט די אויגן.

ווען שאָלעמקע דערזעט עס, פֿאַרקלעמט אים דאָס האַרץ, ער האָט אַזוי ראַכמאָנעס אָפֿן טאַטן... טאַקע דערפֿאַר האָט ער געמוזט פֿאַרטרויען דער לערערקע, אַז דער טאַטע איז ווידער קראַנק.

שאָלעמקע שטייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אָבער ער זעט, אַז בײַ דער לערערקע זײַנען איצט פּונקט אַזעלכע טרויעריקע אײַנגעפֿאַלענע אויגן, ווי בײַם טאַטן. זי איז פֿאַרזאָרגט, זי איז פֿאַרטראַכט. שאָלעמקען פֿאַרקלעמט אויך איצט דאָס האַרץ, ווײַל אָט דערהערט ער, ווי בײַ איר רײַסט זיך אַרויס אַ זיפֿץ. אַזוי זיפֿצט און קרעכצט דער טאַטע, ווען עס טוט אים וויי. דערנאָך זאָגט די לערערקע:

— איכל דיר געבן אַ צעטעלע... עפּשער וועט מוישעלעס מאַמע... פֿאַרשטייסט, שאָלעמקע, איך בין ניט זיכער... איך וועל בעטן... עפּשער...

צום אויסדרוק „עפּשער" איז שאָלעמקע שוין געוווינט. ער הערט עס פֿון אַלע זײַטן: עפּשער וועט אַמאָל גוט זײַן, עפּשער וועט מען מער ניט קוילען, עפּשער לעבן די אַלע, וואָס מע האָט אוועקגעפֿירט קיין פּאָנאַר, עפּשער וועט די רויטע אַרמיי קומען, עפּשער וועט גאָט העלפֿן... איצט איז: „עפּשער וועט מוישעלעס מאַמע..."

„עפּשער" איז דאָך מער פֿון גאָרנישט. פֿאַראַן נאָך אַ האָפֿענונג.

ווער איז מוישעלעס מאַמע?

אין דער געטאָ זײַנען פֿאַראַן אומגעגאַלע בעקערײַען. גרעסערע, קלענערע. מוישעלעס מאַמע האָט אַ קליינע בעקערײַ. דערוווּסט האָט זיך וועגן דעם די לערערקע העניע גאַנץ צופֿעליק. מוישעלע, האָט זי באַמערקט, איז אַ זאַטער, ער כאַפּט זיך ניט צום ביסל זופּ, וואָס מע גיט די קינדער. נאָכדעם האָט זי באַמערקט, אַז מוישעלע עסט עפּעס אין דער שטיל, און די קינדער קוקן אַף אים מיט הונגעריקע אויגן. זיי קאָנען דעם בליק פֿון אים ניט אָפּווענדן. די קינדער קוקן אַף אים מיט קינע, אַפֿילע מיט סינע.

העניע ווייסט, אַז אין דער געטאָ לעבן ניט אַלע גלײַך, ניט אַלע עסן דאָס זעלבע. ווער עס האָט וואָס צו פֿאַרקויפֿן, אויסצובײַטן, יענער עסט בעסער. אָבער זײַן איין זאַטער אין קלאַס און עסן צווישן הונגעריקע טויג ניט.

— מוישעלע, זאָג דײַן מאַמען, זי זאָל צו מיר אַרײַנקומען.

וויבאַלד די לערערקע העניע רופֿט, איז עס ניט אומזיסט. און די מאַמע איז גלײַך אַף מאָרגן געקומען.

נאָך מער, ווי אין נאָרמאַלע צײַטן, ווילן די עלטערן אין געטאָ, אַז זייערע קינדער זאָלן זײַן געבילדעט, זאָלן האָבן אַ גוטן פֿאַך, זאָלן זײַן ספּעציִאַליסטן. אין דער געטאָ פֿאַרשטייט מען עס זייער גוט. און דערצו: אייביק וועט מען דאָך אין גענעם ניט זײַן. עס מוז דאָך קומען די אויסלייזונג.

און די קינדער אַליין ווילן זיך אויך לערנען. אַפֿילע די, וואָס אַרבעטן שוין, קומען נאָך דער שווערער אַרבעט אין שול. זיי ווילן קענען, זיי ווילן וויסן, אָבער נאָך מער ווילן זיי פֿאַרבלײַבן קינדער, פֿילן די וואַרעמקײַט און זאָרג פֿון די לערער, זײַן מיט כאַווײרים צוזאַמען.

מוישעלעס מאַמע, קיילע, האָרעוועט, ריזיקירט, באַקט אויס אַ געבעקל ברויט, פֿאַרקויפֿט, בײַט, האָט מיט אירע קינדער וואָס צו עסן. די לערערקע העניע רופֿט זי אַרויס. זאָל זיך מוישעלע שלעכט לערנען? ער האָט דאָך ברויט צו זאַט. דער מאַמען פֿאַרדריסט עס.

— לערערקע, אַ גוטמאָרגן אײַך. איך בין געקומען.

— זעצט זיך, קיילע.

— אַ דאַנק. צי דען לערנט ער זיך ניט? איך וועל אים...

— טײַערע קיילע, באַרויִקט זיך. ער לערנט זיך, ווי אַלע קינדער. נאָר איר פֿאַרשטייט, די קינדער זײַנען הונגעריק... און ער עסט, קײַט... זאָל ער עסן געזונטערהייט אין דער היים. פֿאַרן לערנען, נאָכן לערנען. אָבער אין קלאַס זאָל ער זיך ניט אויסטיילן. זײַנע כאַווײרים וועלן אים ווערן סאָנים. איר פֿאַרשטייט דאָס, קיילע?

— אוואַדע, אוואַדע. ווי דען? לערערקע, ער האָט גענוג געהונגערט. און איצט... איך מאַך אַ געבעקל ברויט... זאָל איך אים זשאַלעווען אַ פּענעצל?.. איך פֿאַרשטיי, איך פֿאַרשטיי... פֿאַר די קינדער פּאַסט עס ניט, מע טאָר עס ניט. ווי איר הייסט, אַזוי וועל איך טאָן.

— איז גוט. גייט געזונטערהייט. און זײַט מאַצליִעך.

— לערערקע, האָט קיין פֿאַריבל ניט. אַן אַנדערשמאָל וואָלט איך אײַך עס ניט געזאָגט, ניט געפֿרעגט... און איר אַליין? איר זײַט...

— ניין, ניין, קיילע, וואָס רעדט איר? פֿאַר מיר איז גענוג. גייט געזונטערהייט. איין רעגע נאָר... איר האָט דערמאָנט. עס מאַכט זיך אַמאָל, אַז אַ קינד גייט קימאַט אויס, כאַלעשט פֿון הונ־

גער... אויב אזא קינד העלפֿן אמאָל, א פּענעצל ברויט. ראַטעווען...

— געוויס, געוויס, לערערקע, ווען איר וועט זאָגן...

צו אָט דער קיילען, מוישעלעס מאמען, האָט די לערערקע געשיקט שאַלעמקען.

איצט איז זי פֿרײַ. זי קלײַבט זיך אוועקגיין. עפּנט זיך אָבער ווידער די טיר, און עס קומען אַרײַן אירע דרײַ געוועזענע שילער. העניע דערפֿרייט זיך.

— אבי מע זעט זיך. אבי, קינדער, מע לעבט. דערציילט עפּעס, זעצט זיך. ווי לעבט איר?

געקומען זײַנען צוויי יינגלעך און איין מיידל. די קינדער זעצן זיך. דאָס מיידל פֿון פֿאָרנט, די יינגלעך הינטער איר.

— לערערקע, מיר ווילן, איר זאָלט אונדז אויסהערן.

— אדעראבע, איך בין שטענדיק גרייט. דערציילט, דערציילט.

סײַ לויטן אויסזען, סײַ לויט זייער אָנטאָן זעען די קינדער אויס קימאט ווי דערוואקסענע. קינדער, וואָס זײַנען שוין מענטשן פֿאַר זיך. שווער צו געווינען באַ זיי צוטרוי, זיי גלייבן מער ניט אַפֿן וואָרט. זיי וויסן נאָך ניט, וואָס איז אזוינס לעבן, נאָר דעם טויט האָבן זיי שוין ניט איין מאָל געזען און ניט איין מאָל פֿון אים זיך אויסבאַהאַלטן. זיי אַרבעטן שוין. אַף זיי ליגט די פֿאַרהאַרעוועטקײַט. די געזיכטער האָבן פֿאַרלאָרן די קינדערשע צאַרטע ווייכקײַט, זיי זײַנען אָפּגעסמאַליעט פֿון קעלט. די פֿינגער זײַנען פֿאַרהאַרטעוועט און צעשטאָכן. אַף די דלאָניעס פֿון די הענט זײַנען אָנגעריבן מאָזאָליעס. אַלע דרײַ זײַנען זיי דאַרע, נאָר די ביינער וואַקסן אין זיי און די העלדזער ציִען זיך אויס.

די קליידער זײַנען ניט נאָר פֿאַרלאַטעט, זיי זײַנען ווי פֿון פֿאַרשיידענע שטיקער צונויפֿגעגנייט, צונויפֿגעשטוקעוועט. אבי א שטיקל בעגעד אַף זיך אָנטאָן.

צו אזא אויסזען פֿון קינדער איז די לערערקע שוין געוווינט. זאָל נאָר קומען די געבענטשטע שאָ — וועט נאָך אַלץ זײַן גוט. וואָס ווילן זיי דערציילן? צי עפּשער איז אָן אומגליק געשען? זי איז אומרויִק.

דאָס מיידל שפּיליעט אַף דעם מאַנטל, און אַף איר האַלדז דערזעט די לערערקע א רויטן פּיאָנערישן האַלדזטוך. העניע דערפֿרייט און דערשרעקט זיך איינצײַטיק. זי דערפֿרייט זיך, ווײַל דאָס דערמאָנט איר דאָס לעבן, וואָס איז ערשט ניט לאַנג געווען. זי דערשרעקט זיך, ווײַל אויב דאָס זאָל דערזען א בייז אויג, קאָנען די קינדער שלעכט אָפּשנײַדן.

— קינדער, איר זײַט דאָך פֿאַרשטאַנדיקע, ווי קומט עס צו אײַך? איר ווייסט, ווו איר געפֿינט זיך?

— מיר ווייסן, — האָט געענטפֿערט דאָס מיידל. — דאָס האָב איך היינט צוליב אײַך אָנגעטאָן. — זי האָט א קוק געטאָן אַף די יינגלעך, און אַלע דרײַ האָבן מיטאמאָל שטיל, נאָר קלאָר געזאָגט:

— מיר זײַנען פּיאָנערן.

— איך ווייס.

דעמלט האָט דאָס מיידל א קוק געטאָן אַף איינעם פֿון די צוויי יינגלעך, און יענער האָט זיך אופֿגעשטעלט.

— לערערקע, — האָט ער געזאָגט, — מיר פֿאַרשטייען זייער גוט, אז אין געטאָ זײַנען פֿאַראַן קאָמוניסטן, קאָמיוגיסטן. פֿאַרוואָס זײַנען מיר געבליבן אויסן, פֿאַרוואָס אָרגאַניזירט מען ניט די פּיאָנערן, פֿאַרוואָס פֿירט מען ניט אָן מיט אונדז? מיר בעטן אײַך, גיט איבער, וועמען מע דאַרף... מיר קאָנען ניט זיצן מיט פֿאַרלייגטע הענט.

— קינדער, איר זײַט דאָך נאָך קינדער... די צײַט איז ניט פֿאַר אײַך... די געפֿאַר איז גרויס. אָט זיצט זי מיט א רויטן טיכל אַפֿן האַלדז. זאָל עמעצער אַרײַנקומען. וואָס וועט מען זאָגן? — דאָס מיידל האָט טייקעף פֿאַרשפּיליעט דעם מאַנטל. — איר זײַט ניט גענוג פֿאָרזיכטיק. איר וועט אומברענגען זיך און ברענגען שאָדן אַנדערע. קינדערלעך, אײַער זאַך איז איצט בלײַבן לעבן, אויסהאַלטן, איבערלעבן דעם דײַטש. דאָס וועט זײַן אײַער גרויסער זיג!

דאַ האָט זיך שוין אופֿגעשטעלט דאָס מיידל און דערציילט:

— מיר האָבן צווישן זיך גערעדט, אז געוויס וועט מען אונדז ענטפֿערן אזוי, ווי איר האָט אונדז, לערערקע, געענטפֿערט. מיר האָבן זיך עס פֿאַרגעשטעלט. אָבער מיר, דאָס הייסט ניט מיר אינדרײַען, נאָר עטלעכע צענדליק פּיאָנערן, האָבן באַשלאָסן: מיר קאָנען ניט זײַן גלײַכגילטיק און בלײַבן אָן א זײַט, ווען מע ברענגט אום אונדזערע ברידער און שוועסטער, ווען דער סוינע האָט פֿאַרכאַפּט אונדזער שטאָט... זינט מיר האָבן געלייענט דעם אופֿרוף פֿון די פּאַרטיזאַנער אין געטאָ, האָבן מיר באַשלאָסן: קעמפֿן! אויב איר וועט מיט אונדז ניט אָנפֿירן, וועלן מיר עס אַליין טאָן.

— אַליין? — די לערערקע האָט זיי שטרענג אָנגעקוקט. — אַליין! איר זאָלט ניט סמייען! אַליין? איר וועט דאָך גלײַך אַף מאָרגן דורכפֿאַלן. איך פֿאַרבאָט עס אײַך. איר הערט?

— בעטן מיר אײַך... גיט איבער אונדזער באַקאָשע ניט פֿאַרגעסן אָן אונדז.

— גוט. דאָס וועל איך איבערגעבן. אָבער זאָגט מיר צו, אז דערווײַל וועט איר אַליין גאָרנישט ניט טאָן.

— מיר זאָגן צו. און מיר וואַרטן אַף אָן ענטפֿער.

— גוט. אוי, קינדער, קינדער... א שווערע צײַט פאר אײַך.

— און פאר אײַך דען ניט?

יענע נאכט איז די לערערקע העניע שלעכט געשלאָפן. שווערע, אומרויִקע געדאנקען לאָזן ניט צומאכן די אויגן. זי טראכט, זי וויל פארשטיין: וואָס האָבן בערלינער דײַטשן צו ווילנער ייִדן? פונוואנען נעמט זיך צו דײַטשן אזא כײַישקײַט?

זי וויל באנעמען: פונוואנען נעמען זיך אזעלכע, וואָס קומען זיי מיט האנאָע צוהילף אין דער שווארצער ארבעט פון אומברענגען א וועלט?

און נאָך: פונוואנען נעמען זיך אזעלכע, ווי גענס, ווי דעסלער?

פראגן זײַנען פאראן א סאך. אזעלכע, וואָס זי אליין פרעגט, אזעלכע, וואָס אנדערע פרעגן בא איר.

אפילע די מאָגענדאָוויטשעס פרעגן אמאָל בא איר:

— צי דען, לערערקע, — זאָגט שיפרע, — דארף מען עס אזוי פארשטיין, אז איך מיט מײַן מאן האָבן א גאנץ לעבן געהאט א טאָעס?

— קומט דאָך אויס צו זאָגן, — האלט אונטער מאָטל, — א לעבן זיך אָפּגענארט. געשריִען רעוואָליוציע, רעוואָליוציע... וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט? מע שלאָגט אונדז, מע קוילעט אונדז, און קיינעם ארט עס ניט. ווי מיינט איר, לערערקע?

פארגעבן פראגן איז לײַכט. פראגן קאָן מען פארגעבן א מיליאָן. פארענטפערן אָבער... וויכטיק איז געפינען דעם איינציק ריכטיקן וועג, וואָס גיט אן ענטפער אף אלע פראגן.

אין דער שלאָפלאָזער נאכט, ווען אלץ קומט אוף פאר די אויגן, סײַ וואָס נעכטן איז געוועזן, סײַ וואָס אמאָל איז געשען, פארשטייט אויך העניע, אז די פראגן, די צווייפלען, די זאָרג פארן קיִעם זײַנען, אין טאָך, בארעכטיקט. יעדער מאכט מיט זיך זײַן כעזשבן. און צי קאָן דער כעזשבן זײַן אזא גלײַכער, אזא פּינקטלעכער, ווען מע מאכט אים, שטייענדיק ביזן האלדז אין בלוט?

צו פארטאָג שלאָפט די לערערקע אײַן.

אין עטלעכע טעג ארום איז צו איר געקומען אווראָם דער שוסטער. זי האָט זיך מיט אים דערפרייט, ווי מיט אן אלטן באקאנטן, א לאנגיאָריקן שאָכן.

אווראָם זעט אויס אנדערש, ווי פריִער. אויסער דעם, וואָס ער איז געוואָרן עלטער, דארער, די קינבאקן סטארטשען, איז זײַן פּאָנעם, וואָס איז שטענדיק געוועזן פול מיט גוטסקײַט, געוואָרן איצט פול מיט שטרענגקײַט, וואָס באהאלט זיך אויס אין די טיפע שארפע קנייטשן. פון גוטסקײַט איז קיין סימען ניט געבליבן. די אויגן זײַנען, עמעס, לעבעדיקע, אפילע לעבעדיקער און אומרויִקער, ווי פריִער. זיי קוקן מער ניט צו דער ערד, נאָר יענעם אין פּאָנעם ארײַן, ווי זיי וואָלטן זוכן, ווי זיי וואָלטן וועלן אומבאדינגט געפינען אן ענטפער אף א וויכטיקער פראגע.

— איר ווילט זאָגן, לערערקע, אבי מע לעבט, אבי מע זעט זיך. בעדאָמאיִך כײַיִ. איך לעב, ווײַל איך בין ניט טויט, אלפּי קאָרכאכאָ... אָבער וואָס פאר א לעבן איז עס? נאָר אז מע זעט זיך, איז פונדעסטוועגן גוט. וואָס מאכט איר אין געזונט?

— ווי די צײַט — אזא געזונט, — ענטפערט העניע גוטמוטיק. צו אווראָם־אָווינו האָט זי שטענדיק געפילט גוטפרײַנטשאפט, איר איז צום הארצן זײַן אָרנטלעכקײַט, זײַן באשיידנקײַט. זי ווייסט, אז ער האָט פײַנט איבעריקע רייד, איבעריק קריכן צו יענעם אין דער נעשאָמע. איז נאָך וואָס איז ער געקומען? נאָר איידער אווראָם זאָגט, נאָך וואָס ער איז געקומען, גיט ער לויט זײַן שוסטערשער געוווינהײַט א קוק אף דער לערערקעס שיך.

— ניט גוט מיט אײַערע שיך, ניט גוט, כאלאָיִם... וועגן דעם וועל איך צו אײַך קומען א צווייט מאָל. איצט האָב איך א וויכטיקן איניען.

— איך הער אײַך, רעב אווראָם, איך הער אײַך.

— איר ווייסט דאָך געוויס, העניע, אז אף קליין־שניפּישעק האָט מען מיך גערופן אווראָם־אָווינו.

— אוואדע ווייס איך.

— אנדערע האָבן מיך געהאלטן פאר א לאָמעדוואָווניק. איך אליין בין פאר זיי געוועזן א שלימאזל, א נארישער ייִד. אָבער זיי, די כאכאָמים, האָבן געהאלטן, אז מע רירט זיך צו צו מיר, איז עס מאזלדיק. איך בין געוועזן א הייליקע קאמייע. וואָס האָט מיך געארט, אז מענטשן האָבן זיך געטרייסט? איך בין אויך געוועזן צופרידן, וואָס איך פארשאָף מענטשן נאכעס־רועך. איצט פארגעסט מען אָן מיר. כאָטש... עפּשער בין איך טאקע א לאָמעדוואָווניק...

— איך פארשטיי ניט דעם נימשל פון דעם מאָשל.

— זייער א פּאָשעטער נימשל. זינט מע האָט אויסגעהאנגען דעם אופרוף, זע איך דאָך, אז מע שווײַגט ניט. עפּעס האָט זיך אָנגעהויבן. פארוואָס רופט מען מיך ניט? אויב איר זעט אמאָל איציקן, דערמאָנט אים וועגן מיר. ער האָט מיר צוגעזאָגט. פארשטייט זיך, אז איך קאָן עפּעס נעמען טאָן אף אייגענער אכרײַעס. א שוסטער האָט א מעסער, א צוואנג... טויג עס ניט. איך פארשטיי דאָך, אז אלץ דארף גיין דורך איין האנט. אויב ניט, וועט עס האָבן דעם זעלבן פּאָנעם, ווי ווען דרײַצן שוסטער נעמען אראָפּ א מאָס פון איין פוס. א פּלאָנטער, און מער גאָרניט. איר׳ט אים ניט פארגעסן דערמאָנען? העניע, איך בעט אײַך, ווי דער מאָרגן איז אײַך טײַער, פארגעסט ניט, זאָגט אים, אז אווראָם־אָווינו...

— רעב אווראָם, איר אויך? פאַראַן דאָך יונגע.

— לערערקע, זײַט ניט קיין גוטע פאַר אַלע־מען. ליגט עס אָפּ אַף אַן אַנדער צײַט. זי קוילען דען נאָר יונגע? און די יונגע זײַנען דען ניט אונדזערע קינדער? מײַן כאַים...

העניע האָט ניט געענטפערט. זי האָט נאָר די אויגן ניט אַראָפּגענומען פון אווראָמען.

— העניע, איך געטרוי אײַך. בעט איך אײַך זאָגן איציקן. ער איז דאָך געוויס פון די גלאַוו־נע. — אווראָם האָט אַרויסגערעדט גאָר שטיל: — איך בין איצט אַף אַזאַ אַרבעט, ווו מע קאָן קריגן געווער.

— געווער? וואָסער געווער? — העניע האָט אויך גערעדט שטיל, קימאַט נאָר מיט די ליפּן.

— פאַרשיידנס.

— איר פאַרשטייט, אווראָם? דאָס איז זייער אַ וויכטיקע זאַך. צי איז עס ערנסט? צי קאָן מען זיך פאַרלאָזן? עס זאָלן ניט זײַן קיין פּוסטע רייד...

— ווי מיר האָבן הײַנט דינסטיק אַף דער וועלט!

...נאָך דער באַגריסונג האָט איציק געפרעגט בא העניען, פּונקט אַזוי ווי די מאַמע זײַנע פלעגט אַמאָל בא איר פרעגן:

— וואָס הערט זיך נײַס?

בא דער מאַמען האָט עס באַטײַט: צי איז ניט פאַראַן קיין גרוס פון מייער מינסקער, וואָס מאַכט טאַמאַר?

איצט האָט דאָס זעלבע אָפּגעקלונגען אין דעם זונס פרעגע.

— דו ווייסט, איציקל, דײַן מאַמע, דיר צו לאַנגע יאָר, פלעגט אַזוי פרעגן אַף די מינסקערס. אין זינען האָט זי געהאַט טאַמאַרן.

— איך האָב אויך אין זינען טאַמאַרן.

— פון יענער־וועלט?..

— אַמאָל דוכט זיך מיר, אַז זי וועט קומען...

— איציקל, דיר איז שווער?

העניע האָט שוין לאַנג באַמערקט: פון מויל ברענגט איציק אַרויס געניי פאָרמולירטע געדאַנ־קען, אויסגערעכנטע און פּינקטלעכע. יעדעס וואָרט האָט נאָר איין באַדײַטונג. דאָס זעען אַלע אַנדערע אויך. מע שטויסט זיך אָבער ניט אָן, פון וויפל ווערטער ער קלײַבט אויס דאָס איינציק נייטיקע וואָרט, וויפל געפילן עס באַשאַפן דעם געדאַנק, וועלכן ער ברענגט אַרויס. זײַן פאַנטאַ־זיע באַהאַלט ער פאַר זיך. צופיל פאַנטאַזיע רופט אַרויס ווינציק טאַט. פונעם אַמאָליקן טאַנצן איז אים פאַרבליבן די געוווינהײַט אויסצוקלײַבן נאָר יענע באַוועגונג, וואָס אָן איר קאָן מען זיך ניט באַגיין. דאָס איבעריקע שטערט און מאַכט קאַליע.

אין זיך איז ער פול מיט זעונגען און כאַלוי־מעס. צווישן די זעונגען פאַרנעמט אַן אָרט אויך טאַמאַר. ווי אַמאָל זײַן ברודער, רעדט ער זיך איצט מיט איר דורך. ער וואַרט אַף איר. ער זאָגט איר אָפּט צאַרטע ווערטער, אַזעלכע, וואָס ער האַלט נאָר אין זיך. אויסערלעך איז ער רוי־קײַט און באַטראַכטקײַט אַליין. זײַנע לעבעדיקע גרויע אויגן, וואָס קוקן און זעען אַלץ, זעען אויס מיד, דאָס לענגלעכע פּאָנעם איז דאַרער געוואָרן, און דערפאַר איז די נאָז ווי געוואָרן לענגער.

איציק מיט העניען זײַנען זאַלבעצווייט אַראָפּ אין קעלער. סאָניע מאַדייסקער איז שוין דאָרט געווען.

דער קעלער האָט שוין גאָר אַן אַנדער אויס־זען, ווי פריִער. מע האָט אים גרעסער געמאַכט. דאָרט שטייט אַ טישל, עטלעכע בענקלעך. עס ברענט עלעקטרע.

— סאָניע, ביסט נאָך אַלץ די זעלבע?

— די זעלבע, לערערקע, די זעלבע, — ענט־פערט סאָניע און שמייכלט. דעם באַטײַט פונעם שמייכל כאַפּט העניע ניט אויף. זי שטויסט זיך ניט אָן דעם טײַטש: „ווער, כוץ מיר, ווייסט, ווי איך האָב זיך געענדערט, ווי שווער מיר איז... אָבער פאַר דער וועלט זע איך אויס אַזאַ, ווי פריִער. אַ צופרידענע, אַ פריילעכע..."

— און איר, העניע, ווי פילט זיך?

— בא מיר איז אַלעמאָל דאָס זעלבע, גאָט צו דאַנקען. — העניע שמייכלט אויך.

סאָניע פאַרשטייט, ווי העניען איז ביטער. זי איז געוואָרן פאַרעלטערט, אײַנגעשרומפּן. זי וועט עס העניען ניט זאָגן. פאַרקערט, זי איז צופרידן:

— איז דאָך גוט, זייער גוט.

אַלע דרײַ זעצן זיך צום טישל. העניע דער־ציילט וועגן די פּיִאָנערן. זי גיט נאָר איבער דעם פאַקט, קיין מיינונג זאָגט זי ניט.

— כאַוועריטע העניע, און דײַן מיינונג? וואָס לייגסטו פאָר?

— מיר איז אַ שאָד די קינדער. ניט קיין נוצן וועלן זיי ברענגען, נאָר שאָדן.

— לייזן די פראַגע וועט דער פּאַרטיי־קאָמי־טעט, — זאָגט איציק. — מיר דאַרפן אַרויס־זאָגן אונדזער מיינונג. ווי האַלטסטו, סאָניע?

— איך מיין, אַז מע וועט לאָזן די קינדער אָפּן אייגענעם באַראַט, וועלן זיי אַליין עפּעס נעמען טאָן... און וועלן אָנטאָן אַזעלכע צאָרעס... שווײַגן וועלן זיי געוויס ניט.

— עמעס, סאָניע, עמעס, — האָט העניע אונ־טערגעהאַלטן.

— מע דאַרף, אַז אַן עלטערער זאָל מיט זיי אָנפירן. ער זאָל זיי געבן די געהעריקע ריכטונג. דערציִען זיי, גרייטן זיי אין אונדזער גײַסט...

— אײַנשטימיק. אַזוי וועלן מיר פאַרלייגן אָפּן קאָמיטעט. וואָס נאָך, העניע? — האָט געפרעגט איציק.

— אווראָם־אַווינו...

— ווער, ווער? — האָט זיך פאַרוווּנדערט סאָניע.

3—3254

— אַווראָם דער שוסטער. אונדזער שכן פון קליין־שניפּישעק. ער האָט געבעטן איבערגעבן, אַז ער אַרבעט איצט אין אַזאַ אָרט, ווו מע קאָן קריגן געווער.

— געווער איז דאָס וויכטיקסטע, — האָט זיך אָפּגערופן סאָניע. — דעם מענטשן קען מען?

— מיר קענען אים, — האָט געזאָגט איציק. — אַן אָרנטלעכער מענטש, וואָס וועט ניט אָפּנאַרן, ניט אונטערפירן...

— אָבער... — האָט זיך אָפּגערופן העניע, — ער איז שוין אַן אַלטער. איך פאַרשטיי, אַ יונגער...

— לערערקע העניע, כאַווערטע העניע, הער זיך איַין צו דיַינע אייגענע רייד. קינדער איז אַ שאָד. עלטערע טאָר מען ניט שטעלן אין געפאַר. און יוגנט? יוגנט איז קיין שאָד ניט? ווער זשע? דו אַליין, כאַווערטע העניע?

— האַלעוויַי וואָלט איך געקאָנט אַליין אַלץ טאָן פאַר אַלעמען.

— מיר ריזיקירן אַלע, מיר ריזיקירן שטענדיק. אָן ריזיקע איז קיין קאַמף ניטאָ. נאָר מיר זיַינען דאָך די גאַנצע ציַיט אַזוי צי אַנדערש אונטערן כאַליעף. בעסער אומקומען באַם אַריַינטראָגן געווער. אַווראָם דעם שוסטער וועל איך פאַרבינדן מיט וועמען מע דאַרף. אָט האָט זיך צו מיר געווענדעט לייווי זאַקהיים. ער קאָן אויך ברענגען געווער. ער איז געוואָרן לעבעדיקער. ער האָט אַ ציל. ער נעמט נעקאָמע. אויך אַ ראַכמאָנעס, העניע?

העניע שוויַיגט.

— וועלן מיר האָבן געווער, וועלן מיר מיט די דיַיטשן גאָר אַנדערש ריידן. מירן זיך באַוואָפענען. און ווען די שאָ וועט שלאָגן, וועלן מיר די דיַיטשן פאַרניכטן. מירן עפענען די טויערן, און אונטער אונדזער שוץ וועט די געטאָ אַוועקגיין אין וואַלד.

19

דער, וואָס איז אין געטאָ ניט געווען, דער ווייסט ניט, וואָס אין געטאָ איז געווען.

איך בין ניט געווען.

איצט קאָן יעדערער זאָגן: ער איז ניט געווען, ער ווייסט ניט... און שריַיבט.

ווען איך שריַיב, בין איך אין געטאָ. זי כאַלעמט זיך מיר באַנאַכט. איך טראַכט וועגן איר באַטאָג. איך זע זי. פון דער ציַיט, זאָגט מען, זעט מען בעסער.

האַלעוויַי וואָלט זי ניט געווען!

אין מאַרט כוידעש האָט נאָך די זון ניט שטאַרק געשיַינט, ס'איז נאָר געוואָרן וואַרעמער. דער שניי ליגט אַ טונקעלער און אַן איַינגעפאַלענער. ערטערוויַיז האָבן זיך אויף די הויפן שוין באַוויזן שוואַרצע בערגלעך ערד. די געסלעך זיַינען בלאָטיק. אין די פאַרטאָגן דעקט אַלץ איַין אַ געדיכטער גרויער נעפּל. אַפילו קיין קוימען זעט מען ניט אַרויס. עמעצער האָט דעם הימל אַוועקגעגאַנוועט. פון די דעכער קאַפּען גרויסע שוואַרצע טראָפּנס, וואָס פּאַטשן איבער די בלעכן אונטער די פענצטער מיט אַן איינטאָניקן אומעטיקן קלאַנג. לאַנגזאַם צעגייט דער נעפּל, און ביסלעכוויַיז נעמען אַרויסקוקן די דעכער, האַלב אין נאַסן שניי; עס באַוויַיזן זיך רויטע פיַיכטע דאַכלקעס, שוואַרצע, אָנגעקוואָלענע פון נאַסקיַיט דראַניצעס, דאָס לאַנג ניט געפאַרבטע גרינע און ברוינע בלעך. עס באַוויַיזט זיך אַ נידעריקער וואַסערדיקער הימל און נעמט טריפן מיט אַ רעגנדל, וואָס דערמאָנט אָן האַרבסט, נאָר וואָס לעכערט פונדעסטוועגן דורך דאָס שוואַרץ־פאַרבלאָטיקטע איַיז.

אַזאַ טאָג עסט זיך איַין אין די ביינער, קריכט אַריַין אין די גלידער מיט דער נעץ פון די גאַסן און מיט דער פיַיכטקיַיט פון די שויבן. אַלע פילן זיך ווי ערעוו אַ קרענק, וואָס וועט אָט־אָט באַפאַלן מיט היץ און שוואַכקיַיט.

און דאָך... וואָס אַ טאָג וויַיטער, האָט מען אין די ענגע, שמאָלע געסלעך פון דער געטאָ געקענמען פילן, אַז צוזאַמען מיטן נעפּל און מיט די רעגן־טראָפּנס קוקט אַהין אַריַין דער אָנקומענדיקער פרילינג.

אין דער צווייטער העלפט מאַרט האָבן פרישע ווינטעלעך געבראַכט אין דער געטאָ די ידיעה, אַז אויף די שעסקינער בערג, אין זאַקרעט, אויפן שלאָסבאַרג און אונטערן גרינעם בריק איבער דער וויליע דרייט זיך אַרום דער פרילינג, קומט אָן און טרעט אויף, באַוויַיזט זיך און פאַרשווינדט וויַיטער.

מיט יעדן טאָג קומט ער נעענטער. אָט־אָט... און ער וועט זיך אויך אין דער געטאָ אַריַינשפּאַצירן.

— אויף אַנטאָקאָל איז שוין פרילינג, — זאָגט לייווי זאַקהיים.

— אין פּאָספּעשקי געוויס, — ענטפערט אים אַווראָם דער שוסטער.

און אָט קומט אָן דער אָוונט, וואָס איז שוין אַליין פרילינג. ער קומט אַ ליַיכטער, אַ קילער, אַ בלוי־דורכזיכטיקער און פאַרכאַלעמטער. פון ערגעץ פון אַ קאַסטיאָל דערטראָגט זיך אַ קרישטאָלענער קלאַנג: גלעקער קלינגען אָדער דער זייגער אויפן קלויסטער־טורעם שלאָגט אויס די ציַיט. די ערשטע פרילינג־שטראַמען קומען אָן. אין געטאָ ברענגען זיי אָבער ניט קיין פרייד און ניט קיין האָפענונג. אין אַזאַ אָוונט דערמאָנען זיי אָן קנעכטשאַפט און אומגליק: געטאָ און אומקום.

און דאָך קומט אָן דער פרילינג.

די לעצטע צײַט האָבן אווראָם דער שוסטער און לייווי זאקהיים זיך שטארק צוגעוויפגעכאווערט, זיי ארבעטן צוזאמען. ס׳איז ביידן ניט צו דערקענען. ביידע דערגאנצן איינער דעם אנדערן.

לייווי זאקהיים ווייסט גוט, וואָס עס שטייט געשריבן ניט נאָר אין די ייִדישע ספאָרים. אווראָם־אָווינו ווייסט א סאך, א סאך ווינציקער. לייווי האָט געלערנט אין יעשיווע און דערנאָך שטודירט אין א הויכשול. אווראָם האָט געלערנט עטלעכע זמאנים אין כיידער און דערנאָך שטודירט שוסטערײַ. צווישן מינכע און מײַרעוו האָט ער אין בעסמעדרעש געהערט איין־יאנקעווו, געזאָגט טילים. זײַן פעסטונג איז געווען דער גלויבן אין גאָט.

ביידע זײַנען איצט אנטוישט: לייווי — אין מענטשן, אווראָם — אין גאָט. דאָס פארייניקט זייער פארגאנגענהײַט, און נאָך מער פארייניקט עס זייער הײַנטיקן טאָג. זייער ציל אין לעבן: געווער, געווער אָפּ קעמפן מיטן דײַטש.

ביידע ריזיקירן, ווײַל עס לוינט. סײַוויסײַ, האלטן זיי, וועט מען אין געטאָ קיינעם ניט שאָנעווען, אלע וועלן אומקומען. וואָס האָבן זיי צו פארלירן... בעסער איז קעמפן.

— תמת נפשי עם פלישתים![1] — זאָגט אווראָם.

— זע נאָר, ברודער אווראָם, ביסט דאָך א קענער. ווער האָט אָט די ווערטער געזאָגט?

אווראָם באלײדיקט זיך.

— נאָך דאָס זאָל איך ניט וויסן! וואָס פאר א שוסטער וואָלט איך געווען? פארגעס ניט, לייווי, אז אָפּ קליין־שניפּישעק האָט מען מיך גערופן אווראָם־אָווינו.

— אך, אזוי...

פאר דער לעצטער צײַט זײַנען ביידע פריילעכער געוואָרן, וויצלען זיך אפילע. פארנומען זײַנען זיי מיט דעם, וואָס זיי זוכן אלע מאָל אויס נײַע מיטלען, נײַע גענג, ווי בעסער אויסצובאהאלטן א רעוואָלווער, עטלעכע קוילן, טיילן פון א ביקס און עס דורכטראָגן דורכן טויער. בא ביידע איז א רײַכע פאנטאזיע. זיי שטעלן זיך פאר גאָרנישט ניט אָפּ, דאָס מאזל וועט בײַשטיין. דעריקער האָזע, דרייסטקײַט, סייכל... גאָט איז א פאָטער.

און אז זיי גייען דורך דעם טויער בעשאָלעם, דערלויבן זיי זיך ערשט רויִק אָפּציִען דעם אָטעם. זיי גייען מיט אזא טראָט, ווי דאָס גרעסטע גליק וואָלט זיי געטראָפן, ווי אין קעשענע וואָלט בא זיי געלעגן דער קויעך אלעמען צו באפרײַען. זיי פילן זיך, ווי נאָך א פריילעכער טומלדיקער כאסענע, ווען אין קאָפּ יוירט נאָך דער גוטער ווײַן, ווען די פיס זײַנען נאָך פול מיט טאנץ און עס דוכט זיך, אז אָפּ דער גאנצער וועלט איז שאָלעם־וועשאלווע. און ווען זיי גיבן איבער, וואָס מע דארף און ווען מע דארף, גייען זיי צו זיך, קוקן ארײַן איינער דעם אנדערן אין די פריילעכע אויגן און באגעגענען דעם פרילינג־פארנאכט, ווי מענטשן, וואָס האָבן שוין הײַנט זייער כיילעק אוילעמהאבע קאָשער פארדינט.

עס גייט אוועק א שאָ און צוויי. עס ווערט נאכט. דער הימל איז אויסגעשטערנט, און ס׳איז צו זען, ווי יאָמטעוודיק און פײַערלעך־רויִק ס׳איז אין דער הייך. דער הימל, עמעס, אין געטאָ איז קליין, הינטער די דעכער פון די ענג צוגעוויפגעפרעסטע הײַזער ענדיקט זיך די וועלט און דער הימל לאָזט זיך אראָפּ, א הימל, וואָס הייבט זיך אָן אָפּ דײַטשישער און ענדיקט זיך אָפּ זאוואלנע. און דאָך... א הימל איבערן קאָפּ. ער איז הײַנט א הויכער, א שטיל־פארטראכטער, די שטערן איבער דער געטאָ לויכטן רויִק און זיכער. אמאָל שוועבט דורך א פארבלאָנדזשעט, איינזאם ווײַס וואָלקנדל, וואָס געפינט ניט קיין וועג, ביז א ווינטל בלאָזט אין דעם ארײַן א ביסל קויעך און עס ווערט פארשוווּנדן.

— א פייסעכדיקער הימל. אויסגעשײַערט און אויסגעקאשערט, — זאָגט אווראָם.

— טאקע א פייסעכדיקער... — ענטפערט לייווי. — אונטער אזא פייסעכדיקן הימל איז גוט צו עסן א קאזאיעס כאָמעץ. צום באדויערן... קיין ברעקל ניט פאראן.

— איך וויל אויך עסן... איך גיי שלאָפן. דאָס בעסטע מיטל, — זאָגט אווראָם, נאָר ער רירט זיך ניט פון אָרט.

די געטאָ לעבט פון דעם, וואָס מע „גאנוועט“ ארײַן אהער פארשיידענע פראָדוקטן, ווען מע קומט פון דער ארבעט. אמאָל ברויט, אמאָל קארטאָפל, אמאָל...

אווראָם און לייווי ברענגען ניט קיין פּראָדוקטן, זיי ברענגען געווער. מיט דעם זײַנען זיי פארנומען, מיט דעם לעבן זיי. זײַנען זיי טאקע הונגעריק נאָך מער, ווי אנדערע. באזונדערס פילט זיך עס, ווען דער טאָג איז א געראָטענער — עס געלינגט ארײַנברענגען א „שטיקל סכוירע“. אָבער אז די נאכט נעמט צופאלן, דערפילט מען, ווי דער פוסטער מאָגן פאלט אײַן, ווי אין הארצן ווערט שוואך, ווי די קויכעס גייען אויס און דער קאָפּ נעמט שווינדלען. אָט דעמלט קומט אויף דער געדאנק: עפשער איין מאָל אין וואָך ארײַנטראָגן א שטיקל ברויט, א קילאָ קארטאָפל אָפּ אונטערהאלטן דאָס כיִעס און אמאָל אפילע אונטערהאלטן א שאָכן, וואָס גייט אויס פון הונגער.

ביידע טראכטן וועגן דעם, נאָר קיינער זאָגט עס ניט. עס פאסט ניט.

אין שכיינעס מיט לייווי זאקהיים און אווראָם דעם שוסטער ווױנען צוויי ברידער — איין ברו־

[1] טאָמויס נאפשי אים פלישטים!

דער מיט אַן אַלטער מאַמען, דער צווייטער מיט אַ פֿרוי און אַ קינד.

די ווענט פֿונעם שטיקל צימער, ווו די מישפּאָכעס געפֿינען זיך, זײַנען פֿײַכטע און פֿאַרפֿלעקטע. אויבן איז דאָס ווינקל איבערן פֿענצטער גרין פֿון שימל און פֿאַרוואַקסן מיט שוועמלעך פֿון פֿײַכטקײַט.

ביידע ברידער אַרבעטן.

פֿאַרנאַכט, ווען די בריגאַדעס קומען צוריק אין געטאָ און גייען דורך דעם טויער, וואַרטן אַף זיי פֿונוויַטן פֿרויען און קינדער, וועלכע באַגעגענען מענער, טאַטעס און ברידער. ערשטנס, טאַקע זיי גופֿע, די מענער און די טאַטעס, זען, אַז זיי זײַנען געקומען צוריק לעבעדיקע. און, צווייטנס, זיך שוין, גלײַך דערוויסן, צי די מענער, טאַטעס און ברידער האָבן עפּעס געבראַכט צום עסן, צום אונטערהאַלטן די נעשאָמע. לויטן אויסזען, לויטן קוקן, לויטן גיין דערקענען שוין די, וואָס שטייען באַם טויער, צי זייערע אייגענע פֿון יענער זײַט טויער קומען מיט ליידיקן צי מיט פֿולן.

די צוויי ברידער, יאָסיען און ניאָמען ראָגאַליער, באַגעגנט מען אויך. סײַ דער אַלטער מאַמען, סײַ דער פֿרוי מיטן קינד דוכט זיך שטענדיק אויס, אַז די ברידער קומען צופֿרידענע, הייסט עס, זיי ברענגען עסן פֿאַר דער מישפּאָכע. און לאָזן לאָזט זיך אויס, אַז זיי קומען מיט ליידיקן, אַליין הונגעריקע. אַמאָל, עמעס, דוכט זיך די מישפּאָכעס, אַז יאָסיע מיט ניאָמען האָבן ביזן קומען אַהיים זיך ערגעץ אַרײַנגעכאַפּט צו באַקאַנטע. זאָל זײַן, אַז דאָס שטיקל ברויט אָדער די עטלעכע קאַרטאָפֿל גיבן זיי איבער אַנדערע, פֿרעמדע? ניין, דאָס קאָן ניט זײַן.

די אַלטע מאַמע האַלט זיך קוים אַף די פֿיס. זי איז שוין געשוואָלן פֿון הונגער. האָט זי טײַנעס צום זון:

— אַלע ברענגען עפּעס אַרײַן... כאָטש אַ סקאָרינקע אַף דערהאַלטן דאָס כײַעס. אויסשפּײַען די נעשאָמע קאָן מען דאָך ניט. די פֿיס זײַנען געשוואָלן, ווי בערוועגעס. אַלע ברענגען...

דאָס זעלבע טײַנעט די פֿרוי צום צווייטן ברודער:

— כאָטש פֿאַרן קינד עפּעס... עס גייט אויס. אַלע טאַטעס האָבן עס אין זינען. איך פֿאַרשטיי ניט, ניאָמע, וואָס איז מיט דיר געוואָרן? אַזאַ טרײַער, ווי דו ביסט געווען. איך בין דאָך אויך אַ לעבעדיקער מענטש. פֿאַרוואָס אַנדערע... האָ?

די ברידער שווײַגן. וואָס זאָלן זיי ענטפֿערן? די טײַנעס זײַנען גערעכטע. דער מאַמעס טרערן, די טרערן פֿון דער פֿרוי שנײַדן איבערן האַרצן. אָבער...

די מאַמע און די פֿרוי שטויסן זיך אַפֿילע ניט אָן, אַז יאָסיע און ניאָמע טראָגן אַלע טאָג אַרײַן געווער אין געטאָ. זיי זײַנען קאָמוניסטן. זיי זײַנען פֿאַרטיזאַנער. און געפֿינען זיך ביידע אין איין פֿינפֿטל. זיי זײַנען אַזוי פֿאַרטאָן אין זייער אַרבעט, אַז זיי פֿאַרגעסן וועגן זייערע אייגענע.

אָבער מע קאָן דאָך ניט לאָזן די מישפּאָכעס אויסגיין. און ביידע ברידער ריידן זיך דורך אין דער שטיל: בעטן באַם קאָמיטעט אַ דערלויבעניש, אַז אַ טאָג אָדער צוויי אין דער וואָך זאָל מען זיי באַפֿרײַען פֿון ברענגען געווער, זיי זאָלן קאָנען אַרײַנטראָגן עסן פֿאַר דער מישפּאָכע. זיי ליגן אָבער אָפּ דעם געשפּרעך פֿון טאָג אַף טאָג.

לייווי מיט אווראָמען זעען, ווי די מישפּאָכעס לײַדן. העלפֿן קאָנען זיי מיט גאָרניט. זיי פֿאַרשטייען אָבער ניט: צוויי געזונטע מאַנצבילען זאָלן גאָרנישט ניט טאָן פֿון זייערע מישפּאָכעס וועגן? אַלע, אַלע ריזיקירן פֿאַר קינדער, פֿאַר עלטערן... לייווי מיט אווראָמען טראַכטן, אַז ווען זיי אַליין האָבן עפּעס פֿון עסן, וואָלטן זיי די דאָזיקע מישפּאָכעס דעם לעצטן ביסן אָפּגעגעבן.

אַף מאָרגן איז אווראָם אוועק צו דער לערערקע העניע.

די לערערקע, זעט אווראָם, איז געוואָרן נאָך קלענער און דאַרער. דער פֿרילינג באַלײַכט איר בלאַסקײַט, וואָס פֿאַלט אַרײַן אין אַ געלן קאָליר. פֿאַרקערט, העניען זעט אויס, אַז אווראָם איז געוואָרן עפּעס גאָר ווי יינגער, די גרויסע קנייטשן זײַנען געוואָרן ווייכער. צו אים האָט זיך אומגעקערט דער אָפּשײַן פֿון דער אַמאָליקער גוטסקײַט און צופֿרידנקײַט.

— אווראָם־אָווינו... — האָט העניע רויִק און בענימעסדיק, ווי איר שטייגער איז געווען, געזאָגט, — וויבאַלד עס איז נאָך פֿאַראַן אַן אווראָם־אָווינו, זײַנען מיר דאָך נאָך אויך פֿאַראַן. אווראָם, זאָגט מיר דעם עמעס, עפּשער זײַט איר טאַקע אַ לאַמעדוואָווניק? — העניע האָט שטיל געלאַכט, מער מיט די אויגן, ווי מיטן קאָל.

— פֿון אײַך, לערערקע, האָב איך ניט דערוואַרט אַזעלכע שײַלעס. ווײַל דער עמעסער לאַמעדוואָווניק זײַט איר דאָך. אַ צידקאָניעס, אַ מין הײַנטצײַטיקע צידקאָניעס... נעמט עס ניט אָן, העניע, פֿאַר אומגוט. ס'איז פֿון גאַנצן האַרצן...

— וועגן דעם זײַט איר מיר געקומען דערציילן, אווראָם?

— ניט וועגן דעם. איך, העניע, ווייסט איר דאָך, בין אַ שוסטער. איך, אַז איך זעץ זיך צום וואַרשטאַט, טו אַ שמעק דעם קליי, אָן אָטעם מיט לעדער, אַ כאַפּ אַ טשוועקל אין מויל, בין איך זאַט. איך דאַרף קיין סאַך ניט. נאָר איר פֿאַרשטייט... לייווי זאַקהיים האָט נאָך אַ מאָגן. ער הונגערט. אַליין שעמט ער זיך, בעט איך פֿאַר אים: זאָל מען אים איין טאָג אָדער צוויי טעג אין דער וואָך באַפֿרײַען פֿון „יענץ“, און זאָל ער קאָנען אַרײַנטראָגן אַ שטיקל ברויט, אַ קאַרטאָפֿל... ס'וועט זײַן ניט נאָר פֿאַר אים אַליין. אין שכיינעס וווינען צוויי ברידער... יאָסיע און ניאָמע

ראָגאַלֿיער, געזונטע מענטשן, און ברענגען גאָרנישט ניט פאַר די מישפּאָכעס. א ראַכמאָנעס, זאָג איך אײַך, זיי הונגערן. איר הערט, העניע, זיי גייען אויס. ווען לֿייווי האָט א ביסעלֿע פּראָדוקטן, העלֿפט ער דער מישפּאָכע. ס׳איז ניט צוצוזען זייערע לֿיידן...

— ברידער, זאָגט איר... יאָסיע און ניאָמע... די מישפּאָכעס הונגערן... וואָס רעדט איר?

אווראָם האָט באַמערקט, אַז אַף העניען האָט עס שטאַרק געווירקט. זי הערט אים שוין ניט, זי איז פאַרטאָן אין זיך.

— העניע, — האָט זי אווראָמען אָנגערירט באַם אַרבל, — גיט איבער מײַן באַקאָשע ווען מע דאַרף. און אויב איר זעט אים, — האָט ער שטילֿ צוגעגעבן, — גיט אים איבער א גרוס.

— אַלֿץ, אַלֿץ וועלֿ איך טאָן. גייט געזונטערהייט.

אין עטלֿעכע טעג אַרום האָבן זיך ביידע ברידער געוווּנדערט. זיי האָבן קיינעם גאָרנישט ניט געזאָגט, ניט געפרעגט און ניט געבעטן... און פון פּאַרטיי־קאָמיטעט האָט מען זיי איבערגעגעבן, אַז עטלֿעכע טעג אין דער וואָך זאָלֿן זיי ברענגען עסן פאַר די מישפּאָכעס, דערבײַ האָט מען זיי געגעבן אָנצוהערן, אַז דער קאָמיטעט איז אומצופרידן, וואָס זיי אַלֿיין האָבן געשוויגן און דערוויסן זיך האָט מען געדאַרפט וועגן דעם צופעלֿיק פון דער זײַט.

דאָס זעלֿבע האָט העניע איבערגעגעבן אווראָמען וועגן לֿייווי זאַקהיים.

פאַר לֿייווין איז עס געווען זייער צו דער צײַט...

עס איז שוין לֿאַנג באַוווּסט, אַז דאָס קאָמישע מיטן טראַגישן גייען באַנאַנד. ס׳איז זיי שווער אָפּצושיידן אפילֿע אין געטאָ, וואָס איז דורכויס טראַגעדיע.

די אַרבעט פון דער פּאַרטיזאַנישער אָרגאַניזאַציע איז געגאַנגען א שטילֿע, אַן אונטערערדישע, פון א זײַטיק אויג א באַהאַלֿטענע... די אויפגאַבע איז געווען געפינען די געהעריקע מענטשן און געווער, מיט וואָס צו קעמפן. אויסער דעם געווער, וואָס די פּאַרטיזאַנער פלֿעגן „גאַנווענען" באַ די דײַטשן, האָט מען אויך געדאַרפט אײַנקויפן געווער.

ווו נעמט מען געלֿט אָדער טײַערע כפייצים?

שטילֿערהייט האָט מען געזאַמלט מיטלֿען. די לֿערערקע העניע האָט ניט קיין געלֿט. דערפאַר איז באַ איר דאָ א גאָלֿדענער רונג מיט א טײַערן איידלֿשטיין, וואָס פלֿעגט איבערגיין אין איר מישפּאָכע פון דאָר צו דאָר. אַמאָלֿ איז העניעס אַן עלֿטערזיידע געקומען אַהער, קיין ווילֿנע, פון אויסלֿאַנד (דײַטשלֿאַנד אָדער האָלֿאַנד) און געבראַכט מיט זיך דעם רונג, וואָס איז אים געבלֿיבן פון א זיידן. דעם רונג האָט מען אָפּגעהיט ווי א מישפּאָכע־רעלֿיקוויע.

העניע האָט עס אויך געהיט. צו ווען וועט דער רונג אָנקומען? — האָט זי ניט איין מאָלֿ געטראַכט. — זי איז די לֿעצטע אין דער מישפּאָכע. איצט האָט זי זיך דערפרייט: זי וועט אים איבערגעבן אַף אײַנקויפן געווער. זי איז זיכער, אַז איר עלֿטער־עלֿטערזיידע וואָלֿט אויך געווען פון דעם צופרידן: פונעם פינגערלֿ וועט ווערן א רעוואָלֿווער אָדער א ביקס.

די רײַכסטע און פּריווילֿעגירסטע מענטשן אין דער געטאָ זײַנען געווען די קוימענקערערס.

די קוימענקערערס זײַנען געגאַנגען פרײַ איבער אַלֿע גאַסן. צו דעם פּאַך האָט די שטאָט געמוזט אָנקומען. האָט מען באַ אייניקע פון זיי אויך גענומען געלֿט אַף געווער.

די קוימענקערערס, ווען זיי האָבן נאָר געוואָלֿט, זײַנען זיי אַרויס און אַרײַן אין געטאָ, געגאַנגען איבער די הײַזער פון דער שטאָט רייניקן די קוימענס. די שוואַרצע מענטשן מיט די עמערס פאַר סאַזשע, מיטן שוואַרצן בעזעמלֿ פלֿעגן אפילֿע גיין אין שטאָט איבערן טראָטואַר. אינעם סאַזשע־עמער, צוגעדעקט מיטן שוואַרצן בעזעמלֿ, האָט מען אַרײַנגעבראַכט עסן אין געטאָ.

איינער פון זיי האָט, גייענדיק פאַרנאַכט פון דער שטאָט, געקויפט א מעציִע: א לֿעבעדיקע הון. ער האָט זי אײַנגעוויקלֿט אין פּאַפּיר, אַרײַנגעלֿייגט אין סאַזשע־עמער, צוגעדעקט מיטן בעזעם און בעשאָלֿעם אַרײַן אין געטאָ. אַף א לֿעבעדיקער הון וועלֿן זײַן באַלֿאָנים, ביפראַט, אַז ס׳גייט צו פּייסעך.

אין שטוב באַ זיך, אַז ער האָט די הון אַרויסגענומען פון עמער, זײַנען אַלֿע שכיינים זיך צונויפגעלֿאָפן אָנקוקן א לֿעבעדיק אָף. דער באַלֿעבאָס האָט, ווי אַמאָלֿ אין די גוטע יאָרן, מיט א בענדלֿ צוגעבונדן די הון פאַר א לֿאַפּקע צו א פוס פון טיש, אָנגעוואָרפן ברעקלֿעך, געשטעלֿט א טעלֿער וואַסער. די הון האָט געפּיקט די ברעקלֿעך און געטרונקען דאָס וואַסער.

ווי אַף א בייזוווּנדער זײַנען מענטשן געקומען אָנקוקן די לֿעבעדיקע הון.

— וויי איז מיר... א לֿעבעדיקע.

— אַזוי לֿאַנג ניט געזען קיין לֿעבעדיקע באַשעפעניש.

— זי פּיקט!

— זי טרינקט!

די איינציקע לֿעבעדיקע באַשעפענישן, וואָס זײַנען יאָ געווען אין געטאָ, זײַנען געווען מײַז אין די קעלֿערס און אַמאָלֿ א קאַץ אַף א דאַך.

אַרום דער הון איז מען געשטאַנען גלֿיקלֿעכע, געשמייכלֿט, געמורמלֿט מיט לֿיבשאַפט פאַרשיידענע מילֿדע אויסדרוקן, געווען איבעראַשט דערפון, אַז אַף דער וועלֿט לֿעבט נאָך א הון...

איינער, עמעס, האָט מיט צווייפלֿ געזאָגט:

— א הון? צי ניט קיין הענדלֿ...

קיינער האָט אים ניט געהערט. דער איקער — ס'איז א לעבעדיקע באשעפעניש. א סימען פון לעבן איז א סימען פון האָפענונג.

אויסגעפאלן איז עס אין די ערשטע שטילע פרילינג־נעכט, ווען אונטער דער בלויער רויִקייַט, וואָס טריפט פונעם געטאָ־הימל, ווערן די אייַנגעשלאָפענע געסלעך באוואקסן מיט כאלוימעס, ווען די שטאָטישע ווילנער לעוואָנע, אָנגעטאָן אין א העלן קרייַז, קוקט אריַין אויך אין די קוימענס פון די געטאָ־הייַזער, פארציט אלץ מיט א זילבערנער נעץ, פארדעקט מיט מייַסעדיקייַט; אין אזא שטילער פרילינג־נאכט, ווען אויך אין דער געטאָ פירט מען ליבעס, ווערט די האָפענונג אף בעסערס קימאט מאמאָשעסדיק.

אין דער דאָזיקער נאכט כאָלעמט זיך עפשער עמעצן די איינציקע לעבעדיקע הון אין ווילנער געטאָ, ווי זי פיקט ברעקלעך און טרינקט וואסער.

צו פארטאָג איז געשען א נעס. די הון, וואָס איז געווען א יונג הענדל, האָט פארהויבן דעם קאָפּ און גענומען קרייען. אָבער הויך קרייען, אף א קאָל, אז מע זאָל הערן ארום־און־ארום.

די געטאָ האָט זיך אופגעכאפט פון שלאָף.

— ווו קרייעט מען עס? בא אונדז צי בא זיי?

— קינדערלעך, א האָן קרייעט אין געטאָ! ניסים־וועניפלאָעס!

— אוי, דעם קוימענקערערס הון קרייעט!

די געטאָ־פּאָליצייַ איז געקומען צו לויפן.

— ווו קרייעט עס א האָן? — האָבן זיי גענומען זוכן און נישטערן. זיי האָבן גאָרנישט ניט געפונען. דער האָן האָט זיך זייַנס אויסגעזונגען און איז אנשוויגן געוואָרן. דער באלעבאָס האָט אים אייַנגעוויקלט אין דעם זעלבן פאפיר, אריַינגעלייגט אין סאזשע־עמער, פארדעקט מיטן בעזעמל און באלד פון דער געטאָ אוועקגעייַלט.

איז אָט, אין עטלעכע טעג ארום נאָך דעם דאָזיקן אויסערגעוויינלעכן צופאל, ווען אין געטאָ האָט א האָן געקרייעט (ס'איז פונקט אויסגעפאלן שאבעס־האגאָדל, ווען מע זאָגט „אד קאָן"), דארף זיך מאכן, אז ווען לייווי זאקהיים איז פארנאכט בעשאָלעם דורך דעם טויער און איז אריַין אף רודניצקע, דערפילט ער פלוצעם, אז עמעצער באפאלט אים פון הינטן. באלד דערהערט ער א צופרידענע בילערייַ, אין איין רעגע ארום שטייט שוין דער הונט אנטקעגן אים אף די הינטערשטע לאפעס און מיט די פאָדערשטע פאלט ער צו אים צו און לעקט מיט דער צונג זייַנע הענט.

— ראבטשיק?! פונוואנען? ווי קומסטו אהער? — האָט זיך לייווי געוווּנדערט, צוהאלטנדיק מיט איין האנט די פענסנע, ווי קומט זייַן הונט אין געטאָ.

„ראבטשיק, ראבטשיק, הינטל שיינער...", ווי עס זינגט זיך אינעם לידל, האָט טאקע א שייַכעס צו לייוויס הונט. א שיינער. דעריקער אָבער א קלוגער.

אויך דאָס ווערטל „ראבטשיק — א יידישער הונט..." איז אינגאנצן צו אים צוגעפאסט. ער פארשטייט יידיש. אייגנטלעך, איז עס זייַן גרונט־שפּראך. שכיינים פלעגן אפילע אין שפּאס זאָגן:

— ער בילט אף יידיש.

ראבטשיק האָט געוווּסט אלע יידישע יאָמטויווים לויט די מייַכאָלים, מיט וועלכע מע פלעגט אים מעכאבעד זייַן.

דאָס שרעקלעכסטע וואָרט פאר אים איז געווען: היצעל.

טאקע צוליבן היצעל האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע ליבע און איבערגעגעבנקייַט פון ראבטשיקן צו לייווי זאקהיים.

ראבטשיק איז געווען נאָך א קליין הינטל, ווען ער האָט זיך באוויזן אין הויף, ווו זאקהיים האָט געוווינט; א קליין הינטל, וואָס האָט אומעטום אריַינגעשטעקט זייַן מאָרדע און געפּישטשעט, נאָך אפילע בילן ניט געקענט. קיין נאָמען האָט ער ניט געהאט. גערופן האָט מען אים צוציקל. דער גאנצער הויף האָט אים געהאָדעוועט, שלאָפן פלעגט ער גיין צום באלעבאָס. אז ער איז א ביסל אונטערגעוואקסן, האָט אים לייווי זאקהיים געקרוינט מיטן נאָמען ראבטשיק.

איינמאָל איז ראבטשיק ארויס פון הויף און זיך געלאָזט שפּאצירן איבער דער גאס, האָט אים א היצעל אריַינגעכאפּט אין שלייף און א צענעריקטן אריַינגעשטופּט אינעם הינטישן קאסטן מיט די גראטעס. ראבטשיק האָט ניט פארשטאנען, וואָס עס קומט פאָר, פארוואָס קומט עס אים? אָבער אז עס איז פּאסקודנע, שלעכט, האָט ער גוט דערפילט, און צוזאמען מיט די איבעריקע הינט אינעם היצעלס קאסטן געציטערט פון ווייטעק און שרעק.

אין הויף, אז מע האָט זיך דערוווּסט וועגן ראבטשיקס אומגליק, האָט זייַן באלעבאָס געזאָגט:

— איכל קריגן אן אנדער הינטל.

די שכיינים האָבן באדויערט, און גאָר.

לייווי זאקהיים איז אף מאָרגן אוועק צו דער הינטישער „יאטקע" און אויסגעקויפט ראבטשיקן, באפרייַט אים.

פון דעמלט אָן האָט דער הונט אנערקענט איין מענטשן אף דער וועלט — לייווין. ער האָט צו אים ארויסגעוויזן ליבע, האכנאָע און געטרייַשאפט. האָט ער נאָר דערהערט, ווי עמעצער זאָגט „לייווי", האָט ער שוין גענומען שפּרינגען פון פרייד.

ווען מע האָט געטריבן אין געטאָ, האָט ראבטשיק פארלאָרן זייַן באלעבאָס. און אָט איצט, אין זיבן־אכט כאדאָשים ארום, האָט ער זיך באוויזן אין געטאָ, געפונען לייווין. ער איז גע־

שפרונגען, געבילט, געדרייט מיטן עק, געגעבן דערמיט אלעמען אנצוהערן, ווי גרויס זיין פרייד און גליק זיינען. עס איז געווען ניט גאר ווייט פון טויער. פאליציי איז באלד אנגעלאפן.

— א הונט?

— וועמעס הונט?

ביידע האבן געקענט שלעכט אפשניידן, אי דער הונט, אי זיין באלעבאס, דעריבער האט לייווי אויסגענוצט אן אויסגעפרוווט מיטל:

— דער היצעל גייט! — האט ער א זאג געטאן, און ראבטשיק איז טייקעף נעלעם געווארן.

— דיין הונט? — האט מען לייווין געפרעגט.

— א הונט איז מיך באפאלן לעבן טויער. איז עס מיין הונט?

— רייד ניט קיין נארישקייטן. קום מיט אונדז. א פרעמדער הונט איז דיך באפאלן, האסטו דאך געוויס פולע קעשענעס מיט געשמאקע זאכן, וואס דער הונט האט דערשמעקט...

לייווין האט מען באזוכט. און קיינער האט ניט געקאנט פארשטיין, פארוואס ער איז אזוי צופרידן. אין זיינע קעשענעס האט מען געפונען א שטיקל ברויט און עטלעכע קארטאפל. קיין דייטשן זיינען ניט בייגעווען, איז ער אלס שטראף א גאנצן פייסעך אפגעזעסן אין דער געטא-טורמע.

ווען דאס טרעפט מיט איין טאג פריער, געפינט מען בא אים געווער.

20

צום אנדענק פון מיין פאטער ישראל

אמאל:
קארגע יארן
און ווייצענע טעג.
אין געטא:
קארגע יארן
און וויי צו די טעג.

(פון א רעוויו).

אין ווילנע איז זומער. אין דער געטא איז זומער. אפן הויף פון סטראשון-גאס (קאמניצקער), נומער זעקס, איז היינט פרייליך. די געטא-ספארטלער שפילן אין באסקעטבאל. דער הויף איז געפאקט מיט מענטשן, יונגע און אלטע.

אף דער גאנצער וואנט פון דעם מויער איז מיט גרויסע פארשיידנפארביקע אויסיעס אנגעשריבן:

„אין א געזונטן קערפער — א געזונטער גייסט".

„פאר א ספארטלער איז די שווערסטע ארבעט לייכט".

דער טאג איז געווען א הייסער. פון דער ארבעט זיינען אלע געקומען מידע און פארשוויצטע. פארנאכט-צו האט גענומען ווערן קילער, כאטש פון די בלעכענע דעכער און פון די טראטוארן האט נאך געזעצט א דושנעקייט.

איידער די שפיל האט זיך נאך אנגעהויבן, האט מען זיך שוין געאמפערט, וועלכע גרופע וועט געווינען: אין די ווייסע העמדלעך צי אין די בלויע?

יאנקעוו גענס אליין איז געקומען, די אנפירער פון דער פאליציי זיינען געקומען. זיי זיינען אלע געווען יאמטעוודיק אויסגעפוצט און גוט אופגעלייגט.

קימאט אלע זיינען געווען זיכער, אז די ווייסע העמדלעך וועלן זיגן. ווען די שפיל האט זיך אנגעהויבן און מע האט דערזען דעם נייעם ספארטסמען — מענדל קארנע, וועגן וועלכן די בלויע העמדלעך האבן אזויפיל ניסים דערציילט, איז מען געווארן נאך זיכערער.

ער איז א הויכער, דער העכסטער צווישן אלע שפילער, מאכט אבער אן איינדרוק פון א ווינציק באוועגלעכן, פון א פלעגמאטישן. עס האט זיך געקאנט אויסווייזן, אז מיט די פיס איז ער אפן ספארט-פלאץ און מיטן קאפ — ערגעץ אנדערש.

— אט דאס איז דער מענדל קארנע? אט דער הויכער יאלד, דער אויג מעלעך האבאשן, וואס די בלויע האבן אים אריינגעכאפט... נו, מירן זען...

באזונדערס האבן זיך געוווּנדערט יענע צושויער, וואס געדענקען מענדלען פון אמאל.

מע האט אים געלייך געקרוינט מיטן צונאמען „שלימאזל".

ווי נאר אבער מענדל האט גענומען שפילן, האט זיך ארויסגעוויזן, אז ערשט איצט האט ער געפונען זיין עמעסן בארוף — א געבארענער באסקעטבאליסט. גיט ער א הייב אוף די הענט, ציט שוין די פילקע צו זיי ווי מיט א מאגניט. ער גיט זי א רוק א נעם אין ביידע דלאניעס און דריקט צו צום הארצן. דערנאך ציט ער ווידער אויס די הענט, גיט א זשמורע מיט אן אויג, און די פילקע ליגט שוין אין קויש.

פון אנהייב האט מען זיך געוווּנדערט, דערנאך האט מען זיך צוגעוווינט. יעדע פילקע, וואס ער האט אריינגעווארפן, האט מען גענומען באגלייטן מיט אויסגעשרייען און מיט אוואציעס.

די ווייסע העמדלעך האבן פארביטן עטלעכע שפילער אף נייע, הויכוואקסיקע. די ווייסע האבן נאכן איבערייס גענומען אניאגן. איצט האט מען זיי שוין באגלייט מיט פרייד-אויסגעשרייען, מיט „הורא", מיט „היידאד"...

נאך איין איבערייס. איצט האט מענדל קארנע גענומען שיקן אין קויש איין פילקע נאך דער צווייטער. ס'איז געווארן א שטורעם. ווער עס

האָט געשריִען הורא און ווער עס האָט געפּײַפט. די פרייד־געשרייען האָט מען געהערט אויסער דער געטאָ. פאַרבײַגייער האָבן ניט פאַרשטאַנען, וואָס עס קומט דאָרט פאָר אין געטאָ. מע האָט געבראַכט א יעדיִע וועגן באַפרײַונג, צי עפּשער שמײַסט מען מורערן אפן הוילן און אלע פרייען זיך?

מער פון אַלעמען איז צעראַשט און אופגע־לייגט שמועל־יאָשע אייסעק. זײַן בערדל איז ווי־דער שטאַרק אונטערגעשאָרן, פּונקט דאָרט, וווּ ס'האָבן זיך א שאָט געטאָן גראָווע האָר. ער איז אַלט געוואָרן. אויסערלעך האַלט ער זיך מײַסע העלד, אָבער אינדערעמעסן דוכט זיך אים קע־סיידער, אז יעדן טאָג איז ער מיטן לעבן ניט זיכער. הײַנט באַציט זיך גענס צו אים גוט. און מאָרגן? מאָרגן קאָן מען אים אויך טרײַבן אף שווערער אַרבעט... און אפילע קיין פּאָנאַר...

ער שטייט ניט ווײַט פון גענסן, און אלע ווײַלע קוקט ער אף יענעם. און ווי נאָר ער דערזעט אף גענס פּאָנעם א צופרידנקײַט, א שמייכל, אזוי נעמט ער נאָך מער שרײַען, פּאַטשן מיט די הענט.

אפן ספּאָרט־פּלאַץ האָבן זיך הײַנט באַגעגנט צוויי מענטשן, וואָס האָבן זיך ניט גערעכט דאָ צו באַגעגענען: איציק וויטנבערג און די לע־רערקע העניע. נאָך פונדערווײַטן האָבן זיי זיך דערזען, א קוק געטאָן איינער אפן אַנדערן, גע־שוויגן. די לערערקע איז געקומען, ווײַל עס שפּילן הײַנט אירע געוועזענע שילער. עמעס, זיי שפּילן איןביידע גרופּעס. פאַר וועמען דאַרף זי האַלטן?

די שפּיל גייט. די צושויער, וואָס שטייען אין ענגשאַפט, זײַנען פאַרכאַפּט. אויך איציק איז אין דער שפּיל אַרײַנגעצויגן. די געדאַנקען, וואָס לויערן א גאַנצן טאָג אין יעדן ווינקל מויעך, רוקן זיך איצט אָפּ, גייען אוועק, ווערן אַנשוויגן.

די געדאַנקען פון די לעצטע טעג:

זומער. זומער, וואָס גייט ביסלעכווײַז אוועק. מע וועט זיך ניט אַרומקוקן, ווי עס וועט אָנקו־מען דער צווייטער האַרבסט אין געטאָ, נאָך אים וועט דער צווייטער ווינטער קומען. און אַלץ איז ווי געווען. דערפאַר וואַקסט דער אומגע־דולד. די הענט ווילן מער ניט וואַרטן, זיי פּאָ־דערן געווער...

איז מיט וואָס באַרויִקט מען דעם אומגעדולד, מיט וואָס צאַמט מען אים? ער זאָגט זיך: גע־דולד! די שאָ וועט קומען. ער זאָגט עס, האָבנ־דיק דערבײַ א גרויסע טײַנע צו זײַן אייגענעם אומגעדולד, וואָס מאַטערט, מאָנט און פאָדערט.

ער דערמאָנט זיך די ליד, וואָס סליעפּס כאָר אין ווילנע האָט געזונגען:

אָ, די געדולד, די פאַרפלוכטע געדולד...

איצט איז צום אומגעדולד נייטיק א ביסל געדולד. און קעדיי כאַוויירים זאָלן אויסהאַלטן, ניט אַרויספּלאַצן פאַר דער צײַט, רעקאָמענדירט איציק גיין אין טעאַטער, זען די ספּאָרט־פאַר־ווײַלונגען. ער אַליין טוט דאָס זעלבע. פון גענס רעפרען: „געדולד, געדולד" מעג מען א ביסל געניסן אף צאַמען דעם אומגעדולד, פאַרלײַכ־טערן די שווערע צײַט פון וואַרטן.

איציק דערזעט גענסן אפן ספּאָרט־פּלאַץ.

איציק וויטנבערג פאַרשטייט, אז גענס איז א מייוון אף מענטשן. זײַן אויג כאַפּט אוף, וואָס יעדערער באַזונדער שטעלט מיט זיך פאָר. ער קאָן האַלטן זײַנע לײַט פעסט אין די לייצעס, צו דער צײַט זידלען, צו דער צײַט מוטיקן. פאַר איציקן איז קלאָר גענס געדאַנק: א בער לערנט מען אויס טאַנצן מיט גוטן און מיט בייזן.

די פראַגע איז: צי ווייסט גענס, אז אף אים איז מען אויך א מייוון? געוויס ניט.

אפן ספּאָרט־פּלאַץ זעט גענס אויס ווי א גאָט. און אף א גאָט זאָגט מען דען מעווינעס?

וויטנבערג פאַרשטייט: גענסן איז ניט לײַכט אײַנצובײַסן, מיט אזא איינעם דאַרף מען וויסן, ווי צו קעמפן. ער איז אָבער זיכער, אז אים וועט נאָך אויסקומען זיך באַגעגענען מיט גענסן אויג־אף־אויג. אזא טאָג וועט קומען. ער גלייבט.

דערווײַל פּלאַצט אויס אפן ספּאָרט־פּלאַץ מאַ־מעש א שטורעם פון אויסגעשרייען „הורא" און „היידאָד". מענדל קאַרנע וואַרפט א פּילקע נאָך א פּילקע אין קויש אַרײַן. איציק ווערט ווידער אַרײַנגעצויגן אין דער שפּיל. ער איז צופרידן, אים איז אָנגענעם צו זען, ווי רויִק מענדל נעמט אָן מיט ביידע דלאָניעס די פּילקע, דריקט זי צום האַרצן, ציט אויס די הענט און וואַרפט זיכער און געלאַסן די פּילקע אין קויש אַרײַן.

נאָך דער שפּיל האָט דער אוילעם זיך ניט געײַלט פאַנאַנדערגיין. וואָרעם קאָלזמאַן אלע זײַנען נאָך אפן ספּאָרט־פּלאַץ, קאָלזמאַן עס רוישט און טומלט, איז נאָך די שטימונג ניט קיין שלעכטע. מע ווערט פאַרשיקערט, מע פאַר־געסט אין אַלץ.

שמועל־יאָשע נעמט דערווײַל פאַרדינען זײַן ברויט. אפילע בלינדע, טײַנעט ער, זעען שוין אויך, ווי גערעכט גענס איז. אז מע וועט אים פאָלגן, וועט אַלץ זײַן גוט. אף זײַנס א וואָרט קאָן מען זיך פאַרלאָזן, אײַזן...

שמועל־יאָשע שרײַט אזוי, אז גענס זאָל דער־הערן.

גענס איז שטאַרק צופרידן, וואָס אלע זײַנע אופּטועץ גיבן זיך אים אײַן. מע הייבט אים שוין אָן צו גלייבן, צוטרוי האָבן. און דערפאַר הייבט ער אָן נאָך מער זיך פאַרלאָזן אף זיך אַליין.

מיט זײַנע אופּטועץ נעמט ער אויס בא די דײַטשן. זיי גלייבן אים אוואַדע.

גענס, א שלאנקער, געזונטער, א מיליטעריש בראווער, גיט גוטמוטיק א קוק אָף שמועל־יאָשען. זאָל יענער וויסן, אז גענס באגיטיקט, וועט ער זיך נאָך מער סטארען.

עס איז שוין געמאָלדן, אז אין עטלעכע טעג ארום וועט פאָרקומען א קאָנצערט אין דער געבײַדע פון דעם קליינעם שטאָט־זאל, וואָס געפינט זיך אָף דער טעריטאָריע פון געטאָ.

גענס קלײַבט זיך אויך אפן קאָנצערט. דער טעאטער איז זײַן ליבלינג. מיט דעם טעאטער האָט זיך אָנגעהויבן זײַן ארבעט אָף בארויִקן דעם אוילעם. דערנאָך זײַנען צוגעקומען כאָרן, אָרקעסטערס, פיזקולטור־גרופּן, א ביבליאָטעק, א לייען־זאל... א גאנצע קולטור, א פארצווײַגטע קולטור. וועלכע געטאָ קאָן זיך מיט דעם באריימען? און דאָס איז זײַן אופּטו. א גאנצע מעלוכע. ער דארף בארויִקן, אופהייבן די שטימונג. זאָל מען אים גלייבן, זאָל מען אים פאָלגן...

פאָלגן אים האָט מען געמוזט. גלייבן אים האָט מען ניט געוואָלט. אָבער פארטומלען דעם קאָפּ, פארגעסן, ווו מע האלט אין דער וועלט, ניט קוקן דער געפאר אין פּאָנעם — דאָס גיט זיך אים אָפּט אײַן. דער אוילעם איז אזוי מיד און אזוי צעבראָכן, אז ער לאָזט זיך אײַנוויגן, ווי א קינד. עפשער טאקע? מע וועט אזוי דורכלעבן און איבערלעבן די מילכאָמע.

גענס האָט זיך זײַנע געדאנקען.

די פארמישפּעטע צום טויט קאָן ער ניט ראַטעווען. ווער עס מוז אומקומען, וועט אומקומען. אָבער וועמען עס איז באשערט צו לעבן, זאָל לעבן. אויב פון די צוואנציק טויזנט זאָלן בלײַבן אפילע נאָר צען טויזנט, וועט מען נאָך דער מילכאָמע פארגרעסערן די געטאָ, מע וועט לעבן א ביסל געראמער. דער אוילעם וועט ארבעטן. עס וועט זײַן א קליינע פארשלאָסענע מעלוכע. און ער, גענס, וועט זײַן דער אָנפירער. בא רויִקע באדינגונגען וועט ער ווײַזן, אָף וואָס ער איז פייִק. עס וועט זײַן שיין, פײַן, עס וועט זײַן אָרדענונג. און אייגנטלעך — דאָס איז זײַן אלטע נאציאָנאלע אידיי — נאָר אין אזעלכע באדינגונגען קאָן זיך פארהיטן דאָס יידישע פאָלק.

פּונקט אזוי, ווי גענס איז אײַנגעגלייבט אין זײַן שיינקײַט און שטאלטנעקײַט, אין זײַן בראוון מיליטערישן אויסזען, פּונקט אזוי איז ער שטארק אײַנגעגלייבט אין זײַן כאָכמע און מאזל. ער וויל ניט און דארף ניט בא קיינעם פרעגן קיין אייצעס. ער האָט די פולע מאכט אין געטאָ. ער איז באלעבאָס. ניט אומזיסט האָט מען אין אומגליק און אומקום זיך געוויצלט איבער אים:

— געהערט? היטלער איז קראנק. און שטעלט אײַך פאָר, אין וואָס זײַן קרענק באשטייט? ער איז מעקאנע גענסן, אפילע אין שלאָף שרײַט היטלער: „איך בין גענס! איך בין גענס!“

גענס פילט, אז זײַן נאציאָנאלע אידיי דארף עפּעס א באגרינדונג, אז זײַן פּאָזיציע מוז מיט עפּעס בארעכטיקט ווערן אין אלעמענס אויגן (און אויך אין די אויגן פון די קומענדיקע דוירעס). דעריבער זוכט ער אן אָנשפּאר — א געלערנטן, וואָס זאָל מיט פארשיידענע רײַעס און בײַשפּילן פון דער געשיכטע דערווײַזן, אז צאָרעס פעסטיקן דאָס פאָלק, היטן עס אײַן, און ווידער קעדיי זיך אײַנהיטן, דארף מען פאָלגן, ארבעטן און פאָלגן. מע זאָל גוט אויסטײַטשן דעם פּאָסעק: בעדאָמאיִך כײַי.

גענס האָט אזא מענטשן געפונען. עמעס, עס טרעפט אָפּט, אז זיי פארשטייען ניט איינער דעם אנדערן.

דער געלערנטער הירש זעליקמאן איז א מענטש, וואָס אָרנטלעכקײַט איז זײַן כאראקטער, זײַן נאטור. ער איז א באשיידענער, א שטילער. וואָס עס טוט זיך אָף דער וועלט, זעט ער, עמעס, ניט מער, ווי מיט איין אויג. וואָס מענטשן שטעלן מיט זיך פאָר, פארשטייט ער. ער פארגינט זיך אָבער ניט באנעמען עס ביזן סאָף, זאָגן דעם גאנצן עמעס. ער מוז פארבעסערן און פארשענערן. אויב ניט, לײַדט זײַן געוויסן, זײַן אָרנטלעכקײַט נעמט פּראָטעסטירן. און מיט זײַן אָרנטלעכקײַט וויל ער לעבן בעשאָלעם. ער האָט זיך אָף זײַן לעבן קיינמאָל מיט קיינעם ניט געקריגט, קיינעם ניט מעקאנע געווען. איינס נאָר האָט אים גערייצט, געוועקט זײַן פאנטאזיע — קויעך, קראפט. גערייצט דערפאר, ווײַל ער אליין איז געווען שוואך און אָף אָנווענדן קויעך ניט פייִק. טאקע דערפאר האָט אים געצויגן צו פרעמדן קויעך, וואָס זאָל זײַן פאר אים אן אָנשפּאר. ניט איין נאכט האָט אים ניט געלאָזן שלאָפן זײַן אייביקער טרוים: פארמאָגן אזא קראפט, אזא קויעך, וואָס זאָל אלץ קאָנען. דעמלט וואָלט ער געענדערט דעם סיידער פון דער וועלט. ווו נעמט מען אָבער אזא קראפט? און צי וואָלט אים זײַן גוטסקײַט ניט געשטערט די דאָזיקע קראפט אָנווענדן?

א גאנץ לעבן האָט ער שטיל, באשיידן און איבערגעגעבן געטאָן זײַן ארבעט, וואָס איז באשטאנען אין ליב האָבן יידיש און גריבלען זיך אין אלטע ספאָרים.

זײַן אויסערלעכקײַט איז אויך געווען באשיידן, ווי ער אליין. ניט קיין הויכער, מע קאָן זאָגן, אפילע נידעריקער פון מיטלוווקס, מיט בלאָנדע, גיכער גאָר אשקאָליריקע האָר. א ראזירט קײַלעכדיק פּאָנעם מיט אן אָפּשײַן פון פארמעטגעלקײַט צוליבן שטענדיקן זיצן איבער ספאָרים. ריידן פלעגט ער לאנגזאם, דײַטלעך ארויסריידן יעדן זאץ באזונדער.

בייס די דײַטשן זײַנען ארײַן אין ווילנע און זעליקמאן האָט דערזען, אז די געבילדעטע און ציוויליזירטע דײַטשן קוילען און הארגענען און

אַז דער קויעך שטייט אײַן בײַ קוילער, האָט ער זיך אײַנגאַנצן פאַרלאָרן, זײַן גאַנצקייט איז געוואָרן צעבראָכן, זײַן גלויבן צעטרייסלט... ס'איז אים מיטאַמאָל געוואָרן אַלצאיינס. ס'האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ גלײַכגילטיקייט צום לעבן און צום טויט. ער איז געוואָרן אויס מענטש. וואָס קאָן אים איצט אַרן, וואָס קאָן אים איצט אָנגיין, אַז אָרנטלעכקייט און געוויסן זײַנען צו שפּאָט און צו שאַנד, פאַרגיסן אומשולדיק בלוט איז העלדישקייט?

און קעדיי זיך אַליין דאָס לעבן ניט צו נעמען (אים וואָלט אַף דעם סײַוויי קיין מוט ניט געקלעקט), האָט ער געזוכט אין עמעצן אָן אָנשפּאַר. דאָס לײַכטסטע איז געווען אָנקומען צו גאָט. דער וועג צו גאָט איז, עמעס, אַ פאַרוואַקסענער פון זעלטן באַטרעטן אים, אָבער נאָך אַ גאַנץ קענטיקער. דער געלערנטער האָט גענומען דרײַ מאָל אַ טאָג פרום דאַווענען, און אָפּט אינמיטן דאַווענען זאָגן דעם באַרדיטשעווערס „קאַדעש" זאָגן מיט געזאַנג, מיט געוויין, מיט געבעט. ער האָט אויך געפּילט אָן אָפּשײַן פון קויעך, פון פּראָטעסט אין די ווערטער: „איך וועל מיך פון מײַן אָרט ניט רירן"... ס'איז אים געשמאַק געווען דאָס דאַווענען און טילים זאָגן. ער פלעגט אַרײַנפאַלן אין עקסטאַז און זיך באַגיסן מיט טרערן, און דאָס האָט אים אַף אַ ווײַלע אַרויסגעריסן פון דער ווירקלעכקייט.

דערנאָך האָט ער זיך באַקענט מיט גענסן, דערקענט אים און דערפּילט אין אים אַ קויעך און אויך אָן אָנשפּאַר. אַף אַזעלכע קאָן מען זיך פאַרלאָזן, אַזעלכע וועלן לעבן בלײַבן, אַזעלכע קאָנען ראַטעווען זיך און אַנדערע.

אים האָט באַוווּנדערט די שטאַרקייט פון אַ מענטשן, וואָס דאַרף צו קיינעם ניט אָנקומען, נאָר צו זיך אַליין. זיי האָבן גוט געפּאַסט איינער צום צווייטן. איינער דאַרף כאָכמע אַף באַשטעטיקן זײַן קראַפט, דער צווייטער דאַרף קראַפט, קעדיי האָבן אָן אָנשפּאַר. דערצו, — טראַכט דער געלערנטער, — האָט גענס אַזאַ גוטן פאַרשטאַנד פאַר ייִדישער קולטור...

הירש זעליקמאַן זאָגט אַרויס גענסן זײַנע געדאַנקען נאָך זײַן שטימונג נאָך: אַמאָל אַזוי, אַמאָל אַנדערש. ווי מע רעדט צווישן זיך, היימיש, אַף זיך מעיאַשעוו זײַן און אויסריידן דאָס האַרץ. גענס קלײַבט אָבער אויס דאָס, וואָס ער דאַרף.

— אַלץ איז קעדײַ, אַבי כאָטש אַ ביסל ייִדן זאָל פאַרבלײַבן.

— מיר האָבן געזינדיקט. אוי, האָבן מיר געזינדיקט! אוי, קומט אונדז שטראָף!..

גענס אַכט זייער דעם געלערנטן. ער איז אים סימפּאַטיש שוין מיט דעם אַליין, וואָס ער איז פרום, האָט זיך פאַרלאָזט אַ באָרד, דאַוונט דרײַ מאָל אַ טאָג. גאָר באַזונדערס געפעלט גענסן, ווען יענער דערווײַזט אים, אַז אַ ייִדן איז אַ סאַך מער ניכע אומצוקומען פון אַ ייִדישער האַנט, איידער פון ניט קיין ייִדישער... אַ ייִד, אַז ער קוילעט אַפילע, טוט ער עס מיט אַ ייִדיש האַרץ...

זעליקמאַן האַלט, אַז ס'איז פאַראַן נאָר איין רעפּוּע צום גרויסן אומגליק: פאָלגן, זײַן אונטערטעניק, גוט אַרבעטן, בעטן באַם ריבוינעשעלוילעם... דעריקער זאָל גאָט די געטאָ־ייִדן היטן פון זיך קעגנשטעלן. דאָס איז זיכערער אומקום.

גענס האָט ליב מיט אים צו שמועסן. דאָס גיט אים מוט און באַרעכטיקונג. שמועל־יאָשע צעטראָגט די שמועסן איבער דער געטאָ. ער פאַרדינט אויך קאָשער זײַן ברויט.

דער מאַטש האָט זיך געענדיקט. איבער דער געטאָ לאָזט זיך אַראָפּ דער אָוונט. און צוזאַמען מיט דער טונקלקייט קומט אָן די וואָר. אין דעם זומער־אָוונט, ווען די בענקשאַפט נאָך אַ מענטשלעך, פרײַ לעבן פּילט אָן די געטאָ־געסלעך פון דער ערד ביזן הימל, כידעשט מען זיך אַף זיך אַליין: געשריִען, געטומלט, איבערגעלעבט... און וואָס? געבליבן אַ פּוסטקייט. אַלץ איז דאָך ווי נעכטן און אייערנעכטן. און דער מאָרגן? וואָס וועט ברענגען דער מאָרגן?

מיט אָט דער בענקשאַפט איז פול אויך וויטנבערג. צוריקגייענדיק, טראַכט ער:

מיט יאָרן שפּעטער, ווען דאָס לעבן וועט ווידער זײַן אַ לעבן, וועלן מענטשן אַפילע ניט קאָנען פאַרשטיין, ניט קאָנען באַנעמען, וויִאַזוי האָט מען געלעבט, וויִאַזוי האָט מען געקאָנט לעבן אין אַ געטאָ. אַ סאַך זאַכן וועלן אויסקומען פרעמד און ווילד. לעמאָשל: מענטשן, וואָס קאָנען זיך אַלע שאָ ריכטן אַפן טויט, גייען אין טעאַטער. יוגנטלעכע און עלטערע זײַנען צופרידן, מאַמעש גליקלעך, ווען די פּילקע פאַלט אין קויש אַרײַן. דערבײַ שרײַט מען „הײדאָד" און „הוראַ". און יעדערער וויל איבערשרײַען זײַן שאָכן.

מע וועט אונדז ניט פאַרשטיין. מיר אַליין וועלן זיך ניט פאַרשטיין.

21

ס'האָט מײַן היים אַ בראָך געטראָפן —
טיר־און־טויער זײַנען אָפן
פאַר די ראָצכים, פאַר די שינדער,
די, וואָס קוילען קליינע קינדער,
די, וואָס הענגען אויף די זקיינים,
די, וואָס שאַנעווען ניט קיינעם.

טיפע גריבער, רויטע ליים —
כ'האָב אַמאָל געהאַט אַ היים.

ש. האַלקין

אַמאָל איז גיין אין טעאַטער געווען פאַרבונדן מיט יאָמטעוו, מיט אָנטאָן זיך אין דעם בעסטן

און שענסטן, מיט פאַרגעניגן... איצט וויל מען כאַטש זיך אָנטאָן ריינער, גוט זיך אַרומוואַשן, זיך פאַרקעמען, אויספּוצן די שיך. דאָס שאַפט אַן אַנדער אַטמאָספער, דאָס טאָגטעגלעכע טרעט אָפּ. און קומט מען אַרײַן אין טעאַטער, איז עס ווי אין אַ נײַער וועלט אַרײַנגעקומען.

אינווייניק אין טעאַטער האָט אַלץ אויסגעזען, ווי אין די אַלטע גוטע צײַטן: געפאַרבט, געווײַסט, ליכטיק, ציכטיק. אַפן האַרצן ווערט געמיטלעך און לײַכט. דאָ קאָן מען פאַרגעסן, אַז מע געפינט זיך אין געטאָ, אַז מע איז פאַרשפאַרט, פאַרקוועטשט, הונגעריק און מיד.

אויף דער ליכטיקער און שיין אויסגעשטאַטער בינע הייבט זיך אָן די שפּיל. אַ רעוויו מיט לידער, טענץ און מוזיק.

...ס'איז הײַנט נישט צו קלערן,
קיין קאַשעס נישט צו פרעגן:
ס'איז קאָרענע יאָרן
און ווײ צו די טעג.

דער אוילעם איז צופרידן. מע לאַכט, מע אַפּלאָדירט. מיט עפּעס האָט מען אים צוגעטראָפן, דעם אוילעם. אַ טייל פון זײַנעם אַ געדאַנק האָט מען אויסגעדריקט: ווײ צו די טעג. ריכטיק, ריכטיק.

און אָט זינגט מען אַ נײַ לידל:

מוישע, האַלט זיך,
ניט פאַרליר זיך,
און געדענק — מע דאַרף אַרויס.
מוישע, האַלט אויס.
געדענק — מע דאַרף אַרויס.
מוישע, האַלט זיך, האַלט זיך, מוישע,
עס איז ניט ווײַט,
עס שלאָגט שוין באַלד די שאָ די גרויסע.

און ווידער רוישט דער אוילעם, מע האָט אים צוגעטראָפן: האַלט זיך, מע דאַרף אַרויס. ריכטיק. ריכטיק.

אָט די קליינע שטעך־נאָדעלעך, וואָס דריקן זיך אויס אין „ווײ צו די טעג“, ציִען צו. דער צושויער וויל עס הערן, ער פאַרגעדענקט עס, ער זינגט עס. דאָס פאַרשפּאָרט אים די שווערע טירכע צו קוקן גלײַך אין די אויגן זײַן ווירקלעכן גורל.

שמועל־יאָשע איז דאָ אויך פאַראַן.

— נו, ווו נאָך קאָן מען זאָגן אַזאַ עמעס, ווי בא אונדז אין טעאַטער? גענס שטעלט זיך פאַר אונדז אײַן, לאַנג לעבן זאָל ער.

אין איינעם אַ טאָג האָט זיך בליצשנעל צעשפּרייט איבער דער געטאָ אַ ידיִע, וואָס האָט אַזוי איבעראַשט, אַז קיינער האָט ניט געוואָלט גלייבן. די קינדער פון דער געטאָ וועט מען פירן אויף שפּאַציר אין זאַקרעטער וואַלד. גענס האָט עס געפּועלט בא דער דײַטשישער מאַכט.

אַוודע וועט קיינער ניט גלייבן אין דעם. אַזעלכע קלאַנגען קאָנען שטאַמען נאָר פון מעשוגאָים.

עס איז נאָך געווען גוט ליכטיק, ווען די בריגאַדעס זײַנען געקומען צוריק אַהיים, ווען אין די אינווייניקסטע געטאָ־וואַרשטאַטן האָט מען געענדיקט די אַרבעט. באַם טויער האָט מען די אַרײַנגעקומענע גלײַך באַגעגנט מיט דער נײַס.

— גענס?

— קינדער?

— זאַקרעטער וואַלד? — האָבן די געקומענע איבערגעפרעגט און גאָרניט פאַרשטאַנען.

דאָס האָט זיך ניט געלייגט אַפן געדאַנק.

— עט... אַ ליגן! עס קאָן ניט זײַן, — האָבן די מענטשן, מידע פון אַ הייסן טאָג שווערע אַרבעט, אָפּגעענטפערט. — די אָפּטימיסטן האָבן זיך שוין צופיל צעהאָצט. דאַטשעס ווילן זיי.

— כ'ווײ... אַן אידיאָטישער אײַנפאַל. קינדער פון געטאָ וועט מען פירן אין וואַלד שפּאַצירן. אַ געמיינער ליגן!

אָבער וואָס נעענטער דער אָוונט האָט זיך אָנגערוקט, וואָס מער די זון איז הינטערן קלויסטער געזונקען, אַלץ זיכערער בא זיך איז דער קלאַנג געוואָרן, אַלץ פעסטער איז ער געגאַנגען פון שטוב צו שטוב, פון מויל צו מויל...

עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז דער ליגן איז קיין ליגן ניט.

און דעמלט איז צוזאַמען מיטן אָוונט אויף דער געטאָ געפאַלן אַ נײַע טויכעכע. מאַמעס האָבן געוויינט, געבראָכן די הענט, געריסן די האָר. קינדער האָבן זיך צו זיי געטוליעט און אויך געוויינט. באַ טאַטעס זײַנען די פּנעמער געווען טויט־בלאַס, די אויגן — דערשראָקן, אָבער אויך פאַרביטערט.

אויב דאָס איז אַן עמעס, איז קלאָר: ס'איז אַ נײַע שפּיל פון די דײַטשן — אַרײַנאַרן די קינדער און זיי אומברענגען.

— מער ווילן מיר זיך ניט לאָזן נאַרן!

— ווידער גענס! מיט זײַנע הענט טוען זיי עס.

די קינדער האָט מען פון זיך אויף אַ טראָט ניט אָפּגעלאָזט. מיטן אָנקום פון דער נאַכט איז די שרעק געוואָרן גרעסער און די קינדער האָט מען גענומען אויסבאַהאַלטן, ווי נאָר מע האָט געקאָנט, אַבי זיי ראַטעווען. באַנאַכט קאָנען קומען פּאָליציִען, דײַטשישע סאָלדאַטן און אַוועקשלעפּן די קינדער.

אויב די קינדער וועט מען צונעמען, בלײַבט נאָר איינס: אַליין לויפן אויף פּאָנאַר. אַליין דאָס לעבן זיך נעמען.

קיינער איז די נאַכט אין געטאָ ניט געשלאָפן. אין די הײַזער האָט מען זיך פאַרטײַעט אײַנגעהערט, צי קלאַפּט מען ערגעץ ניט, צי רוישט ערגעץ ניט. און אויב אַ ווינטל האָט אַ טרייסל געטאָן אַ שלעכט פאַרקיטעוועטע שויב אָדער

הײמלאָזע קעץ האָבן זיך צעשריִען און צעשלאָגן אַף אַ בוידעם, האָט מען פון שרעק אופגעהערט צו עטעמען.

די נאַכט האָט זיך געצויגן. די קורצע זומער־נאַכט, וואָס פאַרשווינדט אַזוי גיך, וואָס אײדער עס ווערט גוט פינצטער, זעט מען שוין דורך איר דעם ערשטן שפּראָץ אַף טאָג, — אָט די לײַכטע זומער־נאַכט האָט זיך געצויגן לאַנג און שווער, פול מיט זיפצן, קרעכצן, טרערן...

...און אינדערפרי זײַנען די לערער מיט די שילער ארויס פון געטאָ־טויער. זיי גייען אין וואַלד.

די מאַמעס האָבן באַגלייט די קינדער ביזן טויער, זיך געזעגנט מיט זיי, באַוויינט זיי, ווי באַם שיידן זיך אַף אייביק. לאַנג האָבן די מאַמעס נאָכגעקוקט, אַזוי לאַנג, ביז די ייִנגעלעך מיט די מיידעלעך זײַנען אינגאַנצן פאַרשוווּנדן. פאַנאַנדערגיין זיך האָט מען ניט געוואָלט. און אַז מע האָט שוין יאָ גענומען גיין, האָט זיך אָנגעהויבן באַנײַס אַ קאָן די זעלבע סעדרע: מע האָט געזוכט דעם באַשייד, וואָס קאָן עס זײַן... געפילט האָבן אַלע, אַז ס׳איז שלעכט, שלעכט...

געבליבן איז איין טרייסט — האָפן, אַז די קינדער מיט די לערער וועלן דאָך צוריקקומען. זיי וועלן קומען, געוויס וועלן זיי קומען... אָבער אַלץ פאַלט הײַנט באַ די עלטערן פון די הענט. וואָרעם טאָמער... טאָמער האָט מען ווידער אָפּגענאַרט...

אַלע ווײַלע איז מען געלאָפן צום טויער. עפּשער קומען זיי, עפּשער זעט מען זיי...

די אָפּטימיסטן האָבן אויך הײַנט אויסגעלייגט, ווי זיי פאַרשטייען:

— זיי באָדן זיך איצט, די כעוורע.

— פונוואַנען ווייסט איר?

— פאַרשטייט זיך, אַז זיי וועלן זיך באָדן. וואָס זשע דען? דערנאָך וועלן זיי קלײַבן קווייטן, שישקעס, צווײַגלעך... און פריִער פאַר אַלץ פאַרשיידענע שטיינדלעך.

— איר רעדט אַזוי, ווי איר וואָלט זײַן דערבײַ.

— איך בין זיכער אין דעם.

— אַ דאַנק אײַך, וואָס איר זײַט זיכער. איר האָט מיר אַ נײַע נעשאָמע ארײַנגעבלאָזן.

— נו, נו... דערציילט ווײַטער, — בעטן די מאַמעס, — דערציילט... — און אַף די פּנעמער באַווײַזט זיך אַ שאָטן פון אַ שמייכל. זיי זײַנען גערן צו הערן, זיי זײַנען גערן צו גלייבן אין אַלדאָסגוטס.

— זיי באָדן זיך און קלײַבן שטיינדלעך. מײַנע האָט עס ליב.

— באָדן זיך... — רופט זיך אָפּ אַ צווייטע. — מײַנער האָט זיך ליב צו טויוולען ביז איבערן קאָפּ אין וואַסער. דאָרט איז ניט טיף?

— ניין, ווו טיף — ווער טיף? זיי זײַנען דאָך מיט די לערער.

— אַך, — רופט זיך אָפּ אַ דריטע, — זיי זאָלן כאָטש סייכל האָבן זיך אָנשמעקן מיט לופט. וואָרעם ווער ווייסט, צי מע וועט אַ צווייט מאָל לאָזן שפּאַצירן.

אַן אָפּטימיסט פאַרצוקערט מען הײַנט. קיינמאָל וויל מען זיי ניט גלייבן. זיי לייגן אויס צום גוטן, און ס׳לאָזט זיך אויס צום שלעכטן. הײַנט גלייבט מען, הײַנט וויל מען גלייבן.

אַ צווייטער אָפּטימיסט הייבט אָן צו מאָלן, ווי די קינדער זײַנען ארויס פון דער געטאָ מיט די לערער. ווי אַלע קוקן אַף זיי, אַלע באַטראַכטן זיי. ייִדישע קינדער... און די קינדער זײַנען גליקלעך, איבערגליקלעך...

אינמיטן די רייד גיט עמעצער פון די מאַמעס אַ געשריי:

— פאַרוואָס זײַנען זיי נאָך ניטאָ? ס׳איז שוין צײַט!

— לאַנג צײַט, — כאַפּט אונטער אַ צווייטע.

— וויי איז מיר... פאַרוואָס זײַנען זיי ניטאָ? וואָס איז געשען?

אין אַ רעגע אַרום נעמט מען קוקן אַף די אָפּטימיסטן ווי אַף סאָנים. עמעצער גיט אַפילע אַ בורטשע:

— גענס מענטשן... פאַרקויפטע...

די פּעסימיסטן וואָלטן איצט שטאַרק אויסגענומען, נאָר באַ קיינעם וויל זיך דאָס מויל ניט עפענען. זאָל גאָט אויסהיטן, די צונג זאָל ארויסברענגען, וואָס איך קאָפּ לויערט.

שטייט מען און מע שווײַגט, מע זיפצט, מע קרעכצט... די אויגן זײַנען פול מיט טרערן. שוין לאַנג געדאַרפט קומען... און ניטאָ.

— ווו זײַנען זיי?

— גוואַלד, ווו זײַנען זיי?

— צי לעבן זיי?

— אָט גייען זיי!

— די קינדער גייען!

די גליקלעכע ייִנגעלעך און מיידעלעך, פריילעכע און צופרידענע, פאַרברענטע און אָפּגעפרישטע, זײַנען ארײַן אין געטאָ.

— גאָט צו דאַנקען!

— גאָט צו דאַנקען!

— זעט איר, גענס האַלט וואָרט.

— גענס... יאָ!

22

באַנאַכט זע איך ווילנע, די געטאָ. מורער ווילדעוועט, שיסט, שמײַסט, קאַטעוועט.

און באַטאָג, צוואַנציק יאָר נאָכן זיג איבער היטלערס דײַטשלאַנד, לייען איך אין אַ מאָסקווער זשורנאַל: פראַנץ מורער לעבט. ער וווינט אין אייזהאָרן (עסטרײַך). דער עסטרײַכישער

געריכט האָט וועגן מורערן באַשלאָסן: „ניט שולדיק".

— פאַרוואָס שווײַגט מען? — דערהער איך פון ערגעץ א שטים. — זײַנען די לעבעדיקע אינגאַנצן אָנמעכטיק?

א צווייטע שטים ענטפערט:

— מירן זיך אָף די עסטרײַכער מער ניט פאַרלאָזן. מירן אליין...

און באַלד דערהער איך א טרוקענעם שאָרך, וואָס דערנענטערט זיך. ווער? און איך דערזע: ביינער, ביינער, שאַרבנס באַוועגן זיך, רוקן זיך, פאָרויס, פאָרויס...

— פונוואַנען? — שטוין איך.

— פון פּאָנאַר. מיר גייען קיין עסטרײַך, צו פראַנץ מורערן.

— פּאָנאַר? זײַט איר ווילנער?

— ווילנער: שניפּישקער, רוזעלער, אַנטאָקאָלער, נאָווגאָראָדער, זאַרעטשער, פּאָפּלאַווער...

— און פון גרויס־סטעפּן־גאַס? — פרעג איך.

— מיר, מיר... דײַנע שכיינים, דײַנע פרײַנט, דײַנע כאַווײרים...

— ראַבין, איר דערקענט מיך ניט? איך בין דער לערער גאָלדשמיד. אײַער לערער פון דער פערעץ־אָוונט־שול. אלע אין ווילנע וועלן אײַך זאָגן, אז איך האָב באַם לעבן קיין פליג ניט אָנגערירט. הײַנט גיי איך קיין עסטרײַך. מירן אים ברענגען אהער אין פּאָנאַר אָף א מישפּעט. אז די לעבעדיקע שווײַגן...

עס דערהערן זיך א סאַך שטימען:

— ער האָט אונדז געטייט, אומגעבראַכט, געפּײַניקט. מיר גייען נאָך זײַנע ביינער...

... און דערווײַל קערן מיר זיך אום צוריק קיין ווילנע.

פון אויבן — איז געטאָ, פּאָנאַר, געסטאַפּאָ... פון אויבן איז מורער, גענס...

אונטן — אז קיין זײַטיק אויג זאָל ניט זען, אז קיין פאַרדאַכט זאָל ניט פאַלן — זײַנען פאַראַן פּאַרטיזאַנער.

אויבן שפּילט מען אין פוטבאָל, באַסקעטבאָל און מע גייט אין טעאַטער.

אונטן אין דעם קעלער, וואָס אונטער דער באָד, לערנט מען זיך שיסן. סאָניע מאַדייסקער לערנט באָכערים שיסן פון א רעוואָלווער.

די פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע וואַקסט. אָבער פּאָרזיכטיק, איבערקלײַבעריש. איין אומפּאָרזיכטיקע צונג קאָן מאַכן אומגליקלעך.

און אויב באַ די דײַטשן טרעפט א סרייפע, אַן אופרײַס — זאָגט מען, אז דאָס שטראָפט זיי גאָט. זיי פאַרדינען די גרויסע שטראָף.

איין איציק וויטנבערג האָט געוווּסט, וויפל „גאָטס" שטראָף־אורטיילן עס האָבן אויסגעפירט די פּאַרטיזאַנער פון ווילנער געטאָ.

אָף דער פאַבריק „קיילאַ" האָט גאָט אראָפּגעלאָזט א פײַער, און זעכציק טויזנט פעלצן, וואָס זײַנען געלעגן גרייט פאַר דײַטשישע סאָלדאַטן אָפן פראָנט, זײַנען אוועק מיטן רויך. איציק ווייסט, ווער דער דאָזיקער „גאָט" איז. ער איז דרײַ־איינִיק: דרײַ ארבעטער — א ייִדישער, א ליטווישער און א פּוילישער — האָבן זיך צונויפגערעדט און געשיקט געטלעך פײַער.

דרײַ הונדערט פעסלעך בענזין האָבן זיך אופגעריסן. גאָט שטראָפט. איציק וויטנבערג ווייסט גענוי, ווער דער „גאָט" איז. זײַן נאָמען איז פרידמאַן. דער וועכטער פון דער נאַפט־באַזע איז געזעסן אין זײַן בײַדל און געדרעמלט. „גאָט" האָט דאָס ברענענדיקע לעמפל איבערגעקערט. דער וועכטער האָט זיך אופגעכאַפּט, ווען דאָס בײַדל האָט געפלאַקערט און דאָס פײַער איז שוין אוועקגעלאָפן זוכן דעם בענזין.

אין בעזדאַן האָט מען פאַנאַנדערגענומען הונדערט מעטער רעלסן. א דײַטשישער צוג האָט זיך איבערגעקערט מיט די רעדער אַרוף. קיינעם האָט מען ניט געכאַפּט. אָבער דער קאָמענדאַנט פון די פּאַרטיזאַנער האָט געוווּסט, וועמען דער שטאַב האָט עס באַפולמעכטיקט: איצקאָוויטשן, קופּערבערגן און ווײַנשטיינען.

אָנדערהאַלבן מיליאָן ביקסן־קוילן האָבן זיך אין אַן אמוניציע־סקלאַד אופגעריסן מיט אזא קויעך, אז דער גאַנצער ארום האָט אופגעציטערט. דערמיט האָט זיך פאַרנומען דער אינזשעניער ראַטנער.

נאָך גאָר א יונגער „גאָט", דער זיבעצניאָריקער שלאָסער לייב דיסטעל, פלעגט קאַליע מאַכן שלעסער פון זעניט־האַרמאַטן.

טעווקע האַלפּערין האָט געפירט פּאָטשט צו דער באַן. אין וועג פלעגט ער פאַרניכטן מיליטערישע פּאַקעטן.

גאָלדשטיין האָט אַרויסגענומען באַ נײַנציק קוילנוואַרפער די שלעסער.

דאָס איז נאָר א קליינער טייל פון „גאָטס צאָרן", וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן אָף די פּאַשיסטן און וואָס אָרגאַניזירט האָבן אים די פּאַרטיזאַנער פון ווילנער געטאָ.

צי האָט גענס געוווּסט, אז אין געטאָ זײַנען פאַראַן פּאַרטיזאַנער? געוווּסט. און זיך געמאַכט ניט וויסנדיק. וויבאַלד די דײַטשן ווייסן ניט, ווייסט ער אויך ניט. וויבאַלד זיי מאָנען ניט און דערמאָנען ניט, איז עס ניט זײַן אייסעק.

אין האַרבסט האָבן די דײַטשן גענומען פאַרגרייטן האָלץ אָף ווינטער. האָלץ אין וואַלד האָבן געזעגן און געהאַקט געטאָ־ייִדן.

אז אין וואַלד זײַנען פאַראַן פּאַרטיזאַנער, דאָס ווייסן אלע. פון וואַלד קאָן מען אוועקגיין צו די פּאַרטיזאַנער, דאָס פאַרשטייען אויך אלע. דערייבער דאַרף די וואַך זײַן א שטאַרקע. די בעסטע זאַך איז, האַלטן די דײַטשן, אז ייִדן זאָלן היטן

ייִדן. ייִדישע פּאָליצײ זאָל היטן די אַרבעטער אין וואַלד.

די בריגאַדע וואַלדהעקער האָט געהאַפט, אַז מיט זיי וועט מיטגיין לעוואַס, דער באַלעבאָס פונעם געטאָ־טויער, דער גרעסטער אכזר. פאַר געפינען בא עמעצן א שטיקל ברויט, א קאַרטאָפל, א לעק זאַלץ האָט ער געשמיסן מיידלעך, געזעצט אין טורמע טאַטעס פון קינדער, איבערגעגעבן די דײַטשן אַף צו שיקן קיין פּאָנאַר. אין דער געטאָ־טורמע איז געווען ניט איין אופשריפט: „לעוואַס טאָר ניט שטאַרבן מיט זײַן אייגענעם טויט״. ווען מע זאָל אים שיקן אין וואַלד, האָבן געטראַכט די געטאָ־ייִדן, וואָלט ער שוין צוריק ניט געקומען. אָנשטאָט אים האָט גענס געשיקט אַן אַנדער גאַזלען, איינעם פון די אָנפירער פון דער געטאָ־פּאָליצײ — שליאָסבערג.

עס איז נאָך טרוקן און זוניק. דער וואַלד, ווו מע פאַרגרייט האָלץ, איז א געמישטער: נאָדלביימער, בלעטער־ביימער. די בלעטער זײַנען האַרבסטיק פילפּאַרביק — גרינע מיט ברוינע פאַרטיקנטע ראַנדן, רויטע, ווי פײַער, געלע, ווי זשאַווער. די ראַבינעס און קאַלינעס זײַנען שווער באַלאָדן מיט הענגלעך — צונטער־רויטע יאַגעדעס. אַף די קוסטעס זײַנען נאָך פאַראַן א סאַך גרינע בלעטלעך. ערגעץ־ווו קוקן אַרויס יאַגעדעס פון שוואַרצער סמאָראָדינע, וואָס זייער שוואַרצקײַט פאַלט שוין אַרײַן אין בלויקײַט. און אויך — רויטע מאַלינעס, וועלכע צעפאַלן זיך אַף גרײַפּעלעך פון איבערגעשטאַנענער רײַפקײַט. די פילפּאַרביקײַט פון די נאָך געדיכטע קרוינען פון אָלכע, בערעזע, יאַסען, די מעכטיקע סאָסנעס און יאָדלעס, וואָס שטייען, ווי אונטערגעשפּאַרט מיט די אַנדערע ביימער, — דאָס אַלץ שאַפט דעם אײַנדרוק פון א געדיכטעניש, כאָטש דער וואַלד איז גאָר ניט אַזאַ געדיכטער. דער דינסטלייטער פון דער געטאָ־פּאָליצײ שליאָסבערג האָט אײַנגעפונען, אַז מע זעט ניט, וואָס א טראַט ווײַטער טוט זיך.

— איך ווייס, וואָס איר ווילט. איר זײַט אַלײן פּאַרטיזאַנער און ווילט לויפן צו די פּאַרטיזאַנער. גענס וועט וויסן, מורער וועט וויסן... געדענקט!

דער דאָזיקער שליאָסבערג האָט גענומען בא איינעם פון די אַרבעטער א האַק און געמאַכט קאַרבן אַף א רײ אַרומיקע ביימער — דאָס איז די גרענעץ. ווײַטער — קיין טראַט ניט. דאָס אויסגעטיילטע שטיקל וואַלד אַף וואַלגערן ביימער איז געווען אַזוי קליין, אַז ס׳איז אומעגלעך געווען צו אַרבעטן. כאָטש וואַלגער די ביימער אַף די אייגענע קעפּ.

שליאָסבערג איז אָבער באַשטאַנען אַף זײַנעם.

— בא מיר לויפט מען ניט.

ער האָט אַפילע ניט דערלויבט צונויפקלײַבן א ביסל שוועמלעך אַף אָפּקאָכן.

די אַרבעטער האָבן זיך איבערגעקוקט. דערנאָך גענומען אַרבעטן לויט דער רײ, קעדײ קיינער זאָל ניט לײַדן. נאָר א מאָדנע זאַך: אַלע ביימער זײַנען קעסיידער געפאַלן אין דער זײַט, ווו דער דינסטלייטער איז געשטאַנען. ער איז אַריבערגעשפּרונגען פון איין אָרט אַפן צווייטן, זיך אויסגעהיט, ביז איין בוים האָט אים פאָרט דעריאָגט. צוריק האָט מען אים געטראָגן אַף זײַן אייגענער שינעל.

ווען מע האָט אים געבראַכט אין געטאָ־שפּיטאָל, איז ער שוין געווען ווײַט פון פּאָליצײ און גאָר נאָענט צו יענער־וועלט. אַז גענס האָט זיך דערוווּסט, איז ער גלײַך געקומען צו לויפן אין שפּיטאָל. דער דינסטלייטער האָט נאָר געקאָנט אַרויסריידן:

— פּאַרטיזאַנער, פּאַרטיזאַנער... לויפן... שיסן... גענס, מורער... — און איז אַף אייביק אַנשוויגן געוואָרן.

דאָס איז שוין גענסן פאַרגאַנגען אין דער נאָז אַרײַן. מע האַרגעט זײַנע מענטשן. פּאַרטיזאַנער אין געטאָ. געוואָלט זיך פאַרבינדן מיט פּאַרטיזאַנער אין וואַלד. דאָס קאָן דערגיין צו געסטאַפּאָ, צום געביטסקאָמיסאַר, צו מורערן... מער טאָר ער ניט שווײַגן. פון דעם טאָג אָן האָט ער גענומען פאָרשן, זיך געוואָלט דערוויסן, ווער זײַנען די פּאַרטיזאַנער אין געטאָ און זייערע אָנפירער. ער מוז זיי אויסראָטן. ער וויל צוליב זיי ניט לײַדן.

דערווײַל איז אָנגעקומען דער ווינטער. און אינגיכן האָט מען זיך דערוווּסט וועגן דער דײַטשישער מאַפּאָלע בא סטאַלינגראַד. מע טרײַבט דעם דײַטש צוריק.

גענס האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז ווען מע טרײַבט דעם דײַטש צוריק, האָבן זיך געשאַפן גאָר נײַע באַדינגונגען און קיינער ווייסט ניט, וואָס מאָרגן וועט זײַן. נייך, מיט די פּאַרטיזאַנער טאָר מען זיך איצט ניט פאַרטשעפּען. ער, גענס, וועט זיך בעסער מאַכן ניט וויסנדיק. מאָרגן קאָנען זיי זײַן דער קויעך, און וועגן מאָרגן דאַרף מען אויך זאָרגן.

אַף די גאַסן הענגען שוואַרצע פאָנען. דרײַ טעג טרויער דאַרף זײַן. אַלע פאַרווײַלונג־אַנשטאַלטן זײַנען פאַרמאַכט.

דײַטש גאַזלען פּראַוועט שיווע. דײַטש אכזור טרויערט.

די לעצטע טעג איז אין דער שטאָט שטיל. קיינער רעדט ניט הויך, קיינער שמייכלט ניט, וועגן לאַכן איז שוין אָפּגערעדט. מע האָט מוירע, אַז די פאַשיסטן זאָלן ניט פאַרשטיין, ווי די שטאָט פרייט זיך, ווען זיי טרויערן.

אין געטאָ איז א פרייד. אין יענע טעג האָט מען מיטן לעצטן ביסן געפּראַוועט סודעס. א האָפענונג איז אופגעקומען — די באַפרײַונג גייט.

א צופרידענער האָט לייווי זאַקהיים געטײַנעט צו אוורהאָם דעם שוסטער:

— אוורהאָם, ביסט דאָך טאַקע אָדער אוורהאָם־אָווינו, אָדער א לאַמעדוואָווניק. האָסט מיט עטלעכע טעג צוריק פאָרויסגעזאָגט האַמאָנס מאַפּאָלע.

— איך האָב עס פאָרויסגעזאָגט, ווײַל איך וויל עס. א זאַך, וואָס מע וויל שטאַרק, ווערט מעקוייעם.

— אוורהאָם, איך וויל עסן. זייער שטאַרק.

— קאָן עס מעקוייעם ווערן, איך האָב הײַנט געבראַכט וואָס צו עסן.

— פראַוועז מיר א סודע. זאָג מיר נאָר, אוורהאָם, און ווײַטער וואָס וועט זײַן?

— דעם קאָפּ וועט אָט דער היטלער ברעכן. איך האָב גאָט געוואָרנט, געשטעלט אים א באַדינג. וויל ער, אז אוורהאָם זאָל אין אים ווידער גלייבן, זאָל אָף די דײַטשן קומען א מאַפּאָלע. פון דעם זע איך ארויס, אז גאָט בייטיקט זיך אין מיר, ער גיט מיר נאָך...

די מאַגענדאָוויטשעס, וואָס האָבן שוין אָנגעהויבן צו טראַכטן, אז אין זייער לעבן זײַנען זיי געגאַנגען מיט א פאַלשן וועג, האָבן אַנדערש גענומען טראַכטן נאָך דער יעדיִע וועגן סטאַלינגראַד. זייער פאַרגאַנגענהײַט האָט באַקומען א באַרעכטיקונג, און דאָס לעבן אָף ווײַטער — א האָפענונג. אויסהערנדיק די גוטע נײַס וועגן דעם זיג פון דער סאָוועטישער אַרמיי, האָבן בײדע, ווי אַמאָל, געזאָגט איינער צום צווייטן:

— עס קאַפּעט גאָלד.

— גינגאָלד, שיפרע.

ווען איציק וויטנבערג מיט סאָניע מאַדייסקער האָבן זיך באַגעגנט נאָך דער יעדיִע וועגן סטאַלינגראַד, האָבן זיי זיך פון פרייד אַרומגעכאַפּט קושן. בײדע זײַנען געווען באַגײַסטערט. די האָפענונג ווערט רעאַל. די סאָוועטישע אַרמיי זיגט. א ביסל האָבן זיי געשוויגן. זיי בײדע האָבן אויסגעזען אַזוי, אז מע האָט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס מע זאָל אין דער רעגע ניט זאָגן, וועט עס אַלץ זײַן ווינציקער פון דעם, וואָס זיי פילן, ווינציקער פון דעם, וואָס מע וואָלט געדאַרפט זאָגן.

איציק האָט נאָר א טראַכט געטאָן וועגן טאַמאַרן: ווען זי זאָל נאָך קאָנען קומען...

אינעם קעלער אונטער דער באָד איז פאַר איציקן און סאָניען געווען קלאָר דאָס זעלבע, וואָס פאַר א סאַך מענטשן אין דער גרויסער וועלט: די מאַפּאָלע בא דער וואָלגע איז דער אָנהייב פונעם סאָף פון דעם היטלערישן דײַטשלאַנד. בײדע פאַרשטייען דערבײַ, אז וואָס מער די דײַטשן וועלן זײַן געצוווּנגען אָפּצוטרעטן, אַלץ אַכזאָריִעסדיקער וועלן זיי ווערן. זיי וועלן ניט נאָר כאָרעוו מאַכן שטעט און דערפער, זיי וועלן אומברענגען די באַפעלקערונג. אין דער ערשטער ריי וועלן זיי ליקווידירן די געטאָס.

— ביז סטאַלינגראַד, — האָט געזאָגט איציק, — האָבן די דײַטשן אונדז געקוילעט אויס סימכע. נאָך סטאַלינגראַד וועלן זיי עס טאָן אויס מוירע. מיר דאַרפן איצט זײַן נאָך מער וואַכזאַם. אונדזער אײַנשטעלונג איז גרייטן זיך צו אן אופשטאַנד, אָדער מיט געווער אַרויספירן די געטאָ אין וואַלד, אָדער אַרויסגיין דער סאָוועטישער אַרמיי אַנטקעגן. מירן זען, וואָס די באַדינגונגען וועלן דיקטירן. אונדזער אופגאַבע — גרייט זײַן צום קאַמף, שלאָגן זיך. דערצו איז נייטיק א סאַך געווער. דאָס, וואָס מיר פאַרמאָגן, איז א טראָפּן אין יאַם. מיר דאַרפן ביקסן און קוילנוואַרפערס.

נאָך דער באַראַטונג מיטן פאַרטיי־קאָמיטעט און מיטן שטאַב פון די פּאַרטיזאַנער איז איציק אַוועק צו גענסן.

בײדע, יאַנקעוו גענס און איציק וויטנבערג, קוקן זיך אָן שווײַגנדיק. בײדע פאַרשטייען זיך איינער אַפן אַנדערן. גענס מאַכט אָבער אן אָנשטעל, אז ער ווייסט גאָרניט. ער ווייסט אפילע ניט וועגן דעם, וואָס בא דער וואָלגע איז פאָרגעקומען. ער ווייסט ניט, אז אין געטאָ זײַנען פאַראַן פּאַרטיזאַנער. און וועגן דעם, אז איציק וויטנבערג קאָן האָבן א שײַכעס צו זיי, ווייסט ער געוויס ניט (דאָס ווייסט ער טאַקע ניט).

גענס איז א קלוגער, ער קוקט אַרײַן יענעם אין דער נעשאָמע. אָף אים איז גלײַך צו דערקענען, אז ער האָט מאַכט, ער האָט קויעך. ער איז באַלעבאָס. ער האַלט פון זיך און וויל, אז אַלע זאָלן פון אים האַלטן, אים אַכטן, פאָלגן און אפילע ליב האָבן.

— וואָס האָט געטראָפן מיט דער באָד, וואָס איר זײַט געקומען גלײַך צו מיר? — זײַן באַפעלערישע שטים קלינגט דערווײַל מיט א העלפט פון איר קראַפט. די שטים קאָן יעדע רעגע אָנהייבן דונערן.

— הער קאָמענדאַנט, וועגן וועלכער באָד רעדט איר?

— איר זײַט דאָך פאַרוואַלטער פון אונדזער באָד. — אין דער שטים פילט זיך א געוויסע מאָס אומצופרידנקײַט. אָבער ניט די גאַנצע מאָס.

— אָך, וועגן אונדזער באָד... הער קאָמענדאַנט, איך בין מיט אײַך געקומען ריידן וועגן דער באָד בא סטאַלינגראַד.

גענס עפנט דאָס מויל, וויל עפּעס זאָגן. שווײַגט אָבער. ווערדיק ווי ער זעט אויס, באַקומט זיך, אז ער פאַרשטייט גאָרניט, וואָס מע זאָגט אים. נאָר ווי ער באַמיט זיך ניט זײַן דיפּלאָמאַטיש אויסגעהאַלטן און אויסבאַהאַלטן זײַנע געדאַנקען, באַמערקט דאָך איציק, אז אָף איין רעגע האָבן זײַנע אויגן אַרויסגעוויזן איבעראַשונג. ענדלעך זאָגט גענס לאַנגזאַם און דערבײַ היימישלעך:

— איך פאַרשטיי אײַך ניט...

— הער גענס, מיר זײַנען דאָך דערוואַקסענע מענטשן.

— איך מיין אויך אַזוי. — גענס איז דערבײַ ערנסט־טאַמעוואַטע. ער וויל, הייסט עס, פאַרשטיין, נאָר פאַרשטייט גאָרניט.

— הער גענס, איר זײַט אַ פאָרשטייער פון דײַטשישן געביטסקאָמיסאַר... איך בין אַ פאָרשטייער פון דער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע אין געטאָ.

— הערט, פאַרוואַלטער פון דער באָד, איר זײַט באַם זינען? איר קומט צו מיר ריידן וועגן אַזעלכע זאַכן. אָט רוף איך די וואַך...

— איך בין אויך געקומען מיט אַ וואַך און מיט געווער. זעצט זיך, הער גענס, דער געשפּרעך איז אַן ערנסטער. — ביידע זעצן זיך. — איר פאַרשטייט, הער גענס, אויסגעצייכנט, אַז דאָס רעדעלע האָט זיך אַ דריי געטאָן אַף צוריק. מיט יעדן טאָג ווערן די דײַטשן שוואַכער און איר צוזאַמען מיט זיי. מיט יעדן טאָג וואַקסט די קראַפט פון דער סאָוועטישער אַרמיי. און צוזאַמען מיט איר וואַקסט אויך אונדזער קויעך. איר זײַט אַ געוויזענער מיליטערמאַן, איר פאַרשטייט עס.

— אַנטקעגן וואָס איז דאָס געקומען צו רייד, פאַרשטיי איך נאָך אַלץ ניט. — זײַן שטים איז נאָך שטרענג, אָבער אין איר איז שוין מער פאַרוואונדערונג, ווי שטרענגקײַט.

— זייער פּשוט. מיר ווילן מער ניט דערלאָזן, מע זאָל אומברענגען מענטשן. מיר ווילן מער ניט דערלאָזן, אַז מע זאָל אונדז קוילען, כאַרעוו מאַכן די געטאָ. מיר האָבן קעמפער, מיר האָבן געווער. מיר ווילן זיך שלאָגן.

— מיט וועמען?

— אויב איר וועט שטיין אין וועג, איז מיט אײַך. הער גענס, טראַכט ניט נאָר וועגן הײַנט, גיט אויך אַ טראַכט וועגן מאָרגן.

גענס ענטפערט ניט. צי ער צווייפלט, צי ער בעראַט זיך מיט זיך אַליין. גיכער פאַר אַלץ קאָן ער ניט אײַנגיין אַף דעם, אַז אַ מענטש פון געטאָ זאָל מיט אים אַזוי ריידן. דערנאָך טוט ער אָפּגיך אַ זאָג, ער זאָל ניט באַווײַזן כאַראַטע האָבן:

— נו, גוט... אויב ריידן אָפן, איז אָפן. וואָס פאַרא פאָרשלאָגן האָט איר?

— גיט אונדז געווער. גיט אונדז געלט אַף אײַנקויפן געווער. שטערט אונדז ניט. מיר ווילן ראַטעווען די ייִדן, וואָס זײַנען פאַרבליבן אין געטאָ. דאָס איז אונדזער כּיוון!

— ראַטעווען די ייִדן וויל איך אויך...

— איז העלפט אונדז, לעכאָלהאַפּאָכעס שטערט אונדז ניט...

גענס פאַרשטייט גוט, אַז ער טרעט אַרויף אַף אַ גליטשיקן וועג. ער וועט זיך איצט דאַרפן אַרומקוקן אַף אַלע זײַטן. ווײַבאַלד די דײַטשן ווייסן ניט, ווייסט ער אויך ניט. ער טוט עס צו ליב ייִדן. ראַטעווען די געטאָ. וואָס מאָרגן וועט זײַן, ווילן מיר מאָרגן זען.

מיט זײַן בלינדער אײַנגעגלייבטקײַט אין זיך האָט גענס געפּלאָגט די דײַטשן. אויסגעפילט זייערע באַפעלן און געמיינט דערבײַ, אַז ער וועט זיי אָפּנאַרן. אַ ביסל ייִדן וועט בלײַבן. איצט האָט ער באַטראַכט, אַז ער וועט אויך נאַרן די פּאַרטיזאַנער. זאָלן בלײַבן ייִדן, וועט ער דעמלט באַווײַזן, וואָס ער קאָן.

יאַנקעוו גענס איז געבענטשט מיט רויִקײַט. ער איז ניט געשטראָפט מיט כאַראַטע, מיט איבערטראַכטענישן, מיט צווייפלען. אויב עס מאַכט זיך שוין יאָ, אַז עפּעס נעמט אים באַומרויִקן, זאָגט ער צו זיך: אַלץ וועט זײַן גוט. מע דאַרף זיך פאַרלאָזן אַף דער צײַט.

נאָכן געשפּרעך מיט וויטנבערגן האָט גענס דערפילט, אַז ער מוז בלײַבן אַליין מיט זיך. זיצט ער איצט אין זײַן וואַרעמער און גראַמער דירע. אַף דער גאַס איז פראָסט, נאַכט. און כאָטש ער ווייסט, אַז אַלץ דאַרף זיך ענדיקן גוט, וויל ער, אַז די באַגעגעניש מיט וויטנבערגן זאָל אים הײַנט אַפן געדאַנק מער ניט קומען. ער טראַכט וועגן עפּעס אַנדערש. אָט, לעמאָשל, זעליקמאַן האָט ליב איבערצוכאַזערן די שורעס:

וויל צו די, וואָס קומען צו דער צײַט,
וויל צו די, וואָס האָבן ניט פאַרשפּעטיקט.

זעליקמאַן, — טראַכט גענס, — וויל דערמיט זאָגן, אַז ער וואָלט געדאַרפט געבאָרן ווערן מיט אַ יאָר דרײַסיק — פערציק פריִער. ער וואָלט זיך דעמלט רויִק אויסגעלעבט די יאָרן, געקאָנט אַ סאַך אופטאָן און שטאַרבן מיט דער זיכערקײַט, אַז די וועלט ווערט אַלץ בעסער. זעליקמאַן האָט פאַרשפּעטיקט. אָבער ער, גענס, קאָן אַזוי ניט טראַכטן. ער קומט שטענדיק צו דער צײַט. ער פאַרשפּעטיקט ניט. די צײַט דינט אים. ער איז געווען דער ערשטער ייִדישער אָפיצער אין דער ליטווישער אַרמיי. ייִנגלווײַז האָט ער וועגן דעם געטרוימט, צו דעם געשטרעבט. איז עס מעקוייעם געוואָרן. און גענס, ווען ער וויל זײַן אין אַ גוטער שטימונג, גיט ער אַ רוף אַרויס יענע יאָרן. געלעבט האָט ער דעמלט אין ווילקאָמיר. ער דערזעט זיך, ווי מע זעט זיך אין אַ שפּיגל. אַ הויכער, שוואַרצע גרויסע אויגן, אַ קאָפּ שוואַרצע געקרויזטע האָר, רויטע ליפּן. ער טראָגט אָפיצערישע שליפעס, אַ שווערד באַמבלט זיך באַ דער זײַט. אַף אים ליגט אַלץ, ווי אויסגעגאָסן. אין יענע יאָרן האָט ער געכאָלעמט צו זײַן אַ גענעראַל. פריִער אַ ייִד אַ גענעראַל, פאַרבונדן מיט ייִדישע האַפענונגען. אומגעריכט רײַסט זיך אַרײַן אַן אַנדער געדאַנק. און מיט וואָס איז ער איצט ניט קיין גענעראַל? צוואַנציק טויזנט מאַן אין זײַן רעשוס. די דײַטשן טרויען אים...

ער וויל אָבער וועגן דעם ניט טראכטן. ער קערט זיך אום צו ווילקאָמיר. אין יענער צײַט איז ער אויך געווען א לערער פון ליטוויש אין א ייִדישער שול. די ייִנגלעך האָבן אים געגעסן מיט די אויגן. א לערער אָן אָפּיצער. גענס האָט עס גוט באמערקט, און די צופרידנקײַט און זיכערקײַט זײַנען אין אים געוואקסן.

געוווּסט האָט ער שוין דעמלט, אז מע גייט צו א ציל, טאָר מען זיך אין די זײַטן ניט ארומקוקן. איבער וועמען מע טרעט, טרעט מען. א ייִד א ליטווישער אָפּיצער, האָט ער פארשטאנען, דארף כאָטש האָבן א פרוי א ליטווינערן. האָט ער כאסענע געהאט מיט א ליטוויניזירטער לעטן. א הויכע, א שטאלטנע, מיט שיינע פיס און מיט א מיִעס פּאָנעם. ער האָט איינמאָל אונטערגעהערט, ווי זײַנע שילער ריידן צווישן זיך: ווען גענס קושט זיך מיט זײַן פרוי, קוקט ער איר ניט אין פּאָנעם.

גענסן איז אינגאנצן ניט פארשטענדלעך, פארוואָס איז נאָך דער דערמאָנונג וועגן די ייִנגלעך פון דער שול ארויסגעשפּרונגען דער געדאנק: אָט דער בעדער איז זייער (די פארטיזאנערס) אָנפירער? מירן זען... קאָלזמאן „זיי" (די דײַטשן) ווייסן ניט... נישקאָשע, גאָט וועט ניט פארלאָזן. גענס וויל זיך ווידער אָפּרײַסן פון די דאָזיקע געדאנקען. טראכטן וויל ער וועגן דעם, וואָס ער וויל, און ניט וועגן דעם, וואָס עס קומט אומגעבעטן. ער קערט זיך אום ווידער קיין ווילקאָמיר. ער דערזעט דאָס לאנגע הויז מיט די פיל פענצטער, וואָס איז באוווּסט אונטערן נאָמען „דאָם אמעריקא", ווײַל געשטאנען איז עס אויסער דער שטאָט. דאָרט האָט ער געוווינט. ער דערמאָנט זיך און שמייכלט, אז פאר בריוו פון אלע שטעט און לענדער איז דער אדרעס טאקע געווען: ווילקאָמיר, דאָם אמעריקא.

„מיר קריכן הײַנט נארישקײַטן אין קאָפּ, — זאָגט ער זיך אליין, — מע דארף זײַן צווישן מענטשן". ער איז ארײַן אין געטאָ. און ווידער קומט אומגעבעטן דער געדאנק: „אז מע געפינט זיך צווישן צוויי פײַערן, דארף מען זײַן אף דער וואך. נישקאָשע, די צײַט וועט העלפן..."

23

זאָג ניט קיינמאָל, אז דו גייסט דעם לעצטן וועג...

(פון דעם פארטיזאנישן הימן, ווילנער געטאָ).

א מידער, א פארקאָלייטער איז הירש גליק ארײַן אין געטאָ. צוזאמען מיט אנדערע איז ער געקומען פון דער שווערער טאָרף־ארבעט אין רעשע, וואָס געפינט זיך הינטער דער שטאָט. געווען איז עס שאבעס פארנאכט, ערעוו זונטיק. דער גרעסטער טייל פון דער גרופּע איז זיך גלײַך צעלאָפן — ווער צו אייגענע, ווער צו באקאנטע: זיך אָנוואַרעמען אונטער א דאך. הירש האָט ניט געאײַלט. קיין אייגענע האָט ער ניט. ער איז אליין. זײַן אָרט וועט ניט אנטלויפן. ער איז פול מיט איין באגער, וואָס יוירט אין אים און לאָזט אים דעם גאנצן וועג ניט אָפּ: ער וויל וויסן, צי איז ריכטיק דער קלאנג, אז די דײַטשן האָבן בא סטאלינגראד געכאפּט א מאפּאָלע? אָט דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס ער באגערט צו וויסן. בא וועמען פרעגט מען? ער קוקט זיך ארום. אים אנטקעגן קומט דער ווינטערדיקער אָוונט. טונקלקײַט לייגט זיך אויס אף דער געפראָרענער ערד און אף די פארשנייטע דעכער. דער פראָסט שטארקט זיך, און די לופט ווערט שארפער. קיין מענטשן זעט מען קימאט ניט. טאָמער באווײַזט זיך עמעצער, אײַלט ער ערגעץ גלײַך אוועק. נאָר אָט דערזעט גליק די לערערקע העניע. זי גייט אײַנגעטוליעט אין דעם אָפּגענוצטן מאנטל, וואָס ווארעמט שלעכט. די הענט פרירן, ווײַזט אויס, זי האלט זיי פארוקט אין די ארבל. הירש לויפט צו איר צו און פראלט ארויס נאָר איין וואָרט:

— עמעס?

און ערשט נאָך דעם, ווי ער האָט דערזען א פריילעכן אָפּגלאנץ אין דער לערערקעס אויגן, נאָך דעם, ווי ער האָט עס אופגענומען אלס ענטפער אף זײַן פראגע, האָט ער צוגעגעבן:

— לערערקע העניע, עמעס? א מאפּאָלע?..

— יאָ, הירשעלע, יאָ... — ענטפערט העניע א מידע, אָן אײַנגעבויגענע. — זעסטו, הירשעלע, דעם מוט און די האָפענונג טאָר מען קיינמאָל ניט פארלירן. קיינמאָל טאָר מען ניט זאָגן, אז מע גייט דעם לעצטן וועג... מירן נאָך דערלעבן צו גוטע צײַטן.

הירשלען איז געוואָרן ניט נאָר ווארעם, אים איז געוואָרן הייס. ער איז אוועק א גליקלעכער, פון אים האָט ארויסגעזונגען. ער האָט נאָך, עמעס, ניט געוווּסט, וועלכער מאָטיוו, וועלכע מעלאָדיע וועט זיך אין אים צעזינגען. ער איז געגאנגען גיך, קימאט געלאָפן. אף דער שוועל, איידער ער איז נאָך ארוף אף די טרעפּ, האָט ער דערהערט זײַן אייגענע שטים, פריִער נאָר זײַן אייגענע... און באלד אויך מאלקעלעס. ביידע זינגען זיי די ליבע־ליד פון די קאוואלעריסטן, וואָס זיי האָבן אָפט געזונגען, שפּאצירנדיק אין וואלד. אופהייבנדיק זיך אפן צווייטן שטאָק, האָט ער שוין פאר זיך דערזען א לעבעדיקע בלאָנדע מאלקעלע מיט געקרויזטע דינע האָר. אזוי האָט זי אויסגעזען אין דעם לעצטן פארמילכאָמע־פרילינג — אָנגעטאָן אין א ווײַס קליידל מיט ראָזע פּאסיקלעך, אין געלע טופל אף הויכע קנאפל. אזא גייט זי אים אנטקעגן און זינגט:

— זאָג ניט קיינמאָל, אז דו גייסט דעם לעצטן וועג...

בילדער פון דער אלפארבאנדישער קונסט-אויסשטעלונג, געווידמעט דעם 50־טן יאָרטאָג פון דער סאָוועטנמאכט

דער פײַקלער

קינסטלער א. מאזיטאָוו

מע גייט צו לענינען

קינסטלער נ. יעריאָמין

לאָקאָמאָטיוו, דו פֿלי פֿאָרויס!

קינסטלער ר. באַרישניקאָוו

קינסטלער יאַקאָוו אָוועבאַך (קעשענעוו)

דער מאַמעס וואָרט

אַף דער וואַך

פאר שאָלעם

די שורע צוזאמען מיט דער מעלאָדיע גייט אַרײַן אין זײַן בלוט, זינגט אין אים און פּילט אָן אַלע זײַנע איבורים: זאָג ניט קיינמאָל...

מאלקעלע אַליין פאַרשווינדט, נאָר איר קאָל, וואָס רוקט זיך אָפּ אַלץ ווײַטער און ווײַטער, הערט ער נאָך אַלץ. ער קומט אַרײַן אין דער דירע, וואָס איז געפּאַקט מיט מענטשן. אַנטקעגן טראָגט זיך אַ קינדערש געוויין. אַ קראַנק קינד וויינט פון ווייטעק און הונגער. און די אַלע שכיי־נים — אַלמאָנעס, יעסוימים — דערמאָנען אָן דעם אומגליק און אומקום, וואָס קוקט אַרויס פון אַלע ווינקעלעך. פונעם קינדס געוויין קומט אויף אַ צווייטע שורע:

היִמלען בלײַענע פאַרשטעלן בלויע טעג.

הירש לייגט זיך אָפּ זײַן געלעגער צווישן דעם טיש און דער אַלטער קאַנאַפּע. ער וויל איצט זײַן אַליין, אַליין מיט זײַן ליד, וואָס נעמט זיך פלעכטן און וואַקסן.

זאָג ניט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג.

הימלען בלײַענע פאַרשטעלן בלויע טעג.

ער פאַרמאַכט די אויגן. קלײַבט צונויף די וואָרעמקײַט אין זײַנע גלידער. ער דערפילט זיך גוט און יאָמטעוודיק. און מיט פאַרמאַכטע אויגן זעט ער:

אינעם פראָסטיקן ווינטערדיקן דרויסן טרײַבן רוישיק־ווילדע ווינטן דעם שטילן ווײַסן שניי, הייבן אים אויף צום הימל, יאָגן אים איבער די סטעפּעס. אַלע וועגן ווערן פאַרוויִט, קיין הימל איז ניט צו זען, קיין ערד איז ניט צו זען. אין דער גאַנצער וועלט, זעט הירשל, איז פאַראַן נאָר דער שטורעם, וואָס וואַרפט זיך, וואָיעט, פליט אָן, פאַלט אָן, און דער שניי, וואָס וויל אַלץ פאַרדעקן. אָפּ זײַנע ברעמען דערפילט הירשל דעם קאַלטן אָטעם, אָפּ די באַקן דעם פראָסט, פּונקט ווי ער, הירשל גליק, וואָלט איצט גע־שטאַנען אינמיטן סטעפּ און דער ווינט יאָגט, טרײַבט אַרום אים כוואַליעס צעבושעוועטן זאַווייִ.

הירשל טוליעט זיך נאָך מער אײַן, אים זאָל ווערן וואַרעמער, דער ווינט זאָל אַזויפיל קעלט אין אים ניט אַרײַנבלאָזן. ער דרייט זיך איבער אָפּ דער צווייטער זײַט און דערזעט אַזוינס, וואָס פריִער האָט ער עס גאָר ניט באַמערקט: פון צווישן דעם זאַווייִ באַווײַזן זיך טאַנקען. סאָ־וועטישע טאַנקען. דער ווינט פאַרשטעלט זיי דעם וועג, וויל זיי פאַרשיטן, פאַרבלענדן די טאַנקיסטן די אויגן, נאָר די טאַנקען ווײַזן זיך אַלץ ווידער און ווידער, זיי שײַנען אַרויס מיט די ליכטיקע פאַרעס, שנײַדן אויף די ווײַסע שניי־פינצטערניש און מיט זייער אײַזן־געבראַזג שרײַען זיי איבער דעם ווינט.

און אָט דערזעט ער ווידער: צוזאַמען מיטן ווינט לויפן פערדישע פיס, וואָס באַווײַזן זיך אַלע ווײַלע דורכן שניי. ניט קיין פערד זעט מען, ניט קיין רײַטער, נאָר פלינקע, יאָגנדיקע פערדישע פיס. און כאָטש אַלץ איז פאַרשנייט, הערט ער — די טלאָען צאָקען, ווי איבער אונט־הוילטער פאַרפראָרענער ערד. סאָוועטישע קאַ־וואַלעריע.

איצט איז שוין הירשלען ניט קאַלט. די סאָ־וועטישע אַרמיי גייט פאָרויס. יאָגט דעם סוינע. און באַלד דערפילט ער, אַז ער אַליין, הירש גליק, ליגט שוין מער ניט צווישן דעם טיש און דער קאַנאַפּע. די געטאָ־קעמפער זײַנען אַרויס מיט געווער דער רויטער אַרמיי אַנטקעגן. און צוזאַמען מיט אַלע געטאָ־פּאַרטיזאַנער גייט אויך פאָרויס זײַן פינפטל מיט ביקסן אין די הענט. דער דײַטש לויפט. צו די ערשטע צוויי שורעס, וואָס זײַנען זיך באַ אים צווישן די ציין, קומען צו נאָך צוויי שורעס. זיי באַווײַזן זיך ווי דורך אַ נעפּל, ווי פון זיך אַליין קומען זיי אַרויס פון אונטערן זאַווייִ און שטעלן זיך אויס אין זײַן זיקאָרן אָפּ שטענדיק צו פאַרגעדענקען:

קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע
שאָ,
ס׳וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט: מיר
זײַנען דאָ!

די סטראָפע געפעלט אים זייער שטאַרק. זי איז אַ שטיק פון אים אַליין. ער האָט אויסגע־רעדט ס׳האַרץ, און די שורעס זינגען אין אים.

זאָג ניט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן
וועג.
הימלען בלײַענע פאַרשטעלן בלויע טעג.
קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע
שאָ,
ס׳וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט: מיר
זײַנען דאָ!

פונעם ווינט און שניי, פונעם גיין פאָרויס מיט זײַן פינפטל און פון די געשאַפענע שורעס דערפילט ער אַן אָנגענעמע מידקײַט.

און די ווײַטערדיקע שורעס בעטן זיך, קומען אַליין. זיי ריידן אַזוי פּראָסט, זיי קוקן אַרײַן אין האַרצן. זיי ווייסן אַלץ:

פון גרינעם פאַלמען־לאַנד ביז לאַנד פון
ווײַסן שניי
מיר קומען אָן מיט אונדזער פּײַן, מיט
אונדזער וויי,

און ווו געפאַלן איז אַ שפּריץ פון אונדזער
בלוט,
שפּראָצן וועט דאָרט אונדזער גוווּרע,
אונדזער מוט.

ס'וועט די מאָרגן־זון באַגילדן אונדז דעם הײַנט.
אונדזער נעכטן וועט פֿאַרשווינדן מיטן פֿײַנט.
נאָר אויב פֿאַרזאַמען וועט די זון און דער קאַיאָר,
ווי א פּאַראָל זאָל גיין די ליד פֿון דאָר צו דאָר.

הירש גליק דערפֿילט איצט, אַז ער ליגט נאָך אַלץ צווישן דעם טיש און דער קאַנאַפּע. דער קאַמף שטייט נאָך ערשט פֿאָר. דער דײַטש פֿאַרמאָגט א סך קויעך. און ווער ווייסט טאַקע, צי די הילף וועט ניט פֿאַרשפּעטיקן? ער איז ווידער אין געטאָ. דער אומקום פֿאַרלויפֿט דעם פֿאָלק דעם וועג פֿון פֿאָרנט און באַגלייט אים פֿון הינטן. ס'איז ניט קיין צײַט פֿון זינגען, נאָר פֿון קאַמף...

געשריבן איז די ליד מיט בלוט און בלײַ,
ס'איז ניט קיין לידל פֿון א פֿויגל אויף דער פֿרײַ,
דאָס האָט א פֿאָלק צעווישן פֿאַלנדיקע ווענט
די ליד געזונגען מיט נאַגאַנעס אין די הענט.

אָבער די האָפֿענונג אויף זיגן, אויף לעבן, אויף קיום — בלײַבט. צום סאָף קומט ווידער די ערשטע סטראָפֿע:

זאָג ניט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג...

פֿאַרטאָג איז הירש אײַנגעשלאָפֿן. אין שלאָף האָט ער געזען זײַן ליד. זי איז אים געווען אויף די ליפּן, אין די אויגן, אין האַרצן... ער איז איצט אַליין א ליד געווען.

24

א זומערדיקער אָוונט פֿון 1944. מיר טרעטן ניט אָפּ פֿון דער ראַדיאָ. צי וועט הײַנט זײַן א סאַליוט? און אויב יאָ, וועלכע שטאָט האָט מען באַפֿרײַט?

מיר הערן שוין די ערשטע רוף־סיגנאַלן, וואָס זאָגן אָן: הערט, הערט, הערט... אָט נעמט מען שוין לייענען דעם באַפֿעל. מיר קאָנען רויִק ניט אײַנזיצן, מיר שטעלן זיך אויף און קריכן קימאַט אַרײַן אין דער ראַדיאָ, און מיר דערהערן... ווילנע! באַפֿרײַט ווילנע!

גרויס איז אונדזער פֿרייד! גרויס איז אונדזער צאַר...

מיר ווילן וויסן: וואָס איז מיט די מענטשן געשען? ווער איז געבליבן?

מיר ווילן וויסן: וואָס איז מיט ווילנע געשען? ווי זעט אויס די שטאָט?

דער סאָף ווינטער האָט גענומען גיך אַוועקגיין, ווי ער וואָלט זיך געאײַלט אַנצוקומען אין א ווײַט, אויסגעטרוימט לאַנד. און כאָטש די פֿרעסט זײַנען נאָך דערווײַל געווען שטאַרק, האָט שוין אין די אָוונטן די טונקעלע בלויקײַט אויף די דעכער אָנגעזאָגט וועגן אַ דליגע, וואָס קומט אָן, ווי אַן אָפֿענע טיר אין פֿרילינג אַרײַן.

פֿאַרנאַכט, ווען דורך דעם טויער קומען די אַרבעטער צוריק אין געטאָ און עס ווערט אָנגעשטופּט אין די געסלעך, אויף די הויפֿן, אין די דירעס, זײַנען אַלע נײַגעריק צו וויסן וועגן דעם, וואָס ווערט איבערגעגעבן נאָר מיט איין וואָרט — א נאָמען פֿון א שטאָט:

— קורסק.

דער נאָמען פֿון דער שטאָט ווערט אויך אויפֿגענומען, ווי אַן אָנזאָג אויף פֿרילינג. די האָפֿענונג קוקט אַרויס פֿון אַלעמענס אויגן.

א צווייטער אָוונט:

— רזשעוו.

א דריטער:

— גזשאַטסק.

אין דער פֿאַרשפּאַרטער ענגער געטאָ ווערט מען צוגעוווינט צו גוטע נײַעס. אין וועג צו דער געטאָ טראַכט יעדערער פֿאַר זיך און מאַכט זיך גרייט צו הערן א נײַעם נאָמען פֿון א שטאָט, פֿונוואַנען מע האָט דעם דײַטש אַרויסגעטריבן. די פֿרייד לויפֿט פֿאָרויס.

און אָט איז אַן אָוונט, דער זעלבער, ווי נעכטן און אייערנעכטן, סײַ גענוג פֿראָסטיק און סײַ מיט אַן אָנזאָג אויף פֿרילינג, ער קאָן אָבער ניט אָנרופֿן קיין נאָמען פֿון קיין באַפֿרײַטער שטאָט. אין אַזאַ אָוונט, קומענדיק צוריק אין געטאָ, פֿילט מען זיך, ווי א גוטע האָפֿענונג וואָלט געפּלאַצט. די מידקײַט ווערט שטאַרקער, אומעטיקער ווערט אויפֿן האַרצן. עס פֿעלט, עס פֿעלט... עפּשער מאָרגן? זאָל זײַן מאָרגן. לעבט מען שוין מיטן מאָרגן. און אַז מאָרגן זאָגט מען ווידער ניט אָן קיין נײַעם נאָמען פֿון קיין שטאָט, ווערט פֿאַרדראָסיק. צי דען זיך אָפּגעשטעלט? ניט גוט, ניט גוט...

דערפֿאַר איז גרויס די פֿרייד, ווען מע גיט ווידער אין אָוונט איבער א נאָמען:

— וועליקיִע לוקי.

— דעמיאַנסק.

— כאַרקאָוו.

די האָפֿענונג אין געטאָ וואַקסט. וועט, הייסט עס, נאָך גוט זײַן? דער דײַטש ברעכט דאָך דעם קאָפּ. האַלעווײַ!

פֿון די אײַנוווינער פֿונעם הויף אויף קליין־שניפּישעק, ווו די וויטנבערגס האָבן געלעבט, זײַנען אין געטאָ געבליבן זיבן מענטשן: לייווי זאַקהיים, אַווראָם־אָווינו, ביידע מאַגענדאָוויטשעס, די לערערקע העניע, שמועל־יאָשע אייסעק און איציק וויטנבערג. יעדערער פֿון זיי וואַרט צו דערהערן

א נאָמען פון אַן אײַנגענומענער שטאָט. און יעדערער פון זיי באַנעמט אַף זײַן אויפן די יעדיִעס פון דער סאָווינפאָרמביוראָ, וואָס די געטאָ־ראַדיִאָ נעמט אויף.

אָט קומט דער אָוונט, דער קאַלטער סאָפּווינטערדיקער אָוונט, ווען אַלע וואַרטן אַף גוטע נײַס פון די פראָנטן. שמועל־יאָשע קאָן ניט אײַנזיצן אַף אַן אָרט, ניט אײַנזיצן און ניט אײַנשטיין. צי איז ניט קיין פאַרברעכן, וואָס ער הערט זיך צו צו אַזעלכע קלאַנגען? געוויס וועט עס ניט באַגיטיקן. מורער וועט פאַר אַזעלכע זאַכן שיקן קיין פּאָנאַר. פאַרשפּרייטן באָלשעוויסטישע רעכילעס — אָט ווי דאָס הייסט. א גאַנצן טאָג ווייסט ער גאָרניט. אָבער פאַרנאַכט... צי ער וויל, צי ער וויל ניט, קומט צו אים די פראַגע: ווער ביסטו? ביסט דען ניט אין געטאָ? קאָנסט דען ניט יעדע רעגע זײַן א קאָרבן?

ער סטאַרעט זיך בלײַבן לעבן. ער טוט אַלץ, אַבי ניט אומקומען. פאַר זיך האָט ער דערבײַ א טערעץ: ער וויל נאָך זען זײַן טאָכטער, זײַן שלאָמיטען, מיטן אייניקל. צוליב דעם קאָן ער דינען אַפילו דעם טײַוול. צוליב דעם גייט ער פאַר גענסן אַף אַלע פיר. וואָס זאָל ער טאָן? ער האָט דען געבעטן, די דײַטשן זאָלן קומען קיין ווילנע, ער האָט דען געשאַפן די געטאָ? בא אַנדערע באַדינגונגען שפּײַט ער אַף גענסן, אַף מורערן, אַף אַלע דײַטשן.

— אָבער, פּאָטער אין הימל, וואָס קאָן איך נאָך טאָן, מיט וואָס נאָך קאָן איך זיך ראַטעווען? איך האָב דען אַן אַנדער ברייִרע...

די דײַטשן זאָלן כאַפּן א מאַפּאָלע, וויל ער. זאָל א סאָף נעמען צו די צאָרעס. וויל ער טאַקע דערפאַר וויסן, וואָס אַף די פראָנטן טוט זיך. מע היט זיך אָבער פאַר אים, מע טרויט אים ניט. דרייט ער זיך אַרום אינעם פּראָסטיקן דרויסן, גייט צווישן מענטשן, הערט זיך אײַן. עפּשער וועט עמעצער אָנרופן א שטאָט? קיינער זאָגט גאָרניט. אַלע שווײַגן. און אין די אויערן קלינגען אים די ווערטער, מיט וועלכע ער אַליין און זײַנע כאַווײרים פלעגן אין דער קינדהײַט געבן צו וויסן, אַז עס גייט א גאָראָדאָוואָי אָדער א זשאַנדאַרם: זעקס, מענטע, שאָכאָר... זיי קלינגען אים אין די אויערן, ווי דאָס וואָלט מען איצט שרײַען, ווען מע דערזעט אים.

„פאַר מיר היט מען זיך“, — טראַכט ער. און דעמאָלט קומט אויף, ווי פון זיך אַליין, נאָך א געדאַנק: און ווי אַז די רויטע וועלן טאַקע קומען? די דײַטשן וועט די ניכפּע נעמען. געוויס וועט לויפן מיט די דײַטשן. אָבער ער, ער, שמועל־יאָשע, וואָס וויל זען זײַן טאָכטער מיטן אייניקל, וווּהין וועט ער לויפן? מיט די דײַטשן? ניט מע וועט אים נעמען, ניט ער וועט לויפן.

און נאָך א געדאַנק: אָט די אַלע, וואָס געטרויען אים ניט, וועלן דען שווײַגן, ווען די רויטע וועלן קומען? מע וועט אים אין טורמע וואַרפן, מישפּעטן: ער האָט גענסן געדינט.

און דאָך... אַז אים גיט זיך פונדעסטוועגן אײַן אויפצוכאַפּן „רזשעוו“ אָדער „גזשאַטסק“, איז ער צופרידן. זאָל מען אים טרײַבן, דעם דײַטשישן אַכזער. עפּשער וועט זיך נאָך אַלץ גוט ענדיקן. און ווי זײַן שטייגער איז נאָך פון אַמאָל — ניט טראַכטן וועגן אומאָנגענעמע זאַכן, פאַרגעסן פון אַלץ און זיך מויכל זײַן, וויל ער אויך איצט ניט טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש. ער איז צופרידן.

ער איז צופרידן אַזוי לאַנג, ביז עס קומט אים ניט אָן אַנטקעגן דער לערער לייווי זאַקהיים. דער לערער געהערט צו די געציילטע מענטשן, פאַר וועמען שמועל־יאָשע האָט אינווייניק אין זיך מוירע. דער לערער איז פון די מענטשן, וואָס האָבן פאַר אים, שמועל־יאָשען, קיין דערעכערעץ ניט און קאָנען זיך אַלץ דערלויבן. און טאַקע דערפאַר פאַרלויפט שמועל־יאָשע אַזאַ מענטשן דעם וועג מיט א גוט וואָרט. נאָר איידער ער געפינט איצט דעם פּאַסיקן אויסדרוק, דערזעט ער, אַז לייווי זאַקהיים קוקט אים אָן דורך די ברילן (די פענסנע זײַנען שוין לאַנג צעבראָכן) מיט אַזאַ בייז שמייכעלע, אַז שמועל־יאָשען ווילט זיך וואָס גיכער פאַרשווינדן. אָבער דער לערער קלײַבט זיך ניט אָפּטרעטן דעם וועג. אין א פאַרנאַכט, ווען ער דערוויסט זיך דעם נאָמען פון א באַפרײַטער שטאָט, קאָן ער פון פרייד ניט זײַן רויִק. ער דאַרף זיך מיט עמעצן פרייען צוזאַמען אָדער מיט עמעצן זיך קריגן! ער שטעלט זיך אַנטקעגן שמועל־יאָשען, פּאָנעם־על־פּאָנעם, און קוקט אים אָן מיטן אָפּשפּעטערישן שמייכעלע. דערנאָך זײַט ער אַרויס צווישן די ציין:

— אייסעק... נאָר אייסעק... מיט וואָס האַנדלט מען איצט?

שמועל־יאָשע בלײַבט שטיין אָפּהענטיק. ער וויל זיך הײַנט ניט קריגן. וואָס טשעפּעט מען אים? ער שווײַגט.

לייווי רוקט זיך צו נאָך נעענטער צו שמועל־יאָשען.

— איר וועט בלײַבן, מיינט איר? אײַך וועט מען שאַנעווען?

דאָס שמייכעלע הינטער לייוויס ברילן איז אַוועק. ער קוקט שטרענג שמועל־יאָשען אין די אויגן אַרײַן.

— אַלע וועלן מיר אומקומען! לעכאָלהאָפּאָכעס דאַרף מען זיך שלאָגן. שלאָגן זיך!

שמועל־יאָשע מאַכט א באַוועגונג מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט וועלן לייוויס רייד אָפּרוקן פון זיך. „שלאָגן זיך...“ אַף דעם גייט ער ניט אײַן. ניט ער...

— ניין, — זאָגט לייווי, — ניט איר. אַנדערע זאָלן עס טאָן. און איר?

— וואָס ווילסט איר פון מײַן לעבן? לאָזט מיך אָפּ.

— איך האַלט אײַך דען? גייט, גייט... איר קאָנט אפילו גיין מאַסערן.

פונעם „מאַסערן" נעמען בא שמועל־יאָשען פרירן די פיס. אים איז קאַלט. ער קאָן זיך פון אָרט ניט רירן.

— מאַסערן... איך בין ניט קיין מאָסער. גאָט זאָל מיך אויסהיטן.

— ווער ווייסט אײַך, ווער איר זײַט... — לייווי גיט א מאַך מיט דער האַנט און גייט אוועק.

אָבער איצט וויל שמועל־יאָשע אים ניט אָפּלאָזן. ער גייט אים נאָך. אזוינס אים אַרײַנזאָגן און אוועקגיין. ער וויל זיך פאַרענטפערן, באַרעכטיקן. לייווי וויל ניט הערן.

— לערער זאַקהיים...

נאָר לייווי, ווי אומגעריכט ער איז אָנגעקומען, אזוי אומגעריכט ווערט ער פאַרשוווּנדן.

שמועל־יאָשע בלײַבט אליין. הײַנט קאָן ער ניט אָפּקומען מיט דעם, וואָס ער וועט זיך אליין טרייסטן, מוחל זײַן, פאַרגעסן וועגן אלץ. ער מוז זיך מיט עמעצן דורכריידן. קיינער געטרויט אים ניט, אלע היטן זיך פאַר אים, מע מײַדט אים אויס. צי דען איז ער טאַקע איינער אליין?

— רעב אווראָם, מעכוטן...

מעכוטן? דאָס איז פאַר אווראָם דעם שוסטער אזא נײַס, אז ער גלייבט ניט זײַנע אויערן. מעכוטן? ווען דער זון זײַנער, כאַים, האָט געלעבט, ווען ער איז געווען שלאָמיטעס מאַן, האָט אים שמועל־יאָשע קיינמאָל אזוי ניט אָנגערופן. אויך אין געטאָ האָט אים שמועל־יאָשע ניט געוואָלט קענען. און פלוצעם, נא דיר גאָר... מעכוטן.

— רעב אווראָם, מע טאָר ניט זײַן אזוי אָפּגעפרעמדט. מע קאָן דאָך ניט זײַן איינער אליין.

— איינער אליין? איך בין דען איינער אליין? א געטאָ מיט מענטשן.

— איך בין איינער אליין, איינזאַם, ווי א שטיין...

— ווי א מענטש נעמט זיך אונטער, אזוי העלפט אים גאָט. איר אַנטלויפט פון מענטשן, לויפן זיי פון אײַך.

— רעב אווראָם, וואָס האָט מען צו מיר? יעדערער וויל זיך ראַטעווען, יעדערער, ווי ער קאָן. איך פאַרנעם דאָך קיינעמס אָרט ניט.

— איר פאַרשטייט, שמועל־יאָשע, איר פאַרנעמט ניט קיינעמס אָרט, אָבער איר פאַרנעמט אויך ניט אײַער אָרט. ניט פאַר אײַך איז צו זײַן א באַל־קוירע בא גענסן.

אווראָם איז ווייכער פון לייווי זאַקהיים. ער קאָן ניט אזוי שאַרף אַרײַנזאָגן. טוט ער עס איידעלער. אָבער פאַרשווײַגן קאָן ער אויך ניט.

— ווען א גאַנץ פאָלק קומט אום, טראַכט איר נאָר וועגן זיך. און אז איר וועט זיך שוין ראַטעווען... איינער איז דאָך קיין פאָלק ניט. איינער...

— לויט אײַך קומט אויס, אז וועגן זיך זאָל איך ניט טראַכטן. ווער זשע וועט פאַר מיר טראַכטן?

— שמועל־יאָשע, האָט ניט קיין פאַריבל, איר רעדט דאָך, ווי דער ראָשע אין דער האַגאָדע. איר נעמט זיך ארויס פון קלאַל. איין ייִד איז קיין פאָלק ניט, איין ייִד איז אפילו קיין ייִד ניט. פאַרגעדענקט עס...

שמועל־יאָשע האָט זיך גענומען אײַלן. אווראָם דעם שוסטערס ווערטער געפעלן אים ניט, זיי שטעכן, ווי מיט נאָדלען.

— זײַט אהיים, זײַט אהיים, עס ווערט שפּעט, — רעדט ער אפגיך ארויס און גייט אוועק.

איצט האָט זיך ווידער באַוויזן לייווי זאַקהיים. ער זוכט אווראָמען, אין אזא אָוונט קאָן ער ניט זײַן אליין. גייט ער ארום אין פראָסטיקן דרויסן, רײַבט אלע ווײַלע מיט די לאָדאָניעס די אויערן און קוקט דורך די ברילן אין אלע זײַטן. אווראָם דערזעט אים און דערקענט גלײַך, אז לייווי איז אומרויִק, צעטראָגן, וויל ער וויסן:

— לייווי, וואָס איז מיט אײַך? וואָס קימערט אײַך?

— מיך קימערט, מיך טוט ווי, ווען מיר אליין פאַרגיסן אונדזער בלוט. און דאָס הייבט זיך אָן נאָך פון כומעש. הערסט, אווראָם? די ברידער האָבן פאַרקויפט יויסעפן אין קנעכטשאַפט, געלאָזט אף אומקום. אָדער שפּעטער... יויסעף פלאַוויוס פאַראַט זײַן אייגן לאַנד און גייט אריבער צו די רוימער. זייער שיין, האַ? א וואַזשנער יִכעס, אווראָם? נאָר נאָך וואָס דאַרפן מיר קריכן אזוי ווײַט. אונדזערע זיידעס געדענקען נאָך, ווי די ייִדישע כאַפּערס האָבן געגאַנוועט בא מאַמעס קליינע קינדער און אָפּגעגעבן פאַר סאָלדאַטן אין סיביר. און מיר ווילן נאָך אײַנריידן די וועלט, אז מיר זײַנען בניי־ראַכמאָנים, מיר זײַנען אייניק, מיר זײַנען אַן אויסדערוויילט פאָלק. גענס מיט דעסלערן זײַנען אויך בניי־ראַכמאָנים? זיי געהערן אויך צום אויסדערוויילטן פאָלק? מיט זייערע הענט ראָט מען אונדז אויס. שמועל־יאָשע מיט דער שיינער באָרד טוט זיך זײַן אייסעק — העלפט אויסראָטן אונדז. יעדערער פון זיי וויל זיך ראַטעווען, מעג דאָס פאָלק אפילו אומקומען. לויט דײַן האַסאָגע, אווראָם, דאַרף איך זײַן קלוג און רויִק. צום טײַוול אזא קלוגשאַפט. איך וועל זיך מיט דיר קריגן, אווראָם.

— און איך וויל זיך מיט דיר ניט קריגן, לייווי, איך טרייסט דאָך דיך, אָבער ניט זיך. מיך קאָסט עס גענוג געזונט. „מעכוטן" האָט ער מיך אָנגערופן.

— ווער?

— שמועל־יאַשע.

— האָסט אים אָנגעשפּיגן אין פּאָנעם?

— ניין. איך קאָן עס ניט.

— אַיַ, די לאַמעדוואָוניקעס, די לאַמעדוואָווניקעס... צו קיין זאַך טויגן זיי ניט. ביסט דאָך אָבער א שוסטער אויך, אווראָם, דארפסטו דאָך קאָנען...

25

(פאָרזעצונג)

אויסער די נייַס, וואָס די געטאָ־ראַדיאָ נעמט אוף, קומען אָפּט צו נייַס פון דער שטאָט. מע דערוויסט זיך, וואָס הערן מענטשן, וואָס זעען זיי, וואָס טראַכטן זיי? וואָס טראַכטן די דייַטשן?

דער פרילינג קומט אָן.

געבראַכט די נייַס פון דער שטאָט האָבן פארשיידענע מענטשן.

אין געטאָ קומט אריַין די ליטווישע שרייַבערן אָנא שימייַטע. א מענטש פון א יאָר פופציק. א פולבלעכע, מיט א קייַלעכדיק פּאָנעם, אזא ווי עס טרעפט בא דאָרפישע פרויען. אירע טונקל־בלאָנדע צעפּ לייגט זי צונויף אין א בייגל אפן שפּיץ קאָפּ. איר אויסזען האָט קימאט גאָרנישט ניט דערציילט וועגן דעם, אז די דאָזיקע פרוי איז א מענטש מיט א גרויסן גייַסט, מיט א דרייסטער דערהויבענער נעשאָמע. זי האָט זיך אייַנגעשטעלט, אויסגעזוכט פארשיידענע טרוצים אָף אריַינצוגיין אין געטאָ.

ערעוו דער מילכאָמע האָט זי געארבעט אין ווילנער אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק. האָט זיך איר אייַנגעגעבן צו באקומען א דערלויבעניש אריַינצוגיין אין געטאָ, קעדיי צונעמען בא די געוועזענע סטודענטן די ביכער, וועלכע זיי האָבן געהאט גענומען אין דער ביבליאָטעק.

וויפל אָבער דארף דויערן דאָס אופמאָנען ביכער? עס מוז דאָך נעמען א סאָף.

האָט זי נאָכדעם באקומען א דערלויבעניש אריַינצוקומען אין געטאָ, ווייַל זי מוז אָנקומען צו איינעם א ספּעציאַליסט.

וויפל קאָן מען זיך היילן?

האָט זי געפונען אנדערע מיטלען אָף באקומען א דערלויבעניש. אין א פרייַען טאָג גייט זי אין געטאָ.

אין געטאָ פלעגט זי אריַינטראָגן און ארויסטראָגן דאָקומענטן, אמאָל אריַינברענגען א שטיקל געווער, איבערגעבן נייַס, ראטעווען קינדער. דורך איר האָט די פּארטיזאנישע אָרגאניזאציע געהאט פארבינדונג מיט דער שטאָט. זי פלעגט קומען טרייסטן, וועקן מוט. אפילע אָף א קאָנצערט אין געטאָ פלעגט זי קומען.

פאר אירע ליטווישע און פּוילישע פרייַנט פלעגט זי, קומענדיק צוריק פון דער געטאָ, זאָגן:

— א העלדיש פּאָלק!

געבראַכט נייַס האָבן אויך יוזיע קוניצין און זייַן טאטע סטעפּאַן, וואָס האָבן געהאט כאווייריים אין געטאָ.

סטעפּאַן איז געוועזן א וועכטער אין א ייִדישער מיידל־שול. ניט ווייַט פון דער שול איז געשטאַנען דער פייַערלעשער־טורעם. נאָכן טורעם איז געוועזן א גרויסער פלאַץ, ווו די פייַערלעשער האָבן זיך געלערנט לעשן, ווען עס ברענט ניט. סטיאָפּע האָט זיך פארליבט אין א פּאָזשארניקס א טאָכטער. זאָיע איז געוועזן א שיין מיידל מיט א ליכטיק פּאָנעם, מיט פריילעכקייַט אין אלע גלידער, מיט א געבענטשטן בוזעם. זי האָט אים גערייצט מיט טייַווע און צעלאָזנקייַט. פארנאַכט פלעגט ער צו איר גיין מיט א גרויסער וואפליע מאָראָזשענע. די מאָראָזשענע פלעגט זאָיע נעמען, לעקן מיטן פלינקן קליינעם צינגל, שמייכלען, אָפּווישן מיט די פינגער די טראָפּנס, וואָס זייַנען געפאלן אפן הויכן בוזעם, און זאָגן:

— עקסעלע, ניט פאר מיר ביסטו געבאָרן. פריִער וועל איך האָבן קינדער, דערנאָך וועל איך מיט דיר צוזאמען דארפן גיין ראַמען די אָפּטרעטן. עקסעלע, זוך זיך א בעהיימעלע... איך בין א פויגל.

איינמאָל איז ער, ווי געוויינלעך אין א זומערפארנאַכט, געקומען מיט א קייַלעכדיקער וואפליע אין דער האנט און נאָך פון דער ווייַט דערזען, אז אָף דער באנק אונטער דער אלטער ווערבע זיצט זאָיע. שוין פונעם ערשטן בליק האָט ער דערפילט עפּעס נייַס אין איר. זי איז ניט געזעסן, נאָר קימאט געלעגן אין פוילער אומבאוועגלעכקייַט. ער האָט געמאכט נאָך עטלעכע טריט און איז געבליבן שטיין. דערנאָך זיך אומגעדרייט און איז אוועק. סטיאָפּע האָט פארלאָרן די פּאָרזיכטיקייַט פון באגיין זיך מיט דער איידעלער וואפליע, און דער גאנצער וועג צו זייַן הילצערן הייַזל לעבן דער מיידל־שול איז געוועזן באצייכנט מיט א זיסער קלעפּיקייַט פון צוויי קאָלירן: ווייַס און ברוין. אין שטוב צו זיך, ווו עס האָט געשמעקט מיט בעזעם־בלעטער און מיט היי, איז ער אריַין אָן דער וואפליע. אָף וואָס דארף ער זי? זייַן ליבע איז... אָף דער צייַט.

אין א האלב יאָר ארום איז זאָיע ווידער געוואָרן א מיידל. דאָס קינד איז בא איר גיך געשטאָרבן. זי איז נאָך אלץ געוועזן שיין, נאָר ברייטער געוואָרן און מער אָנגעגאָסן. ווידער פלעגט סטיאָפּע קומען, דאָס מאָל מיט קאָנפעטן. זי האָט גענומען און קייַענדיק געזאָגט:

— עקסעלע, מיר זייַנען ניט קיין פּאָר. דו ביסט אן אקשן, און איך בין א פלאטערל. אלץ געפלויגן, געפלויגן... ווו א זיסער טראָפּן.

סטיאַפּע האָט פֿאַרשטאַנען, אַז זײַן גײן צו איר איז אומזיסט. דעמלט איז זי אַלײן געקומען צו אים.

— איך װײס, אַז איך געפֿעל דיר. פֿאַרװאָס איז אָף דײַן פּענצטער ניטאָ קײן פֿאַרהאַנג? באַ אַ יונג פּאָרפֿאָלק דאַרפֿן די פּענצטער זײַן פֿאַרהאַנגען.

דרײַ יאָר האָבן זײ געלעבט צוזאַמען. זי האָט געהאַט אַ ייִנגל. אָפֿן פֿערטן יאָר איז זי אַװעק און אים איבערגעלאָזט דאָס קינד. מער האָט ער זי ניט געזען. סטיאַפּע האָט אַפֿילע ניט געהאַט, פֿאַר װעמען דאָס האַרץ אױסצורײדן. דאָס ייִנגל איז געװאַקסן אַ יאָסעם, אָן אַ מאַמען. ער האָט זיך געשפּילט מיט די ייִדישע ייִנגלעך, װאָס װױנען אין שכײנעס. ער איז געװען געראָטן אין דער מאַמען. אַז ער פֿלעגט קאַפּריזן, פֿלעגט דער טאַטע אָנשרײַען: „פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע, שװײַג". ביז הײַנט האָט סטיאַפּע ניט אױפֿגעהערט ליב צו האָבן זאָיען. ער האָט געבענקט נאָך איר. װען ער דערמאָנט זיך װעגן איר, זאָגט ער צו יוזיען:

— סלוכײַ, טי... דײַן מאַמע האָט ליב געהאַט ליאָדעס.

יוזיע האָט גערעדט ייִדיש ניט ערגער פֿון פּױליש. ער האָט געװוּסט אַלע ייִדישע יאָמטױװים. און װען זײַנע כאַװײרים, מיט װעלכע ער האָט זיך געשפּילט, באַקומען אָף יאָמטעװ געשמאַקע זאַכן, באַקומט אױך יוזיע. ניט װינציקער, װי די ייִדישע ייִנגלעך, האָט ער געװאַרט אָף כאַנעקע, װען מע צינדט ליכטלעך און מע עסט לאַטקעס; אָף פּורים, װען מע עסט האָמענטאַשן. דער פֿרײלעכסטער יאָמטעװ איז באַ אים געװען פּײסעך: מאַצע, קנײדלעך, ניס.

אַזױ איז ער צוזאַמען מיט זײַנע ייִדישע כאַװײרים אױסגעװאַקסן, אַװעק צוזאַמען אַרבעטן, אַרײַנגעטראָטן צוזאַמען אין קאָמיוג און זיך פֿאַרליבט אין אַ ייִדיש מײדל.

די דײַטשן זײַנען געקומען.

דאָס מײדל האָט מען פֿאַרטריבן אין געטאָ. דערנאָך האָט זי זיך מיט עפּעס פֿאַרזינדיקט, האָט מען זי געשמיסן באַם טױער און ערגעץ אַװעקגעפֿירט. מער האָט זי קײנער ניט געזען. יוזיע זוכט זי. ער קומט אין געטאָ צו אירע קרױװים זיך נאָכפֿרעגן. װאָס װײַטער, װערט אָבער אַלץ װײניקער קרױװים. זײ קומען אום. אָט איז שױן פֿון דער גרױסער מישפּאָכע פֿאַרבליבן נאָר דעם מײדלס מאַמע. אַז יוזיע קומט אַרײַן אין געטאָ, קלאַפּט אים שטאַרק דאָס האַרץ, צי איז מיט דער מאַמען גאָרניט געשען. אַמאָל װוּנדערט אים. די מאַמע אירע, זעט ער, איז געװאָרן װי פֿאַרשטײנערט. זי דערמאָנט װײניקער די טאָכטער, װי ער, יוזיע, דערמאָנט זי.

דורך יוזיען האָט די אונטערערד פֿאַרבינדונג מיט װעמען מע דאַרף. זײַן טאַטע, סטיאַפּע קאָניצין, העלפֿט אים.

מיטן אָנקום פֿון פֿרילינג האָט יוזיע געבראַכט נײַס: װאָס מער מע שלאָגט און מע טרײַבט די פֿאַשיסטן, אַלץ מער זוכן זײ אומעטום פֿאַראַט. אין אַלץ איז שולדיק די באַפֿעלקערונג, אַלעמען זײַנען זײ כױשעד. זײ שטעלן זיך פֿאַר קײן זאַך ניט אָפּ.

דאָס זעלבע האָט באַשטעטיקט דער קומענקערער קאָװאַרסקי. קאָװאַרסקי איז אַ געװעזנער אַדװאָקאַט, װאָס האָט אין געטאָ זיך אױסגעלערנט פֿאַר אַ קומענקערער. אַדװאָקאַט קאָװאַרסקי לעבט איבער די גרעסטע פֿרײד און צופֿרידנקײַט, װען שװאַרץ פֿון סאַזשע (די קלײדער, דאָס פּנים, די הענט), גײט ער אַרױס אין שטאָט מיטן עמערל און מיטן בעזעמל, גײט דאַפֿקע אָפֿן טראָטואַר און אַלע טרעטן אים אָפּ דעם װעג. עס װילט זיך אים אַפֿילע דעמלט לאַכן. ער קומט רײניקן דעם קומען אינעם הױז, װוּ ער האָט אַמאָל געװױנט. דאָס ערשטע מאָל האָט אים דער װעכטער ניט דערקענט. אָבער אַז קאָװאַרסקי האָט אים געזאָגט, װער ער איז, האָט דער װעכטער אַראָפּגענומען דאָס היטל און זיך פֿאַרנײגט. אַדװאָקאַט קאָװאַרסקי איז געװען אַ גוטער שאָכן, אָפּט אַרײַנגערוקט אַ מאַטבײע אין דער האַנט. צו נײַ־יאָר געגעבן אַ מאַטאָנע. דער װעכטער האָט פֿון איבעראַשונג רײדן ניט געקאָנט. דאָס צװײטע מאָל, װען קאָװאַרסקי איז געקומען רײניקן דעם קומען, האָבן אים אײניקע פּױלישע שכײנים פֿאַרופֿן צו זיך, מעכאַבעד געװען, אױסגעפֿרעגט, װי מע לעבט אין געטאָ, און דערצײלט פֿאַרשײדענע נײַס. אַדװאָקאַט קאָװאַרסקי האָט דער ערשטער זיך דערװוּסט װעגן דעם אױפֿשטאַנד אין װאַרשעװער געטאָ און דעם זעלבן טאָג געבראַכט די נײַס צו זיך אין געטאָ. אין די פֿאַרשפּאַרטע זיבן געסלעך האָט אין יענעם פֿרילינג־אָװנט געראַשט. אַ סאַך מענטשן זײַנען אַרױס אָף דער גאַס. גערעדט צװישן זיך האָט מען גאָרניט. אָבער אײנער דעם אַנדערן האָט אָנגעקוקט מיט אױגן, װאָס רײדן און דערצײלן. קײנעם האָט זיך ניט געװאָלט גײן אַהײם.

אָף מאָרגן האָט זיך די שטימונג שױן געענדערט. אָף מאָרגן האָבן זיך געפֿונען אַזעלכע, װאָס האָבן פֿאַרשפּרײט קלאַנגען, אַז ניט דאָס איז דער װעג, אַז דאָס איז נאָר אַ מיטל אָף זיך אַלײן אומצוברענגען.

— גאָט זאָל אױסהיטן פֿון זיך קעגנשטעלן. דאָס איז זיכערער אומקום, — האָט שמואל־יאָשע פֿאַר אַלעמען איבערגעכאַזערט הירש זעליקמאַנס װערטער, װאָס געהערט האָט ער זײ שױן פֿון געגנסן.

אין דעם יאָר האָט מען אין װילנער געטאָ געפֿײַערט דעם ערשטן מײַ. אָף שאװלער גאַס האָבן

זיך געהיים צונויפגעקליבן פארטיזאנער, יוגנט, שילער. יעדערער האט זיך באמיט אנטאן דאס שענסטע און דאס בעסטע, וואס ער פארמאגט. וואס אבער האט יעדערער פארמאגט?

אין די לאצן האבן אלע געטראגן רויטע בענד־לעך. די לערערקע העניע, א מידע, עטוואס שוין אן איינגעבויגענע, אבער דאך א מונטערע, איז היינט יאמטעוודיק געקליידט. עמעס, א ביסל אלטמאדיש: אין א וויסער דינער בלוזע מיט לאנגע ארבל, מיט א סאך פערלמוטער־קנעפ פון פארנט און מיט שפיצן ארום האלדז. דאס קלייד איז א גרויס, מיט בארדא־פאסיקלעך, א לאנגס, קימאט ביזן דיל. די געלע שיך זיינען אויסגע־פוצט מיט גוטאלין, אבער די לאטקעס זעען זיך גוט אן, כאטש אווראם דער שוסטער האט זיך שטארק געמיט. די שילער האבן איר אנגעטאן א רויט טיכל אפן האלדז. העניע האט שטיל, בעני־מעסדיק געשאקלט מיטן קאפ — זי דאנקט.

די מאגענדאוויטשעס זיינען דא אויך פאראן. צווישן די פארזאמלטע זיינען זיי די עלטסטע. נאך מיט וויפל יאר צוריק האבן זיי אין וואלד הינטער ווילנע געפייערט דעם ערשטן מיי. זיי האלטן זיך צוזאמען. אין דעם איז זייער קויעך. איינער לעבט, אז דער צווייטער זאל לעבן. וועט עפעס געשען מיט איינעם, וועט עס געשען גלייך מיטן אנדערן. באם עפענען די פייערונג האבן זיך אלע אופגעשטעלט — אפגעגעבן קאוועד די העלדישע קעמפער פון וואַרשעווער געטא.

דער פארזיצער האט געזאגט: אונדזערע ברי־דער אין ווארשע ראנגלען זיך צווישן ברענענ־דיקע ווענט. ווארשע איז פאר אונדז א ביישפיל: קעמפן ביזן לעצטן אטעם!

און דערנאך איז געווען א קאנצערט. א פיד־לער האט געשפילט, הירש גליק האט געלייענט „זאג ניט קיינמאל, אז דו גייסט דעם לעצטן וועג". די מאגענדאוויטשעס האבן געזונגען די ליד וועגן הירש לעקערט:

וועג הירשקע איז פון שטוב ארויסגעגאנגען,
אזוי געזאגט האט ער א גוטינקע נאכט...

דעם זעלבן טאג, דעם ערשטן מיי, איז יוזיע געקומען אין געטא. ער האט געדארפט איבער־געבן נייס. א פוילישער פאליציי האט אים דער־זען און מיט גרויס פארוואונדערונג אים אנגע־קוקט:

— א פאליאק?
— א פאליאק.
— ווי קומסטו אהער?
— מיין קאלע איז דא...

— פסיאקרעוו! — האט דער פאליציי א צע־רייצטער אויסגעשריען און אויסגעשאסן אין יוזיען.

יוזיע איז געפאלן א טויטער.

26

ס'איז געווען שאבעס, ווען צום זיידן איז אנ־געקומען די יעדיע, אז זיין איינציקער זון איז אומגעקומען. דער זיידע האט ניט אויסגעהאלטן און זיך צעוויינט.

— רעב אווראם, — האבן געזאגט די שכיי־נים, — איר האט דאך אונדז געלערנט, אז שא־בעס טאר מען ניט וויינען. שאבעס דארף מען זיך אנטאן בלויז פארגעניגן.

האט זיי דער זיידע געענטפערט:

— איצט איז מיין איינציקער פארגעניגן וויי־נען...

א פרילינגדיקע האלבע לעוואנע קוקט ארײַן אין פענצטער און באטראכט איציק וויטנבערגן; ער ליגט אף זיין געלעגער מיט פארמאכטע אויגן. איציק ווייסט, אז ער שלאפט ניט. די לע־וואנע ווייסט עס ניט. קוקט זי אף אים.

ווען דער פרילינג האט זיך רעכט צעבליט, האט איציק קלאר באנומען, אז די צייט נעמט גייך גיכער און טראגט מיט זיך וויכטיקע גע־שעענישן.

אפטרעטנדיק, וועט דער דייטש פארניכטן שטעט און מענטשן. אין דער ערשטער ריי וועט ער פארניכטן די געטאס מיט יידן.

די לעוואנע איז אוועק ווייטער און קוקט שוין ארײַן אין פענצטער נאר פון דער זייט. זי איז נאך אלץ זיכער, אז איציק שלאפט. און איציק איז וואך. מיט פארמאכטע אויגן זעט ער זייער גוט: סטאלינגראד איז געווען שטארקער פון די דייטשן. די דייטשן זיינען שטארקער פון די גע־טאס. טראכט איצט איציק וועגן דעם, וויאזוי ארייַנגיסן דעם קויעך פון די געטא־פארטיזאנער אין דעם גרויסן קויעך פון סטאלינגראד. די געטא זאל ניט פאלן קיין קארבן, נאר זאל העלפן באזיגן דעם דייטש.

דערצו זיינען נייטיק א סאך וויכטיקע זאכן: באדאכטקייט, איבערגעגעבנקייט. ניט לאזן זיך אפנארן פון די סאנים. גרייטן מענטשן און גע־ווער. און אין דעם פאסיקן מאמענט — אופ־שטיין און העלפן דער סאוועטישער ארמיי.

די לעוואנע קוקט שוין ארייַן אין אן אנדער פענצטער. דאפקע איצט קאן איציק איינדרעמ־לען.

ביז סטאלינגראד זיינען די דייטשן געווען זי־כער, אז זייער היסטארישע מיסיע איז שלאגן אנדערע. נאך סטאלינגראד האבן זיי אין דעם געגנומען צווייפלען. און נאכן ווארשעווער אופ־שטאנד האבן זיי אויך באנומען, אז געטא־יידן קאנען טאקע אפנעמען שיסן, זיך שלאגן ביזן לעצטן. די פאשיסטן האבן גענומען גוט אכטונג געבן, וואס מע טראגט ארייַן אין געטא, זיך

דערוויסן, ווי מענטשן פירן זיך דאָרט אוף. צי קלײַבט מען זיך ניט לויפן צו פּאַרטיזאַנער? און דער איקער: צי האָבן ניט ייִדן קיין געווער?

דער קאָמענדאַנט פון דער טויער־וואַך, דער זון פונעם רײַכן ווילנער אײַזן־קרעמער לעוואַס, האָט איצט געהאַט די מעגלעכקײַט אַרויסווײַזן זײַן איבערגעגעבנקײַט דער מאַכט. איצט, ווען ראַטעווען זיך ווערט וואָס ווײַטער, אַלץ שווערער, דאַרפֿן זײַנע פֿאַרדינסטן זײַן גרעסער. ער וויל זיך ניט פֿאַרלאָזן, ווי גענס, אַז די צײַט וועט אַלץ אײַנרעגולירן. ניין, מע דאַרף אַליין אײַנרעגולירן. אַלע מעגן אומקומען, אַבי ער זאָל בלײַבן.

לעוואַס און זײַנע וואַך־לײַט באַם טויער האָבן גענומען נאָך מער, ווי פֿריִער, פֿאַרדינען זייער רעכט אָף לעבן.

אינמיטן מײַ האָט לעוואַס פֿאַרהאַלטן באַם טויער דעם ייִנגערן פֿון די ברידער ראָגאַליער, ניאָמען.

אין יענעם טאָג האָט געגאָסן אַ רוישיקער פֿרילינג־רעגן, עס האָט געדונערט און געבליצט, האָבן אַלע געאײַלט גיכער דורכגיין דעם טויער, געוואָלט וואָס שנעלער זיך אַרײַנכאַפּן אין די הײַזער. אין אַזאַ טאָג, האָט מען געהאָפֿט, וועט מען באַם טויער ווינציקער אַכטונג געבן, ניט באַזוכן. אַזאַ וועטער נוצט מען אויס אָף אַרײַנטראָגן עסן פֿאַר די מישפּאָכעס.

די פּאָליציי באַם טויער איז אָף דעם אַ מייווין, נעמט זי פּלוצעם באַזוכן די אַרײַנגעקומענע.

ניאָמע האָט זיך געמאַכט ניט ווייסנדיק, ווען לעוואַס האָט אים געהייסן בלײַבן שטיין, ער האָט געוואָלט גיין ווײַטער. לעוואַס האָט אים פֿאַרהאַלטן.

— וואָס טראָגסטו?

— גאָרניט.

— גאָרניט... — לעוואַס האָט זיך צוגערוקט נעענטער, געוואָלט אים באַזוכן. ניאָמע האָט ניט געלאָזט. — אין טורמע! — האָט אויסגעשריִען לעוואַס.

— מאָדנער מענטש, וואָס איר זײַט. איך זאָג דאָך אײַך, אַז באַ מיר איז גאָרנישט ניטאָ.

— אין טורמע!

— איך האָב אַ ווײַב און אַ קינד. וואָס פֿאַרלאַנגט איר פֿון מיר? — ניאָמע האָט זיך אַ דריי געטאָן, געוואָלט זיך אויסמישן מיטן עולם און נעלעם ווערן הינטערן פֿאָרהאַנג פֿון רעגן. די פּאָליציי באַם טויער איז אים באַפֿאַלן, אַוועקגעשלעפּט אין געטאָ־טורמע און געפֿונען באַ אים אַ רעוואָלווער. דעם זעלבן אָוונט נאָך האָבן די דײַטשן אָפּגעפֿירט ניאָמען אין לוקישקער טורמע.

אָף מאָרגן האָט מען ניאָמעס פֿרוי און זײַן פּיריאָריק קינד געבראַכט צום טויער. געטאָן איז עס געוואָרן אַזוי, אַז אַלע זאָלן זען און וויסן. און אַלע האָבן טאַקע געוווּסט, אַז דאָס פֿירט מען זיי אין לוקישקער טורמע זיך זעגעגענען מיט ניאָמען. דערנאָך האָט מען דערציילט: ווען מע האָט געעפֿנט די קאַמער און דאָס קינד האָט דערזען דעם טאַטן, האָט עס מיט פֿרייד אויסגעשריִען:

— פּאַפּאַ, איך וויל זײַן צוזאַמען מיט דיר.

ניאָמע איז אַרויס אַנטקעגן און האָט גענומען דאָס קינד אָף די הענט. דעמאָלט האָט מען אין ביידן געשאָסן. דערנאָך — אין דער פֿרוי.

אין געטאָ האָט מען וועגן דעם גענוי געוווּסט, ווײַל די דײַטשן האָבן געוואָלט, מע זאָל וויסן, פֿאַרגעדענקען, וואָס עס קומט פֿאַר אַרײַנטראָגן געווער.

אין מעשעך פֿון אַ טאָג צען — צוועלף האָט מען אַלע אָוונט באַזוכט יעדן אַרײַנגעקומענעם און גענישטערט אין די קעשענעס, באַזונדערס — באַ יונגעלײַט. מע האָט קיין זאַך ניט געפֿונען. איינמאָל אָבער, ווען לייווי זאַקהיים איז אַרײַן אין טויער, האָט זיך אַ פּאָליציי דערמאָנט, אַז דער דאָזיקער איז שוין געזעסן אין טורמע פֿאַר אַרײַנטראָגן שפּײַז.

— היי, פּעטער, שטיי.

— דאָס מיינט איר מיך? — האָט לייווי רויִק געפֿרעגט.

— וועמען זשע דען? דײַן טאַטן... אַ רועך אין זײַן זון אַרײַן. וואָס טראָגסטו? דעם עמעס!

— אויב דעם עמעס, טראָג איך קוים מײַן גוף, — האָט געענטפֿערט לייווי און איז צוגעגאַנגען אַ טראָט נעענטער צום פּאָליציי.

— וואָס טראָגסטו?

— קאָנסט זוכן, — און לייווי האָט צעשפּרייט די הענט.

אַוורהאָם איז געשטאַנען פֿונדערווײַטן, און באַ אים האָבן געציטערט הענט און פֿיס. קאָן זײַן, אַז דאָס, וואָס לייווי צעשפּרייט די הענט און איז גרייט זיך לאָזן באַזוכן, — טראַכט אַוורהאָם, — וועט עפּשער העלפֿן. שטייט ער, אַוורהאָם, פֿונווײַטן, און דאָס האַרץ קלאַפּט, שפּרינגט, פֿליט און פֿאַלט... דער פּאָליציי רירט זיך ניט. לייווי לאָזט אַראָפּ די הענט און פֿרעגט:

— קאָן איך גיין?

— גיי.

און ווען לייווי דרייט זיך אויס און מאַכט דעם ערשטן טראָט, באַפֿאַלט אים דער פּאָליציי פֿון הינטן, וואַרפֿט אים אָף דער ערד און שלעפּט צום טויער.

לייווי זאַקהיים האָט מען אין לוקישקער טורמע ניט געפֿירט, אים האָט מען געפֿירט אין פּאָנאַר.

אָנהייב יון איז דאָס זעלבע געשען מיט אַוורהאָם־אָווינו.

נאָך אַוורהאָם דעם שוסטערס אומקום איז איינמאָל די לערערקע העניע געקומען צו די מאָגענדאָוויטשעס און געהאַט מיט זיי אַ געשפּרעך.

— ווי פֿילט איר זיך, לערערקע? איר זעט אויס קראַנק.

— ווער ווייסט, טײַערע.

— איר זײַט קראַנק.

— ניט קראַנק, נאָר צעבראָכן. די קרעפֿטן גייען אויס. שווער צו זען, ווי מענטשן לײַדן. ניט פֿאַר מײַנע קויכעס.

די מאַגענדאַוויטשעס האָבן געזען, אַז העניע האַלט זיך אַף די פּיס מיט ניסים. ביידן איז געווען טשיקאַווע צו וויסן, נאָך וואָס די לערערקע איז געקומען. ניט אומזיסט, פֿאַרשטייט זיך. העניע אײַלט זיך עפּעס ניט. זי דאַרף אָפּכאַפּן דעם אָטעם, קומען צו־זיך. דאָס גיין אַהער צו די מאַגענדאַוויטשעס קאָסט איר אַ סאַך, אַ סאַך געזונט. און ווען עס האַנדלט זיך ניט אין געווער, וואָלט דען העניע געקומען אַהער? דער אומקום פֿון אווראַם דעם שוסטער האָט אַף איר געמאַכט אַ גרויסן רושעם. זי האָט זיך דערפֿילט, ווי זי זאָל זײַן שולדיק אין זײַן טויט. און איצט איז זי געקומען צו די מאַגענדאַוויטשעס מיט אַ ביטע, וואָס איר איז שווער וועגן איר ניט נאָר ריידן, נאָר אַפֿילע טראַכטן. זי איז געקומען מיט אַ ביטע: זיי זאָלן ריזיקירן, זיי זאָלן שטעלן זייער לעבן אין קאָן. ווי קאָן זי עס ברענגען פֿאַר די ליפּן, ווי קאָן זי גאָר זאָגן: „טײַערע מײַנע, איך האָב צו אײַך אַ באַקאָשע... איר קאָנט אָבער דערבײַ אומקומען, גוט״?

פֿון דעם, וואָס זי דאַרף מענטשן שטעלן אין געפֿאַר, טוט איר ווי יעדעס ביינדעלע. וואָס זאָל זי אָבער טאָן? זי איז געקומען בעטן בא מאָטל מאַגענדאַוויטשן, ער זאָל טאָן אַ געפֿעליקײַט און ריזיקירן (וואָס ער דאַרף טאָן, זאָגט זי אים שטיל אָפּן אויער). אַף אים וועט קיין כשאַד ניט פֿאַלן. וויסן דאַרף ער דערבײַ, אַז עס קאָן שלעכט זיך ענדיקן. פֿאַרשטייט זיך, עמעצער מוז ריזיקירן. איר וואָלט געווען גרינגער, ווען זי אַלייך ריזיקירט, ווען זי שטעלט זיך אײַן...

די מאַגענדאַוויטשעס זײַנען אײַנגעגאַנגען. געענדיקט האָט זיך שלעכט.

און דעמלט האָבן מענטשן, וואָס קענען און וויסן די לערערקע העניע, געזאָגט, אַז איר איז באַשערט געווען אַ גוטער טויט, זי האָט ניט דערלעבט צו זען און צו הערן וועגן דעם אומקום פֿון די מאַגענדאַוויטשעס. זי וואָלט עס ניט געקאָנט איבערטראָגן, זי וואָלט פֿון זינען אַראָפּ. אווראַם־אָווינו, ווען ער לעבט נאָך, וואָלט ער געמאַכט זײַן אויספּיר:

— אַ צידקאָניעס, אַ לאַמעדוואָווניצע... גאָט האָט זי געשווינט. מיט איין נאַכט פּריִער...

מיט אַ נאַכט פּריִער. אַ זומערדיקע נאַכט. דײַטשישע סאָלדאַטן און פּאָליצײַען האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין דער געטאָ, געשלעפּט מענטשן און זיי אוועקגעפֿירט ערגעץ. אין דער דאָזיקער זומער־נאַכט איז די לערערקע העניע שטאַרק אומרויִק געווען פֿאַר אירע שילער. די דײַטשן און די פּאָליצײַען קאָנען קומען און אוועקפֿירן די קינדער אַף אומקום. העניע איז וואַך. און די קינדער שלאָפֿן אויך ניט. זיי פֿילן, אַז פֿון יענער זײַט פֿענצטער שטייט דער אומגליק. זיי זײַנען שטיל, מע הערט קיין פּיפּס ניט. זיי זוכן ערטער, ווו מע קאָן זיך באַהאַלטן.

די לערערקע העניע איז וואַך. זי הערט זיך אײַן צו יעדן שאָרך אַף דער גאַס, צו דער טויטער שטילקײַט, דער שטילקײַט פֿון די דערשראָקענע געסלעך, ווו קיין מענטשנס טראָט הערט מען ניט, ווו קיין פֿענצטער לויכט ניט. פֿון צײַט צו צײַט ברעכן די שטילקײַט אַ גראַבער זעלנערישער געלעכטער, אַ פֿײַפֿערײַ, געשרייען, אַ שיסערײַ. דערנאָך ווערט ווידער שטיל. די לערערקע גייט פֿון טיר צום פֿענצטער און שעפּטשעט פֿאַר זיך: „ראַטעווע מײַנע קינדער, באַשיץ און באַשירעם זיי״. אַז עס גייט אום באַשיצן און באַשירעמען אירע שילער, קאָן זי זיך ווענדן אַפֿילע צו גאָט. דערווײַל גייט אַלץ קעשורע. עפּשער וועט דער אומגליק מײַדן. און פּלוצעם... אין דער שטילקײַט פֿון דער אומרויִקער נאַכט נעמט איינע פֿון די שילערנס וויינען, שרײַען, זיך וואַרפֿן פֿון ווייטעק. צי דאָס בײַכל האָט איר אָנגעכאַפּט, צי אַ צאָן האָט גענומען ווי טאָן, צי די שרעק איז איר צום האַרצן דערגאַנגען?

די קינדער בעטן זיך בא איר, זי זאָל שווײַגן. זי קאָן אַלעמען אומברענגען.

— פֿייגעלע, טײַערע, שווײַג. די דײַטשן זײַנען נאָענט.

— כאַפּונעס זײַנען אַף דער גאַס.

— פֿייגעלע, שווײַג. מע וועט אונדז אַלעמען פֿירן אַף פּאָנאַר.

מע האָט זי קוים מיט צאָרעס אײַנגעשטילט. אָבער אַף דער גאַס האָט מען שוין געהערט איר געשריי. זוכן די דײַטשן. זיי קומען נעענטער. אָט זײַנען זיי. זיי קוקן אַרײַן אין פֿענצטער. פֿינצטער. און אָט הערט שוין העניע, ווי מע גראַבלט איבער דער טיר. דאָס זוכט מען די קליאַמקע, מע וויל עפֿענען. און אַ שטים הערט זי. איינער זאָגט:

— היר, היר...

מע וויל עפֿענען די טיר. זי איז פֿאַרמאַכט. מע קלאַפּט אין דער טיר. העניע גיט אַ צייכן די קינדער — זיך אויסבאַהאַלטן און שווײַגן. זי עפֿנט די טיר און גייט אַרויס אין גאַס. זי וויל ניט, אַז די דײַטשן זאָלן אַרײַנגיין.

— ווער האָט עס געשריִען?

— איך.

— דו? קום. — זי גייט גיך. זי וויל וואָס ווײַטער אוועקפירן די מערדער. א דײַטש לאַכט: זי לויפט, ווי א יונגע, זי לויפט, ווי א קאַלע צו א כאָסן. צי קאָן דען דער דאָזיקער דײַטש פאַרשטיין, ווי גליקלעך עס איז איצט די לערערקע העניע: די קינדער זײַנען ניצל געוואָרן. דער דײַטש לאַכט הויך, אף א קאָל. און העניע לאַכט אין זיך, שטיל. איר איז איצט גוט, אפן הארצן איז איר גרינג. און אַליין פון זיך קומען אוף די ווערטער:

גייסט ארויס:
סארא הייליקער באַגינען!
ראָז און ראָז און מער ניט ראָז
סײַ די שווארצערד, סײַ דאָס גראָז...

צוריק איז די לערערקע העניע שוין ניט געקומען.

פון די אײַנוווינער פונעם הויף אף קליין־שניפישעק, ווו די וויטנבערגס האָבן געלעבט, זײַנען דערווײַל גאַנץ נאָר צווייען: איציק וויטנבערג און שמואל־יאָשע אייסעק.

27

אלץ, וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען, איז א יאַם. אלץ, וואָס איך קאָן דערציילן, איז א טראָפּן. צי וועט מען לויטן טראָפּן דערקענען דעם יאַם?

אין כוידעש יון האָט מען מורערן, ווי א געניטן ספּעציאַליסט אף אומברענגען מענטשן, אריבערגעשיקט אין אן אנדער ראַיאָן. אין א זוניקן פרימאָרגן איז ער, א יונגער און א צופרידענער, אין דער פולער אָפיצערישער אוניפאָרם, ארײַן אין געטאָ זיך געזעגענען. ער איז געווען ערשט אין אָנהייב רודניצקע באַם קלויסטער, האָט מען שוין וועגן דעם זיך דערוווּסט אין אלע געטאָ־געסלעך.

— דער מערדער איז זיך געקומען געזעגענען, — האָט מען איבערגעגעבן פון מויל צו מויל. דערבײַ האָט מען גלײַך גענומען טראכטן, ווו זיך אויסצובאהאלטן.

אָבער דאָס מאָל איז אלץ רויִק. פון אָנהייב האָט עס אלעמען געוווּנדערט. דערנאָך האָט מען פארשטאנען, אז געקומען איז ער צו גענסן נאָך מאטאָנעס.

פאר א באלעבאָס איבער דער געטאָ איז באַשטימט געוואָרן קיטעל.

קיטעל איז אלט איין און צוואנציק יאָר. ער איז מיידלש העפלעך, ער איז איידל. ער שמייכלט אָפט, און עס דוכט זיך, אז אָט־אָט מאכט ער א רעווערענס. קאָן זײַן, אז ער שרײַבט גאָר לירישע לידער, נאָר שעמט זיך אויסזאָגן. זײַן אויסזען רעדט וועגן מיטגעפיל צו מענטשן. עס מאכט דעם אײַנדרוק, אז ער קאָן פאלן אין כאלאָשעס, ווען מע רײַסט בא עמעצן א צאָן.

דערציילט האָט מען, אז ער איז אן ארטיסט. זונטיק האָט מען טאקע געקאָנט הערן זײַנע ארויסטרעטונגען אין דער שטאָטישער ראַדיאָ: ער האָט געזונגען לידלעך און געשפּילט אף א סאקסאָפאָן.

אין א סאך געטאָס אָבער האָט מען שוין גוט געוווּסט, וואָס פאר א גרויזאמער אכזער אָט דער מיידלש־העפלעכער קיטעל איז.

זײַן געהיימע אופגאבע איז געווען: ליקווידירן די ווילנער געטאָ. און ער האָט זיך צו דעם גלײַך גענומען גרייטן.

בא די פּארטיזאנער ווידער איז מיט יעדן טאָג געוואקסן די גרייטקײַט און די האָפענונג. דורך דער קאנאליזאציע האָט זיך אײַנגעגעבן ארײַנפירן א ביסל ביקסן אין דער געטאָ. די אויסגעבענקטע שאָ דערנעענטערט זיך, זי קומט אָן, מע וועט מעלדן: „ליזע רופט" — פּאראָל צו מאָביליזאציע.

און פּלוצעם... אומגעריכט און אומדערווארט... אין איינעם א הייסן יול־טאָג האָט קיטעל ארויסגעפאָדערט צו זיך וויטנבערגן.

פארוואָס וויטנבערגן?

ס'איז נאָר א צופעליקײַט? אָדער קיטעל ווייסט שוין וועגן די פּארטיזאנער אין געטאָ, וועגן זייער אָנפירער?

אויב ער ווייסט... פונוואנען, פון וועמען? ווער האָט פאראטן?

איצט איז שוין געגנסן קלאָר געוואָרן, אז די דײַטשן ווייסן וועגן די פּארטיזאנער. וויבאלד זיי ווייסן, מוז ער שוין אויך וויסן. און אז ער ווייסט, טאָר ער ניט שווײַגן. עמעס, ער האָט ניט פארגעסן וויטנבערגס ווערטער: „דאָס רעדעלע האָט זיך א דריי געטאָן אף צוריק. מיט יעדן טאָג ווערן די דײַטשן שוואכער און איר מיט זיי". דערווײַל זײַנען די דײַטשן דאָ, זיי זײַנען די מאכט. וואָס עס וועט זײַן, וועט די צײַט באַווײַזן. און דערצו: וויבאלד א רעדעלע דרייט זיך, קאָן זיך עס ווידער איבערדרייען.

די אָנשטרענגונג איז געוואקסן.

אין א טאָג פינף ארום, שפּעט באנאכט, האָט געגנס ארויסגערופן צו זיך וויטנבערגן. וויטנבערג איז אפילע געווען פון דעם צופרידן. עס קומען אָן שווערע טעג, אנטשיידנדיקע... זאָל געגנס זאָגן, מיט וועמען ער גייט, זאָל ער ענדגילטיק באשליסן... זאָל ער זיך דערמאָנען, אז דאָס רעדעלע האָט זיך איבערגעדרייט.

בא געגנסן אין קאבינעט האָט אף וויטנבערגן שוין געווארט שטאָטישע פּאָליציי. טייקעף האָט מען איציקן געכאפּט און אָנגעטאָן קייטן אף די

הענט. דאָס איז געווען פאַר אים אומדערוואַרט. און אַף דעם האָט גענס אויסגערעכנט.

באַם אַרויסגאַנג פון יודענראַט זײַנען געשטאַנען פּאַרטיזאַנער און אָפּגעוואַרט זייער קאָמענדאַנט. די לעצטע טעג האָט וויטנבערגן באַגלייט אַ וואַך. ווען די פּאָליציי האָט אַרויסגעפירט וויטנבערגן און געלאָזט זיך צום געטאָ־טויער, האָבן באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנער אַרומגערינגלט די פּאָליציי און באַפרײַט וויטנבערגן. דערבײַ האָבן די פּאָליציי־לײַט געכאַפּט גוטע קלעפּ מיט אַן אָנזאָג: אויב זיי ווילן גיין אַף די אייגענע פיס און ניט טראָגן די קעפּ אין די הענט, זאָלן זיי טייקעף נעלעם ווערן פון דער געטאָ. זיי האָבן געפאָלגט.

וויטנבערגן האָט מען אויסבאַהאַלטן. פּאַרטיזאַנער האָבן אים געהיט. פון די באַהעלטענישן האָט מען גענומען אַרויסנעמען דאָס געווער.

אַף מאָרגן, דעם זעכצעטן יול פאַרטאָג, איז קיטעל געקומען צו גענסן מיט אַן אולטימאַטום: אויב ביז זעקס פאַרנאַכט גיט מען ניט אַרויס וויטנבערגן, וועט מען פאַרניכטן די געטאָ. אַעראָפּלאַנען וועלן באָמבאַרדירן און אַלעמען אומברענגען.

אין דער געטאָ זײַנען נאָך פאַרבליבן באַ צוואַנציק טויזנט מענטשן.

גענס האָט גוט פאַרשטאַנען דעם גאַנג פון די דײַטשן: צוואַנציק טויזנט און איינער. ער האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז די דײַטשן אַליין וועלן ניט קומען זוכן וויטנבערגן. זיי האָבן מוירע פאַר אַ ווידערשטאַנד מיצאַד די פּאַרטיזאַנער. זאָלן די ייִדן אַליין אַרויסגעבן וויטנבערגן, זאָלן זיך די ייִדן שלאָגן צווישן זיך.

„אַ קלוגער גאַנג, — זאָגט זיך גענס, — גוט צוגעטראַכט“. וואָס דען: איינער און צוואַנציק טויזנט? אַ ריכטיקע טאַקטיק. דאָס טראַכט ער, ווי אַ מיליטערמאַן. און ווי אַ ייִד, ווי דער פאָרזיצער פונעם יודענראַט, טראַכט ער: ער טוט אַלץ, אַז אַ ביסל ייִדן זאָל בלײַבן, זיך ראַטעווען. און איצט, אויב מע וועט ניט פאָלגן, וועט דאָך קיינער ניט בלײַבן. ער אַליין אויך ניט.

גלײַך אינדערפרי האָט גענס גערופן אַ פאַרזאַמלונג. קיין סאַך ריידן האָט ער ניט באַדאַרפט. וועגן קיטעלס אולטימאַטום האָבן שוין אַלע געוווּסט.

אַף זײַן האַמעטנעם דײַטשמערישן ייִדיש האָט ער געזאָגט, אַז ס'איז אַן אַרבעטס־לאַגער. וועט מען אַרבעטן און פאָלגן, וועט מען לעבן, וועט מען אויסלעבן. ווער זשע איז בילכער: צוואַנציק טויזנט צי איינער? צוליב איינעם זאָל מען אַלעמען באַוואַרפן פון דער לופט מיט באָמבעס און אַלעמען אומברענגען? אין אַ ריי שטעט האָט אַזוינס שוין פּאַסירט. צוליב איינעם זאָלן לײַדן צוואַנציק טויזנט? אין סדאָם איז דאָך אַזוינס ניט געווען. וועט וויטנבערג אַליין ניט אַרויסגיין, דאַרף מען אים אַרויסגעבן. ער באַהאַלט זיך אויס. וועט מען אים געפינען. געלערנטע און פרומע ייִדן זאָגן, אַז לויטן ייִדישן דין דאַרף ער אַליין אַרויסגיין... אויב די טאַטעס און מאַמעס ווילן, אַז זייערע קינדער זאָלן לעבן, דאַרפן זיי העלפן אים געפינען!

מער האָט מען אים ניט געלאָזט ריידן. געוועזן אַזעלכע, וואָס זײַנען געוואָרן צערייצט, ווי ווילדע כײַעס: צוליב איינעם זאָלן אַלע לײַדן?

— ברידער, — האָט געשריִען שימעלע טאָנעס, — לאָמיר אים כאַפּן! — שימעלע האָט אויפגעהויבן צוויי לאַנגע הענט מיט קרומע פינגער, וועלכע האָבן גענומען בויערן די לופט. — כאַפּן!

— פרײַערס וועלן מיר זײַן, — האָט געטומלט כאַימקע גרעק, דרייענדיק אין אַלע זײַטן דעם פאַרברוינטן קאַרק מיט די פיל קאַרבן, — אויב מירן שווײַגן און זיך לאָזן פירן פון די סמאַרקאַטע יונגעלײַטלעך.

— ביז איצט האָט ער אונדז געוואַשן אין באָד, — האָט מיט זײַן הייזעריקער שטים געכריפּעט אַוורעמעלע גראַף, — איצט לאָמיר אים אויסוואַשן די ביינער. נעמט פרענטן, נעמט שטעקנס, נעמט העק און מעסערס... מירן אים דאָביוועןן. — ער פאַרשפּיליעט דעם וואַרעמען זשיליעט, וואָס ער טראָגט סײַ ווינטער, סײַ זומער. — קומט!

דער גאַנצער פּלאַץ איז פול מיט זייערע געשרייען. זיי פאַרשרײַען אַלעמען. מע קען זיי דאָ זייער גוט נאָך פון אַמאָל: גאַנאָווים, מאַרעוויכערס, קאָרטנשפּילער. די דאָזיקע לײַט זײַנען געווען די ערשטע אַף זיך ראַטעווען, אויסבאַהאַלטן, אַף קריגן אַ בעסערע אַרבעט, זײַן אַ בריגאַדיר, פאַרדינען אַ פעטערן ביסן. זיי כאַנפענען די דײַטשן און די טוער פון יודענראַט.

פון דער זײַט באַוווּנדערן מענטשן זייער ענערגיע, זייער פאַרלאַנג זיך שלאָגן.

— מיט אַזאַ קויעך איז גוט צו גיין קעגן די דײַטשן, — האָט זיך עמעצער אָפּגערופן.

— זיי זײַנען בלינד. זיי פאַרשטייען ניט, די בעהיימעס, אַז מע וועט זיי סײַווי אומברענגען. מע נאַרט זיי אָפּ, די פערד. מע רייצט זיי אָן...

— ייִדן, מע נאַרט אונדז. מע וויל אונדז ווידער פירן, ווי שאָף צו דער שכיטע. מיט גוטן וויל מען אונדז דערווערגן. שלאָגן דאַרפן מיר זיך, ווי אין וואַרשע...

— וויטנבערג מיינט דאָך אונדזער טויווע.

שמועל־יאָשע איז אַרײַן אינמיטן.

— ייִדן, הערט קלאָרע דיבורים. זאָל גאָט אויסהיטן פון קעגנשטעלן זיך. דאָס איז זיכערער אומקום. און ווידער... אַ בעפיירעשער דין. מע מעג אים אַרויסגעבן. צוליב איינעם זאָל אַ גאַנצע שטאָט, גאַנץ ווילנע אומקומען.

— שמועל־יאָשע זוכט אַלץ דינים פאַר יענעם. עס וועט נאָך דײַן דין אויך אָנקומען, שמועל־יאָשע. דער טאָג קומט, ער איז אַלץ נעענטער...

שמועל־יאָשע, וואָס ביכלאַל דאַרף ער נאָך קיין וואָרט אין קעשענע ניט קריכן, פאַרלירט דאָס לאַשן, ווען ער דערהערט די דאָזיקע ווערטער. „דער טאָג קומט...“ ער פאַרשטייט גוט די באַדײַטונג. די רויטע וועלן קומען, וועט מען אים מישפּטן... ער וועט שוין ניט זען זײַן שלאָמיטען מיטן איניקל. אים איז שלעכט פון ביידע זײַטן. דאָ איז שרעק און דאָרטן — שרעק. אָבער די איצטיקע שרעק איז שטאַרקער פאַר דער, וואָס קאָן קומען. און שמועל־יאָשע ענטפערט מיט א פראַגע:

— איך גיב אײַך נאָך, איר זײַט גערעכט. ענטפערט נאָר: צוליב איינעם צוואַנציק טויזנט, יאָ? איך בין מיט אײַך פּאַרויס מאַסקים, ענטפערט מיר: יאָ?

אַף אַזאַ פראַגע וויל קיינער ניט ענטפערן.

די צײַט דערווײַל גייט, די שאָען רוקן זיך. א היפּשער אוילעם מיט שטעקנס, מיט אײַזנס, מיט שטיינער זוכט איבער די הויפן, אין די הײַזער. זיי גייען מיט געשריי, מיט דראָונגען. צוזאַמען מיט זיי גייט די געטאָ־פּאָליציי, רייצט אָן און רופט כאַפּן וויטנבערגן.

די מענטשן אין דער געטאָ זײַנען ניט נאָר אומרויִק, ניט נאָר זיי ווייסן ניט, וואָס ערגער און וואָס בעסער איז, זיי זײַנען צעבראָכן, דערשראָקן. עס רוקט זיך אָן אן אומגליק, א נײַע שכיטע. זיי פילן עס. אָט לויפן יידן כאַפּן א ייד, אַזאַ, וואָס שטעלט זיך גאָר אײַן פאַר די מענטשן אין געטאָ. ווי צערייצטע כײַעס יאָגט מען זיך נאָך אים. צי קאָן דאָס האַרץ ניט וויי טאָן? אָבער ווידער... אויב ניט דער איינער, וועלן אַלע אומקומען. אַף אויסראָטן יידן זײַנען די דײַטשן בעריעס, דאָ מעג מען זיי גלייבן.

— וואָס פרייט איר זיך אַזוי, שמועל־יאָשע? וואָס זײַט איר אַזוי האָפערדיק? ווי מע זאָל דעם קראַנקן ניט לייגן, טוט אים וויי. און איר... דין, דין! די דײַטשן טוען אַלץ אַלפּי־דין? פון ווען אָן זײַט איר עס געוואָרן אַזאַ גרויסער ראָוו, וואָס איר ווייסט דינים? דער דײַטש שפּילט מיט אונדז א טײַוולשע שפּיל, איר זעט דען ניט?

דער אופגערייצטער אוילעם מיט די שטעקנס און אײַזנס איז שטיין געבליבן בא א פאַרמאַכטן טויער אַף אַשמענער גאַס. דער הויף איז פול מיט באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנער. זיי באַוואַכן דעם טויער און זײַנען גרייט ענטפערן מיט פײַער, אויב די אָנפאַלער וועלן זיך ארײַנרײַסן אינווייניק.

אינווייניק אין דער געבײַדע איז געזעסן וויטנבערג מיט זײַנע כאַווירים.

די צײַט גייט דערווײַל, די שאָען רוקן זיך, און וויטנבערגס כאַווירים האָבן זיך נאָך אויך ניט צונויפגערעדט.

איינער זאָגט, אַז מע דאַרף אַרויסטרעטן מיט געווער. וויטנבערג טאָר זיך ניט איבערגעבן אין קיטעלס הענט. עס איז געקומען די צײַט זיך שלאָגן. סײַווי וויל דער דײַטש אַלעמען אומברענגען. זאָל כאָטש זײַן די צווייטע וואַרשע...

אַן אַנדערער ווידער זאָגט: אין וואַרשע האָט מען זיך געשלאָגן מיט די דײַטשן. מיט וועמען וועלן מיר זיך שלאָגן? מיט אייגענע, מיט געטאָ־מענטשן. לאָמיר זאָגן, זיי זײַנען בלינדע, די מענטשן... אָבער אייגענע. דאָס, אייגנטלעך, ווילן דאָך די פאַשיסטן.

— איז וואָס, זאָל זיך איציק איבערגעבן קיטעלן?

— בעשום־אויפן ניט!

— דער דײַטש שרעקט אונדז. ניט מער.

— אין וואָלאָזשין האָט ער געשראָקן און באָמבאַרדירט. אין גלובאָקי האָט ער געשראָקן און באָמבאַרדירט. אין וואַרשע האָט ער אויך באָמבאַרדירט.

— איז וואָס לייגט איר פאָר? איציק זאָל אַרויסגיין צו קיטעלן?

— בעשום־אויפן ניט!

בא וועמען קאָן זיך עפענען דאָס מויל צו זאָגן: איבערגעבן זיך קיטעלן! אפילע די, וואָס טראַכטן, אַז קיין אַנדער אויסוועג איז ניטאָ, וועלן אויך אַזוינס פאַרן מויל ניט ברענגען.

אין די אָנגעשראָקענע געטאָ־געסלעך, וואָס זײַנען הײַנט פול מיט היץ און מיט שטויב, האָט עמעצער אַלפּי־סאָד פאַרטרויט איינעם, א צווייטן, א דריטן, אַז אין יודענראַט ווייסט מען שוין קלוימערשט געניי: אין קאָוונע שטייען גרייט אַראָפּפאָלגען. ווינציקער ווי אין א שאָ צײַט קאָנען זיי קומען אהער און מאַכן פון אַלץ טילטעל.

דער דאָזיקער סאָד, וואָס פאַרטרויט האָט מען אים אַפן אויער און געבעטן ניט פאַרשפּרייטן, איז געגאַנגען פון דירע צו דירע, פון שטוב צו שטוב, פון גאַס צו גאַס. מאַמעס האָבן גענומען באַווייגען זייערע קינדער. געזעגענען זיך מיט זיי. מאָרגן וועלן זיי שוין ניט זײַן.

— די לעצטע שאָען פון אונדזער לעבן...

די קינדער האָבן זיך געטוליעט צו די מאַמעס, געבעטן מיט טרערן, אַז מע זאָל זיי ראַטעווען. זיי ווילן לעבן.

— מאַמינקע, מאַמינקע, פאַרלאָז אונדז ניט...

די מאַמעס ווילן ניט שווײַגן. זיי נעמען די קינדער פאַר די הענט און לאָזן זיך צום פאַרמאַכטן טויער אַף אַשמענער גאַס.

געגאַנגען איז מען מיט געשריי און געוויין, ווי מע איז אין די פאַרמילכאָמע־יאָרן געגאַנגען נאָך א לעווײַע. אין וועג זײַנען צוגעקומען נאָך



מענטשן. און די צוגעקומענע האָבן אויך אָדער געשריִען, אָדער געוויינט.

איצט איז שוין באַם פאַרמאַכטן טויער דער טומל און ראַש געוואָרן א סאַך גרעסער, די אויסגעשרייען בייזער און שאַרפער.

— ברעכט דעם טויער! — האָבן געשריִען די מאַמעס. — מירן ניט שווײַגן, וואָס האָבן מיר צו פאַרלירן!

די קינדער האָבן מיט די פויסטלעך געקלאַפּט אין דער קאַליטקע.

— עפנט, עפנט.

די קינדער האָבן קיינעם ניט געזוכט. זיי האָבן געוואָלט לעבן.

אַלע האָבן זיך א לאָז געטאָן צום טויער. פריִער האָט ער אומצופרידן א סקריפּע געטאָן און זיך קימאַט פון אָרט ניט גערירט. דערנאָך האָט ער דערלאַנגט א טיפן קרעכץ און זיך אויסגעבויגן. אינגיכן האָט זיך דער טויער צעפּראַלט, צעעפנט.

— שיסט אין אונדז, שיסט! — האָבן געשריִען די פרויען. — אין אונדזערע קינדער שיסט!

די קינדער האָבן געוויינט.

קיינער האָט ניט געשאָסן.

וויטנבערג איז שוין געווען אין אַן אַנדער אָרט, אַף אַן אַנדער גאַס. דער אוילעם האָט געטומלט, געשריִען... און זיך גענומען ביסלעכווײַז פאַנאַנדערגיין.

דער שטענדיק רויִקער און באַדאַכטער איציק וויטנבערג איז, פאַרשטייט זיך, היינט ניט רויִק. ער איז אומרויִק, ווײַל ער פאַרשטייט, אַז די דײַטשן האָבן איבערגעשפּיצט. זיי האָבן געפונען די פּאַסיקע מינוט און דעם געהעריקן גאַנג, ווי אָפּצונאַרן די געטאָ. יעדער מענטש וויל לעבן. צוואַנציק טויזנט מענטשן ווילן לעבן אין צוואַנציק טויזנט מאָל מער. קלוג צוגעטראַכט. טײַוולאָניש קלוג. און ער, איציק וויטנבערג, איז דער, וואָס שטייט איינער קעגן דעם פאַרלאַנג פון צוואַנציק טויזנט — בלײַבן לעבן. ביז איצט איז ער געווען דער קאָמענדאַנט פון דער פּאַרטיזאַנישער אָרגאַניזאַציע. זײַן ראָליע איז געווען א באַשטימטע און א פאַראַנטוואָרטלעכע. טאָקע בענעגייע די צוואַנציק טויזנט, וואָס די פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע האָט געדאַרפט אי פּאַרטיידיקן, אי פירן אין שלאַכט, האָט ער, איציק וויטנבערג, געשפּילט א ראָליע. איצט שפּילט ער קיין ראָליע ניט. צוואַנציק טויזנט און איינער. איצט זײַנען פאַראַן אַזעלכע, וואָס ווילן, אַז ער זאָל אַרויסגיין צו קיטעלן, זיך איבערגעבן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ.

גענס העלפט די דײַטשן, דעסלער העלפט זיי. און אויך די שרעק און מוירע, די צעבראָכנקײַט פון די געטאָ־מענטשן, וואָס האָבן אַזויפיל בלוט געזען, אַזויפיל נאָענטע פאַרלאָרן, אָט די שרעק און צעבראָכנקײַט העלפן אויך דעם דײַטש. און דעריבער קאָן די דײַטשישע אָפּנאַרערײַ גילטן פאַר א פונק האָפענונג: בלײַבן לעבן, אויסלעבן. אַן אַרבעטס־לאַגער. און ער, וויטנבערג, וועט אַלעמען אומברענגען, צוליב אים וועט מען ליקווידירן די געטאָ. נאָר גיי דערווײַז די מענטשן, וואָס שטייען באַם ראַנד פון טויט און מע זאָגט זיי צו לעבן, אַז ניט קיין לעבן דערוואַרט זיי, נאָר אומקום. דאָס פאָדערט צײַט, און צײַט איז געבליבן נאָר ביז זעקס אַזייגער.

ביז איצט האָט ער געכאָלעמט און געהאָפט אופהייבן די געטאָ קעגן סוינע. איצט האָט די האָפענונג געפּלאַצט. קיין צווייטע וואַרשע האָט זיך ניט באַקומען.

נאָך איין זאַך האָט אים באַאומרויִקט. די כאַווײרים פילן זיך פאַר אים שולדיק.

סאָניע מאַדייסקער איז געקומען אים זאָגן, אַז זי קאָן אים אַרויספירן אין וואַלד.

— וואָס וועלן מיר דערמיט אויפטאָן? עס זײַנען פאַראַן צוויי ציפערן: צוואַנציק טויזנט און איינער. דעם איינעם וועסטו ראַטעווען. און די צוואַנציק טויזנט? עפשער סטראַשעט נאָר דער דײַטש, אָבער זיכער אין דעם קאָן מען דאָך ניט זײַן. וואָס האָט טאָקע באַ די פאַשיסטישע מערדער א ווערדע צו פאַרניכטן צוואַנציק טויזנט יידן?

— איז וואָס האָסטו באַשלאָסן?

— ווי מיינסטו, טאָמאַר? וואָס דאַרף איך באַשליסן?

— טאָמאַר? ניט מײַן נאָמען.

— איך ווייס. דו ביסט סאָניע. זי איז טאָמאַר. געווען אַזאַ.

— געווען, געווען.

— א שיינע, א קלוגע, א דרייסטע.

— נו?

— צווישן אונדז וואָלט א ליבע געווען. ניט באַשערט געווען.

— און איצט?

— שווײַגט זי.

איציק וויטנבערג האָט זיך היינט עטלעכע מאָל אַרויסגעזאָגט קעגן אַרויסגיין צום טויער און זיך איבערגעבן אין די הענט פון געסטאַפּאָ. אָבער פון אינדערפרי אָן איז שוין באַ אים געווען דער פאָרגעפיל, אַז ער וועט דאַרפן און מוזן אַרויסגיין. קאָלזמאַן צײַט איז נאָך פאַראַן, קאָן ער אַלץ באַטראַכטן, קאָן צווייפלען, זיך באַראַטן... קאָלזמאַן צײַט איז פאַראַן, נאָר אַז די שאָ וועט קומען...

ער האָט די צוואַנציק טויזנט געוואָלט ראַטעווען מיט קאַמף, מיט געווער, מיט זיג. איצט איז געקומען אַזאַ שאָ, ווען ער מוז זיי ראַטעווען מיט זײַן לעבן. מע קאָן קיינמאָל ניט וויסן, ווי די צײַט וועט זיך א קערעווע טאָן. ער האָט די צײַט געצויגן אין איין ריכטונג, און זי איז אַוועק אין א צווייטער.

זעקס אזייגער איז איציק וויטנבערג ארויס צום געטאָ־טויער. קיטעל האָט שוין אַף אים געוואַרט. דער דײַטש קיטעל האָט מיידלש־העפּ־לעך געשמייכלט, פון אים האָט געשמעקט מיט פּאַרפום.

איך זע דיך, ווילנע.

דעם 23 סענטיאבער 1943 איז די ווילנער געטאָ ליקווידירט געוואָרן. די מענטשן האָט מען אוועקגעפירט אין די טויט־לאַגערן אַף אומברענגען. די געטאָ האָט מען פאַרקלאַפּט און פאַרשלאָסן.

די פארטיזאנער זײַנען מיט זייער געווער אוועק אין וואלד — קעמפן.

איציק וויטנבערג איז אומגעקומען. זײַן נאָמען וועט מען ליבן.

סאָניע מאַדייסקער איז אומגעקומען. איר נאָמען וועט מען בענטשן.

הירש גליקן האָט מען אומגעבראַכט. זײַן ליד וועט מען זינגען.

יאַקאָוו גענסן האָט מען דערשאָסן. זײַן נאָמען וועט מען שילטן.

שמועל־יאָשע אייסעקן האָט מען אויך אומגעבראַכט. זײַן נאָמען וועט מען אפילע ניט דערמאָנען.

אזוי טראַכטן די לעבעדיקע, וואָס וועלן עס איבערגעבן קינדער און קינדסקינדער.

וולאדימיר דאנקאָ

אין אָט דער העכסטער רעגע

די נאכט איז פול מיט שטערן

וואָס זאָל מען טאָן? —
דאָס הארץ איז פול מיט לידער,
אזעלכע לידער,
אז מע פאלט אנידער,
מע פאלט אנידער
און מע שפרינגט גלײַך אויף.

וואָס זאָל מען טאָן?
מע זאָגט: פארשרײַבן פרווו.
איך ווונדער זיך — פארשרײַבן?
איז גיט זשע מיר
פאפיר, אזא מין סאָרט,
וואָס ט'זיך ניט אויפרײַסן
פון ערשטן וואָרט,
פון ערשטער שורע,
וואָס איך לייג אָף אים.
איז גיט זשע מיר אפגיך
אזא פאפיר...

וואָס זאָל מען טאָן? —
די נאכט איז פול מיט שטערן,
אזעלכע שטערן,
וואָס מע קאָן זיי ניט נאָר זען —
אפילע הערן!
וואָס זאָל מען טאָן? —
די וועלט איז פול מיט מיר.
און איך מיט איר.

מיט קינדער

אָף דער גאס,
אָף דער גאס,
אָף דער גאס איז הײַנט א גאסט.
ניט קיין וואָלף
און ניט קיין בער.
קינדער,
ווילט איר וויסן — ווער?

זײַן פוטער איז פון שנייעלעך,
זײַן באָרד איז אויך פון שנייעלעך.
פון שנייעלעך,
פון שמייכעלעך
איז אלץ, אלץ, אלץ.
איז לוסטיקער
און פרייעלעכער,
ייִנגעלעך און מיידעלעך,
טאנצט,
טאנצט!

ער קומט צו אונדז — א גוטער,
אין א ווײַסן פוטער,
מיט א גראָבן שטעקן,
מיט א צויבער-זעקל.
מיר רופן אים
(איר ווייסט פארוואָס):
זיידע-פראָסט.
רויטע נאָז.

קאָנצערט

נעכאמע ליפשיצײַטען

די יידן האָבן ליב
די פידל-שפיל.
זיי הייבן אויף
די אומעטיקע אויגן,
פון די יאָרטויזנטער
די אומעטיקע אויגן,
און ס'דוכט זיך,
אז אין אָט דער העכסטער רעגע
איז עפעס פון דער אייביקײַט פאראן
אין זיי...
דער פידל זינגט און וויינט,

ער זינגט און וויינט,
און פּלוצעם
טוט א שמייכל.
און יעדער דורך א טרער

דערזעט אין דעם
א סייכל...

אָ,
ייִדן האָבן ליב די פידל־שפּיל...

דאָס ליבע־שיפל

עס פליט דאָס ליבע־שיפל.
די נאכט פאר דעם — א יאם,
מאטראָסן זייַנען שיקער,
און בלינד דער קאפּיטאַן.

די וועלט האָט זיך צעבראָכן,
די כוואַליעס זייַנען ווילד,
נאָר כ'בין א שטארקער באָכער
און דו ביסט יונג און מילד.

מיר פליִען אָף די שטיינער,
אונדז טרייַבט אהין דער ווינט.
דאָ פּאסט שוין ניט צו וויינען
און שרעקן זיך, מייַן קינד.

דאָ פּאסט שוין ניט צו פרעגן —
פארוואָס און וואן און ווי...
איך פלי, ניטאָ קיין ברעגן,
און דו ניט שרעק זיך, פלי!

• • •

א שטילע נאכט,
א נאכט — א העלפאנד,
א לאנגזאמער, א שווערער
און א גוטער.
און די לעוואָנע — געל
און ווייך אזוי,
ווי פּוטער,
אז ס'דוכט זיך:
זי צעגייט בא מיר אין האנט.

די רויִקייַט
פארוויגט מיך אין א קאָלדרע...
אָ, קאָלדרע־וועלט!
אָ, קאָלדרע־גליק!
איך רייַס ארויס מייַן הארץ
פון דייַנע הענט.
כ'לייג אָפּ,
כ'לייג אָפּ
די רויִקייַט אָף שפּעטער,
ביזוואנען ס'ברענט מייַן ליד,
ביזוואנען ס'ברענט.

שוין פרילינג

א. מארט

שוין פרילינג.
און מארט,
דער נאקעטער שפּרינגער,
פליט אום אין דער לופט
פון בוים צו בוים,
די זון,
ווי א פּויער,
מיט גאָלדענעם פינגער
טוט א פּאָרקע די ערד
אין טרוים.

די ערד — נאָך אין טרוים,
אין הייליקער רו,
אין הייסן,
אין זאטן,
אין ווייצענעם כאָלעם.

די זון טוט א זיפץ
ווארעם־ווייך, ווי א קו,
און אין אויגן בא איר
איז אלץ שוין בעשאָלעם...

ב. אפּרעל

אפּרעל,
דו ביסט א מיידעלע?
צי ביסט א ייִנגעלע?
דו ביסט א שניי־קוויטל?
צי גאָר א בין?

צי ערשטער רעגן־טראָפּן?
פאלסט שטיל און... שאַ!

א קוש באם שלאָפן
עפּשער, האַ?

ג. מײַ

1

הימל,
טומל,
קלאַפּערײַ.
בינען,
בלומען
זשומען —
דאָס איז ער,
דער כוידעש מײַ,
פרײלעך אָנגעקומען.
דאָס איז ער,
דער כוידעש מײַ,
אין זײַן שפּיציק היטעלע —
גייט מײַן יעדע ליד פאַרבײַ
און שטעלט א בלויִינק פינטעלע...

2

„איך בין א מײַ —
א מײַקעלע,
פון זונען־שײַן
א קײַקעלע.
דאָס בלאַטקעלע —
מײַן שפּיגל,
דאָס גרעזעלע —
מײַן וויגל.
איך בין א מײַ, א מײַכעלע,
עס לײַכט מײַן יעדעס שטרײַפעלע.
איך וויל זײַן שטרענג
און ווייס ניט ווי:
ס'איז דאָך מײַן האַרץ
פון קאַרשן־בלי".

כראָניק

די גאַרקי־פײַערונגען אין אוקראַינע

אין קיִעוו איז אונטערן פאָר־זיץ פונעם ערשטן סעקרעטאר פון דער פאַרוואַלטונג פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד פון אוקראַינע א. גאָנטשאר פאָרגעקומען א זיצונג פונעם רעפּובליקאַנישן יוביליי־קאָמיטעט אף דורכפירן דעם 100־טן געבורטסטאָג פון א. מ. גאָרקי.

אף דער זיצונג איז אָפּגע־מערקט געוואָרן, אז די רעפּוב־ליקאַנישע פאַרלאַגן וועלן ארויס־לאָזן פּראַכט־אויסגאַבעס פון א. מ. גאָרקיס ווערק: „די מו־טער", „די ליד וועגן סאָקאָל", „דער שטורעמפויגל", אן אילוסטרירטע אויסגאַבע פון דער פאַרצייכענונג „וו. אי. לע־נין", דאָס בוך „קינדהײַט", א זאַמלונג דערציילונגען, א רע־פּערטואַר־זאַמלונג פון גאָרקיס ווערק פאַר די קאָלעקטיוון פון קינסטלערישער זעלבסטטעטיקײַט, ווי אויך א ריי ליטעראַטור־פאָר־שערישע ארבעטן וועגן גאָרקין און זײַן שאַפונג.

לויט די מאָטיוון פון דער לע־גענדע וועגן דאַנקאָ האָט מען אף דער קיִעווער סטודיע פון וויסנשאַפטלעך־פּאָפּולערע פילמען געשטעלט א קינאָפילם „די לע־גענדע וועגן פלאַמיקן האַרץ", וועלכער וועט ברייט דעמאָנסט־רירט ווערן אין די יובליי־טעג.

ערעוו דעם יובליי וועט אין קיִעוו פאָרקומען א פײַערלעכע זיצונג, געווידמעט דער מערק־ווירדיקער דאַטע.

איר מישפּאָכע

באָריס פּאָלעוואָי

די ליטעראַרישע געזעלשאַפֿטלעכקייט מערקט אָפּ דעם 60־טן געבורטסטאָג פון איינעם פון די באַליבטע היינטצייטיקע רוסישע שרייבער באָריס פּאָלעוואָי.

די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ ווייסן פּאָלעוואָיען אַלס אַוטאָר פון אונדזער זשורנאַל. מיר פֿאַרעפֿנטלעכן דאָ דעם יוביליאַרס א דערציילונג און ווינטשן אים א סך פּרוכטבאַרע שעפֿערישע יאָרן.

אין איינעם פון די הילצערנע צימערלעך פון די גאַנץ־געבליבענע הײַזער אינעם ייִשעוו, ווו עס האָט אײַנגעאָרדנט זײַן קאַבינעט דער פּאָרזיצער פון דעם נעלידאָווער ראַיסאָוועט באַלד נאָך דעם, ווי מע האָט אַרויסגעיאָגט דעם דײַטש, איז מיט דריבנע שאַרנדיקע טריט פֿלינק, ניט לויט אירע יאָרן, אַרײַנגעגאַנגען א קליינינקע, אײַנגעהויקערטע פֿרוי פון א יאָר זעכציק. אירע פּוכיקע האָר, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון אונטער דעם טיף־אַראָפּגערוקטן בלויען בערעט, זײַנען געווען שניי־ווײַס, נאָר די אויגן — שוואַרצע, גרויסע, נאָך שיינע, זײַנען געווען יונג און מאָדנע קאָנטראַסטירט מיט דעם זילבער פון די האָר.

זי האָט אָף א ווײַלע פֿאַרהאַלטן דעם בליק אָפֿן מידן פּאָנעם פונעם פּאָרזיצער און דערנאָך, גלײַך זי וואָלט פֿאַר זיך באַשלאָסן, אַז דאָס איז א מענטש, מיט וועלכן מע קאָן זיך אָפֿנהאַרציק דורכשמועסן, א פֿרעג געטאָן:

— אין טאָראָפּעץ איז אײַך ניט אויסגעקומען צו זײַן? ניין? א גרויסער שאָד. ווען איר וואָלט ביז דער מילכאָמע געווען אין טאָראָפּעץ, וואָלט איר געוויס געהערט וועגן מײַן מאַן. מיך רופֿט מען סאַרע מאַרקאָוונע, סאַרע מאַרקאָוונע פֿײַנשטיין. איך בין הערשעלע פֿײַנשטיינס ווײַב, ער איז געווען דער בעסטער מענער־שנײַדער אין שטאָט. איך בין א מאַמע פון דרײַ זין, וועלכע געפֿינען זיך איצט אין דער רויטער אַרמיי און אַלע שלאָגן זיי זיך מיט די דײַטשן. זאָלן אַלע גוטע מענטשן געבענטשט זײַן מיט אַזעלכע זין.

זי האָט מיט א זײַט זיך צוגעזעצט אָפֿן בֿרעג פון דעם גרויסאַרטיקן שטול, וואָס ווער ווייסט פֿונוואַנען ער האָט זיך גענומען אַהער, אין דעם ניט היימלעכן קעמערל מיט די הילצערנע ווענט, און, איבערקלײַבנדיק מיט די פֿינגער, וואָס זײַנען ווי באַצויגן געווען מיט פּאַרמעט, די פֿרענדזלעך פון דער שוואַרצער שאַל, פֿאָרגעזעצט:

— איך בעט אײַך נאָר, איר זאָלט כאָלילע ניט מיינען, אַז איך בין געקומען צו אײַך ווי א מאַמע פון רויטאַרמייער עפּעס בעטן בא אײַך. ניין, ניין, וואָס רעדט איר! איך בין געקומען צו אײַך פון גאָר ווײַט וועגן אַן איניען, זייער א וויכטיקן איניען. איר הערט, וואָס איך זאָג? איך בין געפֿאָרן צו אײַך פון טאָראָפּעץ דרײַ מעסלעס אָף טרייסלענדיקע גרוזאָוויקעס איבער די דאָזיקע שוידערלעכע וועגן — אַז היטלער זאָל ביזן טויט זײַנעם פֿאָרן אָף אַזעלכע וועגן! איר הערט, וואָס איך זאָג? איך בין אײַך געקומען דערציילן, וואָס פֿאַרא מענטשן עס וווינען אין אײַער ראַיאָן... ניין, ניין, ערגערט זיך ניט, איך וועל אײַך לאַנג ניט פֿאַרהאַלטן... דאָ האַנדלט זיך ניט נאָר וועגן מיר, גאָט באַהיט, איך וואָלט זיך דען געלאָזט אין אַזא וועג, ווען עס זאָל גיין א רייד נאָר וועגן מיר! נאָר איר זײַט דאָך דער

באַלעבאָס פֿונעם ראיאָן, מוזט איר וויסן, מיט וואָס פֿאַר א ווירדיקע מענטשן איר פֿירט אָן. זאָגט מיר, איך בעט אײַך, איר קענט גוט דעם קאָלווירט „בודיאַני", דעם קאָלווירט, וואָס געפֿינט זיך אויפֿן טאַראַפּעצער טראַקט? נו, איז וואָס שווײַגט איר? זאָגט „יאָ" צי „ניין".

— איך קען אים, — האָט, שטיקנדיק אין זיך דעם שמייכל, ארויסגעבראַכט דער פֿאַר־זיצער.

אַן ערעך א יאָר, קאַלזמאַן דעם ראיאָן האָבן אָקופּירט די דײַטשן, האָט ער פּאַרטיזאַנווע־ מיט זײַן אָטריאַד אין די היגע וועלדער, טאַקע גופֿא אין די וועלדער, ווײַל די אָקופּאַנטן, וואָס האָבן פֿאַרוואַנדלט די דאָזיקע געגנט אין א „טויט־זאָנע", האָבן דאָ פֿאַרברענט קימאַט אַלע דערפֿער, אויסער יענע, וואָס זײַנען געלעגן באַם טראַקט. פֿאַר דעם יאָר, וואָס ער האָט פֿאַר־ בראַכט אין די וועלדער, אין די ערד־שטיבלעך, בא די שײַטערס, האָט דער פֿאַרזיצער זיך אָפּגעוווינט פֿון א שטוב און איצט בעשום־אויפֿן ניט געקאָנט צופּאַסן זײַן הילכיקן באַס צו דעם קליינינקן קאַבינעט און דערפֿאַר מוירע געהאַט צו פֿאַרטויבן מענטשן, זיך געשעמט צו ריידן אין דער אָנוועזנהײַט פֿון פֿרעמדע.

— נו, אויב איר ווייסט, איז זייער גוט. איצט הערט מיך אויס, הערט אופֿמערקזאַם, איך וועל אײַך דערציילן אַזוינס, אַז אײַך, דעם באַלעבאָס פֿונעם ראיאָן, וועט עס געוויס א נעם טאָן בא דער נעשאָמע.

ערגערנדיק זיך, האָט די אַלטיטשקע גיך געגנומען דערציילן וועגן דעם, וואָס זי איז אויס־ געשטאַנען, וואָס זי האָט געזען אין די דאָזיקע קאַנטן אין די ביטערע צײַטן פֿון דער דײַטשי־ שער אָקופּאַציע.

שוין אין די ערשטע טעג פֿון דער מילכאָמע האָט סאַרע מאַרקאָוונע באַגלייט דעם מיזיניק אין וואָיענקאָמאַט. איינגיכן איז אוועק אויפֿן פֿראָנט דער עלטערער זון און איבערגעלאָזט בא איר זײַן ווײַב כאַנע. דער מיטלסטער איז געווען א קאַדראָווער מיליטערמאַן און האָט שוין געקעמפֿט ערגעץ אין ווײַסרוסלאַנד.

ווען די דײַטשישע דיוויזיעס האָבן זיך דורכגעריסן צום ניעמאַן און די שטאָט טאַראַפּעץ איז דערקלערט געוואָרן אין באַלאַגערונגס־צושטאַנד, האָט דער אַלטער הערשל אָפּגעזוכט אין קאַמער א זאַסטופּ, מיטגענומען מיט זיך א פֿאַרל וועש און אוועק אין איינעם פֿון די ארבעט־ באַטאַליאָנען, וואָס האָבן הינטער דער שטאָט געבויט שוצגראָבנס.

— זאָרג זיך ניט, סאַרע, מע דאַרף ניט מאַכן קיין פּאַניק. ווײַטער פֿון דער אַלטער גרענעץ וועט מען זיי ניט לאָזן שטעלן קיין טראָט, — האָט ער געזאָגט באַם געזעגענען זיך, — נו, און אויב עפּעס א מעטורעף וועט זיך דורכרײַסן, וועט מען אים פֿאַרהאַלטן בא אונדזערע אָקאָ־ פּעס. דו ווייסט, וואָס פֿאַרא אָקאָפּעס עס וועלן זײַן? אָהאָ! — און ער האָט פֿײַערלעך א טרייסל געטאָן מיטן פֿאַראָסטעטן זאַסטופּ לעבן סאַרעס פֿאַרוויינט פּאָנעם.

נאָר די דײַטשן האָבן דורכגעריסן די אַלטע גרענעץ. מע האָט זיי אויך ניט פֿאַרהאַלטן אין די דאָזיקע ערטער, בא די נײַע שוץ־ליניעס, און אָט האָט איינמאָל דער שטראָם פֿון פּליטים, וואָס האָט זיך געלאָזט אַף מיזרעך מיטן טאַראַפּעצער טראַקט, א שטראָם פֿון שווײַגנדיקע, דערשלאָגענע מענטשן, פֿון לאַסטמאַשינעס, פֿורן, אָנגעלאָדענע מיט היימישן האָב־און־גוטס, מיט פֿאַרשטויבטע, מידע סטאַדעס פֿי, א שטראָם, וואָס האָט געטראָגן פֿון מיזרעך, פֿון די אָקו־ פּירטע ערטער, טויבע קלאַנגען וועגן די אָנצאָליקע מענגעס פֿון דעם אָנגרײַפֿנדיקן סוינע, וועגן זײַן אַכזאָריעס, — אָט דער שטראָם האָט אויך אַראָפּגעשווענקט די מישפּאָכע פֿון דעם טאַראַ־ פּעצער מענער־שנײַדער.

איבערגעלאָזט דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן, אַפֿילע ניט פֿאַרשלאָסן די שטוב, איז סאַרע מאַר־ קאָוונע מיט דער טאָכטער רײַע און מיט דער שנור כאַנע פֿאַרטאָג ארויסגעגאַנגען פֿון דער לײַבלעכער שטאָט. די קינדער האָבן געהאַלטן די אַלטע אונטער די אָרעמס און געטראָגן איר קלומעקל.

דאָס איז געווען אין יענע טעג, ווען דער פֿאַשיזם איז פֿאַרשיקערט געווען פֿון די זיגן. די בערלינער ראַדיאָ האָט אָן אופֿהער געשפּילט מאַרשן און אַלע שאָ איבערגעגעבן סוואָדקעס וועגן פֿאַרנומענע דערפֿער און שטעט. די פֿײַנטלעכע פֿליִער האָבן זיך פֿריילעך געמאַכט דערמיט, וואָס זיי האָבן פּיקירט פֿון דער הייך אַף די לעבעדיקע טײַכן, וואָס זײַנען געפֿלאָסן איבער די גרויסע און קליינע וועגן קיין מיזרעך, אין דער טיף פֿונעם לאַנד. זיי האָבן זיך טרעניִרט, צילנ־ דיק אין די פּליטים. פֿאַרניכטלער מיט שווארצע האַקנקרייצן אַף די פֿליגל האָבן זיך געטראָגן נידעריק איבער די קעפּ פֿון די שוצלאָזע מענטשן און זיי באַגאָסן מיט א פֿײַער פֿון קוילנוואַר־ פֿער און האַרמאַטן.

ווען זיי זײַנען ארויס הינטער דער שטאָט אויפֿן בריק, האָט א קויל פֿון א פֿאַרניכטלער דער־

הארגעט כאנען. איר טויטן קערפּער האָט מען צוזאַמען מיט אַנדערע אוועקגעטראָגן אין אַ זײַט און אוועקגעלייגט באַם ברעג פון טײַך אין שאָטן פון די ווערבעס.

אין אַ טאָג אַרום איז פון אַ באָמבע אומגעקומען רײַע. אַפן אָרט, וווּ דאָס מיידל איז געשטאַנען, איז פאַרבליבן בלויז אַ טיפע גרוב, וואָס האָט לאַנג זיך גערייכערט.

און סאַרע מאַרקאָוונע איז געגאַנגען און געגאַנגען, עפּעס מעכאַניש, פאַרשטיינערט פון צאָרן און וויי. געגאַנגען און וועגן גאָרנישט ניט געטראַכט, גאָרנישט ניט געדענקט, אויסער דעם, אַז מע טאָר ניט אָפּשטיין פון דעם מענטשן־שטראָם, אַז מע דאַרף זיך אום יעדער פּרײַז באַוועגן אַף מיזרעך.

עמעצנס הענט האָבן זי אופגעהויבן, ווען זי איז אָן קויכעס אומגעפאַלן אַפן וועג אין הייסן שטויב. עמעצער האָט איר געגעבן אַ שטיקל ברויט, אַ קאַרטאָפל, און זי האָט געגעסן, אַפילע קיין דאַנק ניט געזאָגט, ניט געפילט קיין הונגער און קיין טאַם. באַנאַכט האָבן אומבאַקאַנטע מענטשן זי צוגערופן צו אַ שײַטער, און זי, אַ מאַמע פון אַ גרויסער מישפּאָכע, וואָס איז פלורצעם געבליבן איינזאַם, איז צוגעגאַנגען און זיך געוואַרעמט באַ אַ פרעמד פײַער.

אַפן פערטן מעסלעס איז זי קראַנק געוואָרן. זי איז אַראָפּ פון שליאַך און זיך אַנידערגעלייגט אין שטויביקן, צעטאָפּטשעטן גראָז, וואָס האָט געשמעקט מיט טראָן, בענזין און פערדןשוויס. זי האָט באַשלאָסן, אַז דאָ וועט זי שטאַרבן, ווײַל ווײַטער גיין האָט זי קיין קויכעס ניט געהאַט. פאַרבײַ איר האָבן זיך געשלעפּט פורן, סקריפּענדיק מיט די איבערגעטריקנטע רעדער. פאַרומערטע קינדער האָבן מיט טרויעריקע אויגן אַרויסגעקוקט פון די פאַרשטויבטע קלומקעס, פאַרמאַטערטע פערד האָבן אַרויסגעלאָזט פון די מײַלער געלע פּאַסן סלינע, אויסגעמוטשעטע פון היץ האָט אומרויִק געמרוקעט דאָס פי.

באַ די מענטשן, וואָס האָבן געשפּאַנט נאָך די פורן, געטאַסקעט אַף די אַקסל, געשלעפּט אַף וועלאָסיפּעדן, האַנט־וועגעלעך און קינדערשע וויגעלעך פּעק מיטן ביסל פאַרבליבענעם פאַרמעגן, זײַנען די אויגן געווען טרוקן און פאַרלאָפן, די ליפּן, שוואַרצע פון היץ, פון שטויב, זײַנען געווען שטײַף פאַרשלאָסן. סאַרע מאַרקאָוונע האָט ניט געקוקט אַף די פאַרבײַגייענדיקע מענטשן. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז יעדער איינער האָט גענוג אייגענע צאָרעס. זי האָט באַ קיינעם ניט געבעטן קיין הילף. און דאָך האָבן זיך געפונען מענטשן, וואָס האָבן אַף די הענט זי, די קראַנקע, פאַרכאַלעשטע, דערטראָגן ביז צו אַ דאָרף, ביז אַן ערשטער שטוב.

— ...מיט די אייגענע צאָרעס קאָן מען זיך קיין אייצע ניט געבן, טראָגט מען נאָך אַהער פרעמדע, — האָט סאַרע מאַרקאָוונע דערהערט עמעצנס אַ רוגזעדיקע שטים, — נו, לייגט זי שוין אַוועק, אָט אַהער, וואָס איז שוין דאָ צו טראַכטן! אָך, אָך, אָך!

ווער עס האָט דאָס געזאָגט, האָט סאַרע מאַרקאָוונע ניט געוווּסט. איר האָט קיין קויעך ניט געקלעקט אופצוהייבן די שווערע, ווי מיט בלײַ אָנגעגאָסענע וויִעס. אופגעכאַפּט האָט זי זיך ערשט אין אַ מעסלעס אַרום און אַ פאַרוווּנדערטע גענומען זיך אַרומקוקן, ניט פאַרשטאַנען, וווּ איז זי, וואָס קומט פאָר מיט איר.

געלעגן איז זי אַף אַ באַנק אין אַ געראַמער פּויערישער כאַטע. די העלע שטראַלן פון דער באַטאָגיקער זון האָבן זיך דורכגעשלאָגן אַדורך דער גרוילעכער גרינקײַט פון די וואַזאָנעס, וואָס זײַנען געשטאַנען אַף די פענצטער. עס האָט זיך געהייצט דער אויוון. אַרום טיש, אַף וועלכן עס זײַנען געלעגן לעפל, ברויט און עס איז געשטאַנען אַ הייסע שיסל באָרשטש, צו וועלכער ס'האָט ווײַזט אויס, קיינער זיך ניט צוגערירט, האָבן געזשומעט אָן אַ שיר פליגן.

אַ הויכע, דאַרע באַיאָרטע פרוי, צו וועלכער עס האָבן זיך געטוליעט דרײַ קינדער, האָט מיט שרעק געקוקט דורכן פענצטער אין דרויסן אַרויס: פון דאָרט האָט אָן אופהער זיך געטראָגן אַ געדרודער, אַ קלאַפּערײַ, אַ ברומען פון מאָטאָרן און קלאַנגען פון אַ פרעמד, אומפאַרשטענדלעך לאָשן.

— קינדערלעך מײַנע, וואָס זשע וועט מיט אונדז איצט זײַן, וואָס וועט זײַן? ווי זשע וועלן מיר איצט אויסקומען?.. — האָט געהאַלטן אין איין איבערכאַזערן די פרוי, קוקנדיק אין פענצטער.

נאָך ניט אָפּגעבנדיק זיך קיין דין־וועכעזשבן, וואָס איז, אייגנטלעך, פאָרגעקומען, האָט סאַרע מאַרקאָוונע געפילט: ס'איז געשען עפּעס שרעקלעכס, און אַ געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פון איר האַרצן.

די פרוי האָט אַף איר אַ קוק געטאָן מיט טרויעריקע טרוקענע אויגן, פּונקט ווי עס האָבן אַף איר געקוקט די פּלייטים.

— זיך אופגעכאַפּט? עך, טײַערע, בעסער וואָלסטו שוין... — די פרוי האָט ניט דערזאָגט ביזן סאָף, וואָס זי האָט געטראַכט, און ווידער גענומען קוקן אין פענצטער, דורך וועלכן עס האָט זיך דערטראָגן אַ געדרודער, אַ געוואַלי, וואָס אָט איז ער שטאַרקער געוואָרן אַזוי, אַז עס

האָבן אזש געגומען ציטערן די שויבן, און אָט האָט ער זיך דערוווּסט, ווי אַן אַפּאָפּלעקטיקע כוואַליע.

סאַרע מאַרקאָוונע האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קאָלדרע, וואָס איז געווען צונויפגענייט פון פילקאָלירטע קוואַדראַטע שמאַטקעלעך, אַראָפּ פונעם געלעגער, נאָר באַלד האָט זי זיך אַ וואַקל געטאָן און זיך אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט.

— איך וועל אַוועקגיין, איך טאָר דאָ ניט זײַן... איך וועל גיין, — האָט זי געטײַנעט.

די באַלעבאָסטע האָט אַ קוק געטאָן אויף איר מיט בייזע, שטרענגע אויגן און בלויז אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— אַוועקגיין... וווּהין וועסטו אַוועקגיין?! ליג שוין בעסער... וואָס עס איז באַשערט, איז באַשערט.

אין סאַרע מאַרקאָוונעס מוייך זײַנען מיטאַמאָל אויפגעשווומען די שרעקלעכע דערציילונגען פון די פּליטים וועגן די היטלעריסטישע ווילדע שכיטעס איבער די ייִדן, וועגן דעם, ווי מע האָט אין קליינעם שטעטעלע סעבעזש צונויפגערופן די ייִדן אין דעם היגן בעסמעדרעש, קלומרשט אויף צו רעגיסטרירן זיי, פאַרשפּאַרט פון דרויסן די טירן מיט ברעווענעס און אונטערגעצונדן די אַלטע הילצערנע געביידע; וועגן דעם, ווי אין דער שטאָט נעוועל האָט מען די ייִדישע מישפּאָכעס פאַרטריבן אויפן שמאָלן פּאַס ערד, וואָס שנײַדט זיך טיף אַרײַן אין דער אָזערע, און געלאָזט איבערן דאָזיקן ערד־פּאַסיקל טאַנקען. יענעם טאָג איז דאָס וואַסער אין דער אָזערע, וואָס האָט שטענדיק געשעמט מיט איר לויטערקײַט, געווען מוטנע־רויט.

ניין, זי האָט ניט קיין רעכט צו שטעלן אין געפאַר די מישפּאָכע, צו וועלכער זי האָט צופעליק זיך צוגעלאָנטשעט. ניין, זי קאָן ניט, זי דאַרף דאָ ניט בלײַבן.

— איך וועל גיין. לאָזט מיך, איך וועל גיין, — האָט זי פּאַראַקשנט איבערגעכאַזערט, אויפהייבנדיק זיך פונעם געלעגער. — איך האָב ניט קיין מוירע פאַרן טויט, איך האָב מײַנס שוין אָפּגעלעבט, איך האָב מײַנע אויסגעכאַוועט, און בא אײַך זײַנען פאַראַן דרײַ פּיצלעך, איך וויל ניט, אַז צוליב מיר זאָלן אומקומען אַנדערע.

— ...און איר ווייסט, וואָס זי האָט מיר דערויף געענטפערט, אָט די קאַלווירטניצע, יעקאַטערינאַ פּיאַדאַראָוונאַ יעווסטיגנייעווואַ? — האָט די אַלטע דערציילט דעם פאַרזיצער פון ראַיסאָוועט, ווישנדיק די טרערן, וועלכע האָבן זיך געקײַקלט איבער די קנייטשן פון אירע באַקן, — איך בעט אײַך פאַרשרײַבן צו זיך אין ביכעלע איר פאַמיליע: יעקאַטערינאַ פּיאַדאָראָוונאַ יעווסטיגנייעוואַ פונעם קאָלווירט „בודיאָני“. ניין, הערט אויף טשיקאַוועס, וואָס זי האָט מיר געזאָגט. זי האָט געזאָגט, אַז איך בין אַן אַלטער נאַר, יאָ, יאָ, אַן אַלטער נאַר, ניט מער און ניט ווייניקער, אַז איך בין אַן אויוער־באָטל, אויב איך קלער, אַז זי וועט אַ לעבעדיקן מענטשן אַרויסוואַרפן, אַז די כײַעס זאָלן אים צערײַסן, נאָר צוליב דעם, קעדיי ראַטעווען די אייגענע פעל... זי האָט געזאָגט, אַז די ראַטנמאַכט האָט, ווײַזט אויס, מיך שלעכט דערצויגן, אויב איך וואָג אַזוי צו קלערן וועגן איר. און געהייסן מיר ליגן און שווײַגן, זיך ניט אַרײַנמישן מיט מײַנע נאַרישע רייד. אָט וואָס זי האָט געזאָגט, יעקאַטערינאַ פּיאַדאָראָוונאַ! איר פאַרשטייט, קיין מאַן האָט זי דאָך ניט געהאַט, און עס זײַנען געווען דרײַ קינדער, און די פאַשיסטן זײַנען געווען ניט ערגעץ אין דײַטשלאַנד: זיי זײַנען געפאָרן אויף טאַנקען איבער דער גאַס הינטערן פענצטער, און מיר מיט איר האָבן געהערט, ווי זיי לאַכן באַם ברונעם, פאָיענדיק זייערע פאַרשאָלטענע מאַשינעס. נאָר דאָס — דאָס איז נאָך ניט אַלץ. איר זײַט דער באַלעבאָס פון ראַיאָן און איר דאַרפט קענען אײַערע מענטשן, איז האָט געדולד, הערט ביזן סאָף, וואָס איז ווײַטער געווען.

די באַלעבאָסטע פון דער שטוב, אין וועלכער די פּליטים האָבן צופעליק אַרײַנגעטראָגן סאַרע מאַרקאָוונע, איז באַשטאַנען, אַז די אַלטע זאָל בלײַבן אין קאָלווירט „בודיאָני“, וועלכער איז לויטן באַפעל פון פעלד־קאָמענדאַנט, אין וועמעס רעשוס עס האָבן זיך געפונען די דערפער באַם טראַקט, געווען צעלאָזט.

די באַלעבאָסטע האָט איר געגעבן אַן אַלט פויעריש קליידל, זי באַלייגט אויפן אויוון, און נאָך דעם, ווי זי האָט זיך געהאַלטן אַן אייצע מיט די שכיינים, צוגעטראַכט אַזאַ שפּיצל: די דײַטשישע סאָלדאַטן פון דער קאָמענדאַטור, וועלכע פלעגן קומען נישטערן אין די כאַטעס און אין די פויערישע קאַסטנס, האָט מען געזאָגט, אַז אויפן אויוון ליגט אַ קראַנקע אויף פלעק־טיפוס. די דײַטשן, וואָס האָבן געציטערט זיך אָנצושטעקן, האָבן ניט נאָר געלאָזט צורו די אַלטע, נאָר ביכלאַל פאַרבײַגעגאַנגען יעווסטיגנייעוועס שטוב.

אַזוי האָט סאַרע מאַרקאָוונע דאָ איבערגעלעבט ביז ווינטער און קיין איין מאָל ניט אַרויסגעגאַנגען פון שטוב. ווען די אָקופּאַנטן האָבן אין די טעג פון זאַווייען אַוועקגעיאָגט די גאַנצע באַפעלקערונג רייניקן די וועגן (וועגן די קינדער, וואָס זײַנען פאַרבליבן אַליין אין די שטיבער,

האָבן זיי, פארשטייט זיך, ניט געטראכט), האָבן די קאָלווירטניצעס דאן צונויפגעטראָגן זייערע קינדער צו יעווסטיגנייעווען אין שטוב, און סארע מארקאָוונע האָט זיי געניאַנטשעט, ביז די עלטערן האָבן זיך ניט אומגעקערט אהיים.

די פרויען זײַנען ביסלעכווײַז צוגעוווינט געוואָרן צו איר, און קעדיי ניט אָנרופן זי באם נאָמען, פונקט ווי זייערע קינדער, זי גערופן „מאמאשא“.

נאָר אָט האָט אפן טויער פון דער פּאָזשארנע זיך באוויזן א סטאנדארטע מעלדונג פון דער קאָמענדאטור וועגן דעם, אז אלע ייִדן דארפן דרינגענד זיך פארעגיסטרירן אין די נאָענטע קאָמענדאנטן־פונקטן. יענע, בא וועלכע עס האָבן געוווינט ייִדן, און אויך יענע, וואָס האָבן געוווּסט, ווו זיי וווינען, איז באפוילן געוואָרן אין מעשעך פון א מעסלעס געבן וועגן דעם צו וויסן דער קאָמענדאטור. די, וואָס וועלן דעם באפעל ניט אויספילן, האָט געדראָעט צעשאָסן ווערן.

דערוווסט זיך וועגן דעם באפעל, האָט סארע מארקאָוונע באשלאָסן גיין זיך רעגיסטרירן. דאָס מאָל האָט זי דער באלעבאָסטע גאָרנישט ניט געזאָגט, זיך אָנגעטאָן, צונויפגענומען איר קלו־מעקל און שוין געוואָלט ארויס פון שטוב, נאָר בא דער שוועל האָט זי זיך אָנגעשטויסן אף די קאָלווירטניצעס, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון די וועגן מיט די לאָפּעטעס און מאָטיגעס אף די אקסלען.

— וווהין קלײַבט איר זיך עס? — האָט יעקאַטערינאַ פּיאָדאָראָוונאַ געפרעגט, באַטראַכטנדיק איר גאַסט פון די פיס ביזן קאָפּ.

סאַרע מאַרקאָוונע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגן. דעמלט האָט עמעצער פון די פרויען זיך אָנגעשטויסן.

— מינאַסטאַם אַף דער רעגיסטראַציע. וואָס קומט דאָ פּאַר, ווײַבער טײַערע? וואָס שטופּט זי אַליין דעם קאָפּ אין שלייף? שוין זשע ווייסטו ניט, וויאַזוי זיי זײַנען זיך באַגאַנגען מיט אײַערע מענטשן אין טאַראָפּעץ?

— איך ווייס, אַלץ ווייס איך! — האָט זיך צעשריגן סאַרע מאַרקאָוונע. — לאָזט מיך, איך וויל ניט, אַז צוליב מיר זאָלן אומגעבראַכט ווערן גוטע מענטשן.

...— און איר ווייסט, וואָס זיי האָבן מיר געענטפערט, די פרויען? — האָט געזאָגט די אַלטע, אופהייבנדיק זיך פון אָרט, און אומרויִק גענומען אַרײַנקוקן דעם פּאָרזיצער אין די אויגן, אין וועלכע עס האָבן איצט געשפּילט פרייל׳עכע, וואַרעמע פײַערלעך. — זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז איך בין אַ מעשוגענע, זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז איך וועל פאַרשעמען זייער קאָלווירט. זיי האָבן געזאָגט, אַז אויב זיי וועלן זיך דערשרעקן און לאָזן די פעל־שינדער זיך איזדיעקעווען איבער מיר, וועלן זיי ניט קאָנען קוקן אין די אויגן זייערע מענער, ווען יענע וועלן זיך אומקערן פון דער מילכאָמע. און דאָ איז צוגעגאַנגען צו זיי אַ פויער — זיי האָבן אים גערופן פּעטער מישע, ער האָט דעמלט אין דאָרף ניט געוווינט, ער איז געווען אַ פּאַרטיזאַנער פון טשורילינס אָטריאַד, וועגן וועלכן עס האָט אַפילע מיטגעטיילט די סאָווינפאָרמביוראָ — דער אָטריאַד פונעם כאַווער טש. איז ער צוגעגאַנגען, אָט דער פּעטער מישע, און געפרעגט: „וואָס פּילדערט איר דאָ, ווײַבער?“ און זיי האָבן אים געענטפערט: „אָט די מעשוגענע וויל גיין אין קאָמענדאַטור, זי האָט מוירע אונדז אונטערצופירן“. און איר ווייסט, וואָס דער פּעטער מישע האָט זיי געזאָגט? ניין, איר וועט זיך ניט אָנשטויסן. איר הערט בעסער, וואָס ער האָט מיר געזאָגט: „שרעקט זיך ניט, מאַמאַשאַ, און שפּײַט זיך אויס אַף דער רעגיסטראַציע. אָדער, זאָגט ער, מירן אַלע איבערקומען, אָדער מירן צוזאַמען שטאַרבן“. אָט וואָס ער האָט מיר דעמלט געזאָגט, דער פּעטער מישע. פאַרשרײַבט צו זיך אין ביכעלע אויך זײַן נאָמען. און איר מיינט, אַז דאָס איז שוין אַלץ, כאַווער פּאָרזיצער? ניין, דאָס איז ניט אַלץ, נעמט זיך שוין אָן מיט געדולד און הערט מיך אויס ביזן סאָף...

די זאָרג וועגן דער אַלטער פרוי איז געוואָרן אַן איניען פאַר דעם גאַנצן קאָלווירט, וואָס איז פאָרמעל פאַנאַנדערגעלאָזט געווען, נאָר אײַנדערעמעסן נאָך מער צונויפגעשמאָלצן געוואָרן צוליב דעם אומגליק, וואָס האָט זיך אָנגערוקט אַף די מענטשן.

סאַרע מאַרקאָוונע האָט, ווי פריִער, געוווינט בא דער יעווסטיגנייעווא. און כאָטש די אָקו־פּאַנטן האָבן שוין אויסגעפּאָמפּעט און אופגעפרעסן בא דער באַפעלקערונג קימאַט אַלע אָפּגע־שפּאָרטע פּראָדוקטן און האָבן זיך שוין אויך אויסגעלערנט דערקלײַבן צו די פאַרבאָרגענע גרי־בער מיט דעם פאַרבאַהאַלטענעם ביסל גוטס, און כאָטש אַלע האָבן שוין אינעם דאָרף געלעבט אין הונגער און אין נויט, האָבן דאָך די פרויען געהאַלטן פאַר זייער כויוו אָפּצורײַסן פון זייער אייגן מויל דעם ביסן און אים אָפּטראָגן פאַר סאַרע מאַרקאָוונען.

די שטוב פון דער יעווסטיגנייעווא, וועגן וועלכער אַלע האָבן גערעדט, אַז דאָ ליגט אַ קראַנקע אַף פלעק־טיפוס, האָבן די דײַטשן פון דער קאָמענדאַטור נאָך אַלץ אויסגעמיטן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ גייט אַמבעסטן, און סאַרע מאַרקאָוונע האָט אָנגעהויבן גלייבן, אַז מיט דער הילף פון די נײַע פרײַנט אירע וועט זי ווי־עס־איז דערלעבן ביז דער גליקלעכער צײַט. נאָר דאָ איז אויסגעבראָכן דער אומגליק.

אין דאָרף איז אַרײַנגעפאָרן אַ מאַשין מיט אַ רויטן קרייץ. דער איבערזעצער האָט געפרעגט, ווו עס לעבט די קראַנקע.

די מענטשן האָבן זיך פאַרלוירן און ניט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. עמעצער האָט אָפּגע־שיקט די דאָקטוירים צו דער יעווסטיגנייעווא. נאָר די דאָקטוירים זײַנען אין דער כאַטע ניט אַרײַנגעגאַנגען. אַן אַלטער אָפיצער אין אַ כאַלאַט האָט אָפּגעגעבן אַ באַפעל די סאַניטאַרן, וואָס זײַנען געקומען צוזאַמען מיט אים, און יענע האָבן גענומען באַגיסן די שטוב מיט בענזין.

יעווסטיגנייעווא האָט געמיינט, אַז דאָס מאַכן זיי אַ דעזינפעקציע. זי איז געשטאַנען אין סעדל מיט אירע קינדער און געשוויגן. אַפילע דעמלט, ווען איינער פון די געקומענע האָט אָנגעצונדן אַ בינטל שטרוי און עס אַ וואָרף געטאָן אַף די שוואַרצע בענזין־פלעקן, האָט זי פאַרווּנדערט אַ קוק געגעבן אַף אים.

דאָס פײַער האָט מיט געוואַלד זיך א וואָרף געטאָן אף די ווענט, אף דעם דראַנעצע־דאַך און גלײַך באַדעקט די שטוב מיט א געלער פלאַמענדיקער פעל. די געקומענע האָבן זיך אַרײַנגעזעצט אין דער מאַשין און אַוועקגעפאָרן. דעמלט האָט די פרוי מיט א געשריי זיך א וואָרף געטאָן אין שטוב אַרײַן און שוין מיט א ברענענדיק קליידל באַוויזן צולויפן צום אויוון, ווו עס האָט זיך אויסבאַהאַלטן איר גאַסט, און דורך דער שטאַל אַרויספירן זי פון דעם ברומענדיקן שײַטער...

— און איר ווייסט, וואָס עס האָט מיר געזאָגט אָט די פרוי, וועלכע האָט איבער מיר פאַרלוירן די שטוב, דאָס ביסל פאַרמעגן און געבליבן אף דער גאַס צוזאַמען מיט דרײַ פיצלעך קינדער? — האָט געפרעגט די אַלטע דעם פּאָרזיצער. — זי האָט געזאָגט: א מענטש איז טײַערער פון א שטוב. זי האָט געזאָגט: זאָל מען נאָר לעבן, דאָס איבעריקע איז בלאָטע. זי האָט געזאָגט: זאָל נאָר זײַן די ראַטנמאַכט, וועט א שטוב אויך זײַן. און אויב עס וועט זײַן א דײַטשישע מאַכט — דאַרף זי ניט האָבן ניט די שטוב, ניט דאָס לעבן, זאָל אַלץ אַוועק מיטן פײַער. אָט וואָס זי האָט מיר געזאָגט, אָט די־אָ קאָלווירטניצע, יעקאַטערינא יעווסטיגנייעווא. איך בעט אײַך, איר זאָלט דאָס פאַרגעדענקען, איר דאַרפט קענען אײַערע מענטשן.

— איך וועל פאַרגעדענקען, — האָט א ברום געטאָן דער פּאָרזיצער און, אָנבייגנדיק זיך, עפּעס לאַנג געזוכט אין שופלאָד פונעם שרײַבטיש. ווען ער האָט זיך אויסגעגלײַכט, איז זײַן פּאָנעם געווען עטוואָס רויטלעך, ווי ער וואָלט פלוצעם געכאַפּט א פאַרקילונג...

פון יענעם טאָג, ווען די דײַטשן האָבן אונטערגעצונדן די שטוב, האָט יעקאַטערינא פּיאָדאָראָוונא מיט די קינדער זיך איבערגעקליבן צו איר שוועסטער, און סאַרע מאַרקאָוונע, וועלכע אַלע האָבן גערופן „מאַמאַשאַ“, האָט געוואַנדערט פון שטוב צו שטוב, זי האָט געלעבט לויט א ריי בא די דאָרפסלײַט, ווי זומער־צײַט — א פּאַסטעך.

אָנהייב ווינטער האָט די פעלד־קאָמענדאַטור אָנגעשמעקט, אַז די פּויערים באַהאַלטן אויס א יידישע פרוי. אַזש פון סאַמע נעלידאָוו זײַנען אף א מאַשין געקומען צו פאָרן געסטאַפּאָווצעס. אף די וועגן, וואָס פירן אין דאָרף אַרײַן, האָבן זיי אַוועקגעשטעלט א וואַך. אין דאָרף האָבן זיך אָנגעהויבן אונטערזוכונגען, מע האָט געניששטערט אין אַלע הײַזער. נאָר אין דער צײַט, ווען די סאָלדאַטן זײַנען געגאַנגען פון שטוב צו שטוב, האָבן צוויי יאַטלעך, וואַסיע און פּעטיע טשורילין, די קינדער פון אָט יענעם כאַווער טשורילין, וואָס איז געווען דער קאָמאַנדיר פון אָטריאַד, אַרויסגעפירט סאַרע מאַרקאָוונען דורך די הויפן און זי געבראַכט אין א שכייניש דאָרף, באַהאַלטן זי בא זייערער א מומע א קאָלווירטניצע, בא וועלכער זיי האָבן געלעבט די גאַנצע צײַט, וואָס דער טאַטע זייערער האָט פּאַרטיזאַנעוועט אין די וועלדער.

דאָ האָט סאַרע מאַרקאָוונע געוווינט ביז דעם מאָמענט, ווען איינמאָל האָט אין די וועלדער זיך דערהערט דער געהילך און דאָס שיסערײַ פון טאַנקען, ווען אין שטוב פון דער קאָלווירטניצע זײַנען אומגעריכט אַרײַנגעפאַלן פאַרשוויצטע ליזשניקעס מיט פאַרוקטע אף דער פּאָטיליצע אושאַנקעס, אין פאַרפרוירענע, פאַרשמירטע מאַסקיר־כאַלאַטן, און מיט הייזעריקע פרייליכע שטימען גענומען בעטן, אף א ריין רוסישער שפּראַך, מע זאָל זיי געבן זיך אָנטרינקען.

אין דעם דאָזיקן טאָג האָט סאַרע מאַרקאָוונע זיך אומגעקערט אין קאָלווירט „בודיאָני“. זיך אומגעקערט, ווי צו אייגענע. זי האָט דאָ געלעבט, אכטונג געגעבן אף די קינדער, ביז עס איז באַפרײַט געוואָרן איר לײַבלעכע שטאָט. און דעמלט האָט מען זי מיט א צופעליקער סאַניטאַרמאַשין אָפּגעשיקט קיין טאַראָפּעץ.

באַגלייט האָט מען זי, ווי אַן אייגענע, זי וואַרעם אָנגעטאָן, אָפּגעבראָטן פאַר איר קאַרטאָפל אפן וועג, און אַלע האָבן אָנגעזאָגט דער „מאַמאַשאַ“, זי זאָל אין זיי ניט פאַרגעסן.

— און ווי קאָן מען זיי פאַרגעסן, כאַווער פּאָרזיצער? אַזעלכע מענטשן קאָן מען דען פאַרגעסן? ווי קאָן דאָס אַלץ אַרויס פון זינען, אויב דו זאָלסט, כאָלילע, אפילע לעבן הונדערט יאָר? זיי האָבן מיך גערופן „מאַמאַשאַ“. און וואָס מיינט איר? איך פיל איצט, אַז איך פאַרמאָג ניט נאָר דרײַ זין, וואָס קעמפן אפן פראָנט, — זאָלן אַלע גוטע מענטשן געבענטשט זײַן מיט אַזעלכע קינדער! — איך פאַרמאָג איצט א סאַך זין און טעכטער דאָרט, אין קאָלווירט „בודיאָני“, ווו מע האָט מיך גערופן „מאַמאַשאַ“. און איר ווייסט וואָס? איר ווייסט, צוליב וואָס איך האָב זיך געטרייסלט דרײַ מעסלעס איבער די שוידערלעכע וועגן — אַז היטלער זאָל ביזן טויט פאָרן איבער אַזעלכע וועגן! — איך וועל אײַך זאָגן, צוליב וואָס איך בין געקומען: מע דאַרף זיי לעמאַנהאַשעם באַלוינען. ניין, אומזיסט שמייכלט איר. איר מיינט, אַז זיי האָבן ניט פאַרדינט קיין אָרדענס? איז וואָס וועט איר מיר ענטפערן דערויף?

דער פּאָרזיצער האָט געשוויגן. אף זײַן פאַרווינטיקט בראָנזענעם פּאָנעם, פון וועלכן עס

איז נאָך ניט אראָפּ די פּארטיזאנישע פארברוינטקײַט, איז בלויז די הויט, פון וועלכער ער האָט אראָפּגעגאָלט די וואָנצעס און די באָרד, געווען ווײַס. ער, דער פארהארטעוועטער הארבלעכער מענטש, איז איצט געווען צערודערט, זיך געפילט ניט באקוועם צוליב זײַן צעקלעמטקײַט.

— פארדינט, פארדינט, „מאמאשא“, — האָט ער סאָפּקאָלסאָף געזאָגט, — זייער פארדינט, און ניט נאָר דאָס האָבן זיי פארדינט... נאָר די זאך באשטייט אין דעם, וואָס זיי האָבן קיין אויסערגעוויינלעכס ניט אופגעטאָן, מע קאָן דאָך ניט באלוינען קיין מענטשן בלויז דערפאר, וואָס זיי זײַנען סאָוועטישע מענטשן...

הינטער דעם הילצערנעם וועגטל פון דעם קאבינעט האָט שארף גענומען קלינגען דער טעלעפאָן. עמעצער האָט אראָפּגענומען דאָס טרײַבל, און א פרויען־שטים האָט געפרעגט:

— וועמען דארפט איר? דעם פאָרזיצער? ער איז פארנומען. בא אים זיצט א מענטש... אָך, פון דער געגנט? — און די פרויען־שטים האָט געזאָגט שוין העכער: — כאווער טשורילין, נעמט דאָס טרײַבל, מע פרעגט אָף אײַך פון דער געגנט.

דער פאָרזיצער האָט איבערגעריסן דעם שמועס און אראָפּגענומען דאָס טרײַבל פונעם טעלעפאָן.

יידיש — א. זינגער.

כראָניק

א נײַע פארוואלטונג פון פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל“

דער סעקרעטאריאט פונעם שרײַבער־פארבאנד פון פססר האָט באשטעטיקט דעם באשטאנד פון דער פארלאג־פארוואלטונג „סאָוועטסקי פּיסאטעל“.

אלס פאָרזיצער פון דער פאר־וואלטונג איז באשטעטיקט נ. ו. ליעסיוטשעווסקי, אלס פארטרעטער פון פאָרזיצער איבער רעדאקציאָנעלע פראגן — ו. מ. קארפּאָווא. פון די יידישע סאָוועטישע שרײַבער גייט ארײַן אין דער פארוואלטונג טעוויע גען.

די 71־טע שרײַבער־אָרגא־ניזאציע אין דער רוסלענ־דישער פעדעראציע

אין הארבסט 1967 איז אין דער שטאָט נאָווגאָראָד געגרינ־דעט געוואָרן א שרײַבער־אָרגא־ניזאציע, די 71־טע אין דער רוס־לענדישער פעדעראציע.

אין דער לידער־זאמלונג „בא דער אילמען־אָזערע“, וואָס די נאָווגאָראָדער שרײַבער־גרופּע האָט ארויסגעגעבן, זײַנען פאר־טראָטן 19 עלטערע און יינגערע דיכטער. צווישן זיי דער יידישער פּאָעט מאָטל גרוומאן, וועלכער האָט נאָך דער מילכאָמע זיך באַ־זעצט אין נאָווגאָראָד. מאָטל גרוומאן פירט אָן מיטן היגן פּאָעזיע־קלוב.

צום 60־טן געבורטסטאָג פון יוסעף קאַטליאַר

דעם 12 פעוורואַל וואָלט דער דיכטער יוסעף קאַטליאַר געוואָרן א בען־שישים. נאָר שוין העכער פינף יאָר, ווי מיר האָבן אים באַגלייט אין זײַן לעצטן וועג. אין ווילניוס, אַפן בעסוילעם, שטייט א דענקמאָל מיט א באַ־רעליעף, וועלכן עס האָט אויסגעקלעפּט דער סקולפּטאָר זאַיִר אַזגור. „פּערזענלעך, — האָט אונדז דערציילט דער קינסטלער, — בין איך מיט קאַטליאַרן ניט געווען באַקאַנט, אָבער לויט זײַן דיכטונג איז אויפגעשטאַנען פאַר מיר דאָס געשטאַלט פון א פּאָעט א טרוימער, א דענקער...״

איך בין מיט קאַטליאַרן אויסגעוואַקסן אַף איין גאַס, מיר זײַנען געווען כאַווייִרים פון דער קינדהײַט אָן און ביז דעם לעצטן טאָג פון זײַן לעבן. איך האָף, אַז מיר וועט אַמאָל נאָך געלינגען אָנמאָלן דעם פּאָרטרעט פון מײַן בעסטן פרײַנט.

קאַטליאַר איז געבוירן געוואָרן א דיכטער. זײַנע לידער האָבן זיך געדרוקט אין דער בערדיטשעווער „וואָך״, ווען ער איז נאָך געווען א שילער פון די ערשטע קלאַסן. די ליטעראַרישע מעווינים פון שטאָט האָבן געהאַלטן, אַז „פון יאַסקען וועט אויסוואַקסן א גרויסער דיכטער״, און זיי האָבן קיין טאָעס ניט געהאַט.

העכער צוויי צענדליק לידער־זאַמלונגען פאַר דערוואַקסענע און פאַר קינדער האָט קאַטליאַר אָנגעשריבן. זײַן אויג איז שטענדיק פול געווען מיט זעונגען און בילדער, זײַן אויער — מיט קלאַנגען און ריטמען. א צופעליקע שורע, אַן אַריטמיש וואָרט פלעגט אים פאַרשאַפן ווײ, ווי ער וואָלט זיך צעשניטן א פינגער. „א דיכטער דאַרף האָבן אַן אויער פון א מוזיקאַנט, אַן אויג פון א געניטן סנײַפּער, וואָס טרעפט שטענדיק אין ציל״.

נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל האָט ער אײַנגעאַקשנט זיך אומגעקערט צו דער שורע, צום וואָרט, געקנאָטן עס און געבויגן, ביז עס האָט זיך געשטעלט אַפן נייטיקן אָרט אַזוי, אַז מע זאָל עס ניט קאָנען אויסשליסן פון דער ליד, פונקט ווי עס איז אוממעגלעך פון א בוים אָפּטרײַבן זײַן שאָטן.

געפיל, מײַסטערשאַפט, עמעסדיקײַט — דאָס זײַנען געווען די עלעמענטאַרע פאָדערונגען, וואָס קאַטליאַר האָט געשטעלט פאַר א קינסטלער און אין דער ערשטער ריי פאַר זיך אַליין.

קאַטליאַר איז געשטאָרבן צו פרי, די טראָמבאָציטן אינעם בלוט זײַנען בא אים איבערגעבערנט געוואָרן. ווער ווייסט, עפשער האָט דער טעמפעראַמענט פונעם קינסטלער אויך מיטגעווירקט דערצו...

איך וואָלט געקאָנט דערציילן וועגן יויסעפס עלטערן, וועגן זייער שטיבעלע, וואָס איז געשטאַנען אין בערדיטשעוו באַם טײַך גנילאָפּיאַט, וועגן זײַן טאַטן, וואָס איז געווען אַן אַגענט פון דער „זינגער־קאָמפּאַניע״. נאָר דאָס וועל איך טאָן אַן אַנדערס מאָל. איך וואָלט אויך געקאָנט דערציילן וועגן דער קאָמיוגישער צײַטונג „די יונגע גוואַרדיע״, אין וועלכער קאַטליאַרס דיכטערישע שטים האָט געקלונגען הויך און אייגנאַרטיק. נאָר אויך דאָס — אַן אַנדערס מאָל.

יויסעף קאַטליאַר איז געקומען אין דער ליטעראַטור, ווען עס האָט שוין מיט אַן אויסגעשפּראָכן דיכטע־ריש לאָשן גערעדט אונדזער גרויסע פּלעיאַדע — האָפשטיין, מאַרקיש, פעפער, כאַריק און פיל אַנדערע, און דאָך איז זײַן שטים, די קאַטליאַרישע שטים, געוואָרן א שטים פון א סאָליסט אין דער דיכטונג.

א. גאָנטאַר

אַף דער פאָטאָ. פון לינקס אַף רעכטס: **י. קאַטליאַר, ע. שעכטמאַן, א. גאָנטאַר** אין 1933.

יויסעף קאַטליאַר

זאָל א שטערן לײַכטן

מײַן נעסט אף אוקראַיִנע

מײַן קינדער־וועלט, ביסט אומפארגעסלעך!
ס׳פירט דער זיקאָרן מיך אהין
דורך שמאָלע שטעטלדיקע געסלעך
צו היים אמאָליקער — וואָלין.

אמאָליקע... ס׳האָט אָפּגעפרעמדט אונדז
ניט דער מעהאַלעך, ניט די צײַט.
ווי פרי׳ר זײַנען מיר ליב די דעמבעס,
פון גראָז און מאָך דאָס גרינע זײַד...

פון דײַנע וואסערן דאָס פּלאָפּלען
דערוועקט ביז איצט נאָך מײַן געזאַנג.
ביז איצט איך טראָג אין די שווארצאפּלען
דײַן הימל־פארב, דײַן זון־פארגאַנג.

מײַן היים, מײַן נעסט אף אוקראַיִנע,
כ׳האָב זיך צו דיר ניט אומגעקערט...

* * *

ניט בא טאַטע־מאַמע,
ניט בא פרײַנט, בא שכיינים,
וויִאזוי צו ליבן,
פרעגט מען ניט בא קיינעם.

וויפל מאָל באַזונגען,
וויפל מאָל באַשריבן,
און זי איז פאר יעדן
פאַרט א סאָד פארבליבן...

בא א פעלד א שטומען,
בא א בוים מיט קאַרשן
ס׳האָט זי נאָך בא קיינעם
קיינער ניט געיאַרשנט.

צי זי איז אין וואָלקנס,
צי ז׳איז אויסגעשטערנט —
ליבע האָט זיך קיינער
קיינמאָל ניט געלערנט.

שטעל איך ניט קיין פראַגעס,
זוך ניט קיין טערוצים —
זי איז אופגעקומען
אומדערוואַרט און פּלוצעם.

און אין יעדן אייווער
זיך צו מיר פארקליבן.
וויִאזוי ניט ליבן,
אז דאָס האַרץ וויל ליבן?

צו שפּעט...

זי ז׳דורכגעגאַן, זיך אָפּגעשטעלט,
א קווענקל זיך געגעבן
און האָט פארשטעלט מײַן האַלבע וועלט,
פארקילט מײַן לײַב און לעבן.

זי האָט אופגעהויבן נאָר איין ברעם,
געקוקט מיט בליק מיט קלאָרן.
אזוי־אָ קוקט מען נאָר אף דעם,
וואָס האָט עפּעס פארלאָרן...

און איז אוועק... כ׳שפּאַציר ניט מער,
איך בין שוין אָנגעזעטיקט.
איך גיי צוריק... אזוי גייט דער,
וואָס האָט ערגעץ פארשפּעטיקט.

ווי שיין זי האָט דעם גוף געוויגט!
און מיר בליצט אוף אין זינען:
ס׳איז די, וואָס מיר האָט ניט געגליקט
אין לעבן צו געפינען.

ייִדישע ניגונים

ייִדישע ניגונים
דארפן ניט קיין ווערטער.
„ווו איז מײַן געליבטער?
ווו איז מײַן באשערטער?“ —
טראכט א ייִדיש מיידל,
זינגענדיק א ניגן,
און ארום דעם מיידל
שטיקער לײַוונט ליגן —
ווײַסע שטיקער לײַוונט,
פרישע מענער־העמדער.
איינס וועט עפשער אָנטאָן
איינער, ניט קיין פרעמדער,

איינער, ניט קיין פרעמדער,
וועמעס קלאָרע אויגן
האָבן איר געלויכטן,
ווי א רעגנבויגן.
ווו איז איר געליבטער?
איז אוועק אין פײַער,
אז ס׳זאָל בלײַבן לעבן
אלץ, וואָס אים איז טײַער;
זי זאָל בלײַבן לעבן
און זאָל אים דערווארטן
מיט איר הארץ דעם ריינעם,
מיט איר שטאָלץ דעם צארטן.

א גוטע נאכט

א גוטע נאכט! עס איז שוין שפּעט,
ס׳וועט גיך, אפּאָנעם, טאָגן.
און דאָס, וואָס דו האָסט ניט דערעדט,
וועט מיר דער וואלד שוין זאָגן.

דו הערסט, ער רוישט. די ביימער דאָרט,
זיי קערן וויסן זיכער
דאָס גוטע וואָרט, דאָס שטילע וואָרט,
וואָס העלפט זיי וואקסן גיכער...

א גוטע נאכט! דער מיזרעך טאָגט,
זײַן ליכט הייבט אָן פארטיילן.
און דאָס, וואָס דו האָסט ניט דערזאָגט,
וועט מיר דער טײַך דערציילן.

דו זעסט, ער גלאנצט, דאָס וואסער קלאָרט.
עס קער דאָך זיכער וויסן
דאָס גוטע וואָרט, דאָס שטילע וואָרט,
וואָס העלפט אים שטארקער פליסן.

א גוטע נאכט! אין הימל־בלוי
איין שטערנדל פארבליבן.
אָן שטערנדלעך, ווי מיינסטו, פרוי,
וואָלט מען געקענט דען ליבן?

וואָס רעד איך, וואָס? כ׳האָב ניט באטראכט...
איך מיין... דו האָסט פארשטאנען?
א גוטע נאכט! א גוטע נאכט!
— — — — — — — — — — — — — — —
דער ווינט האָט טראָפּנס טוי געבראכט
פון בלייִקע באשטאנען.

נאָך אלעמען

אָט אזוי איז טאָמיד,
אָט אזוי איז שטענדיק:
נאָר די ליד געענדיקט,
האָט זיך אלץ געענדיקט.

ס׳האָבן שוין די ווינטן
זייערס אָפּגעשריגן,
און מע הערט שוין מער ניט,
ס׳זאָל א בוים זיך וויגן.

און מע זעט שוין מער ניט,
ס׳זאָל א שטערן לײַכטן,
ס׳זאָל א צירונג פינקלען
אף א קלייד א לײַכטן,

ס׳זאָל א מיידל רייצן
מיט די פולע ליפּן...
שטארק געמעקטע שורעס
זײַנען נאָר געבליבן.

מוישע אלטמאן

א מײַסע מיט א נאָמען

עלטערע מענטשן געדענקען נאָך, און ייִנגערע מענטשן ווייסן וועגן דעם פון לייענען אונדזערע שרײַבער פון עלטערן דאָר, אונדזערע קלאַסיקער, ווי מע פלעגט אמאָל בא ייִדן קלערן וועגן געבן א נאָמען א קינד לאַנג נאָך, איידער דאָס קינד איז געקומען אַף דער וועלט, און אָפט אויך איידער מע האָט געוווּסט, אז א קינד וועט געבוירן ווערן. וואָרעם וואָס איז שײַעך? דערוף איז דאָך דאָ א בוירע־אוילעם, און ער האָט אָדאָם־האָרישענען געגעבן כאַווען און באַפוילן: פּרו אורווּ, וואָס איז טײַטש אַף ייִדיש: פּרוכפּערט אײַך און מערט אײַך. הײַנט איז עס אנדערש. נאָר ניט דאָס בין איך אויסן. איך וויל נאָר צוגעבן, אז שרײַבער טראַכטן אויך א סאַך מאָל וועגן א נאָמען... און אויך איידער דאָס (לאָמיר עס אָנרופן: קינד) ווערט געבוירן. ווײַל א נאָמען איז ניט קיין קלייניקײַט.

ווי־אזוי זשע זאָל איך אָנרופן דאָס, וואָס יוירט איצט בא מיר אין קאָפּ און מאָנט: דערצייל מיך?

ווען איך זאָל שרײַבן העברעיִש, וואָלט איך געשטעלט אן אויבערטיטל: מעאגאָדעס־האכורבן — פון די לעגענדעס וועגן כורבן, וועגן דעם כורבן פון אונדזער צײַט.

איז אָבער דער שטאָף — נאָענטע און שווערע ווירקלעכקײַט. דאָס איינציקע לעגענדאַרטיקע איז עפּשער דער הויפּט־העלד, אייגנטלעך נאָר זײַן סאָף, ווײַל דערציילט דעם סאָף האָט א טיפער זאָקן, טאקע א זאָקן־מופלעג. דאָך — דערציילן דארף מען. איז הייבן מיר אָן, ווי עס איז שוין פון קאדמוינים דער נוסעך: אמאָל איז געווען.

אמאָל איז געווען א שטאָט. די שטאָט איז נאָך הײַנט דאָ און טראָגט דעם נאָמען ווי שוין הונדערטער יאָרן. מענטשן לעבן דאָרטן. זי איז שוין אויסגעבויט. אזוי איז דער סיידער פון דער וועלט. שטעט ווערן געבויט. קומט א צײַט, ווערן זיי כאָרעוו, און ווידער אופגעבויט שוין פון אנדערע מענטשן. אזוי אויך די שטאָט, וועגן וועלכער עס איז די רייד. געווען איז די שטאָט אין לאַנד בעסאראַביע, וואָס ליגט צווישן פּרוט און דניעסטער. א שטאָט, כאָטש מע האָט עס גערופן שטעטל, וואָרעם אז מער ווי טויזנט ייִדישע מישפּאָכעס האָבן דאָרטן געלעבט, כוץ מאָלדאַוואַנער און רוסן און אוקראַיִנער. די שטאָט איז, אייגנטלעך, געווען דער ייִדישער ייִשעוו. די מאָלדאַווישע און מעשטשאַנסקע ייִשוווים זײַנען געווען פאָרשטעט. קיין סינע איז קיינמאָל ניט געווען צווישן ייִדן און ניט־ייִדן. פאַרקערט. ביז עס איז געקומען דער גרויסער כורבן און מע האָט אַלע ייִדן געטריבן קיין טראַנסניסטריע.

איצט קאָנען מיר צוריקגיין צום אָנהייב, צו אונדזער העלד.

גערופן האָט מען אים מאָטיע. און הינטער די אויגן — מאָטקעלע דער מעשוגענער. נאָר הינטער די אויגן. וואָרעם ער איז געווען א מין רעטעניש. ווער ער איז, פונוואַנען — דאָס האָט קיינער ניט געוווּסט, כאָטש זעליק דעם רענדאַר און זײַן ווײַב, אָבער זיי האָבן קיינעם ניט אויסגעזאָגט. און אַזוי צענדליקער יאָרן. וויאַזוי און פאַרוואָס ער איז געקומען אין דער שטאָט, האָט קיינער ניט געוווּסט. איבעריקנס, עס האָט קיינעם ניט אינטערעסירט. און דאָס, וואָס אונדז איז באַוווּסט, איז א ביסל פון דעם, וואָס זעליק און זײַן ווײַב (זיי זײַנען שוין לאַנג אויף דער עמעסער וועלט) האָבן דאָך געלאָזט פאַלן. גיכער פון אַלץ איז זיך מעשײַער צו זײַן, אַז עס איז געלעגן אין כאַראַקטער פון דער שטאָט. עפּעס האָט צו דער שטאָט געצויגן מעשוגאָיִם. עפּשער דערפאַר, ווײַל די יִדן דאָרטן זײַנען געווען ניט קיין איבערגעשפּיצטע, נאָר פּראָסטע און אָן כאָכמעלעך, אַזוי אַז אין די שכײנעסדיקע שטעט האָט מען זיי גערופן כעלעמער. פלעגן טאַקע מיידלעך פון די אַנדערע שטעט, ווען שאַדכאָנים פלעגן זיי פאָרלייגן א שידעך פון יענער שטאָט, פון וועלכער מיר דערציילן, זיך רויגעזן... ערשט שפּעטער, ווען די דאָזיקע שטאָט איז זיך צעוואַקסן און געוואָרן א שטאָט פון מיסכער מיט דער גרויסער וועלט, און, ווי עס טרעפט זיך אָפּט, דאַפקע פון דער שטאָט האָבן זיך געטאָן א באַווײַז יונגעלײַט מיט וויסן און פייִקײַטן, האָט מען אין די אַרומיקע שטעט גענומען קוקן אַנדערש. אָבער אין דער צײַט, ווען אונדזער העלד איז אַראָפּגעפאַלן אין שטאָט אַרײַן, איז נאָך דער מאָקעם מיט גאָרניט געווען באַרימט, סײַדן נאָר מיט זײַנע מעשוגאָיִם.

מעשוגאָיִם זײַנען אין דער שטאָט געווען אָרטיקע און פרעמדע, צוגעקומענע, ווי, אַשטייגער, מאָטיע. די פרעמדע פלעגן אָפּזײַן א שטיקל צײַט און אַוועקגיין. די אייגענע האָבן געלעבט בא זייערע קרויווים. איבער די הײַזער זײַנען די אייגענע מעשוגאָיִם ניט געגאַנגען, כאָטש מאָטיען, נאָך דעם, ווען ער האָט זיך אײַנגעוואַרצלט, אָפּגעלאָזט. דאָס איז געשען נאָך דעם געט...

מאָטיעס אָנהייב אין דער שטאָט איז געווען אַזוי. איינמאָל, אין א פרײַטיק אינדערפרי, שטעלט זיך אָפּ א פרעמדער מענטש פאַר זעליק דעם רענדאַרס שטוב, און קוקט סטאַם אַזוי. עס איז פרײַטיק אינדערפרי, מענטשן שמײַען, אײַלן זיך. מאָטיע שטייט. א מיידל, וואָס האָט געפּאָלגט דער מאַמען א גאַנג און געלאָפן צו א שכײנע לײַען א פאַן צי א טעפּל, האָט זיך אָפּגעשטעלט, געפרעגט, צי ער דאַרף צו עמעצן. ער שווײַגט. דערציילט זי דער שכײנע, יענע — אַן אַנדערער, עס ווערט טשיקאַווע. א מאַנצבל שטעלט זיך אָפּ: יונגערמאַן, וואָס קוקט איר? ער שווײַגט. אין דעם קומט אַרויס די זעליטשקע, דה. זעליקס ווײַב. זי טוט א קוק און באַלד א פליעסקע מיט די הענט און שרײַט אַרײַן אין שטוב אַרײַן: זעליק!

זעליק קומט אַרויס, ניט־טויט, ניט־לעבעדיק, ער האָט געהאַלטן אינמיטן זיך אָפּשנײַדן די נעגל...

— וואָס שרײַסטו?

— האָסט אויגן? מאָטיע!

זעליק קוקט זיך אײַן און ווערט נישטוימעם:

— מאָטיע!

און מאָטיע איז שוין אויס די צײַט.

טרעטן צו שכײנים, מע וויל וויסן, עפּעס אויסטאַפּן. זעליק און די זעליטשקע — אָנגענומען א מויל מיט וואַסער, ווייסיך, עס האָט זיך זיי אויסגעדאַכט. אַפּן בוידעם א יאַריד.

און מאָטיע — ווו איז אַהינגעקומען מאָטיע? טאַקע א טשיקאַוועס. אין שטאָט, ווי אין אַלע יִדישע שטעט, איז געווען א העקדעש. דאָרטן פלעגן זיך פריטוליען פרעמדע אָרעמעלײַט. סײַדן א באַלעבאַטישער מענטש, נעבעך א יורעד, אָדער שליכים פון אַן אָפּגעברענט שטעטל, — יענע פלעגן פאַרפאָרן צו זייערן א היימישן מענטשן. און אַמאָל פלעגט אויך טרעפן, עס פלעגט אַראָפּקומען א פרענק, אַן ערעץ־ייִסראָעל־ייִד, פלעגט ער גיין צום ראָוו. אַזוי אויך א באַלדאַרשן. די היימישע מעשוגאָיִם האָבן געלעבט בא זייערע אייגענע. וועגן זיי, מיינען מיר, איז קעדײַ צו דערציילן. געווען איינער א „בוינע“. א גוואַר. אַז ער איז אויסגעוואַקסן, האָט ער אָנגעהויבן אָנפאַלן אויף פרויען, ביז מע האָט אים געפּאַקט און געבונדן און אָפּגעשיקט אין א מעשוגאָיִם־הויז. וועגן אָט דעם איז ניטאָ וואָס צו דערציילן. און עס איז אויך ניט קעדײַ. געווען אויך א פרוי. זי האָט קיינעם ניט געטשעפּעט. נאָר האָט מען זי פאַרטשעפּעט, פלעגט זי פאַרהייבן דאָס קלייד פון אונטן, זיך טאָן א בייג אָן און — רוף זי קנאַקניסל. וועגן איר, נעבעך, איז אַוודע ניט קעדײַ צו דערציילן, ווער שמועסט אַצינד. די אַנדערע צוויי... — וועגן זיי איז קעדײַ צו זאָגן עפּעס.

דער עלטערער, הערשל דעם שוסטערס, א שלאַנקער כײנעוודיקער יונגערמאַן, מיט קלוגע קאַרע אויגן, שמייכלענדיקע אויגן, ביז עס פלעגט אים ניט אָנקומען די מאָרעשכוירע. ער האָט

פארמאָגט א צאַרטן טענאָר און פלעגט אמיינסטן זינגען, דאָס אויך ביז צום אָנפאַל פון דער מעלאַנכאָליע. און אז עס קומט אים אָן, ווערט ער אנשוויגן, און דאָס שווייַגן איז מיט אזא טיפן צאַר. פון וואָס איז עס אים געקומען? ווער ווייסט? ווער האָט זיך אינטערעסירט, וועמען איז עס אָנגעגאנגען? קיינעם.

אופגעהאַלטן האָט זיך הערשל בא אַן עלטערן ברודער, א שוסטער. דער בעסטער שוסטער אין שטאָט. זייַן ארבעט איז געווען א שעם־דאָוועד. אָבער אז עס פלעגט אים אויך אָנקומען, פלעגט ער טרייַבן די קוינים. גיי פארשטיי.

דער צווייטער, דער ייִנגערער, איז געווען זיידל דעם רויטן שנייַדערס. דער שנייַדער איז געווען א פויערשער דאמען־שנייַדער, גענייט פאר פויערטעס. געוווינט אין דער הינטערגאַס, דאָרט, ווו עס זייַנען געווען די דארדעקע־כאַדאָרים, ערגעץ קאמערינע. ביז איינמאָל אין א יאָר פון א גרויסער גערעטעניש, פויערטעס האָבן זיך א סאך גענייט, האָט ער אָפּגעשפּאָרט א ביסל געלט און זיך אויסגעבויט א שטוב, טאקע אין דער הינטערגאַס. וועגן אָט דער שטוב איז צו דערציילן און דערציילן. ער האָט אָפּגעקויפט א גרוב, ווו מע פלעגט ארויסטראָגן דאָס מיסט פון דער פאַדערגאַס, און דאָרט אויסגעבויט די שטוב. אָבער אז עס איז געקומען צום פארשאַליעווען דעם בוידעם, האָט דעם שנייַדער ניט געסטייַעט קיין פאָדעם, און דער בוידעם איז געבליבן אָפן, ניט פארשאַליעוועט. איז אמאָל געוואָרן א שטארקער שטורעמווינט, אזוי ווי אין פאָסעק איִעוו שטייט געשריבן, און עס האָט אראָפּגעריסן דעם דאך. איז עס ווינציק, איז אים נאָך צוגעקומען דער אומגליק מיט זיידלען.

זיידל איז געווען באם שנייַדער אַן איין־איינציקער, ווי איין אויג אין קאָפּ. דער שנייַדער האָט געהאָפט אָף גרויס נאכעס. ווייַל זיידל איז געווען א שיינער און א בענימעסדיקער, מיט א גוט קעפל, גוט געלערנט, שיין געשריבן, גוט גערעכנט — א געראָטן קינד. מאכט זיך איינמאָל, אין כוידעש אָוו, בעשאס די גרויסע היצן, גייט זיך זיידל צום פרוט זיך באָדן. איז ער זיך מעיאשעוו און ווערט דאָרטן באם פרוט מעשוגע. אָבער מעשוגע וואָס מעשוגע הייסט. ער טוט כאָלילע קיינעם קיין שלעכטס, מע הערט ניט קיין מיִעס וואָרט פון אים, נאָר וואָס דען? ער מישט כא־זאָנעס, ניגונים מיט וואָלעכישע לידער, גייט איבער די גאסן און זינגט. קומט אים אנטקעגן הערשל, זינגט מען איניינעם. געווען א גרויס ראכמאָנעס צוצוקוקן. וואָס זאָל ער טאָן, דער שנייַדער? דער דאָקטער האָט געהייסן אים אָפּפירן קיין קעשענעוו אין שפּיטאָל... דעם שיינעם שפּיטאָל. זיידלען האָט מען ניט באדארפט בינדן, ער האָט שטיל געפאָלגט. און פון קעשענעוו האָט מען אים צוריק געבראַכט א שטילן. ער זינגט שוין ניט, נאָר ער שווייַגט. האָט דער פאָטער שוין געזען, אז קיין גרויס נאכעס וועט ער ניט האָבן, און אים גענומען צו דער מעלאָכע. זיידל ארבעט און שווייַגט. ביז עס קומט אים אָן, גייט ער אוועק פון שטוב, זוכט אויס הערשלען. יענער, הערשל, זינגט, זיידל הערט און שווייַגט.

איצט קאָנען מיר זיך אומקערן צו אונדזער הויפּט־העלד, צו מאָטיען.

ווו איז ער אהינגעקומען, מאָטיע? אין יענעם פרייַטיק אינדערפרי, ווען זעליק דער רענדאר און זייַן ווייַב האָבן א געשריי געטאָן: מאָטיע! — איז מאָטיע אוועק אין באָד אריַין.

וועגן דער באָד וואָלט אויך קעדיי געווען צו דערציילן. וואָרעם אז פון א גרויסן ייִדישן ייִשעוו, קימאט א שטאָט, מיט איבער טויזנט, אָדער טאקע צוועלף הונדערט מישפּאָכעס, מיט אזויפיל שטיבער בלייַבט גאנץ נאָר די באָד... זי, די באָד, איז בעשאס דעם כורבן געווען שוין גאָר אַן אנדערע, איידער אין דער צייַט, ווען מאָטיע האָט זיך דאָרט באזעצט. מאכמעס נאָך דער גרויסער סרייפע, ווען די שטאָט איז זיך שוין געהאַט צעוואקסן אזוי, אז דער בעסוילעם איז שוין געוואָרן אין טכום פון דער שטאָט, און די מייסים, רוען זאָלן זיי, זייַנען ארומגערינגלט געוואָרן פון די לעבעדיקע, און שוין ניט מיט קלייטלעך, נאָר מיט סעדער און גערטנער, ווייַל באזעצט דאָרטן האָבן זיך אמיינסטן ייִדן, צוגעקומענע פון די דערפער, — די שטאָט האָט שוין פארמאָגט א היפשע צאָל אינטעליגענציע און אפילע דער פּראָסטער אוילעם איז שוין געווען אַן אנדערער. און דאָס באוויַזט, אז ער איז געווען גערעכט, דער אמאָליקער גריכישער כאָכעם, אז גאָרניט שטייט ניט אָף איין אָרט, אלצדינג פליסט. נו, האָט זיך די שטאָט אופגעבויט שענער און די באָד האָט מען אופגעבויט אנדערש. כוץ דעם שוויץ און די איבעריקע זאכן, וואָס מענער און ווייַבער האָבן באדארפט, זייַנען אויך שוין געווען וואנעס מיט קאַלטן און הייסן וואסער. עפשער זייַנען זיי איצט אויך דאָ, ווייַל די באָד איז געבליבן...

אָבער צו יענער צייַט איז געווען א סאך יאָרן פאר דער גרויסער סרייפע, און די גרויסע סרייפע אליין — א סאך יאָרן פארן כורבן. די שטאָט איז געווען א סאך קלענער און דער בעסוילעם — אויסער דער שטאָט, און די באָד — אַן אלטע באָד, אזוי ווי זי איז באשריבן בא אונדזער גרויסן זיידן מענדעלע זיכרוינוי־ליוורָאכע. און מאָטיע איז אוועק צו דער באָד. ער איז אריַין אין דעם טייל, ווו מע הייצט די באָד, און, ניט פרעגנדיק, ניט ריידנדיק, זיך גענומען

טראָגן האָלץ און אונטערוואַרפן. זיך אוועקגעשטעלט אין דרויסן אויפן געשטעל באַם ברונעם, געצויגן עמערס וואַסער און געגאָסן אין דער רינווע, וואָס האָט געפירט דאָס וואַסער אין באָד אַרײַן. דער בעדער האָט געקוקט מיט כידעש. ווער איז דער פּאַרשוין? אָבער ניט קיין נאַרישער מענטש, האָט ער געזען, אַז גאָט האָט אים צוגעשיקט אַן אַרבעטער, וואָס וועט אַרבעטן כינאָם, האָט ער אים געלאָזט טאָן. און אַז דער פון זײַן ליבן נאָמען צוגעשיקטער האָט נאָך דער אַרבעט אַ זאָג געטאָן: ברויט... — האָט ער אים געגעבן אַ ברויט. און אַז יענער האָט נאָך געזאָגט: צום... — האָט ער אים געגעבן אַ ציבעלע. מאָטיע האָט מער גאָרניט געמאָנט, און אַזוי איז ער פאַרבליבן אין באָד.

פרײַטיק־צונאַכטס נאָכן עסן און פאַרן באַלייגן זיך האָבן באַלעבאַטים איבערגעשמועסט מיט זייערע ווײַבער וועגן דעם פרעמדן פּאַרשוין און געפּאַסקנט: אַ מעשוגענער, נעבעך. די ווײַבער האָבן צוגעשפּראָכן: באַהיט זאָל מען ווערן. און איינע אַ קלוגע ייִדענע האָט געלאַכט: צוגעקומען נאָך איין מעשוגענער.

אָבער זעליק און זײַן ווײַב האָבן זיך קיין אייצע ניט געקאָנט געבן, וואָס צו טאָן, ווײַל טאָן דאַרף מען עפּעס, מע דאַרף ראַטעווען אַ ייִדישע טאָכטער. אָבער גיי טו, עס איז אַן איידעלע זאַך, מע מוז עס האַלטן בעסאָד, ווײַל מאָטיע קאָן ווידער פאַרשווונדן ווערן. און אינדערווײַל איז מען טאָרוד מיט דײַגעס־פּאַרנאָסע.

האָט זיך געמאַכט, מאָטיע איז, ווי פלעגן זאָגן כסידים, ניסגאָלע געוואָרן. און טאַקע דורך זעליקן. ס׳הייסט — ניט דורך זעליקן, נאָר דורך זעליקס אַ זייגער. אַ זייגער, מישטיינסגעזאָגט, קיין שום זייגערמאַכער האָט אים שוין ניט געוואָלט נעמען אין די הענט אַרײַן, אים מעיאַעש געווען. טרעפט זיך איינמאָל אין אַ דאָנערשטיק, אין טאָג פון יאַריד, ווען זעליק איז געווען שטאַרק טאָרוד אין זײַן טוווע־מיסכער און זײַן ווײַב אין צוגרייטן דעם שאַבעס, לויפט אַרײַן מאָטיע...

ווײַזן ווײַזט אויס, אַז עס האָט אים צו דער שטוב געצויגן. ווײַל פאַרוואָס האָט ער זיך פּונקט פאַר דער שטוב אָפּגעשטעלט אין יענעם פרײַטיק אינדערפרי, ווען ער איז צום ערשטן מאָל אַראָפּגעפאַלן אין דער שטאָט אַרײַן! אַזוי אויך דאָס מאָל מיטן זייגער. ער איז אַרײַן אין שטוב, אָן אַ גוט־מאָרגן, אָן גאָרניט, ווי אַ ווינטער אַדורך דורך דער קיך, די זעליטשקע האָט אַפילע ניט באַוויזן זיך אומצוקוקן, ווער עס איז אַרײַנגעקומען. פון קיך — אין דער גרויסער שטוב, גענומען זיך אַרומקוקן, דערזען דעם זייגער דעם קאַליקע אויפן געזימס. אים אַראָפּגענומען, אוועקגעשטעלט אויפן טיש, אַליין זיך אוועקגעזעצט, אַרויסגענומען פון קעשענע אַ מעסערל מיט אַ סאַך קליינגלעך און גענומען זיך באַברען אין זייגערס געדערים. די זעליטשקע האָט דערזען, האָט זי גאָרניט געזאָגט, נאָר אַרויסגעגאַנגען אויף דער הינטערשטער טיר צו זעליקן אין שפּײַלער, אים דערציילט. יענער איז אָבער געווען שטאַרק טאָרוד, האָט ער נאָר אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: זאָל ער. דאָס גליק איז געווען, וואָס ס׳איז געווען אַ מאַרק־טאָג, ייִדן און ווײַבער טאָרוד מיט פּאַרנאָסע. אַנדערש וואָלט מען זיך מיסטאָמע צונויפגעלאָפן.

מאָטיע זיצט און אַרבעט מיט די מעסערלעך, דער ברייטער שטערן ווערט באַדעקט מיט שווייס, די גרויסע שוואַרצע אויגן שטאַרק אָנגעשטרענגט. כאָטש עס איז געווען אַ מאַרק־טאָג, דאָך אַ פּאָר שכיינים, וואָס האָבן צוליב עפּעס באַדאַרפט צו זעליקן, זײַנען אַרײַנגעקומען און געבליבן פאַרכידעשט. די ניט־נאַרישע ייִדענע האָט די שכיינים אַרויסגעפּראַוועט. מאָטיע האָט אָפּגעהאָרעוועט שיינע עטלעכע שאָ, צונויפגעשטעלט דעם זייגער, צוריק אויפן געזימס. דער זייגער גייט. ער איז געזעסן און געשוויגן. האָט די ייִדענע דערלאַנגט ברויט מיט אַ האַנטעך. מאָטיע האָט זיך געוואַשן די הענט, זיך געזעצט צום טיש און, ווי צו זיך אַליין, אַ זאָג געטאָן: צום... און אַזוי־ווי דער צימעס מיט פּאַסאָליעס איז געווען פאַרטיק, האָט די זעליטשקע צוגעטראָגן אַ גרויסן טעלער פּאַסאָליעס. מאָטיע האָט אויפגעגעסן, געלאָזט אַ ריינעם טעלער און אוועקגעגאַנגען, אויך אַזוי אָן אַ וואָרט צו זאָגן. אָפּדערנאָכט זײַנען שכיינים געקומען אויף טשיקאַווע זען, וואָס מאָטיע האָט אָפּגעטאָן, און געבליבן דערשטוינט: דער זייגער, דער מעס, לעבט... ער גייט...

אַזוי איז מאָטיע ניסגאָלע געוואָרן, ווי אַ מעכאַשעף אַ זייגערמאַכער. און ווו ערגעץ אַ קאַליקע אַ זייגער, טשיפּערט מען אָפּ, ווען מאָטיע באַווײַזט זיך אין שטאָט. מע רופט אים אַרײַן, טאַקע ווײַזנדיק דעם זייגער. קיין געלט נעמט ער ניט. נאָר ברויט און צום. אָבער שטאַרק מעפורסעם איז ער געוואָרן איבער אַ ניי־מאַשין. דאָ מוזן מיר זיך אומקערן צום רויטן שנײַדער און זײַן זון זיידלען.

זיידל אַרבעט אינײנעם מיטן פאָטער. אַז עס קומט אָן די מאָרעשכוירע, גייט ער אַוועק. וווהין זאָל ער גיין? ער גייט צו הערשלען. זיצט באַ הערשלס ברודער דעם שוסטער. הערשל

זינגט, זאָגט גלײַכוועטלעך און דאפּקע קלוגע. דער ברודער הערשלס זיצט אפן ווארשטאט און ארבעט, הערט און טוט אמאָל א שמייכל. אָבער אז מאָטיע איז געוואָרן א טוישעוו, אין באָד, הייסט עס, האָבן הערשל און זיידל, ווען עס באפאלט אים די מאָרעשכוירע, זייער מיקלעט אין באָד בא מאָטיען. די באָד איז אין א זײַט פון שטאָטישן טארעראם. אינמיטן דער וואָך איז שטיל, האלב־טונקל. די בענק זײַנען טרוקן. עס איז ווארעם. זיצן זיי אינדרײַען. זיידל און מאָטיע שווײַגן, הערשל זינגט און פּלאפּלט. ווערט הערשלען נימעס זייער שווײַגן און ער ווערט אין קאס: וואָס שווײַגט איר? ענטפערט גראָד מאָטיע, דער גרעסטער שווײַגער: און וואָס מאכסטו מיט דײַן ריידן?.. שווײַגן שוין אלע דרײַ. טרעפט זיך (עס זאָל זיך אזוי ניט טרעפן, ווי עס טרעפט זיך, ווײַל וווהין גייט דער שלימאזל? — צום אָרעמאן), טרעפט זיך, באם רויטן שנײַדער ווערט קאליע די ניי־מאשין. און וואָס איז א שנײַדער אָן א מאשין? ווי אָן א האנט אָדער טאקע אָן ביידע. און דער שלאָסער איז פארלייגט מיט ארבעט. און טאקע, ניט אויסגערעדט זאָל עס זײַן, דער שנײַדער איז ניט געוועזן בעיעכוילעס, ווײַל גרויסע גערעטענישן מאכן זיך ניט אָפּט. נעמט זיידל, גייט אוועק צו מאָטיען און דערציילט. זאָגט ער ניט גאָרנישט, מאָטיע, נאָר ער נעמט מיט זיך עפּעס צווענגלעך, וואָס ער האָט שטענדיק געהאלטן בא זיך, גייט אוועק מיט זיידלען צו זײַן פּאָטער, האָרעוועט אָפּ עטלעכע שאָ, פּוצט אויס די מאשין ווי פון דער נײַ, די מאשין ארבעט, עס גייט ווי א מיזמער... נו, האָט שוין מאָטיע געהאט ארבעט אף ארבעט, וואָרעם אז א מענטש מאָגט ניט קיין געצאָלטס... נאָר ברויט און צום.

און מיטאמאָל האָט געטראָפן עפּעס, וואָס האָט אופגערודערט די גאנצע שטאָט. אין א טאָג איז צו זעליק דעם רענדאר פארפאָרן א ייִד. אן עלטערער מענטש, א קרעפטיק געבויטער, נאָר א שטערן אין סאמע קארבן און ווײַס ווי א טויב. פארנאכט צו מינכע האָט מען דעם ייִדן געזען מיט זעליקן אין קלויז. מענטשן האָבן אָפּגעגעבן שאָלעם. געוואָלט עפּעס אויסטאפּן, ווי עס פלעגט זיך פירן. דער ייִד אָבער שווײַגט, און זעליק טרײַבט אָפּ. האָט מען פארשטאנען, אז עפּעס איז דערבײַ. און דעם זעלבן אפדערנאכט האָט מען געזען דעם ייִדן מיט זעליקן ארײַנגיין צו רעב יאָסעלען, צום דאיען.

רעב יאָסעלע... אײַ, וואָלט מען אים באדארפט פארצייכענען. מיט וועמען אים פארגלײַכן? סײַדן מיט אונדזער גרויסן פּערעצעס רעב זוסיעלע. ווער עס האָט געלייגט, מוז געדענקען. איז טאקע א שאָד, וואָס די דאָרטיקע אינטעליגענטן, וועלכע האָבן זיך באצויגן צו אים מיט ליבשאפט, און אייניקע אפילע זײַנען געוואָרן באוווסט אין דער וועלט צווישן ייִדן און אויך ניט־ייִדן, — און עפּשער האָט אין דעם א כיילעק דאָס, וואָס זיי זײַנען געוועזן פון זײַנע טאלמידים און נאָענט אים געקענט, — איז, זאָגן מיר, א שאָד, וואָס זיי האָבן כאָטש אין זיכרוינעס ניט געשטעלט אים א שטיקל מאצייווע לעזיקאָרן. ער האָט עס פארדינט. קיין זון א פאבריקאנט, ווי פּערעצעס רעב זוסיעלע, און וואָס אונדזער גרויסער קלאסיקער שטעלט אים אוועק אלס קאָנטראסט צו רעב זוסיעלען (און קאָנטראסטן איז אין כאראקטער פון אונדזער קלאסיקערס שאפן), האָט רעב יאָסעלע ניט געלאָזט. ער איז, פאר קיין שום ייִדן געדאכט, געוועזן א כאסוך־באָנים, קיין קינדער ניט געהאט. דער איינציקער זייכער וועגן אים איז דער אויהעל, וואָס קאָהאָל האָט אופגעשטעלט אף זײַן אייביקער מאָקעם־מענוכע און איז אלפּינעס גאנץ געבליבן פון כורבן, די ווילדע כײַעס בעצוראס מענטש האָבן אים ניט געטשעפּעט. און טאקע א כידעש. אזוי אויך איז ער אליין מיטן לעבן אלפּינעס ניצל געוואָרן. א כוליגאן האָט איינמאָל באנאכט ארײַנגעשאָסן צו אים אין פענצטער, ניט געטראָפן, נאָר ארײַן אין דער שאפע מיט ספאָרים און צעלעכערט אייניקע ספאָרים...

איז לאָמיר דאָ כאָטש מיט עפּעס אים דערמאָנען. ער איז געוועזן א געבוירענער פון א שכיינעסדיקער שטאָט. א קינד פון אָרעמע שוסטערס לאַטוטניקעס. זײַנען אָבער צו יענער צײַט, ווען ער איז געוועזן א קינד, אין יענער שטאָט געוועזן ייִדן, גרויסע לאָמדים און מאסקילים, האָבן זיי געזען, אז אין דעם אָרעמען שוסטערס ייִנגל ליגט א בראָכע, א געבענטשט קינד, און מע האָט אים אוועקגעשיקט אין דער בארימטער יעשיווע אין וואָלאָזשין, וואָס אין דער ליטע. און אין יאָרן ארום איז ער צוריקגעקומען אן אויסגעצייכנטער מיט הארמאָנויס, אזוי ווי אין דער שוועסדיקער ליד אקדאָמעס שטייט. זײַנען אָבער פאר די יאָרן אופגעקומען אין יענער שטאָט גרויסע נעגידים, איז זיי ניט אָנגעשטאנען, אז דעם שוסטערס זון זאָל זײַן בא זיי ראָוו אָדער דאיען. האָבן זיך דערוווּסט וועגן אים די ייִדן פון דער שטאָט, וואָס גערופן האָט מען זיי כעלעמער, און די כעלעמער האָבן אים אראָפּגעבראכט צו זיך פאר א דאיען. און עס האָט זיך ארויסגעוויזן שפּעטער, אז די כעלעמער זײַנען קליגער פון יענע כאכאָמים. ווײַל כוץ דעם, וואָס רעב יאָסעלע איז געוועזן זייער א צוגעלאָזטער, ליב געהאט מענטשן, ניט געכאנפעט קיין נעגידים, איז ער מיט זײַן שארפער לאמדאָנעס באוווּסט געוואָרן אין גאָר גרויסע שטעט, און די שטאָט האָט געקראָגן אָנזען צוליב אים. און כאָטש פון נאטור זייער א באשיידענער, האָט ער

געקאָנט, ווו מע האָט באַדאַרפט, שטעלן אַף זיך. און דאָס איז געווען דעם פרעמדן ייִדנס גליק און נאָך מער, זײַן טאָכטערס, דער אגונעס...

אַז מע האָט זיך אין שטאָט דערוווּסט, אַז דער דאַיען רעב יאָסעלע האָט געהייסן רופן צו זיך מאָטיען, און אַז דער דאַיען האָט זיך אָפּגעשלאָסן מיט מאָטיען און געהאַט מיט אים אַ לאַנגן שמועס, האָט מען זיך שוין אָנגעשטויסן, אין וואָס עס גייט. און אַז דער אוילעם האָט דערשמעקט, אַז ווען מאָטיע האָט אַף אַלע זײַנע פראַגן געענטפערט מיט שווײַגן, און דער דאַיען האָט אים געהייסן אָנשרײַבן זײַנע ענטפערס און מאָטיע האָט געפאָלגט, איז מען שוין גאָר ניי־שטוימעם געוואָרן. און דערנאָך האָט מען זיך דערוווּסט, אַז דער דאַיען אַליין איז נישטוימעם געוואָרן פון מאָטיעס שרײַבן, אַז ער איז אַ קאַסווע־ראַבע. מעגלעך, אַז דאָס האָט מען שוין פון זיך צוגעגעבן, נאָר סײַווי, עס איז אַרויס ווי בוימל אַפן וואַסער, ווען מע האָט געזען ווי דער ראָוו פון דער אויעזדנע שטאָט איז געקומען צו פאָרן און פאַרפאָרן צום דאַיען און אַלע איינעם מיט דעם ייִדן און מיט זעליקן זײַנען אַוועק צום אָרטיקן ראָוו און טאַקע באַלד איז געקומען צו פאָרן דעם ייִדנס טאָכטער...

בעקיצער. מע האָט געפונען, אַז מאָטיע איז אַ באַרדאַס, און ער האָט געגעבן אַ געט. דער אַלטער ייִד איז אַוועקגעפאָרן איינעם מיט דער טאָכטער. וואָס די פרוי האָט פאַראַרבעט, ווי זי האָט געוויינט בעשאַסן געזעגענען זיך מיט זעליקס ווײַב, וועגן דעם פאַרשפּאָרט מען צו דערציילן.

אין שטאָט האָט מען נאָך אַ לאַנגע צײַט גערעדט דערפון. עפּעס איז מען דאָך געוואָר געוואָרן, און דעהײַנע: אַז דער פרעמדער ייִד, דער זעליטשקעס אַ קאָרעוו, פאַכטעט קאָל־יאַמאָוו אַ מיל בא אַ פאָרעץ ערגעץ אין פּאָדאָליע. מאָטיע איז געווען זײַן איידעם און דער מילנער. גאָט און לײַט האָבן מעקאַנע געווען. האָט זיך געמאַכט עפּעס אַ מײַסע מיט אַ פּריצע. מאָטיע, הייסט עס, האָט געהאַלטן בא אויסבײַטן דאָס רענדל, נאָר זיך באַצײַטנס באַרעכנט און פאַרשווונדן: זוך דעם ווינט אין פעלד. דאָס ווײַבל מיט צוויי קינדער אַן אַגונע. ביז זעליק האָט אים אַנטדעקט, ווי מיר האָבן דערציילט.

און מאָטיע? מאָטיע איז אינגאַנצן אַראָפּגעפאַלן. עס טרעפט, אינמיטן פאַריכטן אַ זייגער צי אַ מאַשין לאָזט ער פלוצעם די אַרבעט: גיי זוך אים. און אין איינעם אַ טאָג איז ער פאַר־שווונדן, ניטאָ מאָטיע. ווו קאָן ער זײַן? וועמען קאָן מען פרעגן? מע פרעגט הערשלען. ענטפערט הערשל קעהײַ לישנע: האַשוימער מאָטיע אָנויכי? לאַכט מען און מע כידעשט זיך: אַן ענטפער פון אַ מעשוגענעם! איז עס פאַרבליבן אין דער שטאָט אַזוי לאַנג די שטאָט איז געווען אַ שטאָט: אָנשטאָט צו ענטפערן בא אַזאַ געלעגנהײַט לויט דעם געוווינטן האַשוימער אָכי אָנויכי, פלעגט מען ענטפערן: האַשוימער מאָטיע אָנויכי?..

און מאָטיע? מיילע, יעדערער האָט זיך זײַנע דײַגעס. די צײַט גייט. טוט זיך אַמאָל אַ מענטש אַ דערמאָן: ווּהין האָט ער געקאָנט אַהינקומען? ענטפערט מען מיט אַ מאַך מיט דער האַנט: ווייסיך... און אינעמעסן, וועמען האָט ער געפעלט? סײַדן עפּשער הערשלען. אינדער־ווײַל איז געוואָרן אַ מילכאָמע. און עס זײַנען אַרײַנגעקומען רומענער. און אַז זיי זײַנען אַרײַנגעקומען, האָט מען גענומען כאַפּן ייִדן און שמײַסן. האָט מען אויך געכאַפּט הערשלען און אָפּגעשמיסן. איז הערשל אויך ערגעץ אַוועק. וועמען ליגט איצט אין זינען איינער אַ מאָטיע?

טרעפט זיך אַ מײַסע, אַ באַלעגאָלע פון דער שטאָט קערט זיך אום מיט פאַרשוינען פון דער אויעזדנע שטאָט. עס איז געווען דאָנערשטיק, און ער האָט געוואָלט אָנציִען פרײַטיק באַצײַטנס אַהיים צו באַווײַזן אין שוויץ אַרײַן, איז אָבער אַ גרויסע בלאָטע. איז ער זיך מעיאַשעוו און נייגט אָפּ פון געוויינלעכן שליאַך, ווו עס איז קיין דערפער אין וועג ניט געווען, ער נעמט זיך אין אַ זײַט, לייגט אָן אַ ביסל וועג. און דעריקער, ער וועט בלײַבן נעכטיקן אין אַ דאָרף, און מיטן טאָג גלײַך זיך לאָזן מיט אויסגערוטע פערד אַהיים. ערגעץ אין אַ מין דריטל טייל פון וועג אויסערן דאָרף איז געווען אַ מיל. די מיל האָט געהערט צו אַ פאַרמעגלעכן פּויער. דער פּויער האָט געוווינט אין דאָרף, נאָר די מיל איז געווען אויסערן דאָרף, באַם שליאַך. דער באַלעגאָלע האָט געקענט דעם פּויער, וועט ער אים בעטן, ער זאָל לאָזן די פאַרשוינען, געווען ווײַבער מיט קינדער, איבערנעכטיקן אין מיל. אַזוי איז געשען. דער באַלעגאָלע האָט נאָך צו רעכטער צײַט אָנגעצויגן צו דער מיל. דער פּויער האָט דערלויבט די פרויען און קינדער איבערנעכטיקן אין מיל און אַליין אַהיימגעגאַנגען אין דאָרף אַרײַן. דער באַלעגאָלע האָט אָנגעפּאָיעט די פערד באַם ברונעם לעבן דער מיל, באַשטאַט דאָס געשפּאַן און אויך אַרײַנגעגאַנגען אין מיל אַרײַן. אינווייניק, אין מיל, ברענט אַ געוויינלעכער לאָמטערן, אָבער אַ באַלעגאָלע מוז האָבן ליכטיקע אויגן, זעט ער, עפּעס אַ מענטש, אינגאַנצן אַ פאַרמעליקטער, שמײַעט אַרום, אָט דאָ, אָט דאָרטן, און עפּעס האַלט ער זיך אין אַ זײַט. איז דאָך אָבער אַ באַלעגאָלע אַ מענטש אַ

געפֿאָרענער, דרייט ער זיך שוין אַליין אַזוי, אַז ער זאָל עפּעס אָנכאַפּן אַ פֿאָדעם, ווײַל דער פֿאַרשווין, כאָטש אײַנגעטונקען אין מעל, האָט אים אויסגעוויזן קענטלעך. און ער האָט אָנגע־טאַפּט... ס'איז מאָטיע. אינדערפֿרי, באַם געזעגענען זיך מיטן באַלעבאָס, טוט דער באַלעגאָלע אַזוי זיך טאַמעוואַטע אַ פֿרעג: ווער איז דער מענטש, וואָס באַלעבאַטעוועט באַ דיר אין מיל? ענטפֿערט דער פֿויער מיט גאַדלעס: מײַן מילנער. אָדער מײַן מאַשיניסט. עפּעס אַזוי. פֿרײַטיק אין באָד, האָט שוין שאַמעס, אַזוי, הייסט עס, האָט מען גערופֿן דעם באַלעגאָלע, דערציילט: מאָטיע? מאָטיע איז אַ מילנער אין אַ מיל אין גרויס־טשערלענע. און שאַבעס האָט שוין גערעדט דערפֿון קינד־און־קייט. און עס איז ניט אַוועק קיין סך צײַט — מאָטיע איז צוריק אין שטאָט, אין באָד.

ער איז געקומען אין אַ פּאָר נײַע יוכטענע שטיוול, אַ וואַרעם פּעלצל, אַ קוטשמע. דער בעדער האָט זיך דערפֿרייט מיט אים — אַן אומזיסטיקער אַרבעטאַרער. די שטאָט האָט אים באַקרעכצט: אַ פֿאַרלוירענער מענטש. אַנדערע האָבן געזאָגט: עס ציט אים דאָך צווישן ייִדן. און מאָטיע, ער איז געוואָרן אַלץ נאַכגעלאָזטער, קיינער געטרויט אים שוין ניט צו פֿאַרריכטן אַ זייגער, פֿון אַ מאַשין איז אָפּגערעדט. און דאָ איז אים צוגעפֿאַלן אַ נײַע מעשוגאַס: הינט.

מאָטיע איז געוואָרן דער שפּײַזער פֿון אַלע היימלאָזע הינט. ער שעמט זיך שוין ניט, ווי פֿריִער, גייט אום און בעטלט: ברויט. אַ כאָפּטע הינט פֿון אַלערליי גרייס און קאָלירן באַגלייטן אים אין שטאָט, זיי נעכטיקן אַרום דער באָד, וואַרטן אויף זייער שפּײַזער. אינדערפֿרי, ער קומט אַרויס, רינגלען זיי אים אַרום, קוקן מיט כניפּע אָדער מיט רוגזע. און ער לאָזט זיך מיט זיי איבער דער שטאָט. די הינט טשעפּען ניט קיינעם, נאָר דאָך אַ מוירע פֿאַלט. באַזונדערס אויף די ווײַבער. אָבער פֿאַרטרײַבן מאָטיען פֿון דער באָד האָט קיינער ניט דאָס האַרץ. און ווער ווייסט, צו וואָס עס וואָלט געווען דערגאַנגען, ווען ניט...

נאָר דאָ איז געשען עפּעס, וואָס וואָלט קיינעם ניט געקומען אין קאָפּ אַרײַן, סײַדן אַ שרײַ־בער אַן אויסטראַכטער. בעעמעס קעדײַ צו הערן, וואָס עס קאָן זיך פֿאַרלויפֿן, און טאַקע איבער אַ הונט.

אינײנעם מיט מאָטיען האָט אין דער מיל געדינט אַ פֿויער אַן אונטערמילנער. מאַכט זיך, דער פֿויער דאַרף בײַטן אַ פֿערד. נעענטער איז אים געווען אַן אַנדער שטאָט, נאָר ער איז דאַפֿקע געפֿאָרן אין אָט דער שטאָט אַרײַן. נעמט זיך אים נאָך זײַן הונט, און ניט אָפּצוטרײַבן. עס האָט זיך געמאַכט אַ גרויסער מאַרק, דער הונט האָט זיך אָפּגעשלאָגן פֿון באַלעבאָס. ניטאָ. פֿאָרט דער פֿויער אַהיים אָן אים. עס איז אים אָבער אַ שאָד געווען דער הונט. פֿאָרט ער ווידער אין שטאָט אַרײַן מיטן געדאַנק, עפּשער האָט ער זיך צוגעשלאָגן צו זײַנע זנאַקאָמי. ער קומט אין שטאָט, הייבט אָן פֿרעגן, ראָט מען אים, ער זאָל גיין צו דער באָד. און טאַקע, געקומען אַהין און גע־טראָפֿן זײַן אוויידע און מאָטיען. און דאָס, וואָס קיינער האָט ניט געקאָנט אויפֿטאָן, האָט אויפֿגעטאָן דער פֿויער, פֿאַרנומען מאָטיען צוריק אין דאָרף אַרײַן.

דאָס מאָל איז די שטאָט געווען צופֿרידן. געפּאַטערט און אַן עק. עפּעס פֿלעגן אַמאָל יאָ דערגיין ידיִעס. לעמאָשל, אַז מאָטיע איז גאָר געוואָרן אַ לײַט, ער איז פֿאַלנע באַלעבאָס איבער דער מיל. אײַנגעפֿירט זיפּן און לאָזט אַרויס געבײַטלט מעל. אַז ער האָט אײַנגעפֿירט עלעקטריש ליכט. און גאָר ניסאָלע געוואָרן אין פֿערציקסטן יאָר, בעשאַס בעסאַראַביִע איז באַפֿרײַט גע־וואָרן. מיר קאָנען דעריבער גאַראַנטיט זאָגן, ווײַל מיר זײַנען געווען ווײַט פֿון יענעם אָרט. באַוווסט איז אונדז נאָר דאָס, וואָס דער זאָקן־מופֿלעג האָט אונדז דערציילט, און מיר ווילן גלייבן, אַז ער האָט ניט געהאַט קיין טאָעס, אַז עס איז טאַקע געווען מאָטיע...

און טאַקע דערפֿאַר האָבן מיר געזאָגט באַם אָנהייב, אַז מיר וואָלטן די געשיכטע אָנגערופֿן מעאַגאָדעס־האַכורבן, ווײַל עס האָט שוין צו טאָן מיטן כורבן, וואָס די דײַטשישע אויבערמענטשן האָבן אונדז געבראַכט.

האָט ער דערציילט, דער זאָקן, דאָס, וואָס עס איז שוין באַוווסט, ווי מע האָט די ייִדן פֿון יענער שטאָט, אַזוי ווי ייִדן פֿון אַנדערע שטעט, געטריבן קריסטרוי קיין טראַנסניסטריע, אַנאָשים וועניאָשים וועטייף[1], אויך קימפּעטאָרנס. און אויב ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, זאָל ער צאָלן די ראָצכים. איז אַ שטאָט מיט ייִדן געגאַנגען באַגלייט פֿון ראָצכים, סײַ אין מיליטערישער פֿאָרם, סײַ ציוויל, באַוואָפֿנט מיט שטעקנס. די היץ איז געווען מוירעדיק. מע האָט אָנגעצויגן צו דער מיל, וועגן וועלכער מיר האָבן דערמאָנט. די ראָצכים באַוואַשן זיך, גיסן אומישנע אויס גאַנצע עמערס וואַסער, קעדיי צו רייצן זיך מיט זייערע קאָרבאָנעס, נאָר צולאָזן צום ברונעם לאָזט מען ניט. קינדער כאַלעשן אַ ביסל וואַסער. די מאַמעס מיט די טאַטעס רײַסט זיך דאָס האַרץ אויף, די ראָצכים מאַכן כויזעק. וויִאַזוי קאָנען מענטשן דערגיין צו אַזאַ רעציכע? עס איז

---

1 מאַנצבלען, פֿרויען און זויג־קינדער.

א פאַקט. דריי דעם פּאָסעק אַהין, דריי דעם פּאָסעק אַהער, זאָל דרייען וועמען עס גלוסט זיך, דער שרײַבער פון די שורעס וויל ניט זײַן קיין שותּף צו די פּסוקים־דרייער. בקיצור. א שטאָט מיט מענטשן, צווישן זיי זויג־קינדער, כאַלעשן א טרונק, שטייען בא א ברונעם, און עפּעס באַשעפּענישן, וואָס זײַנען אויסערלעך ענלעך אַף מענטשן, מאַכן פון זיי כויזעק און גיסן סטאַם וואַסער אַף דער ערד. דערציילט דער זאָקן, אַז פּלוצעם קומט אַרויס פון מיל אַן אַלטער פּויער מיט א קאַראָמיסלע און צוויי עמער. ער גייט צום ברונעם, שעפּט אָן וואַסער און וויל געבן די מענטשן טרינקען, רײַסט אויס א רעצייעך די עמער און גיסט זיי אויס. זײַנען שוין אייניקע יונגעלײַט פון די געפאַנגענע צו און גענומען זיך שלאָגן. די ראָצכים האָבן גענומען שיסן. פינף קאָרבאָנעס זײַנען געפאַלן, די יעלאָלעס אַד לייוו האַשאָמאַיִם. דאָס דאָרף איז אַרויס. האָבן זיך די ראָצכים דערשראָקן און געלאָזט צום וואַסער. פון די האַרוגים האָט איינער געהייסן מוישע־דאָוויד, איינער מאָרדכע־שאָלעם, די אַנדערע נעמען געדענק איך ניט. און דער אַלטער פּויער? לויט ווי דער זאָקן האָט געזאָגט, איז עס געווען מאָטיע.

האָב איך די געשיכטע פאַרשריבן לעזיקאָרן. און ווײַל עס געפינט זיך שוין אַזאַ סאָרט שיינע־ייִדן, וועלכע זאָגן, אַז עס גייט זיי ניט אָן, און זאָגן טוען זיי אַף דעם לאָשן פון די נעוויִים, זאָג איך זיי: מיט אַזעלכע, ווי איר, ווילן מיר זיך ניט אָנקערן, און מיט די נעוויִים קערט איר אײַך ניט אָן, איר פאַרשוועכט זיי נאָר. זיי זײַנען דעם פאָלקס, און איר האָט ניט קיין פאָלק.

כראָניק

א נײַע שטעלונג פון „דער קישעפמאַכערן“

דער מאָסקווער ייִדישער דראַמאַטישער אַנסאַמבל האָט צוגעגרייט א נײַע שטעלונג פון אַווראָם גאָלדפאַדענס באַרימטער פּיעסע „די קישעפמאַכערן“ („קאָלדוניע“). די רעזשיסערן פונעם ספּעקטאַקל זײַנען דער פאַרדינסטפולער קונסט־טוער יויסעף סלוצקער און דער פאַרדינסטפולער אַרטיסט פון דער רעפּובליק בינישאָמין שוואַרצער. ב. שוואַרצער פּילט אויס די הויפּט־ראָל. מוזיק פאַרן ספּעקטאַקל האָט אָנגעשריבן דער פאָלקס־אַרטיסט פון דער רעפּובליק לייב פּולווער.

אין קולטור־הויז פון דעם מאָסקווער זאַוואָד „קאַליבער“ איז פאָרגעקומען דער געזעלשאַפטלעכער דורכקוק פון דער נײַער פאָרשטעלונג.

געווידמעט שמועל האַלקינען

אין צענטראַלן ליטעראַטן־הויז איז פאָרגעקומען אַן אָוונט, געווידמעט דעם 70־טן געבורטסטאָג פון שמועל האַלקין. אין נאָמען פון דער פאַרוואַלטונג פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד פון פּססר האָט דעם אָוונט געעפנט קאָנסטאַנטין סימאָנאָוו.

מיט ווערטער וועגן ש. האַלקינען זײַנען אַרויסגעטראָטן שרײַבער און איבערזעצער פון ש. האַלקינס ווערק.

דער אָוונט האָט זיך פאַרענדיקט מיט א גרויסן קינסטלערישן טייל.

אין פאָיע פון ליטעראַטן־הויז איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן אַן אויסשטעלונג פון שמועל האַלקינס ביכער.

מ ײ ע ר כ א ר א ץ

שטײגעריש

מאָשלאַרטיק

אויב איר קומט אַמאָל קײן טשערנאָוויץ צו פֿאָרן,
זײַט אַ באַלן, הײבט זיך אויף דאָרט אױפֿן פֿערטן גאָרן,
אַף טשאַגאָרסקע, אַכציק זיבן, פֿערצנטע קוואַרטיר,
קלינגט דאָרט אָן, איר וואַרט ניט לאַנג, מע עפֿנט אײַך די טיר.
קוקט אײַך אײַן דאָרט אין דער גלאָז, וואָס מע שטעלט אײַך אױפֿן טיש,
ס'האָבן זיך אין איר געטראָפֿן און זיך אויסגעמישט
צוויי־דרײַ שטיקלעך צוקער פֿון האַוואַנאַ,
און אַ לעפֿעלע קאַקאַאָ אַזש פֿון גהאַנאַ,
מיט דער פֿרישער מילעך, וואָס געבראַכט
פֿונעם דאָרף טשאַגאָר, אַזײגער אַכט.
מ'האָט געקאָכט זי אױפֿן גאַז, וואָס קומט אַהער
דורך אַ לאַנגער ווערסטנלאַנגער רער, —
טרינקט געזונטערהײט! וואָס האָט איר זיך פֿאַרקלערט?

איך בין דער וועקזײגער

איך בין דער וועקזײגער, וואָס וועקט די קינדער אַף צו גײן אין שול.
איך בין דער וועקזײגער, וואָס וועקט פֿאַרטאָג די פֿרוי צום מאַרק, צום קויש,
און אַלע אויפֿגעוועקטע אין מײַן הויז גײען אום מיט רוגזע פֿול,
און ס'הערשט פֿאַרטאָג בײַ מיר אין הויז אַ בײזער רויש.
און אַלע טײַנען, אַז איך וועק ניט אײדל זײ, צו שאַרף,
און אויך צו פֿרי מיט גאַנצע דרײַ מינוט אין שול, אין מאַרק אַרײַן,
און איך אַלײן פֿאַרשפּעטיק שטענדיק, ווו איך דאַרף,
עס וועט פֿון מיר, ווײַזט אויס, קײן גוטער זײגער שוין ניט זײַן.

אַ דינינקער שנײ

אַ דינינקער שנײ אױפֿן גלאַטן אַספֿאַלט,
מיר גײען מיט קורצינקע טריט,
מײַן ווײַבל איז יונג, און מײַן מאַמע איז אַלט,
און איך — צווישן זײ אין דער מיט.

מײַן ווײַבל, זי טוט זיך אַ גליטש און אַ קוויטש,
מײַן מאַמע אַ פֿאַל און אַ קרעכץ,
און איך אינדערמיטן פֿון פֿאַל און פֿון גליטש,
אינמיטן פֿון לינקס און פֿון רעכטס.

מײַן ווײַבל, זי טוט מיך אַ שלעפּ און אַ דרײ,
צעלאַכט זיך אַזוי ווי די זון,
מײַן מאַמע הײבט אויף זיך אַלײן פֿונעם שנײ
און לאָזט מיך ניט פֿאַלן — דעם זון.

מײַן ווײַבל, זי שטעלט מיר אונטער אַ פֿוס,
איך פֿיל, אַז איך ברעך רוק־און־לענד,
מײַן מאַמע, זי הײבט מיך אויף, און איך קוש
מײַן... ווײַבל אין קאָפּ, אין די הענט.

אַ דינינקער שנײ אױפֿן גלאַטן אַספֿאַלט,
מיר גײען מיט קורצינקע טריט.
מײַן ווײַבל איז יונג, און מײַן מאַמע איז אַלט,
און איך צווישן זײ אין דער מיט.

דער געט

זעץ זיך אוועק אַף מײַן בעט,
אויב דיר ווילט זיך מיך הערן,
אויב דיר ווילט זיך א געט,
שרײַב אָן א מעלדונג די שטערן.

שרײַב דער לֿעוואָנע און שיק
אָפּ די מעלדונג מיט אָקסן,
ביז די פּאָטשט קומט צוריק,
קאָך אָפּ א יויך מיט לאָקשן.

באַק אָפּ א בעקן געבעקס,
באַק אָפּ א לֿעקעך א דיקן,
שנײַד אָפּ א שטיקל, אָן עקסט,
שנײַד אָפּ א מיטלסט שטיקל.

זיד אוף א טשײַניק מיט טיי,
אײַנגעמאַכטס שטעל און מאַראַנצן,
גיס אָן די גלעזער די צוויי,
זאָלן די גלעזער גלאַנצן.

לאָמיר דעם געט אָן געסט
פּראַווען, אָן פרײַנט, אָן קרוֹיווים,
גיב מיר א רויִקע נעסט
מיט א וואַרעמען אויוון.

לאָמיר זיצן אַזוי
ביז אין דער טיפער עלטער,
דו — מײַן געוועזענע פרוי,
איך, וואָס געווען דײַן באַשערטער.

עפּשער באַם סאָף פון די טעג,
אין דער שאָ אין דער לֿעצטער,
וועלן צוריק פונעם וועג
קומען די אָקסן צום פענצטער.

קומען און ברענגען א בריוו
ביז צו דער שײַן פון לֿעמפּל,
מיט די שטערנדלעכס שריפט,
מיט דער לֿעוואָנעס שטעמפּל.

אויסשפּאַנען איך קען די שטאָט

אויסשפּאַנען איך קען די שטאָט פון איין עק ביזן צווייטן,
קום איך אָבער צו דײַן שוועל, פיל איך שווערע קייטן
אַף די פיס, און כ׳פיל, איך קען די שוועל ניט איבערטרעטן,
כ׳טראָג נאָך אין מײַן בלוט אַרום דאָס ווילדע קלײנע שטעטל.

אין דײַן הויז איז שטאָטיש שיין, דו ביסט אַזוי שטאָטיש איידל,
שמייכלסט, ווי די זונענשײַן אַף דײַן אָפּגעצויגן קליידל,
דו ביסט שיין, און איך בין ווילד, פול מיט בושע, ווי א שאָטן
פון א בוים, אין טיפן וואַלד פון די כײַעס אויסגעטראָטן.

ווי א מיידל פון א צירק גייסטו. דײַנע אויגן גלאַנצן,
און דו פירסט מיך, ווי א בער, וואָס ער קען נאָך גאָר ניט טאַנצן,
שטעלסט מיך פאָר פאַר דײַנע געסט, פרײַע לעפל־גאָפּל־עסער,
מײַנע קרומע אויגן שווינדלען, ווי אָן אַלט קאַווקאַזער מעסער.

דײַנע געסט צעגייען זיך. ס׳איז מיר שווער מיט דיר צו בלײַבן,
גרינגער וואָלט מיר איצט געווען דיר א ליבע־ליד צו שרײַבן.
אין מײַן צימערל אַליין, וווּ עס הענגען אַלטע בילדער
פון מײַן שטעטל, פון מײַן היים, פון דער הינטערגאַס דער ווילדער.

לייגסט אַרוף אַף מיר דײַן האַנט, קוקסט אַרײַן מיר אין די אויגן,
און דײַן קלײנע האַנט איז שווער, גלײַך זי וואָלט א טאָן געוואויגן,
גרינגער וואָלט א קאַסטן אײַזן איצט געווען פאַר מײַנע פּלייצעס,
בייס דו לערנסט מיך באָן־טאָן און דו גיסט מיר קלוגע אייצעס.

פון דײַן קערפּער שטראָמט א כוואַליע מיט די וואַרעמסטע פּאַרפומען,
אויסגעגאָסן אַף דײַן קישן, איידער נאָך איך בין געקומען,
אָנגעשיקערט פון די רייכעס, דרייט זיך מיר דער קאָפּ דער שווערער,
און איך שטעל זיך אַף די קניִעס, ווי א טאַלמיד פאַר זײַן לערער.

און איך בעט בא דיר מעכילע, וואָס איך האָב צו דיר פאַרשפּעטיקט
אַף אַזויפיל לאַנגע יאָרן און איך האָב זיך אָנגעזעטיקט
מיט די שווייסן פונעם שטעטל, ניט געוווּסט דיך, וווּ צו זוכן,
און געקומען א פאַרגרעבטער צו די איידלסטע גערוכן.

און דו, מײַן גאָלד

און דו, מײַן גאָלד, מײַן לעמעלע,
מײַן גאָלדן לעמעלע, מײַן קינד,
דו קעמסט זיך מיט א גאָלדן קעמעלע
און לאָזסט די האָר ניט פליִען אפן ווינט.

און דו, מײַן קינד, מײַן ברעקעלע,
מײַן טײַער אויצערל מײַן זיס,
דו שלעפּסט ארוף די דינע זעקעלעך
אף דײַנע קליינע שיינע פיס.

דו שנורעוועסט די שיכעלעך
די אָפּגעפּוצטע שווארצע.
און לייגסט דאָס ווײַסע טיכעלע
אין קעשענקע באם הארצן.

דו נעמסט אראָפּ א פעדערל
פון קליידעלע באם זוים
און שמייכלסט צו איעדערן
און שווימסט אוועק אין טרוים.

כאטאס-נעורים

בא מײַן זיידנס הײַזל שטייט א פלויט,
טיילט ער אָפּ מײַן זיידן פון זײַן שאָכן,
אלע ברעטער פונעם אלטן פלויט
זײַנען אָפּגערוקט און אײַנגעבראָכן.

בא מײַן שאָכן וואקסט א שיינע מויד,
איז זי אלט שוין, זאָגט מען, טויזנט וואָכן,
אלע אָוונט שטיי איך בא דעם פלויט,
ווערט נאָר טונקל, בין איך באלד באם שאָכן.

כידעשט זיך מײַן מאמע אלע טאָג,
וואָס סע ציט אזוי מיך צו מײַן זיידן,
נאָר די שכיינע האָט איר אויסגעזאָגט:
ניט צום זיידן ציט איך, נאָר צו מיידן.

ענטפערט ניט מײַן מאמע און ווערט רויט,
גלײַך זי וואָלט אליין געווען א מיידל,
און זי שמירט מיט אײַנגעמאכטס מײַן ברויט
און זי שיקט מיך אָפּטער צו מײַן זיידן.

אונדזער הויז

אינעם קליינעם געסל, גרויס,
שטייט אין דרויסן אונדזער הויז,
הימל, וואָלקנס אפן דאך
מיט א זון-פארגאנג פארנאכט.

מיט א שאָכנס הײַזל לינקס,
מיט א גערטנדל פון גרינס,
מיט א בוים פון רעכטער זײַט,
מיט א וועג און מיט א ווײַט.

מיט א בענקשאפט ביז אהין,
ווו דער האָריזאָנט איז דין
און ער נעמט די ערד ארום,
וואָס פארמאָגט אזא מין זון.

מיט א ליבשאפט צו דער וועלט
און צו יעדער שטיקל פעלד,
וואָס עס קוקט אין שטוב ארײַן
מיט אזויפיל גרינער שײַן,

מיט א שמייכל צו דער גאס
און צו יעדן פרישן גאסט,
וואָס ער קומט צו אונדז צו גיין
שיין און מיט א גוטן מיין.

יאשע רוביאן

מאָנאָלאָגן

א סרייפע אין וואלד

ווען דער אַלטער באראק, וואָס פאָריקע וואָך האָט אים פארלאָזט דער לֿעצטער אײַנ־וווינער, האָט זיך אָנגעכאַפּט, האָט ער זיך צעטראַסקעט אַזוי, אַז פונקען זײַנען גע־פלויגן אין אַלֿע זײַטן. מע האָט טאַקע געמוזט ארויסרופן צוהילֿף די זאַוואָדישע קאָמאַנדע אָפֿ לֿעשן דאָס פײַער. ס׳וואָלט, כאָלֿילֿע, אַן אומגלֿיק געשען. די גאַס האָט געקענט אוועקגיין מיטן פײַער.

פון מעכאַנישן צעך זײַנען מיר געווען דרײַ: דער אַלֿטער גערדאַלֿיע טיקאַטש, זשוואָוועק און איך. ביז מע האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט דער סרייפע, איז דער ווײַזער פון זייגער צוגעלֿאָפן צו צוועלֿף און גערדאַלֿיע האָט א ווונק געטאָן, אַז ס׳איז צײַט זיך זעצן עסן מיטיק. זשוואָוועק האָט ארײַנגעטאַנצט אין צעך, געבראַכט אונדזערע קלומעקלֿעך, און מיר האָבן זיך אײַנגע־מאָסטעט אונטער א גראָבן בוים.

ערשט דאָ האָבן מיר באַמערקט, אַז בא מיר איז צעדראַפּעט די נאָז, בא זשוואָוועקן זײַנען אין א פּאָר ערטער צעטשעפּעט די הויזן און גערדאַלֿיע איז פּיטש־נאַס, כאָטש דריי אים אויס. דער אַלֿטער האָט א געשריי געטאָן אָפֿ די קינדער, וואָס האָבן ארומגעטאַנצט ארום דער סרייפע:

— וואָס זײַט איר זיך צונויפגעלֿאָפן ווי אָפֿ א בייזוואונדער? אַנו, מאַרש אין אײַער רו ארײַן, מע וועט דאָ קיין לֿעקעך ניט טיילן!

אונטערגעלֿייגט א פּאַפּיר אָפֿ דער ערד, האָט גערדאַלֿיע זיך אראָפּגעלֿאָזט, א ווײַז געטאָן מיטן פינגער אָפֿ דער קופּע נאַסער ליים און אַש, זיך צעלֿאַכט מיט א פאַרמאַכט מויל און א זאָג געטאָן:

— אָט דאָס הייסט א סרייפע?! אויך מיר א סרייפע! קײַ און שפּײַ! ניטאָ וועמ ס׳זאָל לֿאַכן. א זעקסער פאַר אַזא סרייפע וועל איך אויך ניט געבן!

איר זעט מײַן קאָפּ? הויל, ווי א קאַטויל. גיב א רענדל פאַר א האָר, וועסטו ניט געפינען. ניטאָ קיין ברעמען, קיין וויִעס, ס׳וואַקסט קיין באָרד ניט, אַקוראַט, ווי בא די ווײַבער. דאָס איז מיר פאַרבלֿיבן אַן אָנדענק פון א סרייפע. אָט דאָס איז געווען א סרייפע.

געשען איז עס, איך זאָל אײַך קיין לֿיגן ניט זאָגן, א צוויי־דרײַ יאָר פאַר דער מילֿכאָמע. כאָטש איך בין שוין דאַן געווען אין די יאָרן, נאָר קויעך האָב איך געהאַט אָפֿ אײַך געזאָגט געוואָרן. געזונט — מויער, בלוט און מילך. א פּאָדקעווע האָב איך געקענט אויסגלֿײַכן מיט די הוילֿע הענט. אַזא מאָרדע מיט אַזא קאַרק. ניט ווײַט פון אונדזער שטעטל האָט מען דעמלֿט אָנגעהויבן בויען אַן אײַזנבאַן־לֿיניע. מענטשן האָט מען דאָרט געדאַרפט אָן א שיר. האָב איך ארופגעוואָרפן דאָס רעקל אָפֿ די אַקסלֿען, ארײַנגעוואָרפן אין טאָרבע א לֿעבל ברויט און אוועק

אונטערשטעלן א פלייצע. ווי איר געדענקט, זייַנען נאָך דאן קיין סאך מאשינעס ניט געווען. פלעגן מיר אלץ טאָן מיט די אייגענע הענט.

דער זומער איז געשטאנען א טרוקענער און א הייסער. גאנצע פעסער וואסער פלעגן מיר אויסטרינקען און אויסגיסן אף זיך. דער אינדרויסן ברענט, די זון סארפעט, פונקט ווי אין סאהארע. מיר האָבן יאקאָס אויסגעהאלטן דעם ניסאָיען. און אָט האָבן שוין פאר די אויגן אָנגעהויבן שווינדלען אונדזערע בארימטע וועלדער. א נייַע הויט איז אף אונדז ארוף. וואָס מער מיר פארטיפערן זיך אין וואלד, אלץ גרינגער ווערט ארבעטן. רוסט זיך אָפּ, ציסט זיך אויס אפן גראָז מיט אן אָפן מויל. פייגל זינגען, פישטשען, בעבען, טאנצן פון צווייַגל צו צווייַגל, פיקן די ווילדע עפעלעך, וואָס הענגען, ווי בארן. פון דער ערד קריכן ארויס אלערליי זשוקלעך, פארקלייַבן זיך אין קאָלנער, שפאצירן איבערן לייַב.

די בערעזעס טראָגן ווייַסע קורצע שמאָלע קליידלעך מיט ברייטע גרינע זשאקעטלעך אָן קנעפ, די יאָדלעס — ברייטע קליאָשעווע מאנטלען. אין וואלד איז די איינציקע מאָדע קליאָש. און טאָמער דרעמלט זיך ערגעץ אין א ווינקל א דעמב אלטמאָדיש געקליידט, איז ווען ארט עס. ער וועט שוין ווי־סע־ניט־איז אויסלעבן זייַנע יאָרן אין דער אלטער זשופיצע.

יונגע ביימלעך, ווי אלע יונגע, זייַנען פארשייַט. ווער ס׳איז פארקעמט און ווער צעשויבערט. אלע שמייכלען. פריילעך איז אויך דער קליאָן און די נארישע פוילע ליפע.

די זונען־שטראלן ברעכן אייַן די צעקודלטע קעפ פון די ביימער, ווארפן פאסיקלעך העלע שייַן אף די קווייטן און גראָז, ציִען אויס לאנגע שאָטנס, וואָס פארשווינדן אין געדיכטעניש פון וואלד.

אין אָוונט צעלייגן מיר פאָרזיכטיק א פייַערל, קאָכן וועטשערע, מאכן טיי. ניט איין מאָל איז דאָ בא אונדז אין וואלד סימכע־וועסאָסן. דערוווסט זיך, וויאזוי מיר לעבן, האָט א טוץ מיידלעך אייַנגעשלונגען א צענדליק קילאָמעטער און סאָף טאָג זיך אריינגעשטעלט אין וואלד. צוערשט האָבן זיך אונדזערע באָכערימלעך א ביסעלע פארלוירן, נאָר גלייַך טאקע זיך גענומען אין די הענט און באוויזן, אז זיי זייַנען ניט קיין הינקעדיקע שניידער. ווער עס שפילט, ווער עס זינגט און ווער עס פייַפט. ווער עס קען גאָרניט, דער קלעטערט ארוף אף א בוים און טאנצט פון דאָרט אף דער ערד. דער גרעסטער טייל טאנצט, ס׳הילכן לידער.

איך געדענק ניט, ווי די נאכט איז פארשוווּנדן, ווער עס האָט די מיידלעך באגלייט. איך געדענק אפילע ניט, ווו און ווען איך בין אנשלאָפן געוואָרן און וויפל צייַט איך בין אָפגעשלאָפן. איך האָב דורכן שלאָף דערפילט, אז מע רייַסט מיך פאר די האָר, מע דרייט מיך פאר דער נאָז און מע שלעפט מיך פאר די פיס. עמעצער האָט מיר געגרילצט אין אויער:

— א סרייפע! א סרייפע! עס ברענט!

אופגעשפרונגען א פארשלאָפענער, רייַב איך די אויגן און פרעג:

— וועלכער טייַך? ווו ברענט?

געכאפט פון עמעצן א רעכטן טשמעל אין פאָטיליצע, אז פונקען זייַנען מיר געפלויגן פון די אויגן, האָב איך זיך גלייַך אויסגעניכטערט און געקומען צו־זיך. גענומען די קירקע, די האק און דעם עמער, די לאָפעטע און ארויס אף דער סטעזשקע.

דער שווארצער הימל, זע איך, איז געלאטעט אין א סאך ערטער מיט רויטן צייַג. קיין הייַזער זייַנען דאָ נאָענט ניטאָ. קלאָר, עס ברענט דער וואלד. הינטער די פלייצעס — א טונקעלע נאכט, א שווארצער וואלד מיט ווייַטע פארשלאָפענע דערפלעך. א טויטע שטילקייַט. אנטקעגן שפארט א שטיקנדיקער רויך, ווי מע וואָלט געהייצט א הרובע גרויס, ווי דער וואלד, מיט נאס האָלץ אָדער שלעכטע קוילן. פון מאָל צו מאָל ברעכט אויס אָט דאָ, אָט דאָרטן א מוירעדיקער פלאם, ציט זיך אויס צום הימל, פאלט אראָפ און זינקט אייַן אין וואלד. שטיקער און פיצלעך העליש פייַער טאנצן, רייַסן זיך, שפרינגען אוף און ווערן דערטרונקען אין דער נאכטפינצטערניש. א פאכעד, א גרויל גייט איבערן לייַב. פונקט ווי א מעכטיקער קאלך־אויוון וואָלט צעעפנט זייַן אומגעהייער מויל אף אייַנשלינגען דעם וואלד און אלדאָס לעבעדיקע.

עס דוכט זיך, אז די סרייפע איז נאָענט, שטרעק אויס די האנט און ווערסט גלייַך דערלאַנגען. נאָר דו גייסט, און דאָס פייַער דערווייַטערט זיך. מיר האָבן זיך פון די קויכעס ארויסגעשלאָגן, ביז מיר האָבן זיך דערקליבן צו דעם. שווייַגנדיקערהייט האָבן מיר אלע מיטאמאָל זיך אָפגעשטעלט. אף איין רעגע. דערנאָך האָבן העק און קירקעס זיך גענומען הייבן. מיר מאכן אן ערד־אָנשיט, דאָס פייַער זאָל זיך ווייַטער ניט פארשפרייטן. זעכצן יונגען קעגן א ברענענדיקן וואלד. ווער וועמען? דאָס לעבן אף דער וואָגשאָל. מיר טרעטן ניט אָפ, כאָטש דער רויך עסט די אויגן, שטיקט דעם אָטעם.

דאָ אין וואַלד האָט אַפֿן פֿײַערלעשער־טורעם קיין גלאָק ניט געקלונגען, ניט גערופֿן די פֿײַערלעשער אין די מעשענע קאַסקעס אַף די קעפּ, מיט די לאַנגע ווײַסע שלאַנגען און גלאַנציקע בראַנדספּויטן אין די הענט. דאָ זײַנען אויך ניטאָ קיין ברענענדיקע סוסים מיט געפּאַרבטע פּעסער וואַסער, ניטאָ קיין רויטע אויטאָס. דאָ האָט קיינער ניט געוואַרט אַף הערשל כאַים־מענאַשעס דעם וואַסערפֿירער מיט זײַן קאַלטענוואַטער שקאַפֿע און צעשפּאַלטענעם דישל.

דאָ פֿליסן ניט קיין באַרג־טײַכן. אויב ס׳איז יאָ ערגעץ פֿאַראַן אַ סאַזשלקע, איז זי פֿאַרצויגן מיט נאַכט און מיט רויך.

דאָ האָבן קיין ווײַבער ניט געכליפּעט, ניט געוויינט און ניט געבראָכן די הענט. דאָ האָבן קיין דערשראָקענע קינדער ניט געיאָמערט. דאָ האָט קיינער פֿאַר די האָר זיך ניט געריסן, ניט געקלאַפּט מיט די פֿויסטן אין קאָפּ.

דאָ זײַנען קיין יונגעלײַטלעך ניט אַרויסגעלאָפֿן אין איינע העמדער און זשיליעטן און ניט געטומלט: וואַסער! וואַסער! ס׳ברענט!

דאָ האָט קיינער קיין טירן און קיין פֿענצטער ניט געבראָכן, ניט געטאַנצט אין שטוב, אַרומגעכאַפּט אין פֿלאַמען, זיך ניט געוואָרפֿן, ווי שיידים, ניט געראַטעוועט קיין קישנס, קיין בעבעכעס, קיין פּיסל פֿון קיין בענקל, קיין אומרו פֿון קיין זייגער אָדער קיין עמער אָן אַ דנאָ.

דאָ זײַנען אויך ניטאָ קיין ווײַבער לעפּטשעכעס, פּליאָטקעמאַכערקעס, וואָס האַקן ליגנס און דולן אַ קאָפּ, דערציילן, ווער האָט די ערשטע דערפּילט און דערזען, ווו און וויאַזוי ס׳האָט זיך אָנגעהויבן.

גרויס איז דער שאָדן, נאָך גרעסער דער ווייטעק. געוויס איז אין דעם אומגליק שולדיק אַ מענטש. מעגלעך, אַז אין דער נאַכט האָט דער פֿאַסטעך צעלייגט אַ פֿײַער און אַליין אײַנגעשלאָפֿן. און עפּשער איז דער וואַלד־וועכטער געגאַנגען מיט אַ ליכט אין שײַער אַרײַן. און עפּשער האָבן פֿאַרשײַטע יונגען פֿאַרבראַכט אין וואַלד, גערייכערט, פֿײַער געצונדן אָדער וועטשערע געקאָכט, פֿאַרגעסנדיק, אַז פֿײַער איז אַ גאַנעוו.

שלינגט איצט דער פֿלאַם צווײַג נאָך צווײַג, בוים נאָך בוים. אוןביימער, פּונקט ווי מענטשן, ווילן ניט שטאַרבן. פֿאַלט אַ בערעזע אין געהאַקטע ווונדן, קאָרטשעט זיך פֿון ווייטעק און גייט אויס, ווי אַ ליכט. יעדער בוים האָט זײַן טויט. איינער פֿלאַקערט, דער צווייטער צאַנקט אָדער פֿיבערט. רינט, טריפֿט דער זאַפּט, ווי טרערן. כליפּעט און וויינט דער וואַלד.

ניט ווײַט פֿון אונדז האָט פֿאַרבײַגעיאָגט אַ סטאַדע דערשראָקענע בעהיימעס, וואָס זײַנען געלאָפֿן, וווהין די אויגן טראָגן, אַבי ווײַטער פֿון פֿײַער. אָן אָפּגעסמאַלעטער כאַזער האָט זיך געטראָגן און געשריגן ניט מיט זײַן קאָל. אַ ציטער האָט אונדז אַלעמען אַרומגעכאַפּט, ווען מיר האָבן דערזען, ווי אַ קנויל פֿײַער האָט פֿאַרבײַגעשווינדלט פֿאַר אונדזערע אויגן. דאָס איז געווען אַ ברענענדיקער הונט, וואָס האָט זיך געטראָגן פֿײַל־אויסן־בויגן, אַנטלויפֿנדיק פֿון טויט.

דער רויך האָט אונדז אַרומגעכאַפּט פֿון אַלע זײַטן. אַלץ שווערער און ווערט צו גראָבן. שוין קימאַט אומעגלעך צו אָטעמען.

ס׳שאַריִעט אַף טאָג, אין שטאָט און דאָרף בלויט שוין אין די פֿענצטער. און דאָ איז נאָך אַלץ פֿײַער און בראַנד. פּלוצעם האָט זיך פֿון דער פֿײַער־פּלוידערײַ אַרויסדערטראָגן אַ שוואַך מענטשלעך קאָל, וואָס האָט געבעטן הילף. מיר האָבן אופֿגעהערט גראָבן, אַנשוויגן געוואָרן, זיך אַראָפּגעלאָזט אַף דער ערד און ליגנדיק זיך צוגעהערט. ווען דאָס קאָל האָט נאָכאַמאָל איבערגעכאַזערט זײַן געבעט, זײַנען מיר אופֿגעשפּרונגען און געלאָזט זיך לויפֿן דעם פֿײַער, דעם טויט אַנטקעגן. עמעצער איז געפֿאַלן, אַנדערע האָבן זיך אומגעקערט. מיר האָט געקלעקט קויעך זיך אַרײַנרײַסן אין דעם וואַלד־וועכטערס ברענענדיקער שטוב. מיט די ברעזענטענע הענטשקעס האָב איך אַ כאַפּ געטאָן אַ שײַטער — דאָס איז געווען דעם וועכטערס פֿרוי.

רויטע הענער זײַנען מיך באַפֿאַלן, און איך האָב שוין געפֿלאַקערט, נאָר די, וואָס זײַנען געלאָפֿן נאָך מיר, האָבן אונדז גלײַך פֿאַרשאָטן מיט זאַמד, אַרײַנגעלייגט לעבעדיקערהייט אין דער ערד און טאַקע אָפּגעראַטעוועט. עמעס, דעם וועכטערס פֿרוי איז געבליבן אַ קאַליקע. און איך, ווי איר זעט אַליין, לעש ביז הײַנט אויך סרייפֿעס. האַרגעט מיך, געדענק איך ניט, ווער און וויאַזוי האָט מיך געראַטעוועט.

וואָס שווײַגט איר, ווי די גוילעמס? ס׳איז שוין לאַנג געווען דער הודאָק, דער מיטיק האָט זיך פֿאַרענדיקט. אַנו, זשוואַוועק, דערלאַנגט אַ האַנט. עמעס, ניטאָ יענע קויכעס, — האָט געדאַליע אַ פֿיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן הוילן פּאָנעם, און אַלע דרײַ זײַנען מיר ווידער אַוועק אין צעך צו דער אַרבעט.

צוויי זומערס

קינדווײַז האָב איך אמאָל געזען און פארגעדענקט, ווי אין א זומער־פארנאכט האָט דער אוקראַיִנישער הימל פלוצעם גענומען ברעכן פיסקעס, געבליצט נאָכן הייסן זומער־טאָג, דראָענדיק געדונערט, ווײַבעריש געכליפעט און קינדעריש ארויס אין א געוויין. ס׳האָבן טראָפּנס געפּויקט אין די דעכער און גאסן, פונקט ווי נאסע פליסיקע שטערן וואָלטן מיט א ראש געפאלן און צערונען געוואָרן אונטער די פיס. פון אלע רינוועס שפארן פײַלנבויגנס. פון די דעכער און סטריכעס קאפעט. טיר און פענצטער זײַנען צעפּראלט און צעעפנט. קרעפּטיקע באָרוועסע מוידן כאפן עפעס א שמאָכטע, א זאק אפן קאָפּ און שטעלן אונטער טעפּ און עמער, מולטערס און באקדייזשעס, קעדיי אָנשעפן וואסער אף צוואָגן זיך.

קינדערלעך פון אלערליי עלטער טאנצן אין די קאליוזשעס, ליארעמען און זײַנען איבער־גליקלעך. פון די אויערן און נעזלעך קאפעט, כאָטש דריי זיי אויס און הענגט זיי אוף אף די פלויטן טריקענען. הינט און קעץ טוליען זיך, אָפטרייסלענדיק זיך, צו די ווענט און פארקנס. זעט אויס, אז זיי האָט שוין דערעסן די באָד.

שמעלקעס שקאפע האָט אראָפּגעלאָזט די מאָרדע, פאָכעט מיט די אויערן און דרייט מיטן עק. וויפל איז דער שיר צו וואשן, צו באָדן? אד־מאָסײַ?

א פויערטע האָט פארוואָרפן דאָס קליידל אפן קאָפּ. באָרוועס טאנצט זי אונטער און טיילט קלאָלעס.

איך געדענק, פונקט ווי הײַנט וואָלט דאָס געשען: פון דער אָפענער טיר האָט ארויסגע־שריִען די זעקספודיקע לייע די צעפּאטלטע, אָדער לייע גלאָק:

— מייער, ווו שליאָנדרעסטו ארום? נאָר נאָך דײַן לעווײַע זאָל איך דערלעבן נאָכגיין! גיי שטעל צו דעם לייטער (קוק מיט אויגן, סע פעלט א סטאבליע) און שטעל אונטער א פאָר קיילים אפן בוידעם. זעט נאָר זעט, ווי סע גיסט, מירן דאָך אוועקשווימען! די סטעליע וועט אײַנפאלן. אויך מיר א מאן, א באלעבאָס, הייסט עס. דער מאמען מײַנער האָב איך צו פאר־דאנקען, זי האָט מוירע געהאט, אז איך וועל פארזיצן א מויד. נו, האָט זי מיר אויסגעקליבן א באשערטן, מיט אזא אשירעס — אן אייגענע דירע, מיט אזא באלעבאטישקײַט. לאָזט זיך אויס, אז ער קאָן קיין טשוועקל אין וואנט ניט פארקלאפּן.

מייער דער ביטערער, דער מאן אירער, איז געווען אזוי געל, ווי זי, אזוי דיק, ווי זי, מיט צוויי גראָבע באקן און היפשע בלויע קישעלעך אונטער די פיצינקע פינטלענדיקע אייגעלעך. א מענטש א געבערעכטער, א יאדעשליוועր, קאכיקעט ער גאנצענע טעג. דאָך גיט ער לייען גע־וויינלעך אויסגאָב.

איצט שווײַגט ער, ווי א פיש, כאפט די מולטער, טוט זי אָן אפן קאָפּ, קריכט סאָפּענדיק איבערן שיורע־לייטער אפן בוידעם, נו, מיילע, ארופגעקראָכן. אָבער אף אראָפּקריכן דארף מען זײַן נאָך א גרעסערער בעריע. דער בויך לאָזט ניט, דעריבער כאנפעט ער:

— לייעלע, הארץ מײַנס, נעשאָמע מײַנע, האלט צו א ווײַלינקע דעם לייטער, מאלע וואָס ס׳קאָן טרעפן...

— נאכעס מײַנער, — ענטפערט לייע, — ס׳וועט זײַן א קליינער אומגליק, טאָמער וועסטו א טעלעבענץ טאָן פונעם בוידעם. עפשער וועט ארויס פון דיר די פוילקײַט. ווער ס׳טוט נאָר א קוק אף דיר, מיינט, אז דו ביסט שוין אין נײַנטן כוידעש. ווײַבער זײַנען אף דער צײַט, ווערן געלעגן, האָבן קינדער, און אן עק. דו, לאמעדוואָוניק מײַנער, ביסט דאָס גאנצע לעבן אף דער צײַט. קריך, קריך שוין, בלײַענער פויגל. פאמעלעך, האָסט מיר פארפּאָראָשעט די אויגן...

לייע קאָן זיך לאָזן ווילגיין און ריידן אזוי מיטן מאן, ווײַל זי איז די ברויטגעבערן. ס׳הייסט, ארבעטן ארבעטן זיי ביידע, ביידע מאכן זיי שוואקס, קאָכן סמאָלע, לײַטערן דזעגעכץ און אנ־דערע שמירעכצן, ציִען ליכט. סע שמעקט פון זיי מיט ריצנייל. נאָר דאָס איז ניט דער איקער, דער איקער איז, וואָס דאָס געשעפט גייט אף איר נאָמען. ביידע האָבן זייערע געלטן. ער — א בײַטעלע, זי א קניפל. יעדן טאָג, ווען מע דארף קויפן ברויט, איז הינער־געלויף, כוישעך, הימל עפן זיך. ער קוועטשט די עטלעכע פירערס, זי וויל ניט צעבינדן דאָס קניפל...

פון דעם ווייסט די גאנצע גאס. און פריִער פאר אלעמען מיר, ווײַל מיר לעבן א טיר בא א טיר. ווען איך פלעג זיך ארײַנכאפן צו זיי, האָט שטענדיק געשמעקט מיט פישטראָן, קארבאָלקע, מיט זויערטייג פון איבערגעשטאנענע, אויסגעלאָפענע ראָשטשינעס. דער טרייפער עמער איז פארוקט ערגעץ אין א ווינקל, נאָר לאָזט זיך הערן און פילן. ניט ווײַט פון טיר שטייט און קאטשעט זיך א גאנג קריגלעך, מאקיטרעס, יויך־טעפלעך, לאדעשקעס — אלע ניט געוואשענע. ס׳איז נאָך אף זיי ניט געקומען די רעכטע צײַט. סע ווערט צעזעצט פײַפנדיק א ווײַסער לענג־

לעכער סאַמאָוואַר מיט אַ גרין מעשן קרענטל. קאַנטיק, אַז דער סאַמאָוואַר איז פול מיט קוילן אָן אַ לעק וואַסער. סע וואַלגערן זיך כאַליעוועס, פוישטן אַף צעבלאָזן פײַער, אַ לאַנגער האָר־באַטער קוימען. אַ קינד פון קנאַפּע דרײַ יאָר זיצט אין איין העמדל אַף דער הוילער ערד אין דער אייגענער קאַליוזשע, האַלט אַ פּלאַטשיק גרינעם טעלער מיט קאַרטאָפל אַף די פּיסלעך און אַ קריגעלע מילך. דאָס קינד נעמט אָן אַ פול הענטל קאַרטאָפל, טונקט אײַן אין מילך און האָדעוועט דעם ראָבן קאָטער — באַרסיק: „נאַ, עס“. באַרסיק שטעלט אויף אָן אויער, דרייט אָפּ די מאָרדע, ברומט עפּעס אַ ניגן. דאָס קינד שטופּט זיך אין מויל די קאַרטאָפל. דאָס נעזל, די באַקן, אַפילו די אויערן זײַנען פאַרמורזעט. אונטערן טיש האָט, ווי אַ גראַף, זיך אויסגעצויגן טומאַן — אַ גרויסער קאָלטענעוואַטער הונט מיט צוויי קײַלעכדיקע ניט געוואַשענע אויגן. פון מאָל צו מאָל לאָזט ער אַרויס אַ ברייטן גענעץ, וואָס איז גיכער ענלעך אַף אַ געשמאַקן זיפץ. דערבײַ באַווײַזט ער די ווײַסע צונג און די פאַרגעלטע פּניאָקעס (ער איז שוין אַ זאָקן און האָט ניט קיין איין גאַנצן צאָן אין מויל). ווען אין שטוב ווערט אַ ווײַלע שטיל, כאַפּט טומאַן אַ דרעמל, נאָר מיטאַמאָל טאַנצט ער אויף ווי אַן אָפּגעבריטער, גיט מוירעדיק אַ קנאַק מיט די פּניאָקעס און שלינגט אײַן צוויי פעטע פליגן, וואָס זײַנען געזעסן אַפן עק און אָן ראַכמאָנעס געביסן.

אַ ייִנגעלע פון אַריבער זעקס, אין איין שיכל, מיט אַן אָפּגעשפּיליעטן סטאַניק, מיט אַ גרויסן הילצערנעם לעפל אין דער האַנט, שרײַט צעצויגן:

— מאַמע, ע־סן, ע־סן...

— נאַ, עס מיך, — דערטראָגט זיך אַ שאַרף קאָל פון דער קיך. נאָכדעם באַווײַזט זיך אַ רויטער צעפּאַטלטער קאָפּ, די שפּיץ נאָז און די הענט שוואַרץ פון סאַזשע. — נאַ, מעשומעד איינער, בלוטצאַפּער, נאַ, פרעס!

זי גיט דעם קינד אַ האַלבן עפּל מיט אַ קניפּ דערצו און פאַרשווינדט. דאָס ייִנגעלע נעמט דעם עפּל, לאָזט זיך אַראָפּ אַפן גרינעם טעפּל, האַלט זיך נאָך פאַרן לעפל און ברומט ניט זיכער:

— עסן, מאַמע, עסן.

אין אַ זײַטיק פינצטער צימערל, וווּ עס שטייען צוויי אַלטמאָדישע בעטן, זיצט אַף אַ הויפן שמאָכטעס, לײַבלעך, צעריסענע קישנס אַ מיידעלע פון אַריבער נײַן יאָר, כראָמטשעט אַ טרוקענעם בייגל מיט מאָן און רופט:

— מאַמע, טו מיך אָן.

שפּעט באַנאַכט האָט דער רעגן אויפגעהערט ליאַפּען, אַ שטיק הימל איז נאָך געווען געלאַטעט מיט וואָלקנדלעך, נאָר דער גרעסטער טייל האָט זיך אויסגעלײַטערט, און די לעוואָנע האָט באַלויכטן די קאַליוזשעס, וואָס האָבן, ווי גלאַנציקע אויגן, נאָכגעקוקט די זעלטענע פאַרבײַגייער.

דאָס איז מיר געקומען אַפן זינען פּונקט איצט, אין אַ קנאַפּער האַלבער מייע יאָרן אַרום, ווען איך בין געקומען צו מײַן זון דעם אינזשעניער — דעם מעכאַניקער, קיין דאָרעם־קאַזאַכסטאַן אין סאָווירט „פּאַכטאַ־אַראַל“.

די זון ליגט דאָ גאַנצע טעג, ווי אַ וואָגיקע מאַסע, אַף די פּלייצעס און לאָזט ניט אויסגלײַכן דעם רוקן. אַלץ ברענט, אַלץ סאַרפּעט. וווּ נעמט מען אַהער דעם שוואַרצן יאַם מיט די כוואַליעס די הייך, ווי דרײַשטאָקיקע מויערן? זומערס אָן רעגנס, אַ רענדל אַ טראָפּן. יאָגט אָן צופעליק אַ ווינט פון די ווײַטע יאַמען, ברענגט מיט זיך אַ וויכער, און עס טוט אַ פלייץ אַ געלער און עפּשער אַ בלויער זאַמד־רעגן, וואָס צעשטערט און וואַלגערט אום אַלץ אַף זײַן וועג, בלאָזט אָן נײַע דיונעס, פאַרשיט גריבער און צעשטעלט טרעפּ אין דעם יאַם פון זאַמד. ניט קיין פיש שווימען דאָ אום, נאָר טרוקענע ערד־באַשעפענישן, מיינסטנס עגדעשן. מיט אָפענע מײַלער און פאַרפּאָראָשעטע אויגן בעטן זיי אַף שטומלאָשן אַ טרונק. און עפּשער באַווייַנען די זאַמד־אײַנוווינער אַזוי דעם כורבן, וואָס דער ווינט האָט געמאַכט, איבערלאָזנדיק זיי אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ.

אָפּט קאָן מען דאָ הערן דעם מאָנאָטאָנעם געקלאַנג פון אַ שמאָלן מעשענעם גלאָק, וואָס באָמבלט זיך אַפן האַלדז פון דעם לעצטן קעמל, וועלכער שליסט אַ קאַראַוואַן. אָן אַ טראָפּן כיישעק, פויל, אָן שום זין שטעקן אַרײַן די קעמלען די טלאָען פון די לאַנגע דאַרע פיס אין דעם צעגליטן זאַמד, ציִען אויס נאָך לענגער דעם לאַנגן האַלדז, גאָנערן זיך, ווי אַן אינדיק פאַר זײַן כאַסענע, ווי זיי וואָלטן זאָגן: „איאָ, איך בין שיין און ריין, קיין גלײַכן ניטאָ צו מיר“. אַפן לאַנגן אויסגעבויגענעם האַלדז זיצט אַ קליין קעפעלע. דערפאַר איז דאָס מויל גרויס און גרייט שטענדיק צו קײַען: בודיעקעס, דערנער, פאַרדאַרט גראָז און אַנדערע מינים געטריקנטע שפּײַזן.

שטענדיק מאַכן זיי מיט די ליפּן, קײַען די אייגענע צונג. אַמאָל, ווען איך קוק אויף די קעמלען, דאַכט זיך מיר, אַז דאָס אַלץ איז מיר געקומען צו חלום.

פון ניט געווינשאַפט קאָן דאָ אַזאַ קליינשטעטלדיקן ייִדן, ווי איך, ווערן סקוטשנע. אַ זון אַ מעכאַניקער, אַ שנור, אייניקלעך — אַלץ שיין און ווויל. אָבער דער מידבער בלײַבט אַ מידבער. אָט דאָס איז עס אָבער טאַקע. דער מידבער איז שוין, לאָזט זיך אויס, גאָר קיין מידבער ניט.

דער סאָד פון לעבן איז דאָ דאָס וואַסער. האָבן מענטשן געהייסן, און די טײַכן סיר־דאַריאַ און אַמו־דאַריאַ האָבן געפאָלגט — זיי האָבן אויסגעשטרעקט די הענט דער וויסטעניש, אָנגעטרונקען דעם קאַנט. נאָר טײַכן בלײַבן טײַכן, יעדערער האָט זיך זײַן כאַראַקטער — איינער פליסט שאַ־שטיל, ווי ניט אים מיינט מען עס, ריין און בלוי זײַנען די וואַסערן, כאָטש שפּיגל זיך אין זיי. דער צווייטער לויפט, יאָגט זיך. מיט ראַש און געפילדער טראָגט ער דאָס רויטליימיקע וואַסער זײַנס ווײַט־ווײַט, ערגעץ קיין אַפגאַניסטאַן.

אין די היגע קאַנטן האָב איך געזען ניט נאָר יאַמען פאַרגליווערטן זאַמד, נאָר שניי־ווײַסן בוימוואָל.

הײַנט די פעלדער (פעלדער זײַנען דאָס? אַ מינע ברייטע און ווײַסע ראַכוועסן, מיטן אויג ניט אַרומצוכאַפּן) ווייץ. עס מאַכט זיך, קיין מינדסט ווינטעלע איז ניט בענימצע, און די גאָלדענע כוואַליעס וויגן זיך הין און צוריק אונטער דער הייסער זון.

הונדערטער און הונדערטער קאָמבײַנען, טראַקטאָרן און קאָלערליי אַנדערע מאַשינעס אַרבעטן אויף די פעלדער.

פּונקט ווי אַ מענטש קאָן זיך ניט באַגיין אָן קיין דאָקטער, אַזוי קאָן קיין טראַקטאָר אָדער קאָמבײַן זיך ניט באַגיין אָן קיין מעכאַניקער. דער זון מײַנער איז עס טאַקע דער הויפּט־מעכאַניקער אין סאָווירט. מעכאַניקער זײַנען פאַראַן אַ סאַך. נאָר ער איז אַ געשטודירטער, אַ געקאָנטשעטער, מיט אַ דיפּלאָם, רעדט און לייענט קאַזאַכיש, ווי אַ וואַסער.

מיט די שכנים די קאַזאַכן טרינקען מיר אָפּט אינײנעם טיי. מיר לויפן צוזאַמען באַנאַכט, ווען ס׳טרעפט אַן אומגליק (דאָס וואַסער רײַסט דורך דעם אַריק). איך האָב פאַרגעסן אײַך זאָגן, אַז אומעטום זײַנען דאָ אַריקן. וואָס אַן אַריק איז, וועל איך ניט דערציילן, איר מעגט אַליין וויסן. דער שטראָם וואַסער לויפט איבער זיי, פּונקט ווי, לעהאַוודל, עלעקטרע איבער דראָטן. און לויפט אַהין, ווו מע שיקט אים, באַגיסט די פאַרדאַרטע ערד, טרינקט אָן דעם קאַנט, און ס׳בלי־ען סעדער און ווײַנגערטנער. וואַקסן וואַקסט דאָ, זאָלט איר וויסן, פון הערן און געדענקען.

באַ אונדז אין בעליעוועקע האָט זיידל רעכטער אַמאָל געהאַרגעט דעם אַקציזניק, האָט מען אים געמישפּעט און פאַרשיקט אויף קאַטאָרגע אַהער, אין די היגע קאַנטן. וויי־וויי, מע האָט אים באַקלאָגט, ווי אַ טויטן. וואָס וואָלטן איצט געזאָגט די קליינשטעטלדיקע לײַט, ווען זיי טוען אַ קוק אויף מײַן נײַער היים! עמעס, ניט לײַכט זיך צוגעוווינען צו דער היץ. ווען מיר איז הייס, קוים וואָס די נעשאָמע האַלט זיך, טראָגט מײַן שאָכן איבראַהים אַ גרויס שמויסן היטל און אַ שווערן וואַטאָוון כאַלאַט. ניט לײַכט איז געווען זיך צוגעוווינען אַרבעטן מיטן קעטמען אָנשטאָט דער אוקראַיִנישער לאָפּעטע. נאָר גוטע שכנים האָבן געהאָלפן. דאָ זײַנען מייסטנס די הײַזער פון ליים, די דעכער פון ליים, די קיילים פון ליים, פּלויטן פון ליים. מיר האָבן ניט מוירע, אַז די רעגנס וועלן אונדז פאַרטרינקען, ווי אַמאָל דאָס שטעטל.

זיך אַ ביסל פאַרעדט. מע דאַרף גיין צום שאָכן קוקן אין טעלעוויזאָר פוטבאָל. באַ אונדז איז אויך פאַראַן אַ טעלעוויזאָר, נאָר איבראַהים וויל, אַז אַלע אָוונט זאָל איך אַרײַנקומען צו אים. פאַרייַנוועגס כאַפּן מיר אַרײַן אַ טשײַניקל טיי. דאָ איז עס דאָס בעסטע מײַכל. קומט אַרײַן אַ זונטיק אָדער אין אַ פּראָסטן טאָג, איר וועט קיין כאַראָטע ניט האָבן. איר וועט זײַן אָן אָנגעלייגטער גאַסט. מיר האָבן ליב מענטשן. איר וועט פאַרזוכן אַ היימישן שאַשליק, נאָר די פינגער צו לעקן.

איך בין אַ שנײַדער

פון זינט די וועלט שטייט, האָבן טאַלנע און שפּאָלע, הײַסין און כמעלניק, קאַמענעץ און פּאָלאָנע געשעמט מיט זייערע שנײַדער. אַפילע פאַר גרויסאַרטיקע דאַמען אָפּטאָקן אַ שטיקל אַרבעט „פּאַ זשורנאַלו“, אַז יענע זאָלן לעקן די פינגער און זיך דרייען פאַרן שפּיגל ביז אַ שווייס באַשלאָגט דעם שנײַדער, קאָנען זיי אויך. אָבער אַ שנײַדער פון לוגאַנסק איז ניט קיין שנײַדער פון כמעלניק אָדער בוקי.

א שנײַדער אין לוגאנסק האָט ניט צו טאָן מיט באָסטאָן אָף מענער־קאָסטיומען אָדער וואָל אָף דאמען־קלײדער. ער גלעט ניט די פּלײצע, טאַפּט ניט די אקסל און די קני בײסן אראָפּגעמען די מאָס פון יונגע מײדלעך אָדער שײנע װײַבלעך. א שנײַדער אין לוגאנסק האָט צו טאָן גאָר מיט אן אנדער סכוירע. זײַן „אטעליע" און שער־און־אײַזן זײַנען אויך ניט ענלעך אפן גאנצן באלמעלאָכישן קלאפּער־געצײַג, וואָס מיר זײַנען געוווינט צו טרעפן בא יעדן שנײַדער אונטער דער האנט: א פּרעסל, א קווערטל מיט וואסער אָדער א טשײַניק, א קרומע שער, א סאנטימעטער, א קרײַדל, פּאַפּירענע אויסשניטן פון פּאסאָנען, א מאנעקען פון א פּרוי אָן א קאָפּ, א שופלאָד אָף ארײַנצושטופּן א שטיקל געלאקכנטע סכוירע, א זשיליעט מיט א בוזעם־קעשענע, ווו עס ליגן פארצײכנטע מאָסן, א גראָב ווײַב, וואָס פאר צווײ טעג קאָן זי פּאטערן דאָס גאנצע פארדינסט און דערנאָך נעמען דעם מאן אפן צימבל: „גיב געלט"...

א שנײַדער אין לוגאנסק קרײעט ניט, ווי א האָן אפן דאך, ווען די זון זעצט זיך און דאָס שטיקל ארבעט איז נאָך ניט פארטיק.

איך פארשטײ גאנץ גוט, אז אָן א שנײַדער איז אויך ביטער און פינצטער, מע קאָן דאָך ניט, זײַט מיר מויכל, ארומגײן נאקעטערהײט, צוגעדעקט מיט פײַגן־בלעטער, ווי אָדאָם־האָרישן און זײַן כאווע. מענטשן האָבן ליב זיך אָנטאָן, דערצו נאָך גאנץ שײן זיך אָנטאָן, און אָן א שנײַדער וועט איר ניט אויסקומען.

מײַן פּראָפעסיע איז אויך „שנײַדערײַ". נאָר ס'איז עפּעס גאָר אן אנדער מין שנײַדערײַ.

מײַן אטעליע, ווו איך שנײַד, איז א גרויסער צעך. די סטעליע און די ווענט — הוילע גלאָז. יעדן טאָג רײַסן זיך ארײַן דורך די אָפענע טויערן, דורך אן אויסגעקלאפּטער שויב אָן א שיר פײגעלעך און טשיריקען איבער מײַן שער.

די שער מײַנע ליגט ניט, ווי געווײנלעך, אפן טיש, פארוואָרפן מיט קאָלערלײ שמאטעס, קארטאָנענע פּלײצעס און פּאַפּירענע ארבל אזוי, אז מע דארף לאנג קלאפּן מיט דער האנט איבערן טיש, ביז די שער רופט זיך אָפּ.

מײַן שער איז אלעמאָל אפן אָרט און ווארפט זיך אלעמען אין די אויגן. זי איז גוט ארײַנגעפאסט אין א גרויסער פּירקאנטיקער רויטער מאשין אָף גראָבע טשוהונענע פיס, צוגעשמידטע צו דעם שטײנערנעם דיל. זי איז אן אונדזעריקע, די מאשין, א פּאָטערלענדישע. אזויפיל גוטע יאָרן מעגן מיר האָבן, וויפל זי איז בעסער פונעם ענגלישן „נעפּטון" און פון דער דײַטשישער „קאראָלינע". מײַן, דאָס הײסט אונדזער, מאשין ארבעט אויסגעצײכנט.

איבער איר הענגט א גרויסער לאָמפּ. דאָס איז ניט דאָס אמאָליקע שנײַדערשע דרײַער אָדער אכטער הענגלעמפּל מיטן פארײכערטן גלעזל, מיטן פּאַפּירענעם שקארמיץ. די סכוירע מײַנע קנײטשט זיך ניט און בלאָזט זיך ניט, ווען מע נעמט פון איר צונויפשטעלן א מאלבעש. דאָס זײַנען גרויסע, אָפט ריזיקע בויגנס בלוילעך שטאָל, אכט—צען פינגער די גרעב, דאָס קרײַדל, מיט וועלכן איך צײכן אָף די שטאָל־בויגנס פארן שנײַדן, איז דאָס זעלבע, וואָס בא די אמאָליקע שנײַדער. מער ניט דאָס פארניטעווען און צונויפסטריגעווען די נעט פון דעם מין סכוירע איז עטוואָס אנדערש, ווי מיט דער נאָדל־פאָדעם, די סכוירע סטריגעוועט מען צונויף מיט עלעקטראָדן. מע דארף דערבײַ נאָר אָנטאָן שווארצע ברילן. ווײניק בלינדע שנײַדערס פלעגן דען טראָגן שווארצע ברילן?

און ביכלאל, ווו האָט איר געזען א גוטן שנײַדער אָן ברילן?

צען יאָר, ווי איך ארבעט שוין אפן זאוואָד, און אלע האלטן פון מיר א וועלט.

דארף זיך גראָד מיט מיר פארלויפן א געשיכטע, דער גאנצער צעך זאָל זיך האלטן בא די זײַטן. נאָך הײַנט, ווער סע דערמאָנט זיך, קײַכט פון געלעכטער.

איבער מײַן קאָפּ, איבער מײַן שנײַדמאשין פּאָרט, ריכטיקער, שוועבט א לײַכט, בלוי פארגלאָזט שטיבעלע, ווו עס זיצט א מײדל, וואליא קוזנעצאָווא הײסט זי. ביז צען טאָן מאסע קאָן זי אופהײבן פאר אײן מאָל. וואליע איז יונג, נאָר האלעמײַ זאָל איך זאָגן, קײן קראסאוויצע איז זי ניט. דערפאר איז זי מאָלע־טאָם. אז זי לאכט, ווערן אָף די בעקלעך א פּאָר כײן־גריבלעך און די נאָז ווערט נאָך מער קורנאָסע. די קלײנע אײגעלעך זײַנען בא איר פרײלעכע און זשוואַווע. דעם קאָפּ, ריכטיקער, די האָר פארבט זי אלע מיטוואָך און דאָנערשטיק. דעם עמעס גערעדט, בין איך אין איר ניט געווען שטארק פארליבט. נאָר ווען ס'איז געווען א פרײַע מינוט, פלעגן מיר זיך איבערווינקען.

— וויראַ! וויראַ! — פלעג איך ליב האָבן צו שרײַען צו וואליען גלאט אזוי, אין דער וועלט ארײַן. און עפּשער טאקע צוליב דעם, אז וואליע זאָל ארויסרוקן פון דעם פּיצל פענצטערל דאָס פארשמירטע פּאָנעם און מיר שענקען א קורנאָסע שמײכל.

עס זאָל איר זײַן באַקוועמער זיך אופהייבן אפן קראַן, פלעגט וואַליע קומען אין בלויע ספּאָרט־הויזן. זי פלעגט קומען צו פאָרן אפן וועלאָסיפּעד אפן זאַוואָד און אַרײַנפאָרן גלײַך אין צעך אַרײַן, אַוועקשטעלן דעם וועלאָסיפּעד בא דער וואַנט לעבן פענצטער מיט די אויסגעקלאַפּטע טאַפּליעס, דורכוואַנען די פייגעלעך פליִען אַרײַן. דערנאָך פלעגט וואַליע זיך מאַכן, אַז זי האָט עפּעס פאַרגעסן אפן וועלאָסיפּעד, קעדיי אָן איבעריק מאָל זיך דורכשפּאַצירן איבערן צעך און אַן איבעריק מאָל פאַרבײַגיין לעבן מײַן מאַשין.

האָט מיך טאַקע אָנגענומען דער יעיִצערהאָרע ניט אף קאַטאָוועס. דעם זעלבן טאָג נאָך דער אַרבעט פאַרבעט איך וואַליען אף די גאַסטראָלן פון „ראָמען“, זײַן צוגאַסט בא די ציגײַנער.

כאָטש די ליבע צווישן מיר און וואַליען האָט ניט געפּלאַקערט (אַזוי האָב איך געמיינט), נאָר געצויגן האָט מיך צו איר, ווי מיט אַ מאַגניט. איך האָב בעטעווע פײַנט, אַז יענער רוקט אַרײַן די נאָז צו מיר אין טעפּל זיך דערוויסן, וואָס דאָרט קאָכט זיך. איך דאַרף ניט, אַז דער צעך זאָל וויסן. איך שפּיל דערווײַל אַ שטילע ליבע. זי וויל „ראָמען“, איז „ראָמען“. וואַליע האָט אין דעם אָוונט אויסגעזען, ווי אַקסיניע בא שאָלאָכאָוון, נאָר אַ ביסל ייִנגער און פרייליכער. דאָס קורנאָסע נעזל האָט געגלאַנצט, די אויגן האָבן געבלישטשעט, ווי שטערן.

אין עטלעכע טעג אַרום נאָך „ראָמען“ זײַנען מיר ביידע געווען אפן סטאַדיאָן. עס האָבן געשפּילט די קאָמאַנדעס האָמעל — לוגאַנסק. און נאָך אין עטלעכע טעג אַרום האָבן מיר אינצווייען געקוקט דעם „ווינער אײַז־רעוויו“. מיר האָבן ניט פאַרגעסן זיך אַרײַנכאַפּן אין קאַפע „לאַסטאָטשקאַ“, פאַרביסן און פאַרבראַכט. וואַליע האָט געטאַנצט.

האָט אָבער וואַליע אַ מאַמע, וואָס אַלע שכיינים רופן זי פּאַפּילאָוונא. אָט די פּאַפּילאָוונא פרעגט בא וואַליען אויס, ווי אַ פּראָקוראָר, ווו און מיט וועמען שלעפּט זי זיך אַרום און ווערט פאַרפאַלן גאַנצע נעכט.

וואַליען האָט ניט אויסגעמאַכט, וואָס מיט די פּאַדעזשן איז בא מיר אַ ביסל ניט אין אָרדענונג. וואַליען האָט ניט אויסגעמאַכט, וואָס איך שטאַם פון אַ קליין שטעטל כאַשטשעוואַטע און וואָס טאַנצן טאַנץ איך, ווי אַ העלפאַנד אף אַ סימכע. נאָר וואַליע האַלט, אַז אין איר לעבן האָט זיך ניט די מאַמע וואָס צו מישן.

— מיט וועמען, טאָכטערקע, ווערסטו הײַנט ניט זײַן אין דער היים?

— מיט מייערן.

— מיט וואָסער מייערן?

— מיט אונדזער שנײַדער!

— מיט קיין העכערס און בעסערס קאָנסטו שוין ניט פאַרברענגען, — האָט פּאַפּילאָוונא געבורטשעט אומצופרידן, — קאַרג פאַראַן מעכאַניקער, אינזשענירן, לערער?

פּאַפּילאָוונא האָט באַשטימט, סע מעג איר קאָסטן אַכצן און דרײַצן, נאָר דעם שנײַדער וועט זי געפינען. עמעס, שוין ניט די יאָרן און ניט די קויכעס, נאָר אַז זי וויל, וועט זי איבערקערן גאַנץ לוגאַנסק מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרוף. זי מוז פּאַקן דעם כליוסט, דעם שנײַדערוק, וואָס האָט פאַרדרייט דעם קאָפּ איר טאָכטער. זי גייט דאָך אום פון איִם און ווי פאַרטשאַדעט.

געטראַכט און געטראַכט, איז די אַלטע געפאַלן אפן סייכל: זי וועט גיין אפן זאַוואָד, מיטנעמען עפּעס פון אירע אַלטע בעגאָדים, קלוימערשט אף איבערניצעווען, איבערנייען, און זאָל יענער אַ פײַג דערקענען, צוליב וואָס זי איז געקומען. בעקיצער, אין איינעם אַ לויטערן פרימאָרגן האָב איך אַ גאַסט אפן זאַוואָד. וויאַזוי זי האָט באַקומען אַ פּראָפּוסק צו מיר אין צעך, איז דערווײַל אַ סאָד. וויאַזוי זי האָט מיך געפונען, ווייס איך אויך ניט. מיר איז נאָר באַוווּסט, אַז פּאַפּילאָוונא איז אַ צײַט געשטאַנען בא די טויערן און געבעטן, אַז מע זאָל איר אַרויסשיקן דעם שנײַדער.

— איר זײַט עס מייער? בא מיר איז אַראָפּ פון דער מאָס אַן אַלט יאַקעלע און נאָך עטלעכע זאַכן. וואָלט איך זייער וועלן, איר זאָלט מיר איבערנייען לויט מײַן מאָס.

און ניט לאַנג געטראַכט, האָט פּאַפּילאָוונא אָן עפן געטאָן דעם טשעמאָדאַן טאַקע דאָ, אפן פענצטער, ווו די פייגעלעך פליִען אַרײַן, און גענומען אַרויסלייגן פאַרן שנײַדער אירע קליידער. דער גאַנצער צעך האָט זיך געוויגט פון געלעכטער. און פון דעם בלויען, פאַרגלאָזטן שטיבעלע, וואָס פּאָרט קעסיידער איבער מײַן קאָפּ, האָט וואַליע אַרויסגעשטעקט איר פאַרמורזעט, שמייכלדיק פּאָנעם:

— מאַמע!

איצט איז שוין קיין צווייפל ניט, אַז איך בין בעעמעס אַ שנײַדער.

מײַן דוואָסיע אָף קוראָרט

אַיר האָט אַ גראָבן טאָעס, אויב איר מיינט, אַז איך בין פון געבוירן אָן אַ יאַדעשליוועַר. מײַנע טאַטע־מאַמע זײַנען געווען געזונט און שטאַרק (נאָר קראַנק אָף דער קעשענע) און קיין שום כאַלאַסן אָף קיין נעדיזנע האָבן זיי מיר ניט געלאָזט. ביז אַכט און צוואַנציק יאָר האָב איך אַפילע ניט געוווּסט דעם וועג צו קיין דאָקטער. איך רייד ניט, פֿאַרשטייט זיך, פון קלייניקייַטן. מע בריט זיך אַמאָל אָפּ, מע צעשנײַדט זיך אַ פוס, מע צעבײַלט דעם שטערן, ס׳כאַפּט אַמאָל דער בויך. דאָס הייסט באַ מיר ניט זײַן קראַנק.

איצט איז אַן אַנדער זאַך. איצט דאָקטער איך זיך גאַנץ אָפּט. פֿאַרשטאָפּטע קעפּ און נידע־ריקע בריִעס, ווען דער קאָפּ דינט נאָר אָף טראָגן אַ היטל, וואַרפן מיר אויס, אַז איך בין אַ טשעכאָטאָטשניק. דאָקטוירים רופן די קראַנקײַט, ווי זיי געפעלט: אַמאָל בראָנכיט, אַמאָל לונ־גען־אַנצינדונג, אַמאָל שווינדזוכט, אַמאָל טובערקוליאָז. זיי, די כאַכאָמים, זאָגן, אַז איך קאָן אומ־געריכט צומאַכן אַן אויג, אַנשלאָפן ווערן אָן וועטשערע, גייענדיק שטאַרבן. איך לאַך זיך אויס דערפון, זאָלן זיי סטראַשען די געגנדז אָפן בוידעם...

ווי די מײַסע זאָל ניט זײַן, טראָג איך זיך אַרום מיט מײַן טשעכאָטקע גוטע דרײַסיק יאָר. און ווי ס׳זעט אויס, וועל איך אויסלעבן מײַנע יאָרן, וויפל מיר איז באַשערט, און זיך ניט אויס־היילן. איך טראָג זייער גרינג איבער אַ ווייטעק, — אַזוי זאָגט מײַן דוואָסיע.

אָפן ערשטן קוק האָב איך ניט די ווערט קיין דרײַ גראָשן: לאַנג און דאַר, אַ ביסל סוטולע, אַ האָרבאַטע נאָז, אַן אײַנגעפאַלן, געל פּאָנעם, געקאָרטשעט, ווי אַ צוגעברענטער געבראָטענער עפּל אָדער אַ צוגעקוועטשטע זויערע אוגערקע. נאָר קויעך האָב איך קעדעבאָע.

דער אומגליק האָט צו מיר זיך גענומען פון דער באָד.

אַ יאָר פיר פאַר דער גרויסער מילכאָמע בין איך ווינטער־צײַט אָנגעקומען אַרבעטן אין אַ פּיצל שטעטעלע אָף וואָלין. די היגע באַלאָטעס שעמען אָפן גאַנצן ווינקל. אָסיען און וועסנע איז דאָרטן דערטרונקען צו ווערן. וועסנע־צײַט האָט אַמאָל פֿאַרהרײַזנעט אַ וועגעלע, איז דאָס גע־בליבן שטעקן ביז נאָך פּייסעך. איך האָב געדונגען אַן אַלקער און זיך געשטעלט אַרבעטן.

איין מאָל אין וואָך דאַרף אַ לעבעדיקער מענטש גיין אין באָד אַרײַן? איך הייב אָן פרעגן, ווו איז דאָ די באָד, דערציילט מען מיר אַ לאַנגע מײַסע, אַז זומער גייט קיינער ניט אין באָד אַרײַן. מע באָדט זיך אין טײַך, דאָרטן, ווו די ווײַבער וואַשן גרעט און מע פּאָיעט פערד. האַרבסט שטייט די באָד אָף רעמאָנט, און איצט, ווינטער־צײַט, ווי נאָר מע וועט אַרײַנפירן הייצונג און ס׳וועט אַ שפּאַר טאָן אַ רויך פון קוימען, וועט עס הייסן, אַז די באָד אַרבעט. אַוואַדע איז ניט שיין, אַז מע קראַצט זיך, באַזונדערס צווישן מענטשן. נאָר אַן אַנדער ברייַרע האָט מען? דאַנ־קען גאָט, די באָד האָט זיך געעפנט. אָף די סטויפעס און פּלויטן זײַנען צעקלעפּט פּעטע מעל־דונגען. פונעם אָפן קוימען האָב איך אַראָפּגענומען אַ פרישן בערעזע־בעזעמל, אַ נײַעם אויס־געניייטן האַנטעך, אַ קלאָר־ווײַס געפּרעסט פּאָרל גרעט, אַ היפּש שטיק זייף און הײַדאַ אין באָד אַרײַן!

אין פּאָדערצימער, ווו מע טוט זיך אויס, איז פינצטערלעך, רויכיק, קילבלעך און גליטשיק. נאָר אַן אַנדער ברייַרע האָב איך? אַרײַן אין באָד, געכאַפּט אַ שעפל און צו צום קראַן. דאָס וואַסער איז קוים לעבלעך, קימאַט ווי באַ אַ טויטן דער קאָפּ. איבערגעקערט אָף זיך אַ פּאָר שעפלעך, געקומען צו־זיך און גענומען זיך אָנזייפן... ווידער אויסגעגאָסן אָף זיך אַ שעפל קאַלט וואַסער...

און כאָטש, ווי איך האָב אײַך שוין געזאָגט, איך בין בעטעווע אַ מענטש אַ געזונטער, בין איך געקומען אַהיים אַ פֿאַרטשאַדעטער, אַ פֿאַרטיקער, פונקט ווי אַ פּאָלק סאָלדאַטן האָבן איבער מיר געשפּאַנט אין נײַע שטיוול. קיין גאַנצער אייווער איז אין מיר ניט געבליבן. ס׳האָט געהאַקט אין די לאָפּעטקעס, געבראָכן די גלידער. און דער הוסט, כאָטש שפּײַ אויס די נע־שאָמע! אַ ווינטער בין איך אָפּגעלעגן צו בעט, אָפּגעקרענקט און שיר ניט אַוועקגעקראָכן צום פּרילוקער ראָוו, נאָר איך האָב נאָך גוט אָפּגעשניטן. איך בין נאָר געבליבן אַ יאַדעשליוועַר, ווי די פֿאַרשטאָפּטע קעפּ רופן מיך — אַ טשעכאָטאָטשניק.

אָט טאַקע פון דאַן אָן פאָר איך אַלע זומער אָף דאַטשע, אָף קוראָרט, הייסט עס. עמעס, איך בין ניט דער איינציקער. טויזנטער פאָרן זיך היילן, און צענדליקער טויזנטער פאָרן פּאָשעט זיך אָפּרוען און אָ הוליע טאָן באַם יאַם. ווי נאָר ס׳קומט דער ליבער זומער, הייבט זיך אָן דאָס לויפעניש. מע מוטשעט די פּאַבזאַוקאָמען. אַלע ווילן פּוטיאָווקעס, און דאַפקע אָף זומער, און דאַפקע אָף דאָרעם: יאַלטע, געלענדזשיק, סאָטשי. מע וואַרפט ווײַב און קינד; מע לאָזט איבער

די בעסטע דירעס; מע פליט און מע שווימט, מע פאָרט און מע לויפט, מע קערט וועלטן, אבי אָפּרוען אַף קוראָרט.

נאָר אַף וויפל פּוטיאָווקעס איז שטענדיק וויייניקער, איידער מענטשן, וואָס האָבן כיישעק צו פאָרן רוען, האָבן די לעצטע יאָרן אַף די קוראָרטן זיך באוויזן „דיקארעס" — „ווילדע", הייסט עס. די ווילדע זייַנען ברוים, פּונקט ווי אַלע מענטשן, נאָר פאָרן קייַען, פאָרן עסן צאָלן זיי מעזומאָנים. א געלעגער, א ווינקל דינגען זיי. די זון און דער יאַם געהערן אַלעמען אַלצייַנס אומזיסט. מייַן דוואָסיע זאָגט: איר דוכט, אז הייַנטיקע צייַטן פאָרן אפילע הינט און קעץ אַף קוראָרט. הייַנט וואָס טוט זיך מיט בילעטן... הייַנט די ענגשאַפט אין וואַגאָן.

איז אָט, אינמיטן טאַמוז, ווען די היצן באַפאַלן און ס'איז זיך ניטאָ וווּהין זיך אויסצובאַ־האַלטן, די שטיינער ברענען אונטער די פיס, ס'איז שווער צו ארבעטן, — דאַן גיי איך אַרייַן אין זאַווקאָם. שאַ, שטיל, אָן געשריי און אָן יירגאָזן און טו א פרעג בא נינעטשקען, בא דער סעקרעטאַרשע, הייסט עס, צי איז עפּעס וואָס דאָ פונמייַנטוועגן. און דאָרט, פון אויבן, ווייסן זיי שוין, ווער איך בין. איסיַי איסייַעוויטש קאַנדלצוקער איז בא זיי טייַערער פון רעטעך. טראָג איך, הייסט עס, אַרייַן די דרייַסיק פּראָצענט, און די פּוטיאָווקע איז שוין אין קעשענע.

אז כ'בין געקומען אהיים, האָט מייַנע מיך גלייַך געגומען גרייטן אין וועג אַרייַן. נאָר אין דער נאָז דערקען איך, אז זי איז מיט עפּעס ניט צופרידן. שוין ליגנדיק אין בעט, האָבן מיר זיך אויסגעיישעוועט, און ס'איז געבליבן, אז מיר פאָרן אינצווייען. ס'איז פאַראַן אַזויפיל ווילדע, וועט דאָס מאָל צוקומען נאָך א ווילדע, דוואָסיע מייַנע.

שטאַמען שטאַמט זי פון א קליין שטעטעלע אַף אוקראַיִנע. בעלעוווקע הייסט עס. באַם טאַטן דעם קאַוואַל איז זי אַף קיין שיפן ניט געפאָרן, דעם יאַם און די בערג ניט געזען, פון קיין דאַטשע ניט געכאַלעמט, געגעסן קאַרטאָפל מיט קנאָבל. אז ס'איז געווען שוואַרץ ברויט אין שטוב, איז געווען א יאָמטעוו. וואָס איז טאַקע דער יושער, איך דאַרף זיך אַרומשלעפן באַם יאַם, אין די קאַפּעען, און זי זאָל זיצן אַליין אין שטוב? צוויי בילעטן זייַנען שוין אין בייַטעלע. ריכטיקער, מיר זייַנען אַף די רעדער. מיר פאָרן. דוואָסיע קאָן זיך ניט אָפּרייַסן פון פענצטער — סאַראַ שיינקייַט!

געקומען אָפּן אָרט (א נאַכט ניט געשלאָפן), דורכגעמאַכט אַלץ, וואָס מע דאַרף, געדונגען פאַר דוואָסיען א געלעגער, ווי אַלע ווילדע, פאַר א קערבל מיט א פּערציקער. געקויפט איר א קורסאָווקע, מיר זאָלן עסן בא איין טיש. איַי, דאָס עסן! פון פויגל־מילך! פיר געריכטן נאָר אַף איבערבייַסן, אז איך האָב שוין ניט ווו צו לייגן. בא אַלע מייַנע ליבע אַזעלכע טישן.

אָט אָ־דאָ דערפילסטו ערשט, אז דו ביסט א שטיקל מענטש אַף דער וועלט. ס'איז קעדייַ צו לעבן. אָט שטעלט אייַך פאָר. א זומערדיקער גאַנצפרי. דו שטייסט אָפּן גאַנעק, אַף דער טעראַסע הייסט עס דאָ. העט־ווייַט פאַלט צו דער רויט־צעגליטער הימל צום יאַם, ווו נאָר דאָס אויג קאָן כאַפּן. שיפן גליטשן זיך. און דאָ, הארט לעבן ברעג, שפּילט די זון מיטן יאַם אין קאָרטן, טרייַבט קאַטאָוועס, וואַרעמט און גיט אונטער היץ די שוימיקע כוואַליעס, וואָס טאַנצן, קלעטערן איינע אַף דער צווייטער, שלאָגן זיך אָפּ אין דעם זאַמדיקן ברעג און רינען אויס.

נאָכן איבערבייַסן גייען מיר צום יאַם. מענטשן ווי מורעשקעס, ווי זאַמד און ערד. מע זיצט און מע ליגט האַלב־נאַקעטע, מע וואַרעמט די בייַכער און מע בראָט די רוקנס, פון אייניקע שיילט זיך די זיבעטע הויט.

פון אַזעלכע, ווי איך, מאַכט מען דאָ כויזעק. געקומען, זאָגט מען, קיין טולע מיטן אייגע־נעם סאַמאָוואַר (מיט דעם ווייַב, הייסט עס). דאָ שפּילן זיך ליבעס וויפל שטערן אין הימל. אין די גרויסע הונדערטער פּיקן זיך אויס שידוכים. א מאָדנע זאַך — די ליבעס פלאַקערן צומייַנסטנס ניט ווען די זון ברענט, נאָר באַנאַכט, ווען ס'איז שטאַרק פינצטער. ערגעץ צווישן די בערג אָדער אין וואַלד. די יוגנט נעמט פון לעבן אַלץ, וואָס איר קומט, און באַצאָלט א שיבעש.

נאָר איידער דו באַווייַזט זיך אַרומקוקן, דאַרף מען שוין פאָרן אהיים. דייַנע טעג זייַנען איבערגעפלויגן און מע בעט אייַך מעכילע באַפרייַען דאָס פּלאַץ פאַר אַנדערע געסט. זאָגן דעם עמעס, גלוסט זיך ניט אַוועקפאָרן.

פאָרן אַוועקפאָר האָב איך א ווונק געטאָן צו דוואָסיען, און מיר האָבן אַרופגעקלעטערט דורך א שמאָל לייטערל אַף א ווייַסער שיף, „אַטוואַזשני" הייסט זי, און מיר האָבן געמאַכט א שפּאַציר צו פּיצונדע. און זאָל זיך אייַך דוכטן, אז דער קאַפּיטאַן האָט ניט געוווּסט, וואָס פאַר א וועטער ס'וועט זייַן. ריכטיקער, ניט פאָרויסגעזען, אז ס'וועט זייַן א שטורעם. ווי שטענדיק, האָט עס זיך אָנגעהויבן אַזוי.

די זון וואָרעמט. די לופט איז גרינג און פריש. פייגל דרייען זיך אַרום דער שיף. דער יאַם שנײַדט זיך אַײַן אין די בערג, וואָס זײַערע קעפּ און געזימסן שפּאַרן אונטער דעם הימל. ווו דו גיסט ניט קיין קוק אַפן ברעג, איז אַלץ אײַנגעטונקען אין גרינס. און מיטאמאָל האָט זיך דער ווינט אַ שלײַדער געטאָן אַף אונדזער „אַטוואזשני", אַז מיר האָבן שיר אַלע ציין ניט געקליבן. כוואַליעס העכער דעם דאַך האָבן אונדז געשלײַדערט, געמאַרדעוועט. אונדז נאָר געוואָלט איבער־קערן און אויסבאָדן אין אָנטאָן. איך האָב שוין איין מאָל געהאַט אַ קאַלטע באָד... און דאָס איז די צווייטע.

מײַן דוואָסיע שרײַט:

— יִיסראַליע! ווו ביסטו דאָרט? נאַ דיר אַ קנאַבל, וועט זיך דיר ניט גלוסטן ברעכן.

איינע בעטן וואַסער, אַנדערע — וואַלידאָל.

ווען דוואָסיע האָט אַ טעווע פון כאָלעשן, וואָלט זי געכאָלעשט. אין פּאַכעד און שרעק האָבן מיר זיך דערקליבן צו פּיצונדע. אַזאַ יאָר אַף אונדזערע סאָנים, ווי מיר האָבן אויסגעזעזן — נאַס און דערשראָקן.

ס'איז דאָך אָבער זומער אַף דער וועלט. אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קליידער, אויסגעדרייט, אוועקגעלייגט זיי טריקענען אַף דער זון. אַליין זיך אויסגעוואָרעמט די ביינער און ווידער כײַ־געלעבט.

אומגעקערט האָבן מיר זיך שוין פּאָר וועטשערע. ערשט דאָ, אין גאַגרע, האָט דער קאַפּיטאַן געמאָלדן, אַז ס'איז אונדז אָפּגעגאַנגען אַ מינוט צום טויט.

אַפן צווייטן טאָג האָבן מיר געכאַפּט די טשעמאָדאַנעס און — הײַדאַ אהיים. דוואָסיע זאָגט — שיט איר אָן אַ פולע שטוב מיט גאָלד, וועט זי מער אַף קוראָרט ניט פאָרן. זי וויל ניט דעם גיפט און דאַרף ניט דעם האָניק. אײַנשטעלן דאָס לעבן איז זי ניט מעכויעוו. און צוליב איר פאָר איך שוין אויך ניט. זיץ איך דאָ הינטער מאָסקווע בא די ברעגן פון קליאַזמע און צייל די בלעטער אַף די ביימער. פאַר אַ ליידיקגייער איז דאָס ווי אָנגעמאָסטן. מיר דוכט, אַז ס'איז שוין צײַט גיין נעמען עפּעס אין מויל אַרײַן.

אויב איר ווילט, כאַפּט זיך אַרויס נאָך דער וועטשערע, וועלן מיר זיך דורכשפּאַצירן אין וואַלד. איך האָב אײַך צו דערציילן זייער אַ טשיקאַווע געשיכטע.

רוּוֹן פּאָסטילניקאָוו

צוויי מיניאַטורן

טריסקאַווקעס

כ׳האָב ליב צו פֿלאַנצן טריסקאַווקעס. זיי זײַנען שיין, פֿילפֿאַרביק און מאָלע־טאַם. פֿאַרזעצן דאַרף מען טריסקאַווקעס איין מאָל אין פֿינף יאָר, דערנאָך אין מעשעך פֿון די פֿינף יאָר פֿלאַנצן זיי זיך שוין אַליין. יעדעס קערנדל זוכט זיך אויף זײַן אָרט, ס׳גריבלט זיך אַליין אײַן אין דער ערד, און דאָרטן צעשפּרייט עס די יונגע וואָרצלען. נאָר די „מוטער", וואָס האָט דאָס קערנדל געבוירן, גיט נאָך צוויי כאָדאָשים נאָכאַנאַנד צו זויגן פֿון אירע זאַפֿטן דעם „קינד". די מוטער־זאַפֿטן באַקומט דאָס יונגע געוויקסל דורך אַ דין גרין אָדערל, וואָס הייסט ווענצעלע. און טאָמער כאָלילע שנײַדסטו עס איבער פֿאַר דער צײַט, פֿאַרוועלקט עס. מע דאַרף אויך וויסן, ווען עס צו אַנטווייניען פֿון דער מאַמעס זאַפֿט. ווען דער געוויקס לאָזט אַרויס פֿיר בלעטעלעך און אין דער מיט באַווײַזט זיך דאָס „האַרץ", דאַן שנײַד איך איבער דאָס ווענצעלע, און דער געוויקס גייט שוין איבער אויף מײַנע קעסט. איך האָדעווע אים אַלע באַגינען מיט שטוב־וואַסער, און באַטאָג פֿעסטעט ער זיך אונטער די שטראַלן פֿון דער זון.

איינמאָל אינדערפֿרי דערזע איך, ווי אַ יונג קוסטיקל האָט זיך אײַנגעבויגן צו דער ערד, ווי ס׳זאָל זיך בעטן באַ מיר — ראַטעווע! די בלעטעלעך זײַנען פֿאַרגעלט געוואָרן, מאַמעש זיי גויסען... וואָס איז געשען? און דאָ דערזע איך אַ טונעיאַדעץ — אַ ווילד פֿרעמד גרעזעלע האָט זיך ביגנייווע פֿאַרקליבן צו די טריסקאַווקעס, זיך אַרומגעוויקלט אַרום די דינע שטענגעלעך און זויגט און זויגט... איך האָב דעם פּוסטעפּאַסניק אַפּגיך אויסגעגראָבן און דאָס געוויקסל דערמונטערט מיט דער בעסטער רעפֿוע — מיט וואַסער. ס׳איז טייקעף ווי לעבעדיק געוואָרן.

כאָטש דאָס לאָשן פֿון די טריסקאַווקעס אין ניט אַזוי פּראָסט, דאָך פֿאַרשטיי איך שוין עפּעס וואָס פֿון דעם, וואָס זיי ריידן צו מיר.

דאָס מאָל האָב איך בעפּיירעש פֿאַרשטאַנען, אַז די אופֿגעלעבטע בלעטעלעך נייגן זיך פֿאַר דאַנקבאַרקייַט צו מיר.

„יאָ, טראַכט איך מיר, איז וואָס טוט מען איצט מיטן ווילדן זויפֿער, מיטן פּרעסער, מיטן טונעיאַדעץ? ס׳איז דאָך פּאָרט אַ גרעזעלע און ס׳בעט זיך אויך באַ מיר: „זײַט מיר מויכל, זעצט מיך צוריק אַרײַן אין מײַן נעסט — אין דער ערד אַרײַן, איך וועל מײַן זינד אויסקויפֿן".

איך האָב דאָס גרינע גרעזל צוריק אײַנגעפֿלאַנצט אויף אַ באַזונדער אָרט, געגעבן דעם טרינקען אַלע פֿרימאָרגן. דאָס גרעזעלע האָט זיך געצויגן צום הימל, גלײַך מיט אַלע געוויקסן, ביז ס׳איז אויסגעוואַקסן און צײַטיק געוואָרן.

איינמאָל באַגינען, איך טו אַ קוק — אַ קאַץ קײַט דאָס גרעזל, מאַמעש זי קוויקט זיך, באַלעקט זיך, ווי זי וואָלט זיך אָנגעטרונקען מיט געשמאַקער מילך. ווען ניט מײַן שאָכן, וואָס וווינט פֿון יענער זײַט פּלויט, וואָלט איך גאָרנישט ניט פֿאַרשטאַנען.

— וווּנדער זיך ניט, — זאָגט ער צו מיר, — דאָס דאָזיקע גרעזל איז אַ רעפֿוע פֿאַר דער קאַץ.

דאַן האָב איך מיך דערמאָנט מײַן טאַטנס אַ זאָג: „אַלץ, וואָס איז אויף זײַן אָרט, ברענגט אַ נוץ".

אונדזערע קינדער

אינעם גרויסן גרינעם הויף, אנטקעגן מײַן שטוב, געפינט זיך א קינדערהויז. אלע פרימאָרגן, ווי נאָר איך עפן די אויגן, דערטראָגט זיך צו מיר דאָס פרייליכע געלעכטער פון קינדער. איך הער, ווי עס סקריפען זייערע הוידעלקעס, הער זייער הילכיק געזאנג, יעדן אינדערפרי זע איך, ווי די דערציִערנס פירן די קינדער אין וואלד ארײַן שפאצירן. א י ך זע זיי אלע, נאָר זיי מ י ך זעען ניט — דאָס זײַנען בלינדע קינדער.

די עלטערן, וועלכע ברענגען אהער די ייִנגעלעך און מיידעלעך, זײַנען שוין צוגעוווינט צו דעם אומגליק, וואָס האָט געטראָפן זייערע קינדער. אָבער קימאט בא אלע שטייען טרערן אין די אויגן. קיין אנדער ברייִרע איז ניטאָ. דאָ, אין ספּעציִעלן קינדערהויז, וועלן די קינדער זיך לערנען.

הײַנטיקן זומער איז געווען א נײַער אופנעם. איך האָב געזען און געהערט, ווי די קינדער באקאנען זיך איינס מיטן צווייטן.

— ווי רופט מען דיך?

— איגאָר.

— און דיך ווי רופט מען?

— פּאשא.

— פונוואנען ביסטו געקומען? — פרעגט איגאָר.

— פון מיכײַלאָווקע.

— פון מיכײַלאָווקע! — איגאָר טוט א מאך מיט דער האנט. — פון א דאָרף? און איך וווין אין מאָסקווע! יעדן אינדערפרי הער איך קלינגען דעם זייגער פון קרעמל. איך קאָן דיר גלײַך זאָגן, אוועלכע מאשין עס פאָרט דורך — א „פּאָבעדא“ צי א „וואָלגע“, א „מאָסקוויטש“ צי א „זאפּאָראָזשעץ“...

— און איך, — שלאָגט אים איבער פּאשע, — קאָן לויטן רייעך טרעפן, ווו עס וואקסט הרעטשקע, ווו פּראָסע און ווו קאָרן. איך גיי מיר, ווען איך וויל, איינע אליין אין פעלד צווישן די זאנגען. איך האָב ניט מוירע פאר דײַנע „וואָלגעס“ מיט דײַנע „פּאָבעדעס“. בא אײַך, אין מאָסקווע, דארף מען זיך אלע מינוט אָפּשטעלן, ביז דײַנע מאשינעס וועלן דורכפאָרן. ווייסט וואָס, איגאָר, — כאפּט פּאשע אָן דאָס צווייטע יאטל בא א האנט, — קום, וועל איך זאָגן דעם זיידן, ער זאָל דיך נעמען צו אונדז אין מיכײַלאָווקע. דו האָסט קיינמאָל ניט געזען אונדזערע קעלבעלעך. איך ווייס קעסיידער, ווער פון זיי עס מעקעט. איך האָב בעסער ליב מאליולקען.

פלוצעם דערטראָגט זיך א גלעקלדיק קעלעכל פונעם צווייטן עק הויף:

— אהער, אהער, אלע אהער!

די קינדער לאָזן זיך לויפן איבער די גאָלד־זאמדיקע סטעזשקעס, איבערן הויכן גראָז. זיי לויפן געשיקט, און עס גלייבט זיך ניט, אז די קינדער זעען ניט דעם וועג. אָט שטייען זיי שוין אלע ארום דעם יאטל, וואָס האָט זיי גערופן, דאָס איז פּאווליק. ער האָט אליין אָנגערופן זײַן נאָמען.

— מיך רופט מען פּאווליק, — האָט ער געמאָלדן, — איר זעט, איך האָב אָנגעמאָלט א זון, — ער האָט מיט דער האנט א קלאַפּ געטאָן איבערן בייגעלע פּאפּיר, וואָס איז געלעגן אפן בידעריקן טישל.

— דו האָסט געזען די זון? — האָט איגאָר ווי דערשראָקן געפרעגט.

— שטעל אונטער די האנט, וועסטו זי דערפילן. איך האָב זי אויסגעמאָלט, ווי א הארץ.

— ווער האָט דיר געזאָגט, אז די זון איז ווי א הארץ? — האָט איגאָר זיך צוגערוקט נעענ־טער צו פּאווליקן.

— ווינטער, — האָט פּאווליק דערציילט, — האָב איך געמאכט א שניי־מאלקע און זיך

אָפּגעפּרוירן די פינגער. האָט די מאַמע מיר זיי דערוואַרעמט מיטן אָטעם פונעם מויל, דערנאָך אוועקגעלֿייגט מײַנע הענט צו זיך אפן האַרצן, און מיר איז וואַרעם געוואָרן. איצט ווייסטו שוין?

די קינדער זײַנען שטילֿע געשטאַנען אַרום דעם בלֿינדן מאָלֿער. איגאָר האָט אונטערגעשטעלֿט דאָס פּאָנעם אַנטקעגן דער זון און מער שוין גאָרנישט ניט געפרעגט.

מיטאַמאָל האָבן די קינדער א צאַפּל געטאָן. צו זייערע אָנגעשפּיצטע אויערן האָבן זיך דערטראָגן די טרויעריקע קלאַנגען פון א לֿירע. דאָס האָט דער בלֿינדער זיידע כמעלקאָ, וואָס האָט געבראַכט אהער פּאַשען, גענומען שפּילן. מע האָט אים אַרומגערינגלט. דער אלֿטער האָט אַרופגעלֿייגט זײַן אויסגעצויגענע דלאָניע אף דער אײנציקער סטרונע, וואָס איז צוגעפּעסטיקט צו א הילֿצערן רעדעלֿע. ער האָט א דריי געטאָן דאָס הענטל פון דער לֿירע און מיט א פינגער צוגעקוועטשט די סטרונע — אָט אין איין אָרט, אָט אין א צווייטן. אלֿע דרײַ טענער, וואָס די לֿירע האָט געקאָנט אַרויסברענגען, זײַנען געווען זייער טרויעריקע. די קינדער האָבן זיך געטולֿיעט איינס צום צווייטן, ווי זיי וואָלֿטן פאַר עפּעס זיך דערשראָקן.

— איר זעט, קינדער, — האָט אָנגעהויבן דער בלֿינדער שטילֿ, פּונקט ווי ער וואָלֿט זיך געקלֿיבן דערציילֿן א טרויעריק מײַסעלֿע, — די דאָזיקע לֿירע איז אמאָל געווען מײַן אײנציקע ברויטגעבערן. קיין סאַך געשיכטעס קאָן זי ניט אויסדערציילֿן, זי פאַרמאָגט נאָר איין סטרונע, א וויינענדיקע, א כלֿיפּענדיקע, און די מײַסעלֿעך, וואָס זי דערציילֿט, זײַנען פּונקט אזוי טרויעריק, ווי מײַן לֿעבן איז געווען. קיין היים האָב איך ניט געהאַט, אין קיין ציכטיק געלֿעגער בין איך קינדווײַז ניט געשלֿאָפן. פון דאָרף צו דאָרף, פון שטאָט צו שטאָט האָב איך אַרומגעוואַנדערט מיט מײַן לֿירע, דערפאַר דערציילֿט זי, די לֿירע מײַנע, טרויעריקע געשיכטעס...

פון דער אָנגעגלֿאָזטער וועראַנדע, וואָס איז געדיכט אַרומגעוואַקסן מיט טונקעלֿע אײדל־געשניצטע בלֿעטער פון ווילדע ווײַנטרויבן, האָט זיך צעטראָגן איבערן הויף דאָס געקלֿאַנג פון א גלֿאָק. ניט אלֿע נײַע אײַנוווינער פונעם קינדערהויז האָבן געוווּסט, אז־דאָס רופט זיי דער גלֿאָק צו די נידעריקע ווײַסע עסטישלֿעך, אף וועלֿכע דער אלֿטער גערטנער פונעם קינדערהויז שטעלֿט אלֿע טאָג אוועק ערשט אָפּגעשניטענע בלֿומען.

— גייט, קינדער, — האָט דער בלֿינדער לֿירניק געזאָגט, — דאָס רופט מען אײַך עסן מיטיק. זאָל אײַך וווילֿ באַקומען.

די טאַטעס און די מאַמעס, זיידעס און באָבעס, וועלֿכע האָבן געבראַכט אהער זייערע קינדער, זײַנען געשטאַנען פונדערווײַטנס, צוגעשאָקלֿט מיט די קעפּ, אָפּגעווישט א טרער און געשוויגן. געוויס איז אײניקע פון זיי געקומען אפן געדאַנק, אז זייערע אומגלֿיקלֿעכע קינדער האָבן פאַרט אַן אַנדער דאָליע, ווי דער אלֿטער לֿירניק כמעלקאָ...

הירש רעלעס

שפּעט אין הארבסט

אין סקווער שוין קיין בלומען ניטאָ,
דער נאכטיגאַל לאָזט זיך ניט הערן,
עס שפּילן אין דאָמינאָ
בא טישלעך די פּענסיאָנערן.

דער הימל איז נאָענט און מאט,
ער קוקט ווי מיט כידעש, פּאַרדריסלעך.

דער געוועזענער זאוּסעלמאַג
קומט אויך שוין אהער צו די טישלעך.

ווען ארום ווערט אי טונקל, אי גראָ,
צעגייט מען אהיים זיך ניט גערן.
ווי אייגעלעך פון דאָמינאָ
דוכטן אויס זיך אין הימל די שטערן.

אַף דער דווינע

מע זעט ניט קיין דאמפער, קיין שיפל,
איך שווים, און עס טראָגט מיך דער שטראָם.
אונטן — אַן אָפּגרונט א טיפער,
א גרינער און אייביקער טהאָם.

אויבן — העל־בלויע ווייטן,
די זון קוקט אראָפּ פון דער הייך.
פון איין ברעג האָב איך זיך דערווייטערט,
צום צווייטן נאָך אַלץ ניט דערגרייכט.

די כוואַליעס פון אָפּגרונט זיך הייבן
און הוידען מיך הין און צוריק,
ווי זיי וואָלטן וועלן אַף אייביק
מיך וויגן אין כוואַלישער וויג.

כ׳בין מיד. עס פארכאַפּט מיך דער אָטעם,
איך שווים און איך שפּיר ניט קיין שרעק.
איך גלייב, אז עס וועט מיר געראָטן
דערגרייכן דעם גאָלדענעם ברעג.

דערמאָנונגען

דער בליץ בא ווײַטע האָריזאָנטן,
וואָס אַנגעוואָרן האָט א פונק,
אָט דאָ, אין איינזאמקייט, דערמאָנט מיר
דיין לעצטן רייצנדיקן ווונק.

דער ווײַטער אָפּהילך פונעם דונער
אין גרינעם, ווײַסן בערעזניאַק
דערמאָנט מיר איצטער אזוי שטארק
דאָס בייזע וואָרט, ווען ביסט אנטרונען.

מיר דוכט, דו ביסט ערשט הײַנט אנטלאָפן,
און ס׳איז צו דיר דער וועג ניט ווײַט.
פאַרוואָס זשע קאָן איך אַלץ ניט שלאָפן,
אזויפיל יאָר, אזויפיל צײַט?

דאָרשט

פון וואָלקנס שטויב אַף ווײַטע וועגן
עס ליגט דאָס ברייטע פעלד פאַרשמאכט.
ווו נעמט מען איצט א פרישן רעגן —
א גוטן רעגן אַף א גאנצער נאכט,

וואָס זאָל דאָס הייסע פעלד דערקוויקן,
אז אַלץ זאָל ווערן פריש און נײַ...
די וואָלקנס, פונקט ווי ראָזעווע גליקן,
גייען אײַלנדיק פאַרבײַ.

און ווי בעקיוון, ווי אומיסטן
באשפּריצן זיי אפילע ניט דעם שטויב,
בלויז דונערס, ווי הארמאטן, שיסן,
פון ווײַטע ווײַטן הילכן טויב.

און ס׳ווערט פון זיי נאָך מערער מלאָסנע,
ניט שוין זשע וועט פאַרבײַ דאָס גליק?
און ס׳טרייסלט זיך אַן אַלטע סאָסנע,
ווי זיך אַליין זי וואָלט פאַרוויגט.

א וויוגע אין שטאָט

אַף אנטענעס זי שפּילט, ווי אַף הארפעס,
און טאנצט אַן אזארטן טוויסט.
אונטער בלענדיקע פאַרעס זי ווארפט זיך —
די ערד מיטן הימל צעמישט.

און ווי אקראָבאַטן מיליאָנען
זיך דרייען אין ווײַסן מישמאַש
איבער די שנייעלעך קליאָנען
אַף טראָטוארן,
אין גאַס.

פון לאָמפּן באגילדט און באזילבערט,
די וויוגע אַליין זיך געפעלט.
טאנצט זי א העפקערדיק־ווילדע,
פונקט ווי אין נאקעטן פעלד.

יעכיִעל טשיטשעלניצקי

זיי האָבן זיך ניט אומגעקערט פון דער מילכאָמע

אין צוזאמענהאנג מיטן 50־טן יאָרטאָג פון דער סאָוועטישער ארמיי ברענגען מיר דאָ א פארצייכענונג וועגן אירע צוויי העלדן, וועלכע האָבן אָפּגעגעבן דאָס לעבן פאר אונדזער סאָציִאליסטיש היימלאנד.

דאָס זײַנען צוויי פּאָשעטע סאָוועטישע מענטשן, וואָס פארקערפּערן מיט זיך דעם פּאטאָס און די העראָיִק פון די דרײַסיקער און פערציקער יאָרן.

די מישפּאָכע יִדישע סאָוועטישע ליטעראטן גרויסט זיך מיט דעם, וואָס אזעלכע העלדנמוטיקע סאָוועטישע סאָלדאטן, ווי צאָדעק טוזמאן און שלוימע זײַדענבערג, זײַנען דערצויגן געוואָרן אין אונדזער ליטעראַרישן צעך.

■

צאָדעק טוזמאן. שלוימע זײַדענבערג. צוויי יִדישע סאָוועטישע זשורנאליסטן, צוויי שלאכטלײַט פון דער רויטער ארמיי.

פארדריסלעך קורץ איז געווען זייער לעבן. סאכאקל אכט און צוואנציק יאָר איז אלט געווען זײַדענבערג, פינף און דרײַסיק — טוזמאן, ווען זיי זײַנען געפאלן אפן שלאכטפעלד פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע.

וועגן זיי א דערמאָנונג און דאָס גוטע וואָרט, וואָס זיי האָבן פארדינט.

■

קיִעוו, יון 1941. איינע פון די ערשטע מילכאָמע־נעכט. איר אומרויִקער אָטעם דערטראָגט זיך אהער, אין די רעדאקציע־צימערן פון דער צײַטונג „דער שטערן“, מיט א פארטויבטן אָפּהילך פון סאָלדאטישע טריט, מיט איבערגעקרייצטע זוכנדיקע שטראלן פון פּראָזשעקטאָרס, מיט א טראסקערײַ פון זעניט־הארמאטן. און מיט טעלעגראמעס, טעלעגראמעס פון פראָנט...

אָט דערהערן זיך ווידער די אײַליקע טריט פונעם ראטאו[1]־קוריער, און אפן טישל פונעם נאכט־רעדאקטאָר צאָדעק טוזמאן ליגט שוין א פריש פּעקל יעדיִעס. די מיטארבעטער פון „שטערן“ — די, וואָס ארבעטן אף דער באנאכטיקער וואכטע, און די, וואָס האָבן זייערס שוין אָפּגעארבעט און קאָנען דאָך ניט אוועקגיין פון רעדאקציע, ביז זיי זעען ניט די לעצטע פראָנט־טעלעגראמע, — רינגלען ארום צאָדעקן, צאליען, ווי אלע רופן אים דאָ ליבלעך. שווערע יעדיִעס, ביטערע טעלעגראמעס. דער סוינע רײַסט זיך פאָרויס, עס גייען בלוטיקע שלאכטן. טוזמאן נעמט אראָפּ די ברילן, ווישט אויס די אויגן־ווינקלען, דערנאָך די ברילן־גלעזלעך און נעמט אונטערײַלן דעם אוילעם, מע זאָל גיכער צוגרייטן צום דרוק דעם אָקאָרשט־באקומענעם מאטעריאל. די טעלעגראמעס דארף מען איבערזעצן, איבערדרוקן אף דער שרײַב־מאשין, אויסרעדאגירן. פאר דעם אלץ איז פאראנטוואָרטלעך דער נאכט־רעדאקטאָר, און ער וועט זײַן ארבעט אויך הײַנט טאָן פּונקט אזוי פלינק, געניט און רויִק, ווי נעכטן, ווי אייערנעכטן, ווי אין די פרידלעכע רעדאקציע־נעכט, כאָטש ער ווייסט שוין, אז דאָס איז זײַן לעצטע נאכט דאָ. מאָרגן גאנצפרי, ווען טויזנטער מענטשן וועלן צעעפענען די צײַטונג, וועט ער שוין זײַן אין מיליטער־קאָמיסאריאט.

מע קלינגט פון ראטאו:

— ענדע. הײַנט וועט מער גאָרניט זײַן.

— זייער גוט, — ענטפערט טוזמאן. ער קוקט אפגיך איבער די לעצטע זײַטלעך פון דער מאשינקע, פארשרײַבט אינעם נאכט־זשורנאל די צאָל שורעס, וואָס ער וועט באלד, צום לעצטן מאָל, אָפּשיקן אין דרוקערײַ, און פארבלײַבט אזוי

[1] פארקירצטער נאָמען פון דער אוקראַיִנישער טעלעגראף־אגענטור.

צאַדעק טוזמאַן

זיצן פאַרטראַכט איבער דעם צעעפנטן זשור־נאַל...

פאַראַן אומשטענדן, ווען דער מענטשלעכער מויעך איז פּייִק אין געציילטע מינוטן אויסוועבן און אוועקשטעלן פאַר די אויגן, ווי א מאַמאַ־שעסדיקע זעונג, א שטיק פון אונדזער פאַרגאַנ־גען לעבן. איך בין קימאַט ווי איבערצייַגט, אַז אין יענע עטלעכע רעגעס, ווען צאַליע איז גע־זעסן מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ איבערן רעדאַק־ציאָנעלן נאַכט־זשורנאַל, האָט ער זייַטל נאָך זייַטל איבערגעבלעטערט זייַן גאַנץ לעבן.

עס האָט זיך אים געוויס דערמאָנט א גרוילע־כער פרימאָרגן, ווען דער צוג האָט זיי, אים און זייַן יוגנט־פרייַנט, דעם קומענדיקן דיכטער כאַנע ווייַנערמאַן, געבראַכט קיין קיִעוו פונעם פּאָלע־סיער שטעטעלע לוהין. מ׳האָט זיך איבעריק ניט פאַרטראַכט, ווו וועט מען אין דער פרעמד צו־טוליען דעם קאָפּ און ווו וועט מען אַף א שטיקל ברויט נעמען. עס האָט זיך נאַרוואָס געענדיקט דאָס יאָר 1925, ענג און פוסטלעך איז זיי גע־וואָרן אינעם היים־שטעטעלע. זיי האָבן גע־טרוימט וועגן ליטעראַטור, וועגן דיכטונג, און זיי האָבן זיך געלאָזט אייַנעמען דעם גרויסן קראַך קיִעוו.

באַם אַרויסגאַנג פונעם וואָקזאַל שטעלט מען אוועק אַף א ווייַלע דעם פּול־געפּאַקטן זאַק, וואָס מע שלעפּט מיט זיך פון לוהין, און מע באַ־טראַכט דעם גרויסאַרטיקן פּלאַץ, דערנאָך כאַפּט מען א קוק איינער אפן אנדערן און מ׳פאַרשטייט זיך אָן ווערטער.

— איז וווהין גייען מיר? — פרעגן ביידע מיט די אויגן.

— ס׳איז ניטאָ וואָס צו טראַכטן. מיר גייען צו איציק קיפּניסן, — רופט זיך אָן כאַנע ווייַ־נערמאַן, — קיפּניס איז א סלאָוועשנער. סלאָ־וועשנע און לוהין זייַנען ווי א שטוב מיט אן אַלקער. איז וווהין זאָלן מיר פאַרפאַרן, אויב ניט צו קיפּניסן?

מע נעמט דעם זאַק אַף די פּלייצעס, און מע הייבט זיך אָן נאָכפרעגן, ווו איז די גאַס, וואָס הייסט טאַראַסאָווסקע.

איציק קיפּניס באַגעגנט זיי גאַסטפרייַנטלעך. ער כאַפּט בלויז א פאַרדעכטיקן קוק אפן זאַק, וואָס די לוהינער בעוורע האָבן אריינגעבראַכט מיט זיך און פאַרפּולט מיט אים דאָס ברעקל צימער.

— מיט קיין קיניגלעך געלעגער, עמעס, קאָן איך אייַך ניט באַזאָרגן, נאָר א שטיקל פּלאַץ אפן דיל לעם דער הרובע וועט זיך אָפּזוכן. און וואָס איז דאָרט פאַר אן אויצער אינעם זאַק?

טוזמאַנען שטעלט זיך די פאַרב אין פּאָנעם:

— א ביסל ברעזענע קלעצלעך. מ׳קאָן פון זיי מאַכן דאַמען־קנאָפּל פון דער לעצטער מאָדע, וועט דערווייַל ביז וואָס־ווען זייַן אַף א שטיקל ברויט...

— זייַט איר דאָך טאַקע כאַכאָמים. די קיִעווער דאַמען וועלן זיך פּאַשעט האַרגענען פאַר אייַערע קנאָפּל...

פאַרנאַכט האָט מען מיט די קלעצלעך אויסגע־הייצט די הרובע. אין צימערל איז געוואָרן מע־כייַעדיק־וואַרעם. איציק קיפּניס איז א מענטש, וואָס האָט ליב צו הערן, און זיי לייענען אים לידער, זייערע אייגענע לידער.

דערנאָך — א יוגנטלעכע צוזאַמענוווינונג אַף פּאַדאָל. צופעליקע, שווערע, נאָר קליינע פאַר־דינסטן. דעריקער איז אָבער בא זיי ניט דער טאָג מיט זייַנע דייַגעס, נאָר דער אָפּדערנאַכט, די אומפאַרגעסלעכע אָפּדערנאַכטן אינעם קלוב „קאָמפאָן“, וווהין עס קומען קימאַט יעדן אָוונט דאַוויד האָפשטיין, נויעך לוריע, איציק קיפּניס.

...און אָט דערזעט ער זיך אין איינער א נאַכט, וועלכע איז, לעהייפעך צו דער הייַנטיקער, דער לעצטער, — געוועזן זייַן גליקלעכער אָנהייב. א קליין צימערל אינעם „אַרבעט־פּאַלאַץ“ אַף דעם טעוועליאָוו־פּלאַץ אין כאַרקאָוו. דאָס איז דאָס צימערל פון דער קאָמיוגישער צייַטונג „יונגע גוואַרדיע“. ער ליגט אַף צונויפגערוקטע טישן, א שטויס צייַטונגען צוקאָפּנס. און דאָך איז אפן האַרצן גוט און וואַרעם פון דעם ערשטן טאָג אין רעדאַקציע, פון די פרישע אייַנדרוקן, נייַע באַ־קאַנטשאַפטן.

דערנאָך זײַנען אוועק טעג, זאַטע מיט הייסער ארבעט אין דער ליטעראַרישער יוגנט־גרופּע בא דער צײַטונג „יונגע גוואַרדיע" און אין איר בײַלאַגע „בוי־קלאַנג".

א ווײַטערדיק זײַטעלע. דאָס יאָר 1927. מיט וואָס האָט זיך עס באַזונדערס פּאַרקריצט אין זי־קאָרן? מיט א קליין ביכעלע: „10 לידער". „מיר ווייסן ניט, — האָט דער דעמאָלטיקער רעדאַקטאָר פון דער „יונגער גוואַרדיע" י. וואָרהאַפט גע־שריבן אין אַרײַנפיר־וואָרט, — וואָס פאַר א דערפאָלג עס וועט האָבן דאָס דאָזיקע ביכעלע. מיר ווייסן נאָר איין זאַך, אז דער יידישער יונ־גער האַרעפאַשניק זינגט נאָך די אַלטע לידער פון „כאַצקעלע קאַלבויניק"... און די „יונג־גוואַרדייער" האָבן געשטעלט פאַר זיך אַן אויפ־גאַבע שאַפן פאַר דער יוגנט נײַע לידער צום זינגען. די מוזיק האָט פאַרפאַסט דער יונגער ארבעטער פונעם כאַרקאָווער וואָלאָסיפּעדן־זאַ־וואָד, א מיטגליד פון דער רעדקאָלעגיע פון „יונגע גוואַרדיע" ביניאָמין ריסקינד, און די ווערטער — יויסף קאָטליאַר און ער, צאָדעק טוזמאַן. ער האָט אויך אָנגעמאָלט דאָס שאַר־בלעטל. די נײַע לידער זײַנען געבוירן אין א צײַט פון באַנײַונג, ווען די יידישע יוגנט פון שטעטל קומט אָן אף די פאַבריקן, זאַוואָדן און נײַבויונגען, וואַנדערט איבער אף די זאַפּאָראָ־זשיער, כערסאָנער און קרימער סטעפּעס. דאָס איז אָן אָנהייב פון גאָר א נײַ לעבן — א גע־זונטס, א ווירדיקס און גלײַכבארעכטיקטס. דאָס ביכעלע האָט געהאַט דערפאָלג. אינעם זומער־דיקן רוישיקן סטעפּ באַם אראָפּנעמען די גע־רעטעניש האָבן יידישע פויערים געזונגען יוי־סעף קאָטליאַרס „ברויטעלעך":

אוי, איר ברויטעלעך, ברויטעלעך,
איר שמעקט מיט מי און מיט פרייד,
אוי, איר זיסינקע ברויטעלעך,
וואַקסט געזונטינקערהייט.

און די יוגנט האָט געזונגען זײַנע, טוזמאַנס, א ליד „איך בין א יאַטל":

איך בין א יאַטל
פון יאַטל־לאַנד,
(איר קענט מיך אַלע מינאַסטאַמע),
ניט געווינט
ז'געווען מײַן האַנט
צום אַקער און צום האַמער...

און איצטער בין איך
פראַנק און פרײַער,
מונטער, מונטער און געזונט
און בוי א לעבן
א געזונטס,
ווי אַלע מענטשן אונטער זון.

און נאָך א ליד טוזמאַנס האָט מען געזונגען — די לירישע, האַרציקע ליד „אָפּן באַרג":

גיכער, גיכער, טײַערע,
ס'קומט שוין, קומט דער טאָג...
זע, ווי ס'רופן פײַערן,
גיך דעם טאָג דעריאָג.
ס'רופן, רופן מויערן
פון הויכן גרינעם שטעג,
ניטאָ קיין צײַט צו טרויערן,
מיר בויען נײַע טעג.

איך וועל אף א ווײַלע איבעררײַסן צאָדעק טוזמאַנען בא אָט דעם גליקלעכן זײַטעלע פון זײַן לעבן און וועל דערווײַל דערציילן וועגן מײַן ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט אים.

דער זעלבער „ארבעט־פּאַלאַץ" אף דעם טע־וועליעוו־פּלאַץ אין כאַרקאָוו. נאָר ס'איז שוין דאָס דרײַסיקסטע יאָר. א לענגלעכער, טונקעלער קאָ־רידאָר. א סאַך זײַטיקע צימערלעך, וואָס זייערע פענצטער קוקן אַרויס אינעם שטענדיק ראַשיקן פּאַסאַזש און דערגרייכן שיר ניט ביז זײַן גלע־זערנעם קופּאָל. איך שטיי אַן אומרויִקער לעבן דער טיר מיט א שילדל „יונגע גוואַרדיע". וויאַזוי וועט זיך אָנהייבן מײַן לעבן אין דער צײַטונג? מיט וועמען איז מיר באַשערט אף יאָרנלאַנג זיך טרעפן, ווען איך וועל אַריבער־טרעטן די שוועל?

אומדערוואַרט האָט זיך האַסטיק צעעפנט די טיר, און כ'האָב שיר זיך ניט צונויפגעשטויסן מיט א שלאַנקן באָכער. כ'בין אָפּגעגאַנגען א ביסל אָן א זײַט און געכאַפּט מיטן אויג: דער יאַט איז, ווי מע זאָגט, פון „ספּאָרטסמענישן שניט". די טונקל־קאַשטאַנענע גלאַט צוגע־קעמטע האָר, דאָס זויבער־ווײַסע העמדל מיט די אַקוראַט פאַרקאַטשעטע אַרבל, דער שניפּס, די ברילן — אַלץ האָט אף אים ווי געשײַנט און גערעדט וועגן דעם, אז ער איז א צוכט און האָט א גוטן געשמאַק. ער האָט מיך אויך באַטראַכט.

— צו אונדז?

כ'האָב אָנגערופן מײַן נאָמען.

— און מיך רופט מען טוזמאַן. קומט אַרײַן, באַלד וועט זיך צונויפקלײַבן דער אוילעם, — ער האָט זיך אומגעקערט מיט מיר אין צימער. — מ'איז נעכטן שפּעט זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען פון רעדאַקציע. איך בין באַזונדערס צופרידן, וואָס איר זײַט געקומען. איצט איז ניטאָ מער קיין שטערונגען, איך זאָל איבערגיין אַרבעטן אין „שטערן". יאָ, ס'איז שוין א באַשטימטע זאַך...

פון זײַנע לעצטע ווערטער איז מיר עפּעס גע־וואָרן א ביסל ניט פריילעך, פונקט ווי כ'האָב גלײַך פאַרלאָרן דאָס, וואָס כ'האָב אָקאָרשט געפונען. צי טוזמאַן האָט עס טאַקע דערפילט, צי ניט, נאָר ער האָט מיך ווי גענומען טרייסטן:

— ס׳וועט אײַך דאָ זײַן גוט, אָט וועט איר זען...

טוזמאַן איז גאָר אײַנגיכן אַריבערגעגאַנגען אַרבעטן אין „שטערן“, ער איז אָבער אויף שטענדיק פֿאַרבליבן דער בעסטער און טרײַסטער פֿרײַנט פֿון דער יוגנטלעכער צײַטונג. ווען ער פֿלעגט אַרײַנקומען אין דער „יונגער גוואַרדיע“ און צוזאַמען מיט אונדז זיך אַ נעם טאָן פֿאַר דער אַרבעט, איז אַ פֿאַרגעניגן געווען צו קוקן, ווי פֿלײַסיק ער מאָלט קעפּלעך צו די מאַטעריאַלן, צייכנט קאַריקאַטורן און פֿרײַנטלעכע שאַרזשן, ווי די יונקאָרישע בריוולעך ווערן אונטער זײַן פּען פֿאַרוואַנדלט אין אינטערעסאַנטע נאָטיצן, ווי דערפֿינדעריש ער מאַכט דעם מאַקעט פֿון דער צײַטונג. פֿאַר מיר, נאָך גאָר אַ גרינעם צײַטונג־טוער, האָט ער אַנטפּלעקט אָן אַ שיעור „סוידעס“ פֿון דער ניט גרינגער זשורנאַליסטישער פּראָפֿעסיע. זײַן אוניווערסאַלע באַגאַבטקײַט האָט מאַמעש איבעראַשט. און דאָך...

צאָדעק טוזמאַן, וואָס האָט אַזוי שיין אָנגעהויבן זײַן וועג אין דער דיכטונג, איז „פֿלוצעם“ אַנשוויגן געוואָרן. און דאָס האָט אונדז זייער געאַרט.

צאַליע אַליין האָט אויסגעמײַדט צו ריידן וועגן דעם. בלויז פֿאַר אַ יוגנט־פֿרײַנט האָט ער איינמאָל, ווי מיר איז באַוווּסט, זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ:

— כ׳האָב, ווײַזט אויס, ניט געפֿונען דאָס שליסעלע צו עכטער דיכטונג... איז שוין בעסער לעבן ווי אַ דיכטער און אויסזינגען די ליד בלויז פֿאַר זיך...

און נאָך אַ זײַטעלע פֿון זײַן לעבן. עפּשער דאָס שענסטע. ס׳איז וועגן דעם פֿרילינג פֿון צוויי־און־דרײַסיקסטן. דער „שטערן“ שיקט אָן אַרויספֿאָר־רעדאַקציע אויפֿן דניעפּערבוי. „דער „שטערן“ אויפֿן דניעפּערבוי“ — אַזוי האָט טאַקע געהייסן די צײַטונג. די רעדאַקציע איז באַשטאַנען פֿון טוזמאַנען — דעם רעדאַקטאָר — און לייב בראַילאָווסקי[1] — דעם ליטמיטאַרבעטער. זיי זײַנען גלײַכצײַטיק אויך געווען די זעצערס, די קאָרעקטאָרס, די מעטראַנפּאַזשן און אַרויסלאָזער.

בײַ פֿינף טויזנט ייִדישע באָכערים און מיידלעך פֿון די אוקראַיִנישע און ווײַסרוסישע שטעט און שטעטלעך האָבן אונטערגעשטעלט אַ פּלייצע אויף דער גראַנדיעזער בויונג. זיי האָבן גיך ליב געקראָגן דעם „קלייניקן שטערן“, ווי מ׳האָט מיט אָפּשײַ גערופֿן די צײַטונג אויף די בוי־באַצירקן.

דער טאָג פֿון 28 מאַרט האָט זיך באַזונדערס פֿאַרגעדענקט. דעם שענסטן קעפּל־שריפֿט האָט ער אונטערגעקליבן פֿאַר דער פֿריידיקער מיטיילונג: „הײַנט, פֿינף אַזייגער מיט צוואַנציק מינוט, איז אין דער קרוין פֿון דער דניעפּער־הערבליע אַרײַנגעלייגט געוואָרן דער לעצטער קובאָמעטער בעטאָן“. דערנאָך איז געקומען דער טאָג פֿון ערשטן מײַ 1932, ווען די דניעפּערישע הידראָעלעקטראָסטאַנציע האָט געגעבן דעם ערשטן אינדוסטריעלן עלעקטרישן שטראָם. אויף אַ האַלב יאָר פֿריִער פֿונעם אײַנגעשטעלטן טערמין. די בויער האָבן עס צוגעזאָגט און געהאַלטן וואָרט. אין אָט דעם טאָג איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן דער לעצטער נומער פֿון „דעם „שטערן“ אויפֿן דניעפּערבוי“. ער איז געווען יאָמטעוודיק־שיין, ווי יאָמטעוודיק און שיין ס׳איז געווען בײַ אַלעמען אויפֿן האַרצן.

...יאָ, אין געוויסע אומשטענדן איז דער מענטשלעכער מויעך פֿעיִק אין געציילטע מינוטן אויסוועבן און אָוועקשטעלן פֿאַר די אויגן, ווי אַ מאַמאָשעסדיקע זעונג, ווײַט־פֿאַרגאַנגענע טעג. אָבער מאַמאָשעסדיק איז פֿונדעסטוועגן דער פֿאַנאַנדערגעעפֿנטער נאַכט־זשורנאַל, וואָס ליגט פֿאַר אים אין אָט דער מילכאָמע־נאַכט, דער לעצטער נאַכט פֿון זײַן אַרבעט אין רעדאַקציע. דאָ זײַנען פֿאַרשריבן די טעלעגראַמעס פֿון פֿראָנט, וועלכע ער וועט באַלד אָפּשיקן אין זאַץ.

אויף מאָרגן אינדערפֿרי האָבן די מיטאַרבעטער פֿון „שטערן“ איבעראַשטע געלייענט, וואָס צאָדעק טוזמאַן האָט מיט גרויסע אויסיִעס פֿאַרשריבן אינעם זשורנאַל, ווו מע פֿלעגט געוויינלעך פֿאַרשרײַבן די מאַטעריאַלן, וועלכע ווערן אָפּגעשיקט אין זאַץ:

„דרײַ אַזייגער מיט פֿופֿצן מינוט. אַלץ. צאָדעק טוזמאַן גייט אַוועק פֿאַרטיידיקן דאָס היימלאַנד“.

אָט די ווערטער שטייען מיר ביז הײַנט פֿאַר די אויגן.

ער איז אַוועק אויף קיינמאָל זיך שוין ניט אומקערן.

■

דעם וועג פֿון אַ זשורנאַליסט האָט שלוימע זײַדענבערג אָנגעהויבן פֿון אַרבקאָרישע נאָטיצן, וואָס ער פֿלעגט פֿון צײַט צו צײַט צושיקן פֿון בערדיטשעוו. „דער שטערן“ האָט זיי גערן געדרוקט. ס׳איז געווען אין זיי פֿאַרשטאַנד פֿאַר די געזעלשאַפֿטלעכע אינטערעסן, זיי האָבן טאָמיד באַרירט אַקטועלע פֿראַגן, און אָנגעשריבן זײַנען זיי געווען מיט אַ שיינער זאַפֿטיקער שפּראַך. אויף זײַדענבערגס קאָרעספּאָנדענצן און באַזונדערס אויף איינער פֿון זײַנע ערשטע פֿאַרצייכענונגען האָט געווענדט די אויפֿמערקזאַמקײַט דער פֿאַרטרעטער פֿונעם פֿאַראַנטוואָרטלעכן רעדאַקטאָר בוזי גאָלדענבערג, און פֿון

---

[1] פֿאַרוואַלטער פֿונעם פּאַרטיי־אָפּטייל אין „שטערן“; העלדיש אומגעקומען אויף דער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע.

שלוימע זײַדענבערג

דעמלט אָן האָט ער שוין ניט ארויסגעלאָזט פון אויג דעם בערדיטשעווער ארבקאָר. „זײַדענבערג איז זייער א באגאבטער באָכער, — האָט גאָלדענבערג געשריבן דעם מיטארבעטער פון רעדאקציע ל. לייטמאנען, וועלכער איז געווען אין בערדיטשעוו וועגן צײַטונגס־איניאָנים, — כאפּט זיך אומבאדינגט ארײַן צו אים, באקענט זיך מיט אים נעענטער...“

אין א פּאָר וואָכן ארום האָט שוין שלוימע זײַדענבערג געארבעט אין אפּאראט פון רעדאקציע. מיר האָבן גלײַך ליב באקומען דעם נײַנצניאָריקן נײַעם מיטארבעטער. אפילע אויסערלעך האָט ער אונדז אימפּאָנירט: פּעסט געבויט, א שווארצער קאָפּ האָר, מילדע, ברייט צעעפנטע אויגן. באזונדערס אָבער האָט ער אויסגענומען בא אלעמען מיט זײַן בענימעסדיקײַט. ער איז געווען שפּאָרזאם אין רייד, און דאָס ארויסגעזאָגטע וואָרט איז קעסיידער געווען באטראכט און צום אָרט.

זײַדענבערגס פארצייכענונגען און פּובליציסטישע ארטיקלען האָט מען דערקענט צווישן אנדערע לויט דער זויבערקײַט און רײַכקײַט פון דער שפּראך. מיר האָבן די ערשטע צײַט אפילע זיך געוווּנדערט, ווי קומט עס, וואָס אָט דער יונגער באָכער, וועלכער האָט צוליב געוויסע סיבעס ניט באוויזן צו קריגן קיין סיסטעמאטישע בילדונג, איז אזוי באהאוונט אין זשורנאליסטיק? א געבוירענער טאלאנט? מעגלעך. אָבער בלויז טאלאנט איז ווייניק. אינגיכן האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז זײַדענבערג לייענט זייער א סאך, ער איז גוט באקאנט מיט דער קלאסישער און הײַנטצײַטיקער ייִדישער, רוסישער און וועלטליטעראטור, שטודירט געשיכטע, אינטערעסירט זיך מיט פּראָבלעמען פון קונסט.

גאָר אינגיכן איז שלוימע זײַדענבערג פּאָפּולער געוואָרן באם סאָוועטישן ייִדישן לייענער און אויך בא די לייענער פון דער פּראָגרעסיווער אייראָפּעיִשער און אמעריקאנער ייִדישער פּרעסע. די ניו־יאָרקער „מאָרגן־פרײַהײַט“, למשל, האָט אין 1938 אָפּגעדרוקט זײַדענבערגס א סעריע „בריוו פון בערשאד“. עס האָט זיך געקאָנט דוכטן, אז ער דערציילט אין זיי וועגן געוויינלעכע זאכן — וועגן טאָגטעגלעכן לעבן פון א ייִדיש סאָוועטיש שטעטל אף אוקראַיִנע. נאָר אין אָט דעם „געוויינלעכן“ האָט זײַדענבערג מיט טיפן פארשטאנד באוויזן דאָס אומגעוויינלעכע, דאָס נײַע און פריידיקע, וואָס די רעוואָליוציע האָט געבראכט דעם פאָלק.

ס'האָבן זיך צוביסלעך אויך אנטפּלעקט זײַדענבערגס אָרגאניזאטאָריש־רעדאקטאָרישע פייִקײַטן, און אינעם לעצטן פארמילכאָמעדיקן יאָר זעען מיר אים שוין אלס פאראנטוואָרטלעכן סעקרעטאר פון רעדאקציע. אף אָט דער בעקאָוועדיקער און זייער ניט לײַכטער ארבעט איז ער געווען, ווען ס'איז אויסגעבראָכן די מילכאָמע.

ער איז צווישן די ערשטע אוועק אפן פראָנט. ס'האָט זיך, ליידער, באקומען אזוי, אז איך האָב זיך מיט אים ניט געזעגנט. עפשער דערפאר איז אונדז באשערט געווען אין עטלעכע כאדאָשים ארום זיך אומגעריכט באגעגענען אף איינעם א מילכאָמע־שטעגעלע. וועגן אונדזער ביידנס פרייד פון אָט דער באגעגעניש האָט שלוימע געשריבן אין א בריוו צו זײַן פרוי: „אָפּטרעטנדיק פון דאָנבאס, זײַנען מיר פארבײַגעגאנגען עפּעס א דאָרף. איך ווייס אפילע ניט דעם נאָמען. מיר האָבן זיך דאָ אָפּגעשטעלט אף איין טאָג. גיי איך אזוי איבערן דאָרף, און פּלוצעם, גאָט מײַנער, עס גייט מיר אנטקעגן טשיטשעלניצקי. מיך דערזען, האָט ער, א דערשטוינטער, זיך אָפּגעשטעלט אף א ווײַלע, דערנאָך זיך א וואָרף געטאָן צו מיר, מיר האָבן זיך צעקושט. מיר האָבן געשמועסט ניט מער ווי א מינוט פינף און צוואנציק... מיר איז דערפון געוואָרן אזוי פריילעך אפן הארצן, ווי נאָך א גוטער גלאָז ווײַן...“

ווערניעטאָפּלאווסק האָט געהייסן דאָס דאָרף, ווו מיר האָבן זיך באגעגנט, א קילאָמעטער צוואנציק פון לוגאנסק. יאָ, טאקע ניט מער ווי א מינוט פינף און צוואנציק האָט געדויערט די באגעגעניש, נאָר אָנגערעדט זיך האָבן מיר צו זאט. קיין גוטע בסורעס האָבן מיר ניט געקאָנט אָנזאָגן איינער דעם אנדערן. מיר האָבן דאָך אין יענע טעג געטרונקען פון איין קאָס, אָן

איבערפולטן מיט צאר און ווייטעק. פאר אונדזערע אויגן זייַנען שוין געלעגן פארבלוטיקט גרויסע ראכוועסן פון אונדזער סאָוועטישער ערד. אפילע איין קורצן און אומרויִקן סאָלדאטישן שלאָף האָט זיך אריַינגעריסן דער וויי־געשריי פון אונדזערע דערמאָרדעטע ברידער און שוועסטער.

זייַדענבערג האָט מיר דאַן דערציילט, אז ער האָט דורכגעמאכט מיט זייַן טייל גוטע עטלעכע הונדערט קילאָמעטער צופוס. ער האָט טאקע אויסגעזען פארמאטערט פונעם שווערן מארש אונטער די הארבסטיק־קאלטע רעגנס. שלוימע האָט שטארק געבענקט נאָך וויַיב און קינד, פון וועלכע ער האָט איבער דעם אומופהערלעכן מארש קיין בריוו ניט באקומען. איך וויל דאָ אײדעס זאָגן, אז די ניסיוינעס פון יענעם שווערסטן מילכאָמע־פעריִאָד האָבן זייַדענבערגן ניט איַינגעבראָכן. פארקערט, זיי האָבן בא אים, ווי באם גאנצן פאָלק אונדזערן, געבוירן די אנטשלאָסנקייַט אָפּצוצאָלן דעם סוינע אין דער פולער מאָס.

זען זיך מיט שלוימע זייַדענבערגן איז מיר שוין מער קיינמאָל ניט אויסגעקומען. און איצט וויל איך ברענגען בלויז עטלעכע אויסצוגן פון זייַנע בריוו אהיים:

„...וואָלגע, וואָלגע. צי האָב איך דען געטראכט ווען־עס־איז דערגיין ביז צו אירע ברעגן, דערצו נאָך צופוס? און אָט קוק איך איצט אף איר מיט שטוינונג. זי איז נאָך ניט אינגאנצן פארפרוירן. שטיקער אייַז שווימען איבערן טייַך. קיין שיפן זעט מען ניט. איך האָב אריבערגעשפּאנט ניט נאָר די וואָלגע, נאָר אויך דעם דאָן. איך בין דורכגעגאנגען דורך צענדליקער שטעט און דערפער, נאָר טראכטן טראכט איך וועגן כארקאָוו, וועגן דעם וווּנדערלעכן סאָד, ווו מיר זייַנען זומער־צייַט געזעסן מיט דיר ביז האלבנאכט — ווי אלע דאָרט מעשוגענערווייַז פארליבטע, און ס׳גייט מיר דורך א גרויל איבערן לייַב פונעם געדאנק, אז אין אָט דעם סאָד האָבן די פאשיסטן אוועקגעשטעלט זייערע זעניטקעס. ווי שטארק דארף זייַן אונדזער סינע צו די דאָזיקע מערדער...“ (24 נאָיאבער 1941).

„...כאָטש כ׳האָב ניט פון דיר קיין וואָרט אפילע, שרייַב איך דיר ווידער... איך קוק אף דער מאפּע: ראָוונע, בערדיטשעוו, זשיטאָמיר, וויניצע, קיִעוו, אומאן. מיט אָט די ערטער איז פארבונדן מייַן לעבן. איצט טאָפּטשען אָט די ערד יענע בריִעס, וואָס איך פאראכט אמערסטן. ס׳איז נאָך ניט געפונען געוואָרן דער עמעסער נאָמען פאר די דאָזיקע צווייפיסיקע כייַעס. איך גלייב, אז מיר וועלן זיי פארניכטן, אָבער דאָס בייזע און שלעכטע, וואָס זיי האָבן געבראכט מיט זיך אף אונדזער ערד, וועט קיינמאָל ניט פארגעסן ווערן. מיר טאָרן ניט פארלירן די האָפענונג. מירן זיך נאָך באגעגענען מיט דיר אין קיִעוו, אף דער טאָלסטאָי־גאס, נומ. 25. איך גלייב, אז אף אָט דעם גרויסן שיינעם הויז וועט ווידער פלאטערן די רויטע פאָן מיטן סערפּ און האמער“ (די דאטע איז ניט איבערצולייענען).

„...איך בין אף א נייַ אָרט, אף איינעם פון די פראָנטן, ווו עס ווערט געלייזט אונדזער גוירל, דער גוירל פון אונדזער לאנד, פון אונדזער צוקונפט. פאר מייַנע אויגן שטייט שטענדיק דייַן ליכטיק געשטאלט, דאָס געשטאלט פון אונדזער טעכטערל. איר דערווארעמט מיך א סאך שטארקער, איידער די שטראַלן פון דער דאָרעמדיקער זון, וואָס לויכטן מיר איצט...“ (20 מייַ 1942).

און א לעצט בריוועלע זייַנס פון סאָף יון 1942:

„...איך זע, ווי קעגן בייזן סוינע שטייען אוף מיליאָנען מענטשן, דאָס מענטשלעכע געוויסן און דער אייביקער עמעס, און איך זאָג: ווי שווער ס׳זאָל אונדז ניט זייַן, וועלן מיר פּאָרט זיגן, וויַיל ס׳איז אומעגלעך א קער טאָן די געשיכטע אף צוריק, וויַיל ס׳איז אומעגלעך אויסלעשן די זון...“

■

ווען עס זאָל אונדז געלינגען אָפּצוזוכן די קוואָרים פון דעם לייטענאנט שלוימע זייַדענבערג און פון דעם סערזשאנט צאָדעק טוזמאן און אוועקשטעלן אף זיי מאציייוועס, וואָלט מען אף די שטיינער באדארפט אויסקריצן די ווערטער פון זייַדענבערגס לעצטן בריוו, וויַיל זיי קלינגען, די דאָזיקע ווערטער, ווי א שוווע און ווי א וואָרענונג: „ס׳איז אומעגלעך אויסלעשן די זון!“

ליטעראַטור-קריטיק
ביבליאָגראַפיע
פראַגן פון קונסט

ארן ראסקין

דער טראָט פון דוירעס

פערעץ מארקישעס לעצט פראָזע־ווערק, זײַן גרויסער ראָמאַן „טראָט פון דוירעס“[1], איז אין טאָך גענומען א סאכאקל־ווערק פון זײַן גאנצער שאפונג. ער האָט דאָ פאראלגעמיינערט און קינסטלעריש סינטעזירט אייניקע צענטראלע טעמעס פון זײַנע פריִערדיקע ווערק — די טעמעס פון מילכאָמע און רעוואָליוציע און די ענג פארבונדענע מיט זיי טעמע וועגן דעם גוירל פון זײַן פאָלק.

די עקספּאָזיציע פונעם ראָמאַן פירט ארײַן דעם לייענער אין דער טראגישער אטמאָספער פון מילכאָמע־גוירל, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער אייראָפּע. דער שרײַבער שילדערט דאָ א שוידערלעכע זאווערוכע־נאכט אף דעם ברעג פון בוג, בא וועלכן ס'האָבן זיך אָפּגעשטעלט דרײַ פּליטים, וואָס זײַנען געלאָפן פון פאשיסטישן געגעם און זיך געראטעוועט אין סאָוועטנפארבאנד:

„אף יענער זײַט איז געלעגן די פינצטערניש, א שווערע און א דריקנדיקע, פון דאָרט האָט זיך געטראָגן א געפּײַף פון העפקער און א געוויין פון פארוׄרטיילטע. פארכאלעשטע זײַנען דאָרט געלעגן שטעט און שטעטלעך. דער אומגליק איז געלעגן איבער זיי. דאָרט איז געווען דער דײַטש“.

און דאָ, אף ד ע ר זײַט, האָט גאסטפרײַנטלעך גערופן צו זיך דאָס סאָוועטנלאנד, די נײַע וועלט, וואָס איז „פרעמד, נאָר אָפן פאר געיאָגטע און געפּלאָגטע“. שווער איז די פּליטים צו אנטשיידן — אף מיזרעך אָדער אף מײַרעוו, ווײַל ווי צוציִענדיק סע זאָל ניט זײַן דער מיזרעך, זײַנען דאָרט, אפן מײַרעוו, אף יענער זײַט, פארבליבן אלע נאָענטע און ליבע, די עלטערן, די ברידער און שוועסטער, די היים.

דאָס דאָזיקע בילד אין דער עקספּאָזיציע פונעם ראָמאַן שאפט שוין דעם אויסגאנג־פּונקט פון דער גרונט־פּראָבלעמאטיק. עס האנדלט זיך וועגן דעם, וויִאזוי עס דארף זיך אופירן דער יאָכיד אין אָנבליק פון דעם טראגישן גוירל, וואָס דערווארט זײַן פאָלק. דאָס יונגע פּאָרפאָלק וויגדע און סלאוועק באשליסן זיך אומקערן צוריק צו זייערע עלטערן, וואָס זײַנען געבליבן אין ווארשע, ווײַל זיי האלטן פאר זייער כויוו טיילן דעם גוירל פונעם גאנצן פאָלק און לויט זייערע קרעפטן העלפן אים אין זײַן נויט און אינעם געראנגל פאר זײַן עקזיסטענץ. דער דריטער פּאָליט — בערנארד גראָס — באשליסט צו פארבלײַבן אין סאָוועטנלאנד, קעדיי צוזאמען מיטן סאָוועטישן פאָלק שמידן דעם זיג איבערן סוינע און באפרײַען דאָס היימלאנד.

סײַ בערנארד גראָס, סײַ וויגדע און סלאוועק — יעדערער פון זיי איז אף זײַן אויפן געווען גערעכט.

וויגדע און סלאוועק האָבן שפּעטער קיינמאָל ניט כאראָטע געהאט, וואָס זיי האָבן זיך אומגעקערט קיין פּוילן. אין די שווערסטע מינוטן פון פארצווייפלונג האָט זיי געשטארקט דאָס באוווּסטזײַן, אז זיי האָבן געהאנדלט ריכטיק, ווען זיי האָבן אויסגעקליבן אלס שלאכטפעלד דאפּקע די צום אומקום פארורטיילטע געטאָ, אין וועלכער זיי האָבן מיט זייער יוגנטלעכער מונטערקײַט און ענערגיע געהאָלפן צו פּאראליזירן דעם ייִעש און דערמוטיקן די פארצווייפלטע מאסן צו העלדישן קאמף און ווידערשטאנד.

„דאָך איז געווען ריכטיק — זיך אומקערן...“ — קאָנסטאטירט סלאוועק, ווען ער פירט איבער דעם הויף פון געסטאפּאָ דעם צעשלאָגענעם, דורך אים פון טויט געראטעוועטן פּאָטער. אויך וויגדע, ווען די אונטערערד אין געטאָ פארטרויט די אמערסטן ריזיקאלישע אופטראָגן, געפינט א פולע בארעכטיקונג פאר דעם קלויַמערשט באגאנגענעם „טאָעס“: „זי וועט זיך מער ניט פײַניקן פאר דעם טאָעס. אויס טאָעס“.

אויס טאָעס — צו דעם אויספיר וועט שפּעטער קומען אויך בערנארד, וועלכער האָט פריִער געהאלטן, אז די יונגעלײַט זײַנען באגאנגען א פעלער, ווען זיי האָבן באשלאָסן זיך אומקערן קיין פּוילן. שטייענדיק הינטער ווארשע צוזאמען מיט זײַנע שלאכט־כאוויירים און דורכבלעטערנדיק אין באוווּסטזײַן די טראגישע זײַטלעך פון דער העראָישער געטאָ־עפּאָפּיי, אנערקענט ער, אז עס איז גרויס געווען דער העלדנמוט פון זײַנע יונגע פרײַנט, ווען זיי האָבן דעמלט, אין דער זאווערוכע־נאכט באם בוג, זיך געלאָזט אין שוידערלעכן געראנגל מיטן טויט.

---

[1] פ. מ א ר ק י ש. טראָט פון דוירעס. פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל“. מאָסקווע, 1966.

„אינעם דאָזיקן אומזין איז געווען גרויסקייט“, — אזוי ווערט מאַרקיש באַטראַכטן אין א ברייטערן מאַסשטאַב די האַנדלונג פון א ריי זײַנע העלדן אין געטאָ־אופשטאַנד ביכלאַל. עס שווימט בא אים אויף א פראַגע: מעגלעך, אַז דער עצעם אופשטאַנד אין געטאָ איז געווען אַן אומזין? עפשער וואָלט ריכטיקער געווען, ווען די יינגערע, קרעפטיקערע וואָלטן איינציקווייז אָדער גרופּנווייז פאַרלאָזן די געטאָ און אוועק אין די וועלדער צו די פּאַרטיזאַנער, ווו זיי וואָלטן געקענט ברענגען מער נוצן? עפשער וואָלט מען באַדאַרפט איבערלאָזן אויף הפקער די אַלטע און די שוואַכע, די פרויען און קינדער — אַלציינס האָט דאָך זיי דערוואַרט דער טויט!

מאַרקישן שרעקט ניט אָפּ די דאָזיקע האַרבע און קאָמפּליצירטע פראַגע, ער גיט אויף איר אַן ענטפער. ריכטיק האָבן געהאַנדלט די יונגע העלדן פון געטאָ, וועלכע זײַנען פאַרבליבן מיט זייערע עלטערן, מיט דעם פאָלק, וואָס איז געווען פאַרורטיילט צום אומקום. עס האָט ניט געטאָרט דערלאָזט ווערן, אַז אַפילו איינער א יאַכיד זאָל ווי א שאָף אונטערשטעלן דעם האַלדז פאַר דעם מעסער, ווער רעדט נאָך — א גאַנץ פאָלק! אויב שטאַרבן, איז מיט קאָוועד, אויב פאַלן, איז ניט פּאַסיוו, נאָר אין ווידערשטאַנד — אָט דאָס איז געוואָרן דער דעוויז פון געטאָ.

„אין דער דאָזיקער שלאַכט, — באַמערקט מעטעק, — איז די געטאָ זעעוודיק געוואָרן. כויץ דעם סוינע האָט זי דערזען זיך אַליין. און עפּעס פאַרשטאַנען. זי האָט דערפילט דעם טאַם פון שלאָגן זיך. ווי גלײַכע קעגן גלײַכע. ניט ווי געבונדענע קעלבער קעגן די הענקער“.

פערעץ מאַרקיש פאַרורטיילט דאָס פּאַסיווע ניט ווערן זיך דעם בייז, דאָס „מאַכן א בראָכע אויף קידעש־האַשעם“ פון אַזעלכע, ווי יאַקוב, וואָס „ווערן לעכאַטכילע געבאָרן, מע זאָל זיי שעכטן“. שוין אין שײַע רייִנגאָלדן, דעם פּאַטריאַרך, האָט דער שרײַבער אַקצענטירט דעם ווילן צו לעבן און טאַט, וועלכן ס׳האָבן ניט געקענט פאַרניכטן קיינע גרוילן און גרויזאַמקייטן. אים זײַנען גענענטער צום האַרצן „די צווײַגן, וואָס האָבן זיך אָפּגעבראָכן פון בוים“ — זײַנע יינגערע קינדער, די רעוואָליוציאָנערע פרידע און מעטעק, — איידער דער פּאַסיווער עלטערער זון יאַקוב, כאָטש ער האַלט זיך פעסט בא דעם „אַלטן בוים“.

העלדיש גיבן אָפּ זייער לעבן דער שמיד כאַים וויטעלסקי, דער טרעגער לייבעניו. זיי זײַנען זיך נויקעם, יעדערער אויף זײַן אויפן, אין די פאַרהאַסטע סאָנים.

ווידערשטאַנד ווערט די נעשאָמע פון געטאָ. יונג און אַלט, קינד־און־קייט נעמט אין האַנט געווער. אַלטע, אויסגעמאַטערטע, אויסגעמאָגערטע מענטשן ווערן עכטע גיבוירים.

דער אַלטער היסטאָריקער רובין, וועמען די קראַנקייט האָט צוגעשמידט צום בעט, האָט פּלוצעם באַקומען קויעך און זיך אַוועקגעלאָזט צום שטאַב. „ער איז אַרײַנגעקומען, ווי א געשפּענסט, בלאַס, מיט גרויסע ברענענדיקע אויגן. די שמאַטעס אויף זײַן לײַב האָבן זיך ניט אָנגעזען. און מיט א קאָל אַזאַ, וואָס האָט אָפּגעקלונגען מיט יונגקייט, האָט ער זיך אָנגערופן: — נעם מיך, מעטעק, אין דײַן כאַיל“.

און שוין גאָר ווי א לעגענדע קלינגט די געשיכטע וועגן דעם לעצטן אופשטענדלער:

„ער האָט זיך אַליין געשלאָגן קעגן א גאַנצער באַנדע פאַשיסטן אין א הויז... די דײַטשן האָבן אָנגעגריפן, און דער לעצטער אופשטענדלער האָט זיך קעגנגעשטעלט, קלעטערנדיק אין דער הייך און פאַרניכטנדיק די אָנגרײַפנדיקע — איינעם נאָך איינעם. די פאָן האָט ער געהאַלטן אין איין האַנט, און אין דער צווייטער — געווער, און אַזוי איז ער געשטיגן אַלץ העכער און העכער ביז דעם העכסטן ציגל פון דעם הויז און האָט זיך אַלץ אָפּגעשאָסן, און דײַטשן זײַנען געפאַלן אין דער נידער. און ווען ער האָט אויסגעשאָסן די לעצטע קויל און מער שוין ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט פאַרזעצן דעם לעצטן איינס־אויף־איינס, האָט ער זיך פאַרוויקלט אין דער פאָן און פונעם העכסטן שטאָק זיך אַראָפּגעוואָרפן אויף די כורוועס פון דער געטאָ. אָט אַזוי האָט ער זיך באַהעפט מיט די בראָכשטיקער פון דעם פּלאַצדאַרם, וואָס האָט געהייסן געטאָ. דעמאָלט האָט די געטאָ פאַרענדיקט איר עקזיסטענץ. און אין געטאָ איז שטיל געוואָרן“.

אין די מײַסטעריש געצייכנטע בילדער פון דער מאַסן־העראָיִק בײַם דעם אופשטאַנד אין געטאָ האָט דער שרײַבער קינסטלעריש פאַרײַביקט דעם גרויסן גערעכט פון זײַנע העלדן, וועלכע זײַנען אומגעקומען ניט מיט האַכנאָע און געבעט, נאָר אין ווירדיקן קאַמף קעגן היטלעריזם.

פערעץ מאַרקיש האָט היסטאָריש ריכטיק אָפּגעשאַצט די באַדײַטונג פונעם געטאָ־אופשטאַנד. ער האָט באַוויזן די פּאַניק אינעם פאַשיסטישן לאַגער, וואָס עס האָט אַרויסגערופן דער אומדערוואַרטער קלאַפּ איבער דער דײַטשישער קריגסמאַשין מיצאַד דער אויסגעמאַטערטער באַפעלקערונג פון געטאָ.

„טראָט פון דווירעס“ איז רײַך מיט געשעענישן, בילדער, עפּיזאָדן, פּערסאָנאַזשן. דער שרײַבער דעקט אויף טיפּישע שטריכן, וואָס זײַנען אייגן יעדן פון זײַנע העלדן. דערבײַ אָבער צייכנט מאַרקיש שאַרף אינדיווידואַליזירטע געשטאַלטן, וועלכע זײַנען געגעבן אין זייער פּילזײַטיקייט און דינאַמישקייט.

באַזונדערס קלאָראַרטיפּל איז די גאַלעריי געשטאַלטן פון די געטאָ־אופשטענדלער. יעדעס פון זיי איז א רײַכע, פילפאַרביקע וועלט פאַר זיך.

נאָסן — דער טעמפּעראַמענטפולער, פלאַמיקער, שטענדיק מאָביליזירטער, שטענדיק קאַמפּסגרייטער „באַלעבאָס פון די אופרײַס־שטאָפן“.

דער אָנפירער פונעם אופשטאַנד אַלעקסאַנדער — דער טיף־מענטשלעכער, האַרציקער, מיט א שאַרף אויסגעדריקטן אַכרײַעס־געפיל; דער שרײַבער ווײַזט, ווי אין גאַנג פון די געשעענישן וואַקסט זײַן דערפאַרונג, זײַן קאַמפּספעיִקייט, פאַרהאַרטעוועט זיך זײַן כאַראַקטער.

מעטעק — דער דאָזיקער „זעקס־און־דרײַסיקיאָריקער מאַנצבל“ האָט שוין באַוויזן דורכמאַכן א לעבן, וואָס איז פול מיט ניסיוינעס, אַדורכגיין אַלע שיווע־מעדורע־גענעם. קאַרגע צוויי יאָר שלאַכטן אין שפּאַניע אַלס וואָלאָנטיאָר פון דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע, אַריבער צוויי יאָר קאָנצלאַגער. אויסגעטוישט דורך דער סאָוועטישער רעגירונג, לאָזט ער זיך אַראָפּ מיט א פּאַראַשוט אויף יענער זײַט פראָנט־ליניע און גיט זיך אָפּ מיט לײַב־און־לעבן דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין געטאָ.

מיט א באַזונדער וואַרעמקייט האָט פערעץ מאַרקיש געמאָלט די געשטאַלטן פון פרויען — קעמפער פון געטאָ. דאָס ערשטע אָרט צווישן זיי פאַרנעמט וויגדע.

וויגדע איז ווירקלעך א נײַ געשטאלט אין דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור.

ברייט אויסנוצנדיק דעם אינערלעכן מאָנאָלאָג און אנדערע מיטלען פון פסיכאָלאָגיש פארטיפטן אנאליז, האָט דער שרײַבער באוויזן דאָס דאָזיקע געשטאלט אין זײַן גאנצער רײַכקײַט און קאָמפליצירטקײַט. פון זײַטל צו זײַטל האָט ער מיט קינסטלערישן טאקט געלאָזט אונדז נאָכפאָלגן איר עוואָליוציע אונטער דער ווירקונג פון די אומשטענדן, אין וועלכע זי האָט זיך געטראָפן.

אויסגעוואקסן אינעם באלעבאטישן הויז פון שײַע ריינגאָלד, האָט וויגדע אין דער קינדהײַט, ווי מיר דערוויסן זיך פון איר ברודער מעטעק, זיך מיט גאָרניט באזונדערס אויסגעצייכנט. נאָר אָט האָט זיך אף איר יונגן געמיט ארופגעוואָרפן מיט איר גאנצער הארבקײַט און גרויזאמקײַט די מילכאָמע. דער דונער פון די פײַנטלעכע עראָפלאנען האָט ניט נאָר פארטיליקט די פרייד פון איר כאסענע, ער האָט זיך ארײַנגעריסן אין איר יונג לעבן און עס צעבראָכן. ביסלעכווײַז, אין פראָצעס פון וואָגלעניש, פון זוכן א מיקלעט צוזאמען מיט טויזנטער אנדערע פאריאָגטע און אומגליקלעכע, קומט דאָס ניכטערע באנעמען פון דעם אלץ, וואָס איז געשען. און דאן ווערט געבאָרן דער באשלוס זיך אומקערן קיין פוילן, ראטעווען די עלטערן אָדער אומקומען.

גיך טרעט אָפּ דאָס ראָמאנטישע, דאָס קינדעריש־אופגעשרויפטע, ס׳קומט אָנשטאָט דעם דאָס אויסגעוויטעקטע, באזיניקטע. וויגדע מיט דעם „קינדערשן פוך אף די ליפן“ עקזיסטירט ניט מער. „די אקשאָנעס אירע איז געוואָרן אויס קאפריז און וואָרצלט זיך אין דעם גאנצן אינהאלט פון דער ארבעט, וועלכע זי טוט און פאר וועלכער זי האלט גרייט איר לעבן“.

אזא דערשײַנט זי פאר אונדז ערעוו דעם געפלאנטן אטענטאט אף דעם הענקער פון געטאָ פאָן פראָש. די עקזאלטירטע, קינדעריש־שעמעוודיקע וויגדע וואקסט אויס אין א מין נײַער יעהודיס, ווען זי טרעפט זיך פאָנעם־על־פאָנעם מיט דעם קאט און פילט אויס איר העלדישן אטענטאט.

נײַ איז אויך דאָס געשטאלט פון טאסיע וועלטמאן.

זי געהערט צו דער אינטעליגענטישער ייִדישער יוגנט, וואָס האָט אין זיך אײַנגעזאפט די ראָמאנטיק פון דער פוילישער און ייִדישער ליטעראטור און וועלכע האָט אין דער שווערער שאָ פון גרויסן ניסאָיען זיך מיט לײַב־און־לעבן געשטעלט צו דינסט דעם ווידערשטאנד.

אלעקסאנדער, מעטעק, נאָסן, סלאוועק, טאדעוש, וויגדע, טאסיע, עטל, סטעפאניע — די דאָזיקע געשטאלטן־גאלעריי האָט געבאָרן די עפאָכע, די צײַט פון גרויסע אופטרייסלונגען, פון אומגעוויינלעכער העראָיִק, וואָס איז באקרוינט געוואָרן מיט דעם אומפארגעסלעכן געשיכטלעכן ניצאָכן פון די פרײַהײַטסליבנדיקע פעלקער בעראָש מיטן סאָוועטנפארבאנד איבער דער פאשיסטישער ברוינער פעסט.

מארקישעס לעצטער ראָמאן איז אָנגעזאפט מיט טראגיק. טרײַ נאָכפאָלגנדיק דער היסטאָרישער ווירקלעכקײַט, האָט דער שרײַבער געגעבן א טיף רעאליסטיש בילד פון איינער פון די טראגישסטע עפאָכעס אינעם לעבן פון די אייראָפּעיִשע פעלקער.

דאָס פארפײַניקטע און אויסגעבלוטיקטע פוילן... ווארשע, וואָס „איז, ווי א שלאכטפעלד, איבערגעווירעט אף איר גאנצער ברייט און לענג מיט נאקעטע שוצגראָבנס און טראנשייען“, וואָס „גייט אוף אין רויך און אין ברוינעם שטויב און אין צעברעקלטן ציגל־ברוך, ווי אן אויסגעטאָנענע, א נאקעטע...“

ווארשעווער טרויעריקע און פינצטערע געטאָ, איבער וועלכער ס׳לויערט שטענדיק די טויט־געפאר... אונטערזוכונגען, אָבלאוועס, פײַניקונגען, רויב, מאָרד; א ווילדע קינדער־שכיטע אף איינעם פון די ראָגן... א טרויעריקער קינדער־צוג צום טויט... א בלוטיקער „יאָמקיפער־ספעקטאקל“... פראכט־צוגן, וואָס גייען אָפּ איינער נאָך דעם צווייטן אין די קרעמאטאָריעס און גאז־קאמערעס, — בילדער, איינע שוידערלעכער פון דער צווייטער, בילדער, ניט אויסגעטראכטע, גענומענע פון לעבן, היסטאָריש דאָקומענטירטע, וואָס פארקילן דאָס בלוט אין די אָדערן, וואָס טרייסלען אוף ביז צום גרונט טאקע אדאנק דעם גרויזאמען עמעס.

און דאָך, ניט געקוקט אף דער טיפסטער טראגישקײַט, אָטעמט דאָס ווערק מיט אָפּטימיזם, מיט גלויבן אין מענטשן און אין לעבן.

דער טראגיזם און אָפּטימיזם בילדן דאָ א דיִאלעקטישע איינהײַט. אין סאמע אָנהייב, באשרײַבנדיק דעם „פינצטערן טרויער־צוג“ פון טויזנטער מישפּאָכעס, פארטריבענע פון די ווארשעווער גאסן אין די געטאָ־קווארטאלן, זאָגט מארקיש אָן זײַנע לייענער: „— נאָר איינעם מיט אלעמען האָט געשטראָמט אין געטאָ דער ניט־אָפּגעטייטער גײַסט פונעם פאָלק“.

אין די סאמע אויסזיכטלאָזע פעריִאָדן פון געראנגל פארן קיִעם פארלירן ניט די אופשטענדלער אף קיין רעגע זייער מוט און גלויבן. עס שטארקט זיי דאָס געפיל, אז זייער קאמף אין געטאָ איז נאָר א קליין שלאכטפעלד אין דער גרויסער באטאליע פאר גערעכטיקײַט און פרײַהײַט, וואָס וועט זיך אומבאדינגט פארענדיקן מיט א ניצאָכן.

די ייִדישע געטאָ־קעמפער, ווײַזט מארקיש, פילן די שטיצע פון פוילישן רעוואָליוציִאָנער טאדעוש, וועלכער איז גרייט, פונקט ווי זיי, „פאר זײַן היים און זײַן לאנד... פאר אזא ווי עס איז — א צעבראָכנס, א באשפיגנס און א צעבלוטיקטס... א געבונדענער און פארוואונדעטער, זיך שלאָגן מיט די ציין“. עס דערמוטיקט זיי די הילף פון די פוילישע רעוואָליוציִאָנערן כריסטינע, סטעפאניע, באָלעסלאוו, וואָס שיקן צו געווער, פארבינדן די געטאָ מיט דער פארטיזאנישער באוועגונג אין די פוילישע וועלדער, — דאָס אלץ שטארקט זייער שלאכט־גײַסט, פעסטיקט דעם גלויבן, אז זייער פארצווייפלטער קאמף אין געטאָ איז ניט אומזיסט.

דער שרײַבער האָט קעגנגעשטעלט דער ווילדער דאָקטרינע פון ראסן־האס און מענטשנפרעסערײַ די אידיי פון פעלקער־ברידערשאפט. אינעם קינסטלערישן געוועב פון ראָמאן האָט ער מײַסטעריש ארײַנגעפלאָכטן די רירנדע געשיכטע פון דער הערלעכער ליבע צווישן דער איטאליענערן מארטשעלאָ און דעם ייִדישן מאָלער כאנאניע. מארטשעלאָ פארבלײַבט מיט איר געליבטן אין געטאָ, זי גייט מיט אים צוזאמען אין גאז־קאמערע. אף דעם פרווו פונעם איטאליענישן קאָנסול ארויסנעמען זי פון געטאָ מיט דער פרײַז פון פאראט לעגאבע איר געליבטן און לעגאבע אירע פרינציפן פון מענטשן־ליבע, ענטפערט מארטשעלאָ: „די איטאליע, וואָס האָט מיך געלערנט ליב האָבן, וועט בא מיר מײַן אונטערטאנשאפט ניט צונעמען, און אין דער אונטערטאנשאפט פון דער איטאליע, וואָס פאָדערט פון מיר פאראט, בין איך ניט פארינטערעסירט, סיניאָר. דאָרט, ווו ס׳איז

מײַן געליבטער, דאָרט איז מײַן היים, סיניאָר. דאָרט איז איטאַליע, דאָרט איז מײַן גאָט".

איינער פון די אינטערעסאַנטע פּערסאָנאַזשן אין „טראָט פון דוירעס" — דער היסטאָריקער רובין זאָגט: „די וועלט האָט זיך נאָך צוליב וואָס צו שלאָגן פאַר איר קיום!" און דאָס פאַרגרינגערט טאַקע דעם טויט פון די העלדישע קעמפער אין געטאָ; יעדערער פון זיי גייט אַוועק פון דער וועלט מיט דער איבערצײַגונג, אַז די זאַך, פאַר וועלכער זיי זײַנען געפאַלן, וועט פאָרגעזעצט ווערן, אַז מיט זייער טויט האָבן זיי געהאָלפן אויסטרעטן דעם וועג צו אַ בעסערער צוקונפט.

דעם העלדישן קאַמף פון סאָוועטישן פאָלק, וואָס שלאָגט זיך פאַר דער אייגענער פרײַהײַט און פאַר „דעם קאָוועד פון דער מענטשהײַט", איז אין ראָמאַן געווידמעט אַ צווייטע פּאַראַלעלע סוזשעטישע ליניע, מיט וועלכער עס איז פאַרבונדן דאָס געשטאַלט פון בערנאַרד גראָס. בײדע סוזשעט־ליניעס צווײַגן זיך אָפּ שוין אין דער עקספּאָזיציע. אין דער צײַט, ווען סלאַוועק און וויגדע קערן זיך אום קיין פּוילן, שטעלט זיך בערנאַרד בעראָש פון אַן עשעלאָן ייִדישע פּליטים, וואָס פאָרט אַפּן אוראַל.

אין דער שילדערונג פון די פּליטים פון פּוילן, וועלכע מאַכן דורך אין די סאָוועטישע באַדינגונגען אַ געוויסע עוואָליוציע סײַ אינעם שטייגער, סײַ אין זייער וועלטאַנשויונג, ווײַזט זיך בולט אַרויס מאַרקישעס טיפער פאַרשטאַנד פאַר מאַסן־פּסיכאָלאָגיע, אַנטפּלעקט זיך זײַן פײַנער כוש פאַר הומאָר און פאָלקס־כאָכמע.

די פּליטים שליסן זיך ביסלעכווײַז אײַן אין דער קאָלאָסאַלער אַרבעט פונעם סאָוועטישן הינטערלאַנד און שמידן צוזאַמען מיט אַלעמען דעם זיג איבער דעם סוינע. ווען ס'בילדעט זיך די פּוילישע בריגאַדע, גיסן זיי זיך אין איר אַרײַן אַלס סאָלדאַטן און העלפן מיט דער סאָוועטישער אַרמיי צו באַפרײַען פּוילן פון דעם דײַטשישן אָקופּאַנט. די דאָזיקע פּאַראַלעלע סוזשעט־ליניע פאַרשטאַרקט די אַלגעמיינע אָפּטימיסטישע טאָנאַלקײַט פון דעם ראָמאַן.

„טראָט פון דוירעס" ווערט פאַרענדיקט מיט דער באַפרײַונג פון וואַרשע: בערנאַרד גראָס געפינט זיך צווישן די זיגער אַף די כורוועס פון דעם באַפרײַטן פּוילן.

בײדע סוזשעט־ליניעס גייען זיך צונויף אין פינאַל און בילדן איין אָפּטימיסטישן שלוס־אַקאָרד, אין וועלכן ס'ווערט באַטאָנט די אינערלעכע און אידייִש־קינסטלערישע איינהײַט צווישן זיי:

„ס'איז געווען אַ פּראָסטיק־זוניקער טאָג. גאַסן האָבן אויפגעוואַכט. די לעבעדיק געבליבענע באַפעלקערונג איז אַן אויפגעמונטערטע אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן אירע באַפרײַער, אָרקעסטערס האָבן געשפּילט דעם סאָוועטישן און פּוילישן הימן. צווישן דעם עולם, וואָס האָט באַגעגנט די רויטע אַרמיי, זײַנען געווען באָלעסלאַוו, סטעפאַניע, טאַסיע און מעטעק".

די איינִיקײַט פון בײדע סוזשעט־ליניעס איז אַן אָרגאַנישע, זי דרינגט אַרויס פון מאַרקישעס אָפּטימיסטישער לעבנס־פילאָסאָפיע, פון זײַן הומאַניסטישן פּאַטאָס, פון זײַן טיפן גלויבן אין זיג פון מענטשלעכן סייכל איבערן וואַנדאַליזם, פון קאָמוניזם איבער דעם פאַשיזם.

דעם שרײַבערס פּערזענלעכקײַט לאָזט זיך שטאַרק פילן אין ראָמאַן. אין דעם זין איז ער „אויסגעשפּראָכן טענדענציִעז", לויט ענגעלסעס באַוווסטער טראַקטירונג פון דעם דאָזיקן באַגריף אין באַצוג צו אַזוינע שרײַבער, ווי עסכיל, דאַנטע, שילער אָדער ווי די רוסישע ראָמאַניסטן. פּערעץ מאַרקיש — דער שטייגער־שרײַבער, פּסיכאָלאָג און היסטאָריקער טרעט דאָ אין ערגעץ ניט אַרויס אַלס שטרענגער עפּיקער, אַלס רעגיסטרירער פון פאַקטן. דער שרײַבער שטייט ניט אָן אַ זײַט פון די געשעענישן, אים איז פרעמד די פּאָזע פון אַ זײַטיקן באַאָבאַכטער. ער געפינט זיך אַליין אין דער מיט פון די געשעענישן, ער ווייטעקט צוזאַמען מיט זײַנע העלדן, גייט מיט זיי האַנט־באַ־האַנט אין געראַנגל. די האַנדלונג אין ראָמאַן איז אָנגעפילט מיט דעם שרײַבערס שטימונג, באַהערשט פון זײַן לײַדנשאַפט און טעמפּעראַמענט. אין די דיִאַלאָגן און מאָנאָלאָגן פון די העלדן, אין דער דערציילערישער שפּראַך פונעם מעכאַבער, אינעם סטיל און ריטם פון ראָמאַן לאָזט זיך שפּירן דעם שרײַבערס מיטגעפיל, זײַן אומרו און האַס, זײַן פּראָטעסט און קאַמף־רוף. גאַנצע זײַטלעך פון עפּישער באַשרײַבונג ווערן פאַרפלייצט מיט ליריזם אָדער דורכגעזאַפּט מיט בײַסיקער פאַרביטערונג און ניט־אײַנגעהאַלטענעם סאַרקאַזם. די דאָזיקע שטענדיקע אַקטיווע מיטבאַטייליקונג פונעם שרײַבער פאַרשטאַרקט די עמאָציִאָנעלע אויפווירקונג פון ראָמאַן, זײַן דראַמאַטישע געשפּאַנטקײַט.

אַ ריי בילדער פונעם געטאָ־לעבן ווערן געמאָלט אין ליריש־עלעגישע טענער. זיי פאַרמאָגן זייער אינערלעכן ריטם, זייער אייגנאַרטיקן זאַצבוי. דאָס זײַנען קימאַט לידער אין פּראָזע.

אַזאַ איז דאָס אומפאַרגעסלעכע בילד פונעם טראַגישן אומקום פון די קינדער בעראָש מיט זייער לערער הענריק גאָלדשמיד... מיט טיפסטן ליריזם זײַנען געצייכנט אַ ריי געשטאַלטן, אַזוינע, ווי מעטעק, אַלעקסאַנדער, וויגדע, טאַסיע. און פאַרקערט, דער שרײַבער דריקט אָפּן אויס זײַן עקל און האַס, ווען ער מאָלט די פאַשיסטישע קאַניבאַלן, די הענקער פון געטאָ (פאָן פּראָש, פישער אאַ.): זיי זײַנען אַלע געצייכנט מיט מיטלען פון סאַטירישן גראָטעסק. אויך די דאָזיקע געשטאַלטן זײַנען אינדיווידואַליזירט. מאַרקישן געלינגט אויסצוגעפינען די נייטיקע דעטאַל, דעם נייטיקן ספּעציפישן שטריך, וואָס טיילן זיי אָפּ איינעם פונעם צווייטן. דאָך פּרעוואַלירט דאָס גראָטעסקישע.

ליריש־סוביעקטיוו, פּאָלעמיש־קעמפעריש איז אַפילע דער פּייזאַזש. מע שפּירט אין אים די אויפגעבראַכטקײַט פונעם שרײַבער, זײַן מענטשלעכן ווייטעק, זײַן הומאַניסטישן אַני־מײַמין. וויפל פאַרביטערונג שטעקט, צום בײַשפּיל, אין די פּייזאַזשן פון דעם דערנידעריקטן און פאַרפּײַניקטן פּוילן! די נאַטור פּראָטעסטירט צוזאַמען מיטן שרײַבער קעגן וואַנדאַליזם און צעיושעטן ווילקיר. די שיינקײַט און האַרמאָניע אין דער נאַטור מאַכט אָנשוילעכער דעם שוידער פון טויט, וואָס די קאַניבאַלן האָבן געבראַכט אַף דער פרידלעכער ערד:

„וואַרשע איז געווען פאַרגייענדיק שיין אין איר יונג־האַרבסטיקן טרויער. אָפּגעגילדעטע ביימער־שפּיצן פון פאַרצײַטיקע אַלייעס און גערטנער האָבן זיך מיט לײַכטער פאַרזאָרגטקײַט געוויגט אינעם דורכזיכטיקן רוים און ניט געהאַט אַפילע דעם מינדסטן פאַרדאַכט, אַז ערגעץ האָט שוין דער טויט פאַרמאָסטן אַף זיי די דײַטשישע האַק; אַז זיי טרויערן אויס אַ לעצטן פּוילישן האַרבסט".

אָדער אַזאַ מין נאַטור־בילד, וואָס דערשיטערט מיט זײַנע לעבן־ און טויט־קאָנטראַסטן און גרייט פּסיכאָלאָ־

גיש צו אונדזער אופאסונג פון דער שרעקלעכער מאָרדאקציע לעגאבע די קינדער:

„דאָס קליינע פאסיקל ערד אונטער די פענצטער איז געווען צעגראָבן, און בלימעלעך זײַנען געוואקסן, ביימעלעך, פארפלאנצטע און אויסגעכאָליעטע פון קינדערשע הענטעלעך. אף יעדן בלימעלע איז געווען דער הויך פון א קינדערשן אָטעם, פון א קינדערש קעלכל און פון א קינדערש גלעקלדיק געלעכטער. דאָס, וואָס אינמיטן דער געטאָ האָט זיך אפצולאָכעס די פארדארבער דורכגעריסן שפּראָצונג, האָט געמאכט דאָס הויז פון דעם קינדערהיים נאָך הייליקער, נאָך לעבנסדאָרשטיקער און נאָך טראגישער. זיי האָבן זיך גערייצט מיטן מאלעך־האמאָוועס, די איידעלע און צארטע שפּראָצונגען, און האָבן זיך געצויגן צו דער זון, בא אים, בא דעם מאלעך־האמאָוועס, אף די אויגן. נאָר די זון אליין איז שוין געווען א טרויעריקע, אן עלעלדיקע, א יאָמים־נויראָימדיקע...“

אומעטום, אין דער באשרײַבונג פון די געשעענישן, אין דער געשטאלטן־מאָלערײַ, אין די נאטור־שילדערונגען, שוין אָפּגערעדט פון די פובליציסטישע אָפּווענדונגען, הערן מיר די שטים פונעם שרײַבער, וועלכע באַדויערט, פארורטיילט, וואָרנט.

די ליידנשאפטלעכקײַט, מיט וועלכער ס׳ווערט געשילדערט די ניט־ווײַטע געשיכטלעכע פארגאנגענהײַט, ווירקט מיט אין א גרויסער מאָס דער אופאסונג פון מארקישעס היסטאָרישן ראָמאן אלס אן אקטועל, הײַנטצײַטיק ווערק.

מיר זײַנען מאסקים מיט ה. רעמעניקן, וועלכער שרײַבט אין זײַן נאָכוואָרט צום ראָמאן, אז „טראָט פון דוירעס“ איז אן „עכטע פאָלקס־עפּאָפּיי פון אונדזער הײַנטצײַטיקײַט“, וועלכע איז לויט איר „גאנצן אידייִשן אינהאלט ברענענדיק אקטועל און הײַנטצײַטיק פארשארפט. דאָס איז ניט קיין סאָציִאל־היסטאָרישע רעמיניסצענץ, נאָר א בילד פון איצט און א קוק אין דער צוקונפט“[1].

מיט פּערעץ מארקישעס לעצטן ראָמאן האָט די ליטעראטור וועגן דער אזויגערופענער „כורבן־טקופע“ זיך באַרײַכערט מיט א באדײַטנדיק הויך־קינסטלעריש ווערק.

---

[1] פּ. מארקיש. טראָט פון דוירעס. מאָסקווע, 1966, ז. 683.

בראָניק

דערציילונגען אף ייִדישער טעמאטיק דערשינען אין יאפּאָניע

אין טאָקיִאָ האָט דער פארלאג „קאבושא“ לעצטנס ארויסגעגעבן אין אן איבערזעצונג אף יאפּאָניש צוויי דערציילונגען, וואָס בארירן ייִדישע טעמאטיק. דאָס זײַנען די „טפילע פאר קאטערין האָראָוויץ“ פון ארנאָשט לוסטיג און „לעבן מיט דעם שטערן“ פון י. וייל. דער איבערזעצער פוןביידע דערציילונגען איז קאִי קוריס.

אנטדעקט א נײַע מעגילע אין קומראן

אין די קומראנער היילן באם יאם־האמעלאך האָט מען געפונען א נײַע מעגילע, וואָס האלט 2 מעטער מיט 60 סאנטימעטער די לענג. די נײַע מעגילע האָט מען א נאָמען געגעבן „בייס־האמיקדעש־מעגילע“, ווײַל עס איז אין איר פאראן א גענויע באשרײַבונג פונעם בייס־האמיקדעש. כוץ דעם, זײַנען באשריבן אין איר די מינהאָגים פון דער איסיים־סעקטע. די אנטדעקטע מעגילע איז אלט אומגעפער 2 טויזנט יאָר.

הערש רעמעניק

פּאָלעמישע נאָטיצן

1. סוביעקטיווע קריטיק — וואָס איז עס?

די פראגע וועגן קריטיק, וועגן איר נאטור, איר ראָליע און באַדײַטונג האָט שטענדיק ארויסגערופן שארפע שטרײַטן און דיסקוסיעס. פון פארשיידענע זײַטן לאָזן זיך די לעצטע יאָרן הערן שטימען, אז קריטיק איז ניט אָביעקטיוו, ניט וויסנשאפטלעך, ניט נאָרמאטיוו. ווי א זעלבסטפארשטענדלעכע און דערוויזענע זאך ווערט דערקלערט אין ארטיקלען און טראקטאטן, אז ליטעראטור־קריטיק איז סוביעקטיוו און בלויז סוביעקטיוו.

יאנקעוו גלאטשטיין שרײַבט:

„איך האַלט נישט, אז דער ציל פון קריטיק איז צו זײַן אָביעקטיוו. פארקערט, וואָס שעפערישער ס'איז דער מענטש, וואָס שרײַבט קריטיק, — און א קריטיקער קאָן זיך מיט קריטיק דערשרײַבן צו שעפערישקײַט, — אלץ מער מעג מען אים געטרויען א סוביעקטיווע מיינונג. די אמביציע פון א גוטן שרײַבער איז גראָד צוצוטרעפן אן ערנסטן, סוביעקטיוון קריטיקער... א סוביעקטיווער קריטיקער, וואָס מע מעג אים געטרויען, ווײַל ער האָט געשמאַק, איז א בראָכע פאר א ווערק, ווײַל ער נעמט עס ארײַן אין דער באַגרענעצונג פון זײַן גוטן געשמאַק און נישט אין דער אומענדלעכער נייטראַליטעט פון זײַן קריטישער פילאנטראָפּיע"[1].

מיט דער כאַראַקטעריסטישער פאר אים פּרעטענציעזקײַט נעמט זיך יאנקעוו גלאטשטיין אײַנשטעלן אבסאָליוטע געזעצן. „איך האַלט נישט", — גיט ער טייקעף א זאָג. יאנקעוו גלאטשטיין „האַלט נישט, אז דער ציל פון קריטיק איז צו זײַן אָביעקטיוו". און פּלעכאנאָוו, לעמאָשל, זאָגט, אז „די קריטיק איז אָביעקטיוו, ווי די פיזיק". מעג דאָך פּלעכאנאָוו האָבן זײַן סוביעקטיווע מיינונג...

איך וועל דערווײַל ניט אָפּגעבן גערעכט ניט גלאטשטיינען, ניט פּלעכאנאָוון. דערווײַל וויל איך בלויז באַמערקן, אז גלאטשטיינס ארגומענטאציע איז אזוי שוואַך, אז זי איבערצײַגט אינעם הייפּעך פון דעם, וואָס ער וויל דערווײַזן. גלאטשטיין האַלט, אז א סוביעקטיווער קריטיקער מיט א גוטן געשמאַק איז גוט. נו, און א סוביעקטיווער קריטיקער מיט א שלעכטן געשמאַק — איז אויך גוט? און אן אָביעקטיווער קריטיקער מיט א גוטן געשמאַק — איז אויך שלעכט? אויב דער קריטעריי פון קריטיק איז א גוטער אָדער א שלעכטער געשמאַק, איז דאָך שוין ניט שײַעך קיין סוביעקטיוויקײַט אָדער אָביעקטיוויקײַט. אויב יאנקעוו גלאטשטיין וויל זאָגן, אז דער קריטיקער דאַרף זײַן באַגאַבט און פילן דאָס קונסטווערק, וועגן וועלכן ער נעמט זיך ריידן, פארשטייען דאָס און קאָנען דאָס שאַצן, — וועט קיינער מיט אים זיך ניט שפּאַרן.

יאנקעוו גלאטשטיין שרײַבט ווײַטער, אז א גוטן געשמאַק קאָן דער קריטיקער מיט דער צײַט זיך אויסארבעטן. דאָס איז ריכטיק. אָבער בא צוויי באַדינגונגען: אויב דער קריטיקער האָט טאַלאַנט און אויב ער האָט וויסן. אָן וויסן און אָן טאַלאַנט איז דער קריטיקער ניט קיין קריטיקער, ער איז א גראַפאָמאַן, אומאָפּהענגיק דערפון — צי איז ער א סוביעקטיווער אָדער אן אָביעקטיווער קריטיקער. אין טשעכאָווס פּיעסע „דיאַדיא וואַניא" איז אלעקסאנדער וולאַדימיראָוויטש סערעבריאַקאָוו א פּראָפעסאָר פון קונסט. ס'איז אומבאַוווּסט, צי איז ער א סוביעקטיווער אָדער אָביעקטיווער קריטיקער, ס'איז אָבער גאַנץ גוט באַוווּסט, אז ער איז טאַלאַנטלאָז און פארשטייט ניט קיין קונסט.

די ליטעראטור־וויסנשאפט באַשטייט פון מעטאָדאָלאָגיע פון ליטעראטור, טעאָריע פון ליטעראטור (פּאָעטיק), היסטאָריע פון ליטעראטור און ליטעראטור־קריטיק. קריטיק איז, פארשטייט זיך, וויסנשאפטלעך און ניט אמעראַציש, ווי עס דאַכט זיך אויס אייניקע, אפילו אָנגעזעענע ליטעראַטן. ליטעראטור־קריטיק איז געבונדן מיט אלע אנדערע באַשטאַנדטיילן פון דער ליטעראטור־וויסנשאפט — מיט מעטאָדאָלאָגיע, טעאָריע און היסטאָריע פון ליטעראטור. די אָנגעזעענע קריטיקער פון דער וועלט־ליטעראטור (טען, סענט־בעוו, בראנדעס, בעלינסקי, טשערנישעווסקי, פּלעכאנאָוו, לונאטשארסקי אא.) זײַנען געווען אויך טעאָרעטיקער און ליטעראטור־היסטאָריקער. זיי זײַנען געווען וויסנשאפטלער און ליטעראטור־קריטיקער. ליטעראטור־קריטיק איז ליטעראטור־וויסנשאפט. דער קריטיקער איז ניט קיין לייענער, זאָל זײַן אפילו א קוואלי־

[1] יאנקעוו גלאטשטיין. וועגן ליטעראטור־קריטיק — ביכלאל און ביפראט. זאמלונג „שלוימע ביקל". יוביל־בוך. ניו־יאָרק, 1967, ז. 90.

פיצירטער, נאָר א שרײַבער. דער אונטערשייד צווישן א לייענער און א קריטיקער באשטייט אין דעם, וואָס דער לייענער לייענט, בײַס דער קריטיקער לייענט און לערנט דעם לייענער לייענען און פארשטיין א קינסטלעריש ווערק, אנטוויקלען זײַן געשמאק און זײַן באוווסטזײַן. קעדיי אויספילן אָט די אופגאבע, מוז דער קריטיקער זײַן א ווישנשאפטלער. דער קריטיקער קאָן ניט בלויז זאָגן, ווי דער קוואליפיצירטער לייענער, — עס געפעלט מיר אָדער עס געפעלט מיר ניט. אויב דער קריטיקער האָט ניט מער וואָס צו זאָגן וועגן א קינסטלעריש ווערק, איז ער ניט קיין קריטיקער.

די סוביעקטיווע קריטיק נייטיקט זיך ניט אין ווישן. דאָס וויכטיקסטע איז — ארויסברענגען דעם סוביעקטיוון ווילן פונעם קריטיקער. מ. גראָס־צימערמאַן לאַכט זיך אויס פון ווישנשאפטלעכער קריטיק:

„נאָך אַלץ איז מען נישט אדורכגעקומען, צי איז דער קריטיקער א שרײַבער, וואָס זײַן וואָרט דארף זײַן א וואָרט פאר זיך, אָדער צי איז ער א „מענטש" בא דער ליטעראַטור: א „וועכטער", א „וועקער", עפשער אַן אונטערדיכטער. אין אזא מעטאפאָרישער געהויבנקײַט איז מיסטאמע גלײַכער, דער קריטיקער זאָל זיך נישט נאריש מאכן מיט קיין שרײַבערישע שטיק — וואָס איז מען דאָרט, א יִנגל, צו שפּילן זיך מיט טאלאַנט? אזוי איז מען סאָליד און באגלייבט — שיקט מען אזא איינעם מיט „שעליכעס". דער איקער, ס'זאָל זײַן שווער אים צו לייענען: אָפּטמאָל שווער, ווײַל אָן וואָג.

איז איינער א באָקי, באהאוונט אין די סטילן, ריכטונגען, שטרעמונגען, וואָס רינען צומאָל אַלע אין איין גריבל. אין אַלע פאָרמולעס און דעפיניציעס איז ער געניט, אָבער זעלטן טרעפט, ער זאָל האָבן געלערנט ערלעך צו באוווּנדערן און זאָל האָבן דעם קויעך ליב צו האָבן דאָס קונסט־ווערק און שעפּן פרייד פון גענוס, אופנעמען דעם פענאָמען מיט גײַסטיקער פרישקײַט"[1].

לויט גראָס־צימערמאַנען באקומט זיך, אז דער, וואָס איז „באהאוונט אין סטילן, ריכטונגען, שטרעמונגען", וואָס איז „געניט אין אַלע פאָרמולעס און דעפיניציעס", קאָן ניט „שעפּן פרייד פון גענוס", קאָן ניט „אופנעמען דעם פענאָמען מיט גײַסטיקער פרישקײַט"... אומזיסט מיינט מוישע גראָס־צימערמאַן, אז מע איז אַלץ נאָך ניט אדורכגעקומען, צי דער קריטיקער איז א שרײַבער. דער קריטיקער איז א שרײַבער, און זײַן וואָרט איז, פארשטייט זיך, א וואָרט פאר זיך. אָבער, טראָץ מוישע גראָס־צימערמאַנס פכאָדים, איז דאָס וואָרט פונעם קריטיקער בלויז דאַן וואָגיק און וויכטיק, ווען דער קריטיקער איז טאַקע א „וועקער", א „וועכטער", דאָס הייסט — ווען דער קריטיקער איז ניט קיין שלימאזלדיקער בעלעטריסט, נאָר א דענקער, וואָס ווייסט זײַן אופגאבע און פארשטייט, ווּהין צו פירן די ליטעראַטור.

די סוביעקטיווע קריטיק איז געקומען צוזאַמען מיטן מאָדערניזם און איז פולשטענדיק פארבונדן מיט דער סוביעקטיוויסטישער און אידעאַליסטישער עסטעטיק און פילאָסאָפיע פון דער דעקאַדענטישער קונסט אין סאָף 19־טן — אָנהייב 20־טן יאָרהונדערט. פאר דעם סוביעקטיוון קריטיקער איז דאָס ווערק פונעם שרײַבער בלויז א טעמע, קעדיי צו אנטפּלעקן דורך איר זײַן אייגענע פּערזענלעכקײַט. באַם סוביעקטיוון קריטיקער איז אומעגלעך צו באקומען א פאָרשטעלונג וועגן ליטעראַטור. אין רוסלאַנד איז דער סאמע באגאבטער סוביעקטיווער קריטיקער געווען יולי אייכענוואַלד, וועלכער האָט זיך טאַקע אויסגעצייכנט מיט א גלענצנדיקן סטיל און איז דערפאר איין צײַט געווען באוווּסט, אָבער דער דאָזיקער סטיל האָט אים ניט געשטערט צו שרײַבן אומגעלומפּערטע אַרטיקלען וועגן בעלינסקין, גאָרקין, בריוסאָוון און אנדערע גרויסע שרײַבער. דערפאר איז ער איצט שוין אינגאנצן פארגעסן. זײַנע דרײַ בענדער „סילועטן פון רוסישע שרײַבער" ווייסן איצט בלויז ליטעראַטור־היסטאָריקער.

זעלבסטפארשטענדלעך, דער באגאבטער סוביעקטיווער קריטיקער, אויב ער איגנאָרירט ניט די ליטעראַרישע ווירקלעכקײַט, קאָן באַרײַכערן די ליטעראַטור מיט איידעלע אידייען און רעפלעקסן. אָבער דעמלט ווערט ער שוין גיכער אַן אָביעקטיווער קריטיקער.

אין טאָך גענומען, איז די סוביעקטיווע קריטיק געוואָרן א קאנאַל, דורך וועלכן עס האָבן זיך א לאָז געטאָן אין דער ליטעראַטור קאָלערליי גראפאָמאַנען, אמעראַצים, ניט דערפאָרענע בעלעטריסטן, ביכלאַל צופעליקע מענטשן, וועלכע מיינען, אז דורכן עסיי, דורך דער באריידעוודיקער איך־רעקלאַמע וועלן זיי ארויף אפן אָלימפּ.

די געשיכטע פון דער ליטעראַטור איז זיך נויקעם אין די סוביעקטיווע קריטיקער, אפילע אין די באגאבטע, און לאָזט ניט איבער פון זיי קיין שפּור. פאַרקערט, די ווישנשאפטלעכע קריטיקער פארנעמען אין דער געשיכטע פון דער ליטעראַטור א בעקאָוועדיק אָרט באגלײַך מיט די גרעסטע קינסטלער. די געשיכטע פון דער רוסישער ליטעראַטור איז שווער זיך פאָרצושטעלן אָן בעלינסקין, טשערנישעווסקין, דאָבראָליובאָוון, פּונקט ווי אָן פּושקינען, ל. טאָלסטאָיען, דאָסטאָיעווסקין. נאָך מער: לעוו טאָלסטאָי, אשטייגער, און זײַן שאפונג איז באזיניקט געוואָרן אדאנק די ארבעטן פון טשערנישעווסקין און לענינען. אָט דאָס איז די באלוינונג פון דעם ווישנשאפטלעכן קריטיקער. אָט דאָס איז זײַן „וואָרט פאר זיך". די ווישנשאפטלעכע קריטיק איז, אין טאָך, ניט ווייניקער סוביעקטיוו, איידער די סאמע סוביעקטיווע קריטיק. די ווישנשאפטלעכע קריטיק איז אידייִש פארשארפט, זי ווייסט, פאר וואָס זי קעמפט. איר איז פרעמד די פאסיווקײַט, וואָס איז אויסגעדריקט אין יאַנקעוו גלאַטשטיינס פּאַראַדאָקסאַלער באהויפּטונג, אז „ווען א קריטיקער זאָגט, אז דער דיכטער דארף עפּעס זאָגן, מיינט ער, אייגנטלעך, אז דער דיכטער דארף אים אונטערזאָגן, וואָס צו זאָגן". דאָס האָט עפשער א שײַכעס צו דעם סוביעקטיוון קריטיקער, וועלכער איז אַלס קלאַל כאָאָטיש און צעשויבערט און דעריבער איז ער ניט פייִק צו פארנעמען פעסטע פּאָזיציעס. דער ווישנשאפטלעכער קריטיקער לערנט זיך באַם קינסטלער און לערנט דעם קינסטלער, ווײַל ער איז שעפעריש אזוי, ווי דער קינסטלער.

2. מענדעלע דער שיינער ייִד, מענדעלע דער גאָלעס־ייִד און דער אנטיסעמיט

גאָר שלעכט האַלט עס מיט דער סוביעקטיווער קריטיק, ווען עס קומט איר אויס צו שטעלן זיך פּאָנעם־אַל־פּאָנעם מיט פּראָבלעמען פון ליטעראַטור־געשיכטע און באזונדערס — מיט דער שאפונג פון די קלאַסיקער.

[1] דאָרטן. מ. גראָס־צימערמאַן. „די אווידע", ז. 102.

מעווינעס און בויך־סוואָרעס, וועלכע פאַרנעמען דעם אויבנאָן אין דער סוביעקטיווער קריטיק, ווען זי האָט צו טאָן מיט דער הײַנטצײַטיקער ליטעראַטור, באַקומען אַן אומפאַרשטענדלעכן און לעכערלעכן כאַראַקטער, ווען זיי ווערן אָנגעווענדט צו ליטעראַטור־געשיכטע.

צום 30־טן יאָרצײַט פון מענדעלע מוכר־ספֿרים האָט יאַנקעוו גלאַטשטיין אָנגעשריבן אַן אַרטיקל וועגן דעם גרונטלייגער פון דער ייִדישער קלאַסישער ליטעראַטור. זעלבסטפאַרשטענדלעך, קאָן מען אין אָט דעם אַרטיקל טרעפן ריכטיקע באַהויפטונגען וועגן מענדעלעס פאַרדינסטן. די דאָזיקע ריכטיקע געדאַנקען זײַנען, נאַטירלעך, ניט נײַ, און קיין טײַנעס דערפאַר צום אווטאָר קאָנען ניט זײַן, אַף וויפל דאָס אַרטיקל איז אָנגעשריבן צו אַ דאַטע. גלאַטשטיין כאַזערט אויך איבער די אַלטע רייד וועגן צוויי מענדעלעך און וואַרפט אָפּ מענדעלע דעם מאַסקיל צוליב מענדעלע דעם קינסטלער אין די לעצטע צענדליק יאָר פון דעם שרײַבערס לעבן און שאַפן. און אויך דערפאַר וואָלט ניט געלוינט צו פּאָלעמיזירן מיט גלאַטשטיינען, ווײַל די שטרײַטן אַרום אָט די פּראָבלעמען זײַנען שוין גאַנץ ווײַט פון נײַע.

יאַנקעוו גלאַטשטיינען ווילט זיך אָבער אומבאַדינגט מאַריש־אוילעם זײַן מיט עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל „לאַפּטשען". און ניט לאַנג געטראַכט, טוט ער אַ שרײַב: „מענדעלע איז געווען דער ערשטער גרויסער קינסטלערישער גאָלעס־ייִד אונדזערער"[1], און ער זעצט ווײַטער פאָר: „ער (מענדעלע. — ה.ר.) איז געווען דער שיינער ייִד פון זײַן צײַט"[2].

אָט האָט איר אײַך אַ מוסטער פון סוביעקטיווער קריטיק וועגן אַ קלאַסיקער! אויב פריִער רעדט נאָך גלאַטשטיין וועגן „ק י נ ס ט ל ע ר י ש ן גאָלעס־ייִד" און מע קאָן זיך נאָך אָנשטויסן, אַז עס גייט אַ רייד וועגן אַ קינסטלער, וועלכער האָט געשאַפן אין די באַדינגונגען פון פאַרצויגענעם ייִדישן מיטלאַלטער, איז איצט שוין קלאָר געזאָגט, אַז מענדעלע איז „דער שיינער ייִד פון זײַן צײַט".

אויב אַזוי, קאָן מען דאָך זאָגן, אַז אויך שאָלעם־אַליי־כעם איז „דער שיינער ייִד פון זײַן צײַט". און פּערעץ קאָן דען ניט זײַן „דער שיינער ייִד"? און אַנדערע שרײַבער? און בּיכלאַל — אַפילע ניט שרײַבער? פּאָשעט שיינע ייִדן זײַנען דען געווען ווייניק? מוישע מאָנטעפיאָרע, לעמאַשל? מיט וואָס איז ער ניט קיין „שיינער ייִד"? ס'איז נאָר אַ פראַגע — וואָס פאַר אַ שײַכעס צו מ ע נ ד ע ל ע ן האָט אַזאַ דעפיניציע?

עפּשער ווילט איר וויסן עפּעס וועגן מענדעלעס סטיל? בא יאַנקעוו גלאַטשטיינען וועט איר אַף אָט דער פראַגע גלײַך באַקומען אַ קלאָרן ענטפער. ווײַזט זיך אַרויס, אַז בא מענדעלען איז געווען אַ געמאָרעדיקער סטיל. „די קלוימערשטע אומאָרדענונג פון זײַן דערציילן, — שרײַבט גלאַטשטיין, — די זײַטיקע באַריידעוודיקײַט, דאָס אַרײַנפירן אַגעוווּרכעדיקע באַמערקונגען, דאָס אָנפּיקעווען דעם מאַטעריאַל מיט גלײַכווערטלעך און גלײַכריידעלעך (?!) — אָט די אומאָרדענונג איז געווען אַ סטיליזירטע אומאָרדענונג פון זײַן געמאָרעדיקן סטיל"[3].

צוליב וואָס, אינדערעמעסן, זיך מאַטריעך זײַן, פּאָרשן, אַנאַליזירן, דערווײַזן, אַז מענדעלע איז געווען אַ ראַעליסט צי אַ ראָמאַנטיקער, ווען מע קאָן פּאָשעט זאָגן — אַ געמאָרעדיקער סטיל! ווײַזט אויס, אַז יאַנקעוו גלאַטשטיין רעכנט אויס אַף אַזאַ לייענער, וואָס ווייסט נישט — ניט מענדעלען, ניט דעם געמאָרע־סטיל. אַנדערש, צי וואָלט ער געקאָנט האָפן, אַז אַ לייענער, וואָס איז יאָ באָקי אין געמאָרע און אין מענדעלעס שאַפן, וועט זיך אײַנגעבן אײַנשמועסן, אַז מענדעלע — דער קעמפער קעגן מיטלאַלטער און דאָגמאַטיזם — וועט אַליין אין זײַן שאַפן סטיליזירן דעם מיטלאַלטערלעך־אווטאָריטאַרישן דאָגמאַטישן געמאָרע־סטיל?

יאַנקעוו גלאַטשטיין שרײַבט: „מענדעלע איז אַן אויסדרוק פון דער געווינעס פון ייִדישן פאָלק, ער איז אַ בליץ פון אונדזער געניִאַליטעט". איז, דאַכט זיך, שוין גאָר גוט. כאַפּט זיך אָבער גלאַטשטיין, אַז דאָס איז געזאָגט אַף אַ פאַרשטענדלעך מענטשלעך לאָשן, און ער גיט גלײַך אַ שלאָג זיך איבער די רייד: „אָבער דאָס האָט אים נאָך אַלץ ניט געמאַכט וויכטיקער פון ייִדישן פאָלק"[1].

ווער האָט אַזוינס דען געזאָגט און ווער מען קאָן אופּקומען אין זין אַזעלכע אומגעלומפּערטע כקירעס? דאָס איינציקע, וואָס מע קאָן זאָגן, איז בלויז דאָס, אַז פּאַפּיר מוז איבערטראָגן אַלץ, וואָס עס קומט אויף אַפן געדאַנק אַ סוביעקטיוון קריטיקער.

יאַנקעוו גלאַטשטיין מאַכט לעצאָנעס איבער דעם, וואָס אין ראַטנפאַרבאַנד האָט מען „מעסוקן ליב טויטע ייִדישע קלאַסיקער". און ער דערלויבט זיך אַ זאָג טאָן: „מענדעלע איז נישט געווען קיין טיפער קינסטלער"[2].

אָט דאָס הייסט אַ ליב אייניקל דעם זיידן!

פאַרוואָס זשע איז אַזוי דער זיידע מענדעלע ניט געפעלן דעם קריטיקער יאַנקעוו גלאַטשטיין? דערפאַר ווײַל מענדעלע האָט צופיל געשטראָפט, קריטיקירט, און דאָס איז אַ שווערער כעט, וואָס מע קאָן ניט מויכל זײַן אַפילע איצט. גלאַטשטיין שרײַבט: „ער (מענדעלע. — ה.ר.) איז געקומען פון דער האַסקאָלע, וואָס האָט זיך אַרופגעוואָרפן אַפן ייִדישן פאָלק מיט אַ האַרטער שטראָפערישקײַט"[3]. יאַנקעוו גלאַטשטיין מיינט, אַז אויב די האַסקאָלע און מענדעלע האָבן קריטיקירט און דעמאַסקירט די באַלטאַקסעס, די גאָטס סטראַפּטשעס, די רעאַקציִאָנערע פּינצטערלינגען, וועלכע האָבן פאַרומערט דאָס לעבן פון די ייִדישע פאָלקסמאַסן, הייסט עס, אַז זיי האָבן געשטראָפט דאָס פאָלק: „ייִדן האָבן קיינמאָל נישט פאַרדינט, אַז מע זאָל זיי אַזוי האַרב שטראָפן, ווײַל זיי זײַנען כאָלילע נישט ערגער פון אַנדערע פעלקער. נאָר פאַרקערט, זייערע גרויסע ליידן און יעסורים האָבן זיי אַזוי דערהויבן און אויסגעיידלט, אַז אַפילע ווען זיי האָבן זיך געוואַלגערט אין די בלאָטעס פון טונעיאַדעווקע, זײַנען זיי אַלע מאָל געווען גאָטס קינדער. אַנדערע פעלקער זײַנען פאַרכאַזערט געוואָרן גײַסטיק פון וואַלגערן זיך אין בלאָטעס"[4].

דער שאָוויניסטישער דיבעק פון אַטאַבעכאַרטאָנו־גײַוועט לאָזט ניט רוען גלאַטשטיינען, און ער גייט נאָך ווײַטער. ניט נאָר מענדעלע, נאָר יעשײַע־האַנאָווי געפעלט אים אויך ניט — אַלץ דערפאַר, וואָס ער האָט געשראָפט.

„אויך די נעוויִים, — שרײַבט גלאַטשטיין, — האָבן גאַנץ אָפט אַריבערגעזאַלצן מיט זייערע שטראָף־רייד.

---

[1] י א נ ק ע וו ג ל א ט ש ט יי ן. אין טאָג געגומען. ניו־יאָרק, 1956, ז. 13; [2] דאָרטן, ז. 15; [3] דאָרטן, ז. 14.

[1] דאָרטן, זז. 16—17; [2] דאָרטן, ז. 22; [3] דאָרטן, ז. 17; [4] דאָרטן.

כ׳בין זיכער, אַז אין זייערע צײַטן זײַנען די דעמלטדיקע גאָים געווען נאָך ערגער פון די ייִדן. דער אויסרוף גלײַך אין ערשטן קאַפּיטל פון יעשײַע — „הוי גוי חוטא עם כבד עון, זרע מרעים“ איז געווען אַ גוזמעדיקער געשריי“...[1]

מיינט איר עפשער, אַז גלאַטשטיין האָט שוין געענדיקט? האָט איר אַ טאָעס. ער מוז זיך נאָך צערעכענען מיט ביאַליקן: „אפילו ביאַליקס באַרימטע פּאָעמע „בעיר ההרגה“, וווּ ער לאָזט אויס די גאַנצע טויכעכץ צו די פּאָגראָמירטע קאָרבאָנעס, האָט געהאַט גוטע קאַוואָנעס, אָבער ס׳איז אויך געווען איבערגעלאָדן מיט צופיל נעוויִי־שער שטראָפערישקײַט, און ס׳האָט אין איר, פאַר יענער צעבלאָטיקטער צײַט, געפעלט פּאָעטישער טאַקט“[2].

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט די נעוויִים און מיט ביאַליקן, קערט זיך אום גלאַטשטיין צוריק צו מענדעלען:

„פישקע דער קרומער“ איז זייער אַ פּרימיטיוו ווערק, און טאָמער איז עס ווייניק, האָט מענדעלע מאַסקילישע סאַטירע אין דעם ווערק זיך צעשפּילט אויף דעם האַרצ־לאָזסטן אויפן. ס׳איז אַ נעבעכדיקע געשיכטע פון אַ העקדעש, פון אונטערוועלט, פון שנאָרערס, פון וווּלגאַ־ריטעט, פון גראָבקײַט, און ס׳איז נאָך ערגער, וואָס דאָס ווערק איז אויסגעטײַטשט געוואָרן ווי אַ סימבאָל פאַר דער „גרויסער טאָרבע פון קנעסעס־ייִסראָעל“, ווי דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק וואָלט באַשטאַנען פון אַזעלכע פאַר־שוינען“[3].

עטוואָס ווײַטער זאָגט גלאַטשטיין: „אין דעם ווערק, ווי מיר פאַרשטייען עס הײַנט, זײַנען דאָ אויסדרוקן, וואָס האָבן זיך דערקײַקלט אַזש צו אַנטיסעמיטן“[4]. דעריבער איז דער אורטייל איבער מענדעלען אַ גאָר האַרבער: „מיר ווייסן, אַז מיט מענדעלעס ווערק קען מען ביכלאָל זייער שטאַרק געשטרויכלט ווערן. מע דאַרף צו אים אַרײַן אין פּאַרדעס מיט גרויס פאָרזיכט. **מע טאָר די ווערק נישט געבן אין די הענט אַרײַן פון אונדזער יוגנט** אָן די נייטיקע אויפקלערונגען“[5] (מײַן אונטערשטרײַכונג. — ה. ר.).

און אָט אַזאַ פלאַנטער ווערט אונטערגעטראָגן ווי אַ נײַע אַנטדעקונג וועגן דעם גרונטלייגער פון דער ייִדישער קלאַסיק. גלאַטשטיין ווייסט, אַפּאָנעם, ניט, אַז דאָס דאָזי־קע רעאַקציאָנערע לידל וועגן מענדעלען האָט מען שוין אויסגעזונגען צוריק מיט העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט ביז אים. מיט דעם זעלבן טומל האָט געשריבן וועגן די מאַסקילים און וועגן מענדעלען נאָך אין 1889 „דער מע־טורעף“ (ווי עס האָט אים גערופן שאָלעם־אַליִכעם) לעווי, דער רעדאַקטאָר פון „יודישעס פאָלקסבלאַט“:

„שוין ב״ה מער אַלס 30 יאָר, אַז מע הערט פון די גרויסע ייִדישע „מאַסקילים“ נאָר אַזעלכע כאָכמעס, אַזעל־כע לעצאָנעס איבער ייִדישע מינהאָגים, ייִדישער טוירע און דאָס ייִדישע לעבן ביכלאָל; זיי לאַכן פון לעבעדיקע און פון טויטע, זיי מאַכן לעצאָנעס פון אַלץ, וואָס ייִדן איז הייליק און טײַער געווען טויזנטער יאָרן... קימאַט די גאַנצע „נײַע ייִדישע ליטעראַטור“, מיט גאַנץ קליינע אויסנאַמען, שטעלט, לידער, פאָר אַ טײַוואָלאָנישן גע־לעכטער, עפּעס אַ מין וואַלפּורגישע נאַכט פון אַלע אָרעמע באַל־אַווייִרעס, פון נעשאָמעס ערטילאָין, נאַקעטע נעשאָמעלעך, וואָס האָבן זיך צו קיין רעכטער זאַך ניט געקאָנט צושלאָגן, כוץ די לעצאָנעס וועגן ייִדן און ייִדישקײַט... קיין אומע־וועלאָשן האָט ניט אַזאַ טײַוולשע ליטעראַטור, ווי אונדזער „נײַע ליטעראַטור“, וואָס באַ־שטייט פון גאָלע לעצאָנעס, וואָס זיי רופן דאָס „סאַ־טירע“[1].

דאָס האָט געשריבן דער רעדאַקטאָר לעווי, וועלכער האָט דאָך אויסבאַהאַלטן זיך אונטערן פּסעוודאָנים „ליבּ־ציִע הערשילס“, ווײַל ער האָט זיכער פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז עפּעס ניט אָנשטענדיק אַזוי צו שרײַבן וועגן דער פאָרגעשריטענער האַסקאָלע־ליטעראַטור.

ספּעציעל וועגן מענדעלען שרײַבט אָט דער ליבציִע הערשילס פּונקט ווי יאַנקעוו גלאַטשטיין:

„לעמאָשל, מענדעלע מויכער־ספאָרים: לויט זײַן אויס־זען, ווי ער זיצט אויף דער קעלניע אין זײַן בײַדעלע, מוז ער שוין קיין יונגערמאַן זײַן; ער פירט שוין אַרום זײַנע ספאָרים אַ צײַט מיט יאָרן, שלעפּט זיך אויס די גאַנצע וועלט, און זע אויף ציקאַוועסט: האָט זיך אים געטראָפן די גאַנצע צײַט, ער זאָל זיך באַגעגענען מיט ערלעכע, פײַנע ייִדן? ניט איין מאָל. אַלע ייִדן, מיט וועלכע ער האָט זיך אין זײַן לעבן באַגעגנט, זײַנען עפּעס באַלע־מוימים בעגאַשמיִעס און בערוכניִעס, — פאַרצאָרנטע, פאַרקריפּלטע, אַז עפּעס פעלט אָן כאַלאָשעס אויף זיי קוקנדיק און הערנדיק זייערע רייד“[2].

אָן אַנדער קריטיקער מענדעלעס פון יענער צײַט, דער שפּעטערדיקער „ספּעציאַליסט איבער ייִדישע איניאָ־נים“ אין דער צאַרישער צענזור י. לערנער, האָט אויך אונטער אַ פּסעוודאָנים „צדוק פרומע׳ס“ געשריבן וועגן מענדעלעס „פישקע דער קרומער“ אין דעם זעלבן גײַסט, ווי יאַנקעוו גלאַטשטיין:

„פישקע דער קרומער“ — דאָס איז דער פאָרשטייער פון דעם ייִדישן ענגן שמאָלן געסל, פונעם מיסט, פון דער בלאָטע, פונעם דאַלעס, פון דער טאָרבע. „אוי, די אַלטע, גרויסע ייִדישע טאָרבע, — קלאָגט זיך רעב מענ־דעלע אין דער האַקדאָמע, — הענגט מיר טאָמיד, ווי יענעם מאָרעשכוירעניק, אַ לונג־און־לעבער אויף דער נאָז“. אין די ווערטער דערקענט מען, אַז די טאָרבע האָט אים שוין שטאַרק דערקוטשעט, אַז מער שווײַגן האָט ער שוין ניט געקענט. מיט וואָס פאַרא אויגן, פרעגט זיך אָבער, באַטראַכט רעב מענדעלע די ייִדישע טאָרבע? גיט ער אונדז אַזוינע עמעסע טרויעריקע בילדער, וואָס זאָלן דערוועקן אין אונדזערע הערצער געפילן פון ראַכמאָנעס צו אונדזערע געפאַלענע ברידער? אָ, ניין! שלעפּערס, קאַליקעס, רויטע מאַמזיירים, בלינדע מאַרשאַסן — אָט די זײַנען זײַנע העלדן, און זיי מאָלט ער אונדז מיט אַזאַ שוואַרצער פאַרב, וואָס, אויסער עקל, קאָן עס גאָרניט אַרויסרופן. ווען דעם אייגענעם „ייִדישן דאַלעס“ זאָל אַרײַנעמען אין די הענט אַרײַן אַ קינסטלער, וואָס איז בעעמעס צוגעבונדן צו זײַן פאָלק, וואָס די ווייטעקן פון זײַנע ברידער זײַנען אים שטאַרק נאָענט, וויפל זיסע שיינע בילדער וואָלט ער אונדז שוין געשאַפן? דאָס קאַפּצענען אַ גאַנצע וואָך און דער טײַנעג פונעם עווען, אַז ער האָט שוין דערלעבט מאַכן שאַבעס, דער ביטאָכן פונעם ייִדישן אָרעמאַן, אַז מיסטאָמע וועט אים שוין גאָט באַשערן זײַנס, דאָס רויִקע און קאַלטבלוטיקע איבער־טראָגן מאַנגל און נויט, — דאָס זײַנען אַזעלכע גרויסע זאַכן, וואָס וועלן נאָך ניט איין מאָל אַ ברען טאָן די נעשאָמע פון אַ ייִדישן שריפטשטעלער און אַ קלעם טאָן דאָס האַרץ פון אַ ייִדישן לעזער. פון רעב מענדעלעס

---

[1] דאָרטן; [2] דאָרטן; [3] דאָרטן, זז. 17־18; [4] דאָרטן, ז. 18; [5] דאָרטן.

[1] „יודישעס פאָלקסבלאַט“, נום. 26, מײַ 1889;
[2] דאָרטן.

„פישקע“ ווערט אָבער אַזוי שווער, אַזוי קאַלעמוטנע, אַז עס קאָן אַפילע ניט גרינגער ווערן פון די עטלעכע גוטע בלעטלעך, וואָס געפינען זיך דאָרט; אַ שרעקלעכע מאָרעשכוירע רוקט זיך אַרוף, אַז מע באַטראַכט די גאַנצע כאַליאַסטרע קאַפּצאָנים, וואָס רעב מענדעלע האָט צונויפגעשלעפּט, קימאַט, קאָן מען זאָגן, מיט קאַוואָנע צו ווײַזן דעם ייִדן, אַז דאָס גאַנצע לעבן זײַנס איז מער ניט, ווי איין אַלטע גרויסע טאָרבע...“[1]

אַזעלכע „ראַפינירטע“ סוביעקטיווע קריטיקער פון זײַן שאַפן האָט מענדעלע נאָך מיט 70 יאָר צוריק כאַראַקטעריזירט ווי „יונגעלײַטלעך“, איידעמלעך, נעפּאַשעס עפּעס אַזוינע, וואָס אין די פּענעמלעך זייערע איז צו דערקענען, אַז זיי האַלטן פון זיך זייער שטאַרק, נאָר זיי זײַנען עס די פײַנע לײַט, פאַרשטייען אָן אייסעק און דו ביסט גאָרנישט, עפּעס, דאַכט זיך, זײַנען זיי שאַטנעז פון דעם נײַעם און אַלטן שניט אינײינעם“[2].

עס איז שווער זיך פאָרשטעלן, יאַנקעוו גלאַטשטיין זאָל ניט וויסן, אַז שאַרפע קריטיק פון דער אומגערעכטער סאָציִאַלער אָרדענונג איז די וויכטיקסטע געזעצמעסיקײַט אין דער אַנטוויקלונג פון דער אַלוועלטלעכער ליטעראַטור. נעסטאָר קוקאָלניק און פאַדיי בולגאַרין האָבן געשריבן אידיליִעס און קוואַזי־ראָמאַנטישע „דערהויבענע“ ווערק דעם צאַרישן לײַב־אייגנטימערישן מאָנאַרכיסטישן רוסלאַנד. וואָס איז פון זיי געבליבן? זיי האָבן געדינט ניט דעם פאָלק, ניט דער קונסט, נאָר דער רעאַקציע. פּושקין און גאָגאָל, פאַרקערט, האָבן אומראַכמאָנעסדיק אויפגעדעקט די ליידן פון די מאַסן, האָבן געשילדערט די נויט פון די פאַרשקלאַפטע פּויערים, פון די „קליינע מענטשעלעך“ און האָבן דעמאַסקירט די „אַריסטאָקראַטישע «чернь»“, דעם גאַנצן צאַרישן סיידער. זיי זײַנען געבליבן אויף אייביק אין דער קונסט. עמעס, קוקאָלניק און בולגאַרין האָבן געשריבן אויף פּושקינען און גאָגאָלן מעסירעס אין דער צאַרישער אָכראַנקע, געוואָרנט, אַז זיי זײַנען סאָנים פון רוסלאַנד און פונעם רוסישן פאָלק. וואָס עס האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט דערפון — ווייסט מיסטאָמע יאַנקעוו גלאַטשטיין. פאַר רוסאָפּאָבן האָט די רעאַקציע דערקלערט אויך שטשעדרינען און נעקראַסאָוון. דאָס זעלבע איז געווען אין דער דײַטשישער ליטעראַטור מיט אַזעלכע שרײַבער, ווי היינע און בערנע. האָבן דען די מענצעלס ניט געשריבן קיין מעסירעס אויף אָט די גרויסע שרײַבער, אַז זיי זײַנען קלוימערשט ניט קיין פּאַטריִאָטן פון זייער היימלאַנד?

אַזוי איז אויך געווען אין דער ייִדישער ליטעראַטור. מענדעלע, שאָלעם־אַלייכעם, ליניעצקי, פּערעץ זײַנען גרויס דערמיט, וואָס זיי האָבן שרעקלאָז אויפגעדעקט די אונטערדריקונג, די פאַרשטויסנקײַט פון די מאַסן און גערופן זיי צום קאַמף פאַר אַ מענטשלעך לעבן. און דאָס איז ניט געפעלן דער ייִדישער רעאַקציע אַמאָל און הײַנט. קיין שום אַמעריקעס האָט גלאַטשטיין ניט אַנטדעקט.

מער אײַנגעהאַלטן, אָבער אויך אומגערעכט, איז אין זײַן קריטיק פון מענדעלען שלוימע ביקל. ס'איז אַ סאָפעק, צי קאָן ערנסט גענומען ווערן אין אַכט שלוימע ביקלס טעאָריע וועגן דער גערעדטער און געשריבענער שפּראַך. עס איז אויך צווייפלהאַפט, צי איז ריכטיק דאָס, וואָס ס'ווערט אָנגעגעבן אַלס מענדעלעס גרעסטער פאַרדינסט. שלוימע ביקל שרײַבט:

„מענדעלעס גרויסער, אומשטערבלעכער אויפטו פאַר דער מאָדערנער ייִדישער פּראָזע איז טאַקע געווען דאָס, וואָס ער האָט זיך דער ערשטער (אויב די ליטעראַטור־אַרכעאָלאָגיע וועט אויסגעפינען אַ פריִערדיקן ערשטן, וועט מענדעלע אַלץ בלײַבן דער ערשטער, ווײַל מיט דערפאָלג) גענומען באַשרײַבן דאָס ייִדישע לעבן. באַשרײַבן און ניט באַריידן“[1].

אַנטוויקלענדיק אָט דעם געדאַנק, שרײַבט דער קריטיקער עטוואָס ווײַטער: „געשטיצט אויף אָט די צוויי איקערעלעמענטן פון זײַן טאַלאַנט: אויג און ייִשעוו־האַדאַס, האָט מענדעלע אונטערגענומען די גרעסטע אונטערנעמונג אין דער געשיכטע פון עטלעכע הונדערט יאָר ייִדיש־שאַפונג, דעהײַנו — צו באַשרײַבן מיט וויסנשאַפטלעכער פּינקטלעכקײַט און גענויִקײַט די ייִדישע זאַכן. ער האָט דערמיט ניט באַשאַפן קיין אייגענעם פּערזענלעכן סטיל, נאָר עפּעס אַזוינס, וואָס איז פונעם שטאַנדפּונקט פון אונדזער שפּראַך־באַלעבאַטישקײַט אַ סאַך מער דערפון — אַ נוסעך פון אַ געשריבענעם לאָשן, מיט וועלכן יעדער איינער קען זיך און דאַרף זיך באַנוצן אויף אַרויסצוברענגען וואָס ער זעט און וואָס ער טראַכט“[2].

אין אָט דער אַרויסזאָגונג רופט אַרויס פאַרוווּנדערונג דאָס, וואָס דער קריטיקער האַלט פאַר נייטיק צו מעלדן, אַז מענדעלע האָט „ניט באַשאַפן קיין אייגענעם פּערזענלעכן סטיל“. נאָר מיר זײַנען גרייט ניט צוגעבן דעם קיין גרויסע באַדײַטונג, האָבנדיק אין זינען, אַז עס ווערט אַרויסגערוקט מענדעלעס פאַרדינסט אַלס באַשעפער פון „אַ נוסעך פון אַ געשריבענעם לאָשן“. דאָס איז וויכטיק, האַגאַם עס איז שוין אַרויסגעזאָגט געווען אין דער ליטעראַטור וועגן מענדעלען, עמעס אין אַן אַנדער פּלאַן. ווײַטער שרײַבט אָבער שלוימע ביקל אַזוינס, וואָס צעשטערט אינגאַנצן דעם אויפגעשטעלטן ביניען:

„דער איינציקער, וועמען מענדעלע האָט באַוואָלט מיט זײַן נוסעך, איז געווען ער אַליין, מענדעלע, וואָס האָט צוליב דעם אין גוטע דרײַ פערטל פון זײַן שפּראַך איבער דער לענג פונעם „קליינעם מענטשעלע“ און ביז זײַן שפּעטסטן ווערק „שלוימע רעב כאַיִמס“ מעוואַטער געווען אויף אַ פּערזענלעך קינסטלערישן סטיל. איך וויל דערמיט זאָגן, אַז אונטער דרײַ פערטל פון מענדעלעס שפּראַך שטייט ניט סוביעקטיווע קינסטלערישקײַט (איך ווייס, אַז עס דערוואַרטן מיך מאַלקעס דערפאַר), נאָר ווירטואָזע באַלמעלאָכישקײַט. עס פעלט אין גרעסטן טייל פון מענדעלעס פּראָזע דער איך־כויסעם“[3].

ס'איז שווער צו פאַרשטיין דעם אַווטאָרס געדאַנקענגאַנג. פריִער ווערט געזאָגט, אַז מענדעלע האָט געשאַפן אַ נוסעך. אָבער, ווערט ווײַטער געזאָגט, ניט פאַר זיך האָט ער געשאַפן אַ נוסעך, דאָס הייסט אַ קינסטלערישן סטיל, נאָר פאַר יענעם, פאַר יעדערן. צי קאָן אָבער זײַן אַ קינסטלער אָן אַ סטיל? און צי קאָן מען מעסטן דעם קינסטלערישן סטיל אויף דרײַ פערטל און אויף איין פערטל? מיר פאַרשטייען די זאַך אַזוי: שלוימע ביקל האַלט, אַז מענדעלע איז ניט קיין קינסטלער.

נאָך ערגער האַלט עס מיט שאָלעם־אַלייכעמען. אויב

---

[1] „קליינער וועקער“, אַ זאַמלונג פון פאַרשיידענע אַרטיקלען און געשיכטע, אַרויסגעגעבן פון אָדעסער גוטעפרײַנט פונעם ייִדישן לאָשן. אָדעס, **1890**, זז. **39—40**;
[2] „וויסנשאַפט און רעוואָליוציע“ נומ. 1. (8), קיִעוו, 1936.

---

[1] שלוימע ביקל. דעטאַלן און סאַכאַקלען. ניו־יאָרק, 1943, ז. 18; [2] דאָרטן, ז. 20; [3] דאָרטן, ז. 21—22.

מענדעלע האָט כאָטש געשאפן א נוסעך פון שפראך פאר יענעם, האָט שאָלעם־אלייכעם אָט דעם נוסעך צעשטערט. ארויסגייענדיק פון דער טעאָריע, אז אין יעסאָד פון שרײַבערישער קונסט ליגט בלויז געשריבענע און ניט גערעדטע שפראך, באהויפטעט שלוימע ביקל מיט דער פולער קאטעגאָרישקײַט, אז שאָלעם־אלייכעמס שאפונג איז ניט קיין געשריבענע, נאָר א גערעדטע, דאָס הייסט עס איז ניט קיין ליטערארישע־קינסטלערישע שאפונג. דער קריטיקער שרײַבט:

„די שאָלעם־אלייכעמישע נאטור־סטיכיע מיט אירע טויזנטער פארפירערישע רייצן האָט אזויארום אין דער היסטאָרישער פערספעקטיווע צום טייל א טעל געמאכט פון מענדעלעס געזונטער און פרוכטבארער קולטור־האָרעוואניע — פון זײַן ייִדיש־נוסעך. פאר אונדזער שפראך־באלעבאטישקײַט וואָלט עפשער דערפאר נאָך איצט געווען נייטיק און פאסיק אוועקשטעלן א וואָרענונג־צייכן: היט אײַך פאר שאָלעם־אלייכעמס לאָשן!"[1].

שלוימע ביקל שאפט אָפּ מיט א גרינגער האנט מענדעלען און שאָלעם־אלייכעמען, קעדיי אָפּרייניקן דעם וועג פאר פערעצן. ניט מענדעלע איז דער ערשטער קלאסיקער, און ניט שאָלעם־אלייכעם איז דער קלאסיקער, וואָס זעצט פאָר מענדעלעס קלאסישן סטיל. דער אָנהייבער, דער פאָטער פון דער נײַער ייִדישער ליטעראטור, איר לערער און וועגווײַזער איז פערעץ, און בלויז ער.

ס'איז נאָר א פראגע, צי דארף פערעץ און די ייִדישע ליטעראטור האָבן קאָרבאָנעס? וואָס איז שײַעך דער פאקטישער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראטור, האָבן אזעלכע איבונגען קיין שום שײַכעס ניט צו איר.

[1] דאָרטן, ז. 21—22.

3. אנטידאָגמאטישער דאָגמאטיזם, אָדער יאנקעוו גלאטשטיין וועגן דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור

אין דער סוביעקטיווער און מאָדערניסטישער קריטיק אין צוואנציקסטן יאָרהונדערט פּרעוואלירט אלס ליטעראריש־קריטישער זשאנער דער עסיי. דאָס איז געוואָרן די פארשפרייטע פאָרם, וואָס גיט דעם קריטיקער די מעגלעכקײַט צו ריידן וועגן אלץ אין דער וועלט, אָבער דעריקער וועגן זיך. דערמיט איז אויך פארבונדן די טענדענץ צו שיינשרײַבערײַ, צו פאראדאָקסאלקײַט, צו קאָקעטירן מיט ספעקוליאטיווע באגריפן און סאָפיסטישע בקירעס, וואָס זאָלן צוציִען צו זיך די אופמערקזאמקײַט פונעם לייענער, פארבלענדן אים מיט אויסערלעכן גלאנץ.

מ. גראָס־צימערמאן שרײַבט: „צומאָל דאכט זיך מיר, עפשער איז דער עסיי דער אאוטענטישער שרײַבערישער דיִאלאָג מיט דעם כאאָס פון דער צײַט: דער עסיי איז קלוימערשט אָפן פון אלע זײַטן, און קאפריזנע צוגווינטן רײַסן און שפּילן זיך מיט זײַן פאָרם. ער איז נישט צוגעבונדן צו קיין פעסטער טראדיציע, און זינט מיר קענען אים, אנטפלעקט ער אלע מאָל קונציקע וועגן צו בלאָנדזשען אף נײַע שעטאָכים: קריטיק, פאָרשונג, פאָלעמיק, פאָרטרעטן, בילדערישע טראכטענישן און ווידעראנאנדן, וואָס כאפן זיך צומאָל אליין באם וואָרט. דאָס אלץ איז לעגיטים. עפשער טאקע איז דער עסיי די אדעקוואטע ליטעראטור־פאָרם פון אונדזער געפּרוווטן דאָר, פארמישפעט צו זיגזאגן אף שארפן פאס צווישן וויזיעס, סקעפטיק און גלויבעבנישן, וואָס פארגינען זיך אליין נישט די וועלט־לוסט פון ייִעש"[1].

אפילע לויט אָט דער קורצער ציטאטע זעט מען, אז דער עסייִסט האלט, קוידעמקאָל, פאר נידעריק צו ריידן, ווי מענטשן ריידן, און מיט אלע קויכעס סטארעט ער זיך אויסשטעלן די ווערטער אזוי, אז זיי זאָלן שאפן אן איליוזיע פון אזוינס־ווי־אזעלכס. „זיגזאגן אף שארפן פאס", „קונציקע וועגן צו בלאָנדזשען אף נײַע שעטאָכים" — אָט דאָס זײַנען די מײַלעס פונעם עסיי. אזוי מיינט גראָס־צימערמאן. דער איקער אָבער איז דאָס, וואָס דער עסיי „איז נישט צוגעבונדן צו קיין פעסטער טראדיציע". דערמיט וויל געזאָגט ווערן, אז דער עסיי איז ניט דאָגמאטיש, ער האלט זיך ניט בא קיין פעסטע קלאָלים, טעאָרעטישע און אידייִשע האנאָכעס. דאָס דארף באטײַטן, אז די סוביעקטיווע עסייִסטישע קריטיק איז אנטידאָגמאטיש.

דאָס אלץ וואָלט געווען גוט, ווען עס זאָל טאקע אזוי זײַן. די מײַסע באשטייט אָבער דערין, וואָס אין אזארט פון קאמף קעגן דאָגמאטיזם ווערט די סוביעקטיווע קריטיק אליין דאָגמאטיש. ווײַל וואָס איז אזוינס פּרינציפּיעלער סוביעקטיוויזם, אויב ניט קיין אנטידאָגמאטישער דאָגמאטיזם, דאָס הייסט דאָגמאטיזם אף פארקערט, דאָגמאטיזם אפצולאָכעס. און דאָס זעט מען באזונדערס בוילעט דאן, ווען די סוביעקטיווע קריטיק נעמט זיך ריידן וועגן דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור.

דער זעלבער יאנקעוו גלאטשטיין ווײַזט ארויס אינטערעס צו דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור, און אָפט טרעט ער ארויס מיט די אָדער יענע אָפּשאצונגען פון שרײַבער, ווערק און פארשיידענע ליטערארישע פּראָבלעמען. און יעדער מאָל מוז ער אומבאדינגט אויסגעפינען עפּעס א מום באם שרײַבער, אינעם ווערק, וואָס ער באטראכט. ער קאָן זיך פּאָשעט ניט באפרײַען פון אן אײַנגעוויניקסטן אנטיפּאטישן געפיל, וויבאלד נאָר עס גייט אוועק א שמועס וועגן סאָוועטישער ליטעראטור. עפשער דערפאר, ווײַל ער האָט צו טאָן מיט שוואכע ווערק אָדער מיט צווייטראנגיקע שרײַבער? דאפקע ניין. גלאטשטיין שרײַבט וועגן גרויסע קינסטלער.

אָט, לעמאָשל, רעדט ער וועגן דאָוויד בערגעלסאָן. בערגעלסאָנס א בוך דערציילונגען רופן באם עסייִסט ארויס אינטערעס דערפאר, ווײַל „זיי ווײַזן אונדז א מידן מײַסטער בא דער ארבעט". דאָ פאלט ארײַן אונדזער קריטיקער אפילע אין א מעלאנכאָליש־מינאָרישער אינטאָנאציע, קעדיי אײַנשמועסן דעם לייענער, אז בערגעלסאָן איז טאקע אמאָל געווען א גרויסער שרײַבער, נאָר שפּעטער איז ער שוין ניט פייִק געווען צו גרויסע קינסטלערישע אופטוען. „די מידקײַט איז אָפט אזא פּאטעטישע, — שרײַבט גלאטשטיין, — אז אויב מע געדענקט דעם אמאָליקן בערגעלסאָן און אויב מע האָט געהאט צו אים א באציִונג, וויל מען דאפקע אויסשלאָגן א ביסל מידאס־האָראכמים, בייס מע לייענט די קורצע און לענגערע דערציילונגען פון נײַעם בוך"[2].

„בערגעלסאָן, — זעצט פאָר גלאטשטיין, — שרײַבט דירעקט פאר זײַן איבערזעצער, וואָס דארף אים פאָר־

[1] מ. גראָס־צימערמאן. די אווידע. זאמלונג „שלוימע ביקל", יוויל־בוך, ניו־יאָרק, 1967; [2] דאָרטן.

שטעלן פאַרן ברייטן אוילעם אין סאָוועטן־רוסלאַנד. ער שרײַבט פאַרן גרעסערן טיראַזש, און ער בויט זײַנע טעמעס און זײַנע העלדן אַזוי, אַז זיי זאָלן זיך לײַכטער אונטערשלינגען. ער טעסעט זיי גוט אַרום, איידער ער שטעלט זיי פאַר פאַרן ברייטן רוסישן אוילעם.

אין די „נײַע דערציילונגען" איז שוין קימאַט נישטאָ קיין שפּור פון בערגעלסאָנען דעם טיף יידישן שרײַבער; און דאָ, וווּ ער איז קלוימערשט יאָ טיף יידיש, דאַרף מען אים ערשט דעמלט קוקן אויף די פינגער, ווײַל ער טוט עפּעס, ווײַל ער פירט באַוווּסטזיניק אַדורך אַן אידיי, וואָס זוכט זיך אַליין לײַכטער צו מאַכן דאָס געוויסן"[1].

אָט די טיראַדע איז מאַמעש צו באַוווּנדערן. דער לעכערלעכער פאָרוואָרף, אַז בערגעלסאָן האָט געשריבן קלוימערשט „פאַרן גרעסערן טיראַזש", זעצט אַראָפּ דעם קריטיקער גלאַטשטיין אויף אַזאַ ניוואָ, אַז ס'איז אַ פאַרדראָס און אַ ביזאָיען אַפילע צו ריידן וועגן דעם.

צי זאָל דאָס באַטײַטן אַנטידאָגמאַטישע קריטיק? צי איז דאָס ניט דער ערגערער מין דאָגמאַטיזם?

דער ניוואָ פון יאַנקעוו גלאַטשטיינס סוביעקטיווער קריטיק איז צו זען נאָך מער בוילעט, ווען מע לייענט זײַן אַרטיקל וועגן פּערעץ מאַרקישעס 70־טן געבורטסטאָג.

„פּערעץ מאַרקיש איז געווען דער פּראָדוקטיווסטער יידישער שרײַבער אויף דער גאַנצער וועלט", — שרײַבט יאַנקעוו גלאַטשטיין. און ער זעצט פאָר: „פאַראַן קינסטלער, וואָס האָבן ליב די בײַטש פון באַשטעלונג. די דאָזיקע בײַטש צווינגט זיי צו ווערן פּראָדוקטיוו, ווײַל באַשטעלונג מיינט אויך צושטעל צו אַ באַשטימטער צײַט".

אָט אַזוי ווערט דערקלערט מאַרקישעס שעפערישע פּראָדוקטיווקײַט. זי איז ניט קיין אייגנשאַפט פון זײַן גרויסן טאַלאַנט, נאָר אַ פּאָשעט געשעפט: מע האָט באַם שרײַבער אַ סאַך באַשטעלט, האָט ער געמוזט אַ סאַך ווערק צושטעלן, און טאַקע צו דער צײַט, דערפאַר האָט ער געשריבן פיל ראָמאַנען, לידער, עפּישע פּאָעמעס, באַלאַדעס, דראַמעס, קריטישע אָפּהאַנדלונגען, פּובליציסטישע אַרטיקלען.

דער עסייִסט גלאַטשטיין שטעלט קעגן דעם דיכטער מאַרקיש, וועלכער שרײַבט לויט באַשטעלונגען, עמעסע דיכטער: „מיינסטע קינסטלער זײַנען בעטעווע פוילענצער, זיי פלירטעווען מיט דער מוזע און מיט זייער אינספּיראַציע, זיי ציִען אויס די האַנאָע פון אויסטראָגן אַ ווערק, ווײַל אינערלעך האָבן זיי פּאָשעט מוירע אָנצוקוקן דאָס פאַרטיקע באַשעפעניש".

לאָזן מיר אין אַ זײַט די באַנאַלע רייד וועגן קינסטלער פוילענצער, וואָס פלירטעווען מיט דער מוזע, וואָס ציִען אויס די האַנאָע פון אויסטראָגן אַ ווערק. מיר וועלן בלויז אויפמערקזאַם מאַכן גלאַטשטיינען, אַז ווייניק שרײַבן הייסט נאָך ניט שרײַבן גוט, און, פאַרקערט, שרײַבן אַ סאַך באַטײַט ניט שרײַבן שלעכט. די געשיכטע פון דער ליטעראַטור באַווײַזט, אַז געניִאַלע שעפער האָבן געשריבן ניט ווייניק. האָבן דען באַלזאַק, טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי, פּושקין, בײַראָן, היינע, גאָרקי און בא אונדז, יידן, — שאָלעם־אַלייכעם, פּערעץ, אַש, בערגעלסאָן, אָפּאַטאָשו, לייוויק, — געשריבן ווייניק? סאָפקאָלסאָף שרײַבט גלאַטשטיין גופע שוין גאָר ניט אַזוי ווייניק און גאָר ניט אַזוי פרײַ פון באַשטעלונג. איז עפּשער וועט ער דאָס, וואָס ער שרײַבט וועגן מאַרקישן, אָנווענדן בעסער צו זיך?

„פּערעץ מאַרקיש, — שרײַבט ווײַטער גלאַטשטיין, — האָט אין סאָוועט־רוסלאַנד געקראָגן די שענסטע באַשטעלונגען, וואָס אַ פּאָעט קאָן זיך ווינטשן, אויב דער פּאָעט האָט נישט קיין מוירע פאַר דער סאַקאָנע, וואָס אַזעלכע באַשטעלונגען ברענגען מיט זיך. מאַרקישעס באַשטעלערן איז געווען די רעגירונג, זי איז געווען זײַן אָפּנעמערן, זײַן באַצאָלערן, זײַן פאַרשפּרייטערן, און זי האָט אים געמאַכט אַ גרויסן נאָמען".

אין די דאָזיקע ווערטער זעט מען מאַמעש, ווי דער באַלעבעסלדיקער פיליסטער פאַרכלינעט זיך אַזש, ווען ער רעדט וועגן דער „באַצאָלערן", וועגן דער „פאַרשפּרייטערן". יאַנקעוו גלאַטשטיין, ניט זײַענדיק אימשטאַנד צו באַנעמען דעם טאָך און די ראָליע פון דער קונסט אין דעם לאַנד פון דער רעוואָליוציע, רעדט וועגן דעם דיכטער מאַרקיש ניט ווי וועגן אַ קינסטלער, וואָס האָט מיט זײַן שאַפונג געדינט דעם פאָלק, נאָר ווי וועגן אַ ביזנעסמען, וועלכער האָט געמאַכט אַ גוטן דזשאָב, וואָס ווערט גוט באַצאָלט.

יאַנקעוו גלאַטשטיין נעמט אויף זיך די ראָליע פון אַן עקספּערט, און ריידנדיק וועגן דעם, וויִאַזוי „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט אָפּגעמערקט מאַרקישעס 70־טן געבורטסטאָג, מאַכט ער אַ שפּאָגל־נײַע אַנטדעקונג. אויב „סאָוועטיש היימלאַנד" פּובליקירט מאַרקישעס ניטפאַרעפנטלעכטע פּאָעמע „דער פערציקיאָריקער מאַן", איז עס מיסטאַמע ניט קיין פּאָשעטע זאַך. „ס'איז אַ וווּנדער, — שרײַבט טיפזיניק דער עסייִסט, — וואָס די פּאָעמע האָט מאַרקיש באַהאַלטן און קיינמאָל ניט פאַרענדיקט און פאַרעפנטלעכט. ס'זײַנען אין איר פאַראַן שורעס, וואָס אַנטהאַלטן עפּשער דעם סאָד, פאַרוואָס מאַרקיש האָט געסאָפּעקט, צי מעג ער די דאָזיקע פּאָעמע פאַרעפנטלעכן".

אין דער ווירקלעכקײַט זײַנען דאָ קיין שום סוידעס ניטאָ. מאַרקיש האָט געשריבן די פּאָעמע „דער פערציקיאָריקער מאַן" אין אויסלאַנד, אומגעפער אין דער מיט פון די צוואַנציקער יאָרן. דאָס ווערט פעסטגעשטעלט פון אַ ליד, וואָס איז געווידמעט לענינס טויט, און פון אַנדערע שטעלן אינעם ווערק. די פּאָעמע „פערציקיאָריקער מאַן" איז אַ ליריש־פראַגמענטאַרישע פילאָסאָפישע רעאַקציע פונעם דיכטער אויפן לעבן אין דער קאַפּיטאַליסטישער אייראָפּע אין די יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מילכאָמע. די פּאָעמע איז דורכגעדרונגען מיט סקעפּסיס אין באַצוג צו דער אַלטער וועלט און מיט האָפענונג, אַז דער לירישער העלד, דאָס הייסט דער דיכטער, וועט זיך באַהעפטן מיטן לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד. מאַרקיש האָט, נאַטירלעך, געקענט פאַרעפנטלעכן די פּאָעמע אין אויסלאַנד. ער האָט דאָס ניט געטאָן, ווײַזט אויס, איבער דעם, וואָס דאָס ווערק איז געבליבן ניט פאַרענדיקט, פּונקט ווי עס איז געווען מיט דער פּאָעמע „ירושע", וועלכע איז, אַפּאָנעם, געשריבן אין די דרײַסיקער יאָרן און איז אויך ניט פאַרענדיקט און דעריבער ניט געדרוקט באַם לעבן פונעם דיכטער. די געדאַכטע סוידעס אין גלאַטשטיינס אַרטיקל זײַנען אַ פּראָדוקט פון זײַן פאַנטאַזיע.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אָט די פּאָלעמישע נאָטיצן האָבן אַ שײַכעס בלויז צו יאַנקעוו גלאַטשטיינס עסייִסטיק און ניט צו זײַן דיכטונג, וועלכע פאָדערט אַ באַזונדערע אויספאָרשונג.

---

[1] דאָרטן, ז. 166.

שאָלעם אַשס פּאָפּולערקייַט

ס׳איז נאָך ווייניק געשריבן געוואָרן וועגן דער פּאָפּולערקייַט פון שאָלעם אַשן אַלס ראָמאַניסט און דראַמאַטורג אינעם ערשטן צענדליק פון אונדזער יאָרהונדערט. בלעטערנדיק אַלטע רוסישע און אוקראַיִנישע אויסגאַבעס, לייענענדיק די זיכרוינעס פון די דעמאָלטיקע קאָריפייען פון דער רוסישער און אוקראַיִנישער בינע, געפינען מיר פיל מאַטעריאַלן וועגן שאָלעם אַשן דעם שרייַבער און מענטשן. עס וועט זייַן ניט קיין גוזמע, אויב מיר וועלן באַהויפּטן, אַז שאָלעם אַש איז אין יענער צייַט געווען בא אונדז איינער פון די פּאָפּולערע שרייַבער. די פּיעסן פון שאָלעם אַשן זייַנען געשטעלט געוואָרן אַף דער רוסישער און אוקראַיִנישער בינע, זייַנע ווערק האָט מען איבערזעצט אין רוסיש און אוקראַיִניש, מע האָט זיי געדרוקט אין פּעטערבורג און מאָסקווע, אין לוואָוו און יעקאַטערינאָסלאַוו, אין קיִעוו און אין סטרי. אין מאַקסים גאָרקיס אַלמאַנאַך „זנאַניע“ געפינען מיר שאָלעם אַשס פּיעסן: „גאָט פון נעקאָמע“, „מיטן שטראָם“, „ווינטער“ — טאַקע בישכיינעס מיט גאָרקיס קלאַסישע ווערק „די מוטער“, „דאָס שטעטל אָקוראָוו“ אאַ. דער אוקראַיִנישער זשורנאַל „סוויט“ פּובליקירט אין 1906 שאָלעם אַשס דערציילונג „א שטומע“. א צווייטער אוקראַיִנישער זשורנאַל „ליטעראַטורני נאַוקאָווי וויסטניק“ (דערשינען אונטער איוואַן פראַנקאָס רעדאַקציע) פאַרעפנטלעכט די דראַמע „גאָט פון נעקאָמע“. אינעם אַלמאַנאַך „טערנאָווי ווינאָק“ איז אינעם זעלבן יאָר אָפּגעדרוקט געוואָרן די אוקראַיִנישע איבערזעצונג פון שאָלעם אַשס „ערד“, מיט עטלעכע יאָר שפּעטער זייַנען דערשינען אין אוקראַיִניש אין באַזונדערע אויסגאַבעס „גאָט פון נעקאָמע“ און אַנדערע ווערק פון שאָלעם אַשן.

אינעם זאַמלבוך צום אָנדענק פון דער באַרימטער רוסישער אַקטריסע וו. פּ. קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ (1931) ווערט דערציילט וועגן דעם טעאַטער־סעזאָן פון 1906. דער רעפּערטואַר איז אין אָט דעם יאָר געווען א פאַרשיידנאַרטיקער. עס זייַנען געשטעלט געוואָרן איבסענס „ראָסמערסהאָלם“, שניצלערס „דאָס לעבנס־געשריי“, אָסטראָווסקיס „א יאָמטעוודיקער כאָלעם פאַר מיטיק“ און אַשס „מאָשיִעכס צייַטן“.

די דראַמע „גאָט פון נעקאָמע“ איז צום ערשטן מאָל אופגעפירט געוואָרן אַף דער רוסישער בינע אין פּעטערבורג אין אַפּרעל 1907. געשפּילט האָט מען זי אינעם „סאָווערעמעני טעאַטער“, בעראָש פון וועלכן עס איז געשטאַנען דער אַרטיסט און דראַמאַטורג ניקאָלייַ כאָדאָטאָוו. צווישן די אויספּילער פון די הויפּט־ראָלן זייַנען געווען אַזעלכע באַרימטע אַרטיסטן, ווי אוראַלאָוו, כאַדאַטאָוו, כאָלמסקאַיאַ אאַ. נאָך ביז דער ערשטער פאָרשטעלונג האָט די פּעטערבורגער פּרעסע ברייט אינפאָרמירט די טעאַטראַלע געזעלשאַפטלעכקייַט וועגן דער קומענדיקער פּרעמיערע. שפּעטער האָט זי מיט וואַרעמקייַט געשריבן סייַ וועגן דער פּיעסע, סייַ וועגן דער שפּיל פון די אַרטיסטן. די פּעטערבורגער קאָרעספּאָנדענטן פון פאַרשיידענע פּראָווינציִעלע צייַטונגען האָבן מיטגעטיילט זייערע לייענער וועגן דעם דערפאָלג פון דער שטעלונג. דער קאָרעספּאָנדענט פון „אָדעסקיִע נאָוואָסטי“, לעמאָשל, שרייַבט דעם 30 מייַ אין זייַן קאָרעספּאָנדענץ „גאָט פון נעקאָמע“ — א דראַמע פון שאָלעם אַש“: דאָס איז אַן אויסגעצייכנט, שטאַרק און לויכטנדיק סצעניש ווערק, וואָס מאַכט א טיפן אייַנדרוק אפן צושויער.

דער זייער פּאָפּולערער אין יענער צייַט רוסישער טעאַטער־קריטיקער „האַמאַ נאַוווס“ (א. ר. קוגעל) האָט געשריבן וועגן „גאָט פון נעקאָמע“ („רוס“, 5 אַפּרעל 1907): „אַש איז א שרייַבער מיט א גרויסן טאַלאַנט — וועגן דעם קאָן ניט זייַן קיין כלוקעדייעס“.

דער טעאַטער־קריטיקער פון דער גרויסער פּעטערבורגער צייַטונג „רעטש“ וולאַדימיר אַזאָוו האָט צווישן אַנדערס געשריבן: „דער יונגער שרייַבער, וואָס איז מיט אַלע זייַנע וואָרצלען אַרייַנגעוואַקסן אינעם יִדישן שטייגער, געהערט צו אַלע ליטעראַטורן...“

מיט דער זעלבער וואַרעמקייַט האָט זיך אָפּגערופן וועגן אַשן די פּעטערבורגער צייַטונג „ראָסיִאַ“.

זייער אינטערעסאַנט זייַנען כאַדאָטאָווס זיכרוינעס, ווו שאָלעם אַש ווערט געשילדערט אַלס גרויסער קינסטלער און מענטש.

מיר ברענגען דאָ אַן אויסצוג פון די זיכרוינעס.

„פרילינג האָבן מיר זיך איבערגעקליבן אין פּאַנאַיעווס טעאַטער. אונדזער רעפּערטואַר... האָט ווידעראַמאָל אַרויסגערופן אומרו בא די קאַזיאָנע טעאַטערן. מיר האָבן אופגעפירט אַזעלכע פּיעסן, ווי אַשס „גאָט פון נעקאָמע“, דימאָווס „שמאַ יִסראָעל“, גאָרקיס „באַרבאַרן“, קופּרינס „דער קאָמעדיאַנט“, פּאַלייעווס „דרייַ פּרויען“. „גאָט פון נעקאָמע“ האָט געהאַט א גרויסן דערפאָלג מיט דעם, וואָס זי האָט אופגעדעקט די צוויִעס פון די פרומאַקעס, וועלכע נעמען זיך גאָט צו הילף אין זייערע שמוציקע געשעפטן.

אַרבעטנדיק איבער דער פּיעסע „גאָט פון נעקאָמע“, האָב איך זיך נעענטער באַקאַנט מיטן אַווטאָר... איינע פון זייַנע פּיעסן, „דער יִכעס“, האָט מען געלייענט בא מיר אין שטוב — איך געדענק שוין ניט איר אינהאַלט, נאָר איך געדענק, אַז זי האָט אַרויסגערופן לייַדנשאַפטלעכע שטרייַטן און אַפילע א ליטעראַרישן סקאַנדאַל, וואָס איז איבערגעטראָגן געוואָרן אַף די צייַטונגס־שפּאַלטן. איך געדענק, ווי אַש האָט זיך צעהיצט, די קאָלירן פון זייַן פּאָנעם האָבן זיך אָפּט קאָנוווּלסיוו געביטן, ער האָט אַלעמאָל זיך אופגעהויבן פונעם אָרט און אָנגעהויבן שפּרייַזן איבערן צימער. קיין מער עקספּאַנסיוון מענטשן, ווי אַש, האָב איך אין מייַן לעבן ניט געטראָפן. אַז אַש פלעגט קומען קיין פּעטערבורג, פלעגט ער ווינען אַמאָל בא מיר, אַמאָל בא דימאָוון, וועלכער האָט גלענצנדיק איבערזעצט זייַן פּיעסע „גאָט פון נעקאָמע“, אויך בא בורדעסן, וועלכער האָט איבערזעצט זייַן באַוווּסט „שטעטל“. שאָלעם אַש האָט זייער שוואַך געקענט רוסיש. גערעדט האָט ער מיט מיר יִדיש מיט א צומיש פון דייַטשישע ווערטער, נאָר מיר האָבן גיך און גוט פאַר־

שטאַנען איינער דעם צווייטן. באַזונדערס בוילעט האָבן זיך מיר פאַרגעדענקט צוויי פאַלן.

איינמאָל האָבן מיר פריילעך פאַרבראַכט בא מיר אין שטוב א נאַכט און אַפּצומאָרגנס, זונטיק, האָב איך געדאַרפט שפּילן אינעם פרימאָרגנדיקן ספּעקטאַקל פון אָסטראָווסקיס „אָרעמקייט איז ניט קיין שאַנד”. אַש האָט געזאָגט, אַז ער מוז אומבאַדינגט זען דעם ספּעקטאַקל... „איך מוז זען אָסטראָווסקין, — האָט ער געטענהט, — איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזען אָסטראָווסקין, איך קאָן נישט ניט זען אָסטראָווסקין און אויך די רוסישע אַקטיאָרן”.

און אָט זיינען מיר אַוועק — א קליינע קאָמפּאַניע — אין אַלעקסאַנדרינקע־טעאַטער. קיין ערטער זיינען שוין ניט געווען, האָב איך איינגעאָרדנט מיינע פריינט אינעם אָרקעסטער. אין איינעם פון די אַנטראַקטן לויפט אַריין אַש אין מיין גאַרדעראָב־צימער. א שיינענדיקער, מיט א פריידיקן אויסגעשריי: וווּנדערבאַר! אויסגעצייכנט! פּראַכטפול! ער כאַפּט מיך אַרום, פון זיינע אויגן גיסן זיך טרערן פון אַנציקונג און באַגייסטערונג: „איך וויל זען דאַווידאָוו און די אַלטיטשקע! אָ, אָסטראָווסקי, גרויסע נעשאָמע! עמעסער מענטש! גרויסער מענטש! און די קינדערלעך! טויזנט קינדער!” און ער טאַקע אַליין, ווי א קינד, האָט געפּאַטשט מיט די הענט און ווידער אויסגעשריִען: „ווונדערשיין!” און געוואָרפן זיך אַלעמען אַרומנעמען און האַלדזן.

א צווייטער פאַל, וואָס האָט נאָך בוילעטער אַנטדעקט אַשס אומיטלבאַרקייט. ס׳האָט זיך געענדיקט דער ספּעקטאַקל „פאַרברעכן און שטראָף”. אין מיין גאַרדעראָב־צימער קומט אַריין אַש אומעטיק, דערשלאָגן און שווייגנדיק. פּלוצלינג האָט ער זיך א וואָרף געטאָן אויף מיר, אָנגעהויבן מיך טרייסלען און שלאָגן מיט די פויסטן: „ניקאָליי! דאָסטאָיעווסקי איז געניִאַל! שרעקלעך גרויס! און דו ביסט אויך א טייוול!” ער האָט זיך א שליידער געטאָן אויף דער קאַנאַפּע מיטן פּאָנעם אַראָפּ און זיך צעיאָמערט ווי א קינד. איך האָב אים געמוזט באַרויִקן” (נ. נ. כאָדאָטאָוו, „בליזקאָיע — דאַליאָקאָיע”, מאָסקווע — לענינגראַד, 1962, ז. 209—211).

כאַצקל נאַדעל

וועגן דעם קינסטלער יעהודע פּען

וויטעבסק, ווו יעהודע פּען האָט געלעבט און געשאַפן, איז נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע געוואָרן א צענטער פון פאַרצווייגטער קולטור. צווישן די מאָלער זיינען דאָ געווען טעטיק, אויסער י. פּען, אַזעלכע מייסטערס, ווי ר. פאַלק, ק. מאַלעוויטש, מ. דאָבוזשינסקי, י. טילבערג, באַזונדערס דער גרויסער מאַרק שאַגאַל, וועלכער האָט נאָכדעם מיט דאַנקבאַרקייט געשריבן וועגן זיין לערער יעהודע פּען.

קימאַט אָנדערהאַלבן טויזנט קונסטווערק האָט געשאַפן יעהודע פּען. צווישן זיינע בילדער פאַרנעמען דאָס הויפּט־אָרט פּאָרטרעטן, שטייגער־בילדער און שטאָט־פּייזאַזשן.

יעהודע פּען איז געבוירן געוואָרן אין 1854 אינעם שטעטעלע נאָווי־אַלעקסאַנדראָווסק, ניט ווייט פון דווינסק. צו פיר יאָר איז ער געוואָרן א יאָסעם. אין זיינע „זיכרוינעס פון א קינסטלער” (זשורנאַל „שטערן”, 1926, מינסק) שרייבט י. פּען: „מיין ערשטע צייכענונג איז געשאַפן געוואָרן דורך אַזאַ צופאַל. איך בין געווען אין קאַס אויף דעם רעבנס טאָכטער, האָב איך זי אויסגעמאָלט, ווי זי טראָגט וואַסער אין עמער מיט א קאָראָמיסלע. איך האָב עס געוויזן אַלע יינגלעך און זיי אַלעמען איז עס געפעלן געוואָרן”.

פון דעמלט אָן האָט פּען געצייכנט בא יעדער געלעגנהייט. ווען עס האָט געפעלט פּאַפּיר, איז געווען גענוג א שטעקעלע און דער זאַמד אָדער דער שניי אין גאַס. ער האָט געמאָלט מיט קוילן אויף די ווענט. פאַר די געמאָלטע „געטשקעס”, ווי דער רעבע פלעגט עס אָנרופן, פלעגט ער אָפּט כאַפּן א מיִעסן פּסאַק. ס׳האָט אָבער ניט געהאָלפן — מאָלן איז געוואָרן זיין ליידנשאַפט.

אין 1879 איז פּען געקומען קיין פּעטערבורג, געוואָלט אַריינטרעטן אין דער קונסט־אַקאַדעמיע. דעם עקזאַמען אויף צייכענען האָט ער אויסגעהאַלטן גלענצנדיק, ער איז אָבער דורכגעפאַלן אויפן עקזאַמען פון רוסיש. ערשט אין דריי יאָר אַרום, אין 1882, איז ער אָנגענומען געוואָרן אין דער קונסט־אַקאַדעמיע.

זיינע סטודענטישע יאָרן האָט פּען דורכגעלעבט אין הונגער און נויט, ווייל אַלס ייִד האָט ער קיין סטיפּענדיע ניט באַקומען. נאָר די שווערע מאַטעריעלע לאַגע האָט אים ניט געבראָכן, ער איז געווען גליקלעך, וואָס זיין טרוים ווערט פאַרווירקלעכט: א קליינִיקייט, לערנען זיך בא אַזעלכע קינסטלער, ווי טשיסטיאַקאָוו און לאַווערעצקי, כאַווערן זיך מיט אַזעלכע סטודענטן, ווי די שפּעטער באַרימט געוואָרענע קינסטלער סעראָוו, ווּרובעל אאַ.

געענדיקט אין 1886 די אַקאַדעמיע, האָט פּען געאַרבעט צוערשט אין דווינסק, דערנאָך אין ריגע. אין 1892 איז ער אַריבערגעפאָרן קיין וויטעבסק, ווו ער איז פאַרבליבן ביזן סאָף פון זיין לעבן.

אין וויטעבסק האָט י. פּען געגרינדעט א מאָלעריי־שול, וואָס איז געווען די ערשטע קונסט־סטודיע אין ווייסרוסלאַנד. ניט אומזיסט האָט פּען דער ערשטער אין דער רעפּובליק באַקומען אין 1927 דעם ערן־טיטל „פאַרדינסטפולער פאָלקס־קינסטלער פון ווססר”.

יעהודע פּען האָט פאַרמאָגט מערקווירדיקע פּעדאַגאָגישע אייגנשאַפטן. דער גרויסער קינסטלער מאַרק שאַגאַל שרייבט וועגן אים: „ער לעבט אין מיין זיקאָרן, ווי א טאַטע, און איך קאָן נישט ניט בעטן אייך: פאַרגעדענקט זיין נאָמען!” פון פּענס שול זיינען אַרויס טאַלאַנטפולע קינסטלער, צווישן זיינע טאַלמידים זיינען, אויסער שאַגאַלן, געווען ש. יודאָווין, א. בראַזער, א. צאַדקין, א. מעשטשאַנינאָוו, ל. שולמאַן, א. פּעפּערמאַן, ל. לייטמאַן אאַ. א טאַלמיד פון י. פּען איז דער באַוווּסטער סאָוועטישער סקולפּטאָר ז. אַזגור.

בייס מיינע שמועסן מיט פּענען, האָט ער מיר באַוויזן פיל בריוו פון זיינע געוועזענע שילער. באַזונדערס פלעגט ער שטאָלצירן מיט די בריוו פון מ. שאַגאַל.

די קונסט־סטודיע, וועלכע ער האָט געגרינדעט, האָט בא אים אָפּגענומען אָן א שיר צייט, דאָס האָט אים אָבער לאַכלוטן ניט אָפּגעריסן פון זיין שעפערישער טעטיקייט. יעהודע פּען איז געווען א גרויסער האָרעפּאַשניק, ביז דער לעצטער מינוט פון זיין לעבן האָט ער ניט אַרויסגעלאָזט דאָס פּענדזל פון די הענט.

וויטעבסק מיט זיינע מיטלאַלטערלעכע שמאָלע גאַסן און געסעלעך, טאָלן און בערגלעך, מיטן טייך דווי־

נא און פיל קליינע טײַכלעך און אָזערעס, וואָס רינגלען ארום די שטאָט פון אלע זײַטן, די פּרעכטיקע וויטעבסקער לאנדשאפט איז געוואָרן אן אָרגאנישער טייל פון פּענס שאפונג. קימאט פופציק יאָר האָט פּען אָפּגעלעבט אין וויטעבסק, און ווער עס האָט באזוכט די אויסשטעלונגען פון זײַנע ווערק, וועט קיינמאָל ניט פארגעסן די פּייזאזשן „וויטעבסק“, „א גאס אין וויטעבסק“, „די אלטע שטאָט“, „וויטבע“, „די דווינע“, „דער בעסוילעם“, „די פאָרשטאָט“, „די בריק איבערן טײַך“, „מע באָדט זיך אין דער וויטבע“ און פיל־פיל אנדערע.

די לעצטע אכט יאָר פונעם פאָריקן יאָרהונדערט (פון 1892 ביז 1900) האָט ניט ווײַט פון וויטעבסק (אין דאָרף זדראווניאָווע, באם ברעג פון דער מײַרעוו־דווינע) געווינט דער געניאַלער רוסישער מאָלער אי. רעפּין. פּען און רעפּין פלעגן אָפט קומען איינער צום אנדערן צוגאסט. דאָס האָט טאקע רעפּין געייצעט פּענען, ער זאָל מאָלן די שיינע נאטור פון וויטעבסק און איר אומגעגנט. ווי געזאָגט אָבער, פארנעמט דעם אויבנאָן אין פּענס שאפונג דער מענטש. פּען איז געווען א גרויסער מײַסטער פון פּאָרטרעט. דעם מענטשן מאָלט ער מיט אלע אינדיווידועלע כאראקטער־שטריכן. אפילע אין די פילפערזאָניקע קאָמפּאָזיציעס איז יעדע פיגור א פארענדיקטער כאראקטער.

י. פּען איז זײַן גאנץ לעבן געווען טרײַ דעם קינסטלערישן מעטאָד פון די „פּערעדוויזשניקעס“ — דעם קריטישן רעאליזם: קיין שום באפוצונג פון דערווירקלעכקײַט, קיין שום פאלשקײַט. אלע זײַנע בילדער זײַנען דורכגעדרונגען מיט פאָלקסטימלעכקײַט, זיי זײַנען אן עכטער קוואל פון פאָלקס־טיפּן. פיל פון זײַנע בילדער זײַנען געבויט אף טעמעס פונעם יידישן לעבן („דער געט“, „דער שאדכן“, „דער לעצטער שאמעס“, „דער אלטער ראָוו“, „א שארפער איניען“, „דער ניקאָלײַעווער סאָלדאט“, „נאָך דער סודע“ אא.). פּרעכטיק זײַנען פּענס פּאָרטרעטן פון באלמעלאָכעס: „דער זייגערמאכער“, „דער גלעזער“, „דער פויער“, „דער באלעגאָלע“, „דער מוליער“, „די נייטערן“...

אָט איז דאָס באוווּסטע שטייגער־בילד „דער געט“. די פרוי, וועלכע דער מאן האָט אהער געבראכט, קעדיי געטן זי, זיצט מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ און פארבראָכענע הענט. דער מאן דערציילט די ראבאָנים, פארוואָס ער מוז זיך געטן. זײַן האלטונג, זײַנע צעשפּרייטע הענט ריידן וועגן זײַן טיפן וויטעק. הא־גאם אפן בילד פיגורירן זיבן מענטשן, איז עס קאָמפּאָזיציאָנעל געבויט זייער שפּאָרזאם און מאכט אפן צושויער א רוישעם.

סאָציאַל פארשארפט איז דאָס בילד „נאָכן שטרײַק. 1905“. אן אָרעם צימער. אפן וואנט הענגט א פּאָרטרעט פון קארל מארקס. דער זון, א באַיעוויק מיט א פארבאנדאזשירטן קאָפּ, ליגט אין בעט. אפן טיש — א רעצעפּט, נאָר עס פילט זיך, אז די מענטשן האָבן קיין געלט ניט צו קויפן די רעפוע. די מאמע טראָגט פארקויפן אָדער פארזען די שאבעסדיקע לײַכטער, דער טאטע זיצט באם טיש א פארזאָרגטער.

פיל פון פּענס בילדער ביז דער רעוואָליוציע שילדערן דעם אָוואר פון זײַן פאָלק. זיי דערציילן דעם פּײַנפולן עמעס פון א שווין אונטערגעגאנגענער וועלט, וועלכע מיר טאָרן אָבער ניט פארגעסן.

יעהודע פּען איז געשטאָרבן אין 1937 אין עלטער פון 83 יאָר. דער קינסטלער האָט אוועקגעשענקט דער מעלוכע אלע זײַנע בילדער. זײַן געוועזענע דירע איז געוואָרן א מעמאָריאַלער קונסט־מוזיי. ווען עס איז אויסגעבראָכן די גרויסע פּאַטערלענדישע מילכאָמע און דער סוינע האָט זיך דערנעענטערט צו דער שטאָט, זײַנען פּענס בילדער, אדאנק דער מעסירעסנעפעש פון דער פארוואלטערן פון מוזיי ליובע עסטרין, אָפּגעראטעוועט געוואָרן. מע האָט זיי עוואקויִרט קיין סאראטאָוו. נאָך דער מילכאָמע האָט מען פּענס קונסטווערק געבראכט צוריק קיין ווײַסרוסלאנד. אין וויטעבסקער מוזיי איז איצט עקספּאָנירט בלויז א טייל פון פּענס בילדער. איי ניקע געפינען זיך אין דער מינסקער בילדער־גאלעריי.

מייער ברוקאזש

אינטערעסאנטע סטאטיסטיק

אין אונדזער צײַט איז איבעריק צו דערווײַזן, אז קעדיי די וויסנשאפט זאָל האָבן די פולע מעגלעכקײַט צו אנטוויקלען זיך אלזײַטיק און מיט שנעלע טעמפּן, מוז זי קוידעמקאָל זײַן לאכלוטן פרײַ פון יעטווידע סאָציאלע, נאציאָנאלע און אנדערע באגרענעצונגען, דאָס האָט איבערצײַגנדיק דערוויזן דאָס לעבן אליין, וואָס האָט אין די סאָציאַליסטישע לענדער געשאפן אזעלכע באדינגונגען.

אין א קורצן זשורנאל־ארטיקל קלײַבן מיר זיך ניט געבן א גענויע אָפּהאנדלונג וועגן דער דאָזיקער פראגע. מיר וועלן בלויז באלײַכטן איי ניקע פאקטן, וואָס דרינגען ארויס פונעם אָנטייל פון יידן אין דער אנטוויקלונג פון דער וויסנשאפט בא אונדז אין לאנד ביז דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע און אין די סאָוועטישע יאָרן.

די רוסלענדישע וויסנשאפט־אקאדעמיע איז געגרינדעט געוואָרן דעם 28 יאנוואר 1724 — אין לעצטן יאָר פונעם לעבן פון דעם צאר פּיאָטער I אין די רעגלאמענטן וועגן דער אקאדעמיע, וועלכע עס האָט פארעפנטלעכט פּיאָטער I, איז ניט געווען קיין שום רעמעז אף באגרענעצונגען פאר יידן. אזעלכע באגרענעצונגען זײַנען אײַנגעפירט געוואָרן ערשט לויטן אוקאז פונעם רוסלענדישן סענאט דעם 16 אווגוסט 1828.

און דאָך, ניט געקוקט אף די געשאפענע שוועריקײַטן, זײַנען אין די פארשיידענע פּעריאָדן פון דער עקזיסטענץ פון דער רוסלענדישער וויסנשאפט־אקאדעמיע ביז דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע געווען צווישן אירע מיטגלידער פינף געלערנטע פון יידישער אָפּשטאמונג: אנטאָני סאנשעס (1699—1783) — דאָקטאָר פון מעדיצין, מאָריץ יאקאָבי (1801—1874) — עלעקטראָמעכאניקער און פיזיקער, דאניעל כוואָלסאָן (1819—1911) — מיזרעך־קענער, אָרעסט כוואָלסאָן (1852—1934) — א זון פון דאניעל כוואָלסאָן, פיזיקער, וולאדימיר פּערעטץ (1870—1935) — אָרדינארער אקאדעמיקער לויטן אָפּטייל פון רוסישער שפּראך און ליטעראטור. אויך דער גרויסער באקטעריאָלאָג, אקאדעמיקער איליא

מעטשניקאָוו (1845—1916) איז פון דער מאמעס צאַד געווען פון ייִדישער אָפּשטאַמונג (זײַן מוטער איז געווען א טאָכטער פונעם באַוווּסטן אין XIX יה. ייִדישן געזעלשאַפטלעכן טוער און שרײַבער יעהודע־לייב נעוואַכאָוויטש).

מיר ווילן דאָ ברענגען אייניקע יעדיִעס וועגן די אקאדעמיקער.

אנטאָני סאנשעס (אזוי האָט ער געהייסן לויט דער פראנצויזישער טראנסקריפּציע, לויט דער פּאָרטוגעזישער — סאנכעץ) שטאמט פון פּאָרטוגעזישע ייִדן. זײַנע זיידעס זײַנען געווען מאראנען[1]. פארענדיקט אין 1731 דעם מעדיצינישן פאקולטעט פון פאריזשער אוניווערסיטעט, איז סאנשעס אײַנגעלאדן געוואָרן קיין רוסלאנד אלס „פיזיקוס" בא דער מעדיצינישער קאנצעליאריע. אין 1740 האָט מען אים באשטימט אלס הויף־מעדיקער (דה. אלס דאָקטער באם אימפּעראטאָרישן הויף). אין 1748, ווען סאנשעס האָט זיך געהיילט אין פאריזש, האָט די אימפּעראטאָרן יעליזאוועטא פּעטראָווונא באפוילן דעם פּרעזידענט פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע קיריל ראזומאָווסקין, ער זאָל אויסשליסן סאנשעסן פונעם צעטל אקאדעמיקער. שפּעטער, אין 1762, ווען אפן טראָן איז ארויף יעקאטערינע II, ווען סאנשעס האָט אויסגעהיילט פון א שווערער קרענק, האָט ער ווידער באקומען די רעכט פון אן ערן־מיטגליד פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע. סאנשעס איז געשטאָרבן אין פאריזש אין 1783. קיין רוסלאנד האָט ער זיך מער ניט אומגעקערט.

מאָריץ (באָריס) **יאקאָבי** האָט פארשאפן גרויסן רום דער רוסישער וויסנשאפט מיט זײַנע פּילצאָליקע ווערק וועגן עלעקטראָמעכאניק און עלעקטראָטעכניק (עלעקטראָמאָטאָר, טעלעגראַף, טעלעפאָן, מינעס) און אלס דערפינדער פון דער גאלוואן־פּלאסטיק. אין 1847 איז מ. (ב.) יאקאָבי אויסגעוויילט געוואָרן אלס אָרדינארער אקאדעמיקער לויט דער קאטעדרע פון פּראקטישער מעכאניק, אין 1865 — לויט פיזיק.

מ. (ב.) יאקאָבי און זײַן ברודער קארל יאקאָבי, א פּראָפעסאָר פון מאטעמאטיק אין קעניגסבערגער אוניווערסיטעט (אויך ק. יאקאָבי איז געווען אן ערן־מיטגליד פון דער רוסלענדישער וויסנשאפט־אקאדעמיע), זײַנען זין פון א פּראָווינציִעלן ייִדישן באנקיר, געבוירן זײַנען זיי אין פּאָטסדאם און הויכבילדונג באקומען אין דײַטשלאנד.

דאניִעל כוואָלסאָן (א ווירקלעכער מיטגליד פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון 1858, אן ערן־אקאדעמיקער פון 1910) איז געווען איינער פון די גרעסטע מיזרעך־קענער. ער איז געבוירן געוואָרן אין ווילנע, אין א געזינד פון א מעלאמעד.

אין יעשיווע האָט דאניִעל כוואָלסאָן געהיים שטודירט דײַטש, פראנצויזיש און רוסיש. שפּעטער איז ער געקומען קיין ברעסלאוול. דער ראָוו און געלערנטער אווראָם גייגער האָט אים געהאָלפן אָנקומען אין ברעסלאוולער אוניווערסיטעט, ווו ער האָט שטודירט די מיזרעך־שפּראכן. אין זײַן דיסערטאציע, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן אפן סמאך פון אָריגינעלע אראבישע מאנוסקריפּטן, האָט ער ארויסגעוויזן טיפע ערודיציע און באקומען אין לײַפּציק דעם טיטל דאָקטאָר פון פילאָסאָפיע. מיט א רעקאָמענדאציע־בריוו פונעם גרויסן דײַטשישן געלערנטן אלעקסאנדער הומבאָלדט האָט כוואָלסאָן אין 1855 זיך אומגעקערט קיין רוסלאנד, ווו ער האָט זיך געשמאדט און איז באשטימט געוואָרן אלס אָנפירער פון דער קאטעדרע פון דער העברעיִשער, סירישער און כאלדאיִשער שפּראכן באם פּעטערבורגער אוניווערסיטעט. אין דער זעלבער צײַט האָט ער אויך געלייענט לעקציעס וועגן העברעיִש און ארכעאָלאָגיע אין דער פּראוואָסלאוונער און קאטוילישער גײַסטלעכע אקאדעמיעס.

ווען אין סאראטאָוו (אין 1852) און אין קוטאיִסי (אין 1879) האָבן זיך אָנגעהויבן די בארימטע אלילאסדאם־פּראָצעסן, האָט כוואָלסאָן אָנגעשריבן קאפּיטאלע ווערק צו דער פראגע וועגן דעם, צי באנוצן ייִדן קריסטלעך בלוט. ווי באוווּסט, זײַנען די אָנגעקלאָגטע אין די ביידע פּראָצעסן פרײַגעשפּראָכן געוואָרן.

ד. כוואָלסאָן איז געשטאָרבן אין פּעטערבורג אין עלטער פון 92 יאָר.

אָרעסט כוואָלסאָן האָט אין 1876 פארטיידיקט א מאגיסטער־דיסערטאציע וועגן דעם מעכאניזם פון מאגניט־אינדוקציע. ער איז דער אווטאָר פון א זעקסבענדיקן „קורס פון פיזיק". אין דער אקאדעמיע איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אין 1895. אין דער סאָוועטישער צײַט איז אָ. כוואָלסאָן אויסגעוויילט געוואָרן אלס ערן־מיטגליד פון דער אקאדעמיע (אין 1920). ער איז באלוינט מיטן אָרדען פון דער רויטער ארבעטס־פאָן און מיטן טיטל ארבעטס־העלד (אין 1926).

וולאדימיר פּערעטץ איז אין 1914 אויסגעוויילט געוואָרן אלס אָרדינארער אקאדעמיקער לויטן אָפּטייל פון רוסישער שפּראך און ליטעראטור. וו. פּערעטצעס זיידע איז געווען דער באוווּסטער ייִדישער געזעלשאפטלעכער טוער אווראָם פּערעטץ, ווּעמען ספּעראנסקי האָט אין 1802 אײַנגעלאדן מיטצוארבעטן אינעם קאָמיטעט, וואָס האָט געהאט די אופגאבע צו פאנאנדערארבעטן די געזעצגעבונג וועגן ייִדן. אווראָם פּערעטץ איז געווען א זון פון א ראָוו פונעם גאליציִאנישן שטעטל לעווערטאָוו. אין 1813 האָט ער זיך געשמאדט. זײַן זון גריגאָרי איז געווען פארמישט אינעם פּראָצעס פון די דעקאבריסטן און איז פארשיקט געוואָרן קיין סיביר. וולאדימיר פּערעטץ איז איינער פון די אָנגעזעענסטע פאָרשער פון דער אלטרוסישער ליטעראטור.

האלטנדיק די רוסישע ייִדן וואָס ווײַטער פון דער אימפּעראטאָרישער וויסנשאפט־אקאדעמיע, פלעגט אָבער די אָנפירונג פון דער אקאדעמיע (נאטירלעך מיטן העסקעם פון דער צארישער אדמיניסטראציע) מאכן אויסנאמען בענעגייע די ייִדן פון מײַרעוו־אייראָפּע. צווישן די מיטגלידער פון דער אקאדעמיע זײַנען געווען פינף מײַרעוו־אייראָפּעיִשע ייִדן, דערונטער דער דערמאָנטער פּראָפעסאָר פון קעניגסבערגער אוניווערסיטעט קארל יאקאָבי, דער מאטעמאטיקער, פּראָפעסאָר פון היידעלבערגער אוניווערסיטעט מאָריץ קאנטאָר, דער מאטעמאטיקער, מיטגליד פון פראנצויזישן אינסטיטוט אין סאָרבאָנע מאָריס לעווי, דער מאטעמאטיקער, פּראָפעסאָר פון פאדואנער אוניווערסיטעט טוליאָ לעווי־טשיוויטא און דער פּראָפעסאָר פון דער עטיאָפּישער און טיורקישער שפּראכן אין

---

[1] אין דער צײַט פון די גרויזאמע פארפאָלגונגען קעגן ייִדן אין שפּאניע און פּאָרטוגאל האָבן פיל ייִדן עפנטלעך אָנגענומען די קריסטלעכע עמונע, נאָר געהיים האָבן זיי אָפּגעהיט די געבאָטן פון דער ייִדישער רעליגיע. זיי זײַנען ארײַן אין דער געשיכטע. אונטערן נאָמען מאראנען.

סאָרבאָנער פראקטישער שול פון הויכוויסנשאפט יוסעף האלייווי.

אין די שפעטערדיקע יאָרן, ווען די רעאקציע און דער אנטיסעמיטיזם אין רוסלאנד זײַנען געוואָרן אלץ שטארקער, האָט די מערהײַט ייִדן־געלערנטע זיך אָפּגעזאָגט צו שטעלן אין רעשוס פון דער זעלבסטהערשונג זייערע קענטענישן. עס האָבן עמיגרירט: לעאָ ווינער — פראָפעסאָר פון הארווארדער אוניווערסיטעט, ענגלישער איבערזעצער פון 24 בענדער פון די ווערק פון ל. נ. טאָלסטאָי; נאָרבערט ווינער (א זון פון לעאָ ווינער) — דער שעפער פון דער קיבערנעטיק; הערמאן טינקאָווסקי — געוואָרן בארימט אלס איינער פון די גרעסטע מאטעמאטיקער פון דײַטשלאנד, צו 19 יאָר האָט ער באקומען די פרעמיע גראן־פרי פון דער פאריזשער אקאדעמיע און איז געוואָרן פראָפעסאָר פון מאטעמאטיק אין געטינגענער אוניווערסיטעט.

אין דער נאטורוויסנשאפט זײַנען געוואָרן וועלט־בארימט די געבוירענע אין רוסלאנד ייִדן־געלערנטע וולאדימיר כאווקין — דער גרויסער באקטעריאָלאָג, וואָס האָט דערפונדן א וואקצינע קעגן כאָליערע און דערמיט געקעמפט קעגן דער כאָליערע־עפידעמיע אין אינדיע; זאלמען וואקסמאן — דער דערפינדער פון סינטאָמיצין (א מיטל צו היילן לונגען־קראנקײַטן), פאר וואָס ער האָט באקומען די נאָבעל־פרעמיע; אלעקסאנדער בעזרעדקא, דער זון פון ייִדישן שרײַבער עלימיילעך וועקסלער (איש נאָאָמי). געענדיקט דעם נאָוואָראָסייסקער אוניווערסיטעט, האָט ער זײַן גאנץ לעבן אָפּגעארבעט אין פאסטער־אינסטיטוט אין פאריזש צוזאמען מיט אי. מעטשניקאָוו.

די אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט ענדגילטיק ליקווידירט די פריווילעגיעס, אויסנעמלעכקײַטן און באגרענעצונגען אין אלע געביטן פון לעבן. דאָס ייִדישע פאָלק איז געוואָרן א גלײַכס צווישן די אנדערע סאָוועטישע פעלקער. דער ערשטער ייִד, וואָס איז נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע געוואָרן אן אקאדעמיקער, איז דער בארימטער פיזיקער אווראָם יאָפע (1880—1960). אין 1918 האָט מען אים אויסגעוויילט אלס מיטגליד־קאָרעספאָנדענט פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע, אין 1920 — אלס ווירקלעכן מיטגליד. העכער דרײַ צענדליק יאָר האָט א. יאָפע אָנגעפירט מיטן פיזיש־טעכנישן אינסטיטוט פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון פססר, וועמעס גרינדער ער איז געווען.

עס איז פארשטענדלעך, פארוואָס אין די ערשטע יאָרן נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע איז בא אונדז אין לאנד נאָך ניט געווען קיין גרעסערע צאָל ייִדן־געלערנטע, וואָס זאָלן פאר א קורצער צײַט שוין דערגרייכן דעם ניוואָ פון אקאדעמיקער. אינגיכן אָבער, אין די באדינגונגען פון דער סאָוועטישער אָרדענונג, האָט דאָס בילד זיך קארדינאל געענדערט. שוין אין יאנוואר 1929 זײַנען אלס ווירקלעכע מיטגלידער פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע אויסגעוויילט געוואָרן דער מאטעמאטיקער סערגיי בערנשטיין, דער פיזיקער לעאָניד מאנדעלשטאם און דער כימיקער אלעקסיי באך. די צארישע מאכט־אָרגאנען האָבן גערוידעפט באכן פאר זײַן טעטיקײַט אלס פאָלקיסט. אָפּזײַענדיק אין דער יוגנט פיר יאָר אין פארשיקונג, איז ער ארויסגעפאָרן קיין אויסלאנד, ווו ער האָט געווינט ביזן 1917. אין די סאָוועטישע יאָרן האָט ער, א וועלט־בארימטער כימיקער, מיט רעכט באקומען דעם הויכן טיטל אקאדעמיקער.

אין פעוורואל 1929 איז אלס ווירקלעכער מיטגליד פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע אויסגעוויילט געוואָרן דער פילאָסאָף־מארקסיסט אווראָם דעבאָרין (יאָפע). אין מארט 1932 האָט דעם טיטל אקאדעמיקער באקומען דער כימיקער אלעקסאנדער פרומקין.

אָנהייב 1933 זײַנען, אזויארום, צווישן די ווירקלעכע מיטגלידער פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון פססר געווען זעקס ייִדן.

אלס מיטגלידער־קאָרעספאָנדענטן זײַנען צו דער דאָזיקער צײַט אויסגעוויילט געוואָרן אכט ייִדן: יאקאָוו פרענקעל — א געלערנטער אין געביט פון טעאָרעטישער פיזיק, גריגאָרי לאנדסבערג — א פיזיקער, בינימין ווייץ — אן ענערגעטיקער, אדאָלף ראבינאָוויטש — א פיזיקער, דאָוויד טאלמוד — א געלערנטער אין געביט פון פיזישער כימיק, לעוו שנירעלמאן — א מאטעמאטיקער, לעאָניד לייבענזאָן — א געאָפיזיקער, אלעקסאנדער פריימאן — אן איראניסט.

אין יאנוואר 1939 האָט אינעם נײַעם באשטאנד פון דער אקאדעמיע די צאָל ייִדן שוין דערגרייכט 25 (9 ווירקלעכע מיטגלידער און 16 מיטגלידער־קאָרעספאָנדענטן).

ווירקלעכע מיטגלידער: פיאָדאָר ראָטשטיין — **היסטאָריקער**, יעמעליאן יאראָסלאווסקי (הובעלמאן) — **פאָרשער פון דער פארטיי־געשיכטע**, מארק מיטין — **פילאָסאָף**, יעווגעני ווארגא — **עקאָנאָמיסט**, יוסעף טראכטענבערג — **עקאָנאָמיסט**, איליא טרײַנין — **יוריסט**, גריגאָרי שײַן — **אסטראָנאָם**, מיכאל אווערבאך — **אָפטאלמאָלאָג**, לינע שטערן — **פיזיאָלאָג**.

מיטגלידער־קאָרעספאָנדענטן: איסאק מינץ — **היסטאָריקער**, ריווקע לעווין — **עקאָנאָמיסט**, לעוו לעאָנטיעוו — **עקאָנאָמיסט**, דאָוויד ראָזענבערג — **עקאָנאָמיסט**, מאריע סמיט־פאלקנער — **סטאטיסטיקער**, מיכאל סטראָגאָוויטש — **יוריסט־קרימינאליסט**, אלעקסאנדער געלפאָנד — **מאטעמאטיקער**, אלעקסאנדער כינטשין — **מאטעמאטיקער**, שימען וואָלפקאָוויטש, איסאק קאזארנאָווסקי און סימאָן ראָגינסקי — **כימיקער**, איסאק ברוק — **ענערגעטיקער**, בענציען וווּל — **פיזיקער**, מאטוויי קאפעליושניקאָוו — **בארג־אינזשעניער**, סערגיי שטיינבערג — **מעטאל־קענער**, מיכאל קראָל — **ביאָלאָג**.

צו 1960 איז די צאָל ייִדן־אקאדעמיקער אויסגעוואקסן ביז 51 (18 ווירקלעכע מיטגלידער, 33 מיטגלידער־קאָרעספאָנדענטן). דאָ ברענגען מיר די רעשימע פון די נײַ־אויסגעוויילטע ווירקלעכע מיטגלידער: לעוו לאנדאו און יאקאָוו זעלדאָוויטש — **פיזיקער**, וולאדימיר וועקסלער, איסאק קיקאָין און יולי כאריטאָן — **פאָרשער פון דער אטאָם־פיזיק**, אלעקסאנדער גרינבערג, מארטין קאבאטשניק און שימען וואָלפקאָוויטש — **כימיקער**, אלעקסאנדער מינץ — **ראדיאָ־טעכניקער**. דער פראָצענט ייִדן צווישן די ווירקלעכע מיטגלידער פון דער אקאדעמיע האָט, אזויארום, באטראָפן 11,5 (18 פון 156) און צווישן די מיטגלידער־קאָרעספאָנדענטן 9,7 (33 פון 340) לעגאבע דעם גאנצן באשטאנד פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע — 10,3 (51 פון 496).

אין די יאָרן 1960—1966 זײַנען פיר מאָל דורכגעפירט געוואָרן וואלן אין דער אלפארבאנדישער וויסנשאפט־אקאדעמיע (אין 1960, 1962, 1964 און 1966). אין 1964 זײַנען אויסגעוויילט געוואָרן אלס ווירקלעכע

מיטגלידער פון דער אקאדעמיע די ייִדן־געלערנטע איסאַק פּאַמעראַנ־טשוק, ברונאַ פּאַנטעקאַרוואַ, יאַקאַוו סירקין, אלעקסאנדער בראונשטיין, באַריס ביכאַווסקי, לעאַניד קאַנטאַראַ־וויטש **און** הערש בודקער; **אלס מיטגלידער־קאָרעספּאָנדענטן —** אלעקסאנדער שיינדלין **און** גריגאָרי גערשוני. **אין 1966: אלס ווירקלעכע מיטגלידער פון דער אקאדעמיע —** וויטאלי גינזבורג, ארקאדי מיגדאל, ניקאָלײַ עמאנועל, איליא פראנק; **אלס מיטגלידער־קאָרעספּאָנדענטן —** לעוו באכראך, לעוו ווײַנשטיין, יעוו־געני ליפשיץ, יוסעף שקלאָווסקי, לעוו אָקון, יעווגעני פיינבערג, וויק־טאָר כאַיִן, מיכאַיִל וואָלקענשטיין, יורי פּאָליאַקאָוו, טעאָדאָר אויזער־מאַן **און** אבראם מילייקאָווסקי.

אין דער וויסנשאַפט־אקאדעמיע פון אוקראַיִנע זײַנען צום אָנהייב 1959 געווען 212 אקאדעמיקער (90 ווירק־לעכע מיטגלידער און 122 מיטגלי־דער־קאָרעספּאָנדענטן), צווישן זיי 27 ייִדן (7 ווירקלעכע מיטגלידער און 20 מיטגלידער־קאָרעספּאָנדענטן). אויב רעכענען אין פּראָצענטן, באַ־טרעפט די צאָל אקאדעמיקער־ייִדן 12,2 לעגאבע דער אלגעמיינער צאָל.

צווישן די אקאדעמיקער־ייִדן אין דער אוקראַיִנישער וויסנשאַפט־אקא־דעמיע געפינען זיך אזעלכע וועלט־געלערנטע, ווי די מאטעמאטיקער מארק קריין **און** אלעקסאנדער ליי־פונסקי, **די ברידער** נאָכעם **און** אלעקסאנדער אכיִעזער, **דער כימי־קער** אלעקסאנדער בראָדסקי **אא.**

אין דער ווײַסרוסישער וויסנשאַפט־אקאדעמיע זײַנען צו 1962 געווען 54 ווירקלעכע מיטגלידער, צווישן זיי דרײַ ייִדן: דאָוויד גאָלוב **— אן אנא־טאָם,** מיכאַיִל עליאשעוויטש **— א געלערנטער פון טעאָרעטישער פיזיק,** יעכעזקל ריוולין **— א היסטאָריקער.**

אין דער אוזבעקישער וויסנשאַפט־אקאדעמיע זײַנען פאראן צוויי ייִדן מיטגלידער־קאָרעספּאָנדענטן: אווראָם מאלצעוו **— א געלערנטער אין גע־ביט פון בוימוואָלצוכט,** ייִצכאָק צו־קערוואניק **— א כימיקער.**

אווראָם פריבלודע

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע

צום דרײַסיקסטן יוביל פון „איקוף"

אין דער פּראָגרעסיווער ייִדישער קולטור־וועלט האָט מען אָקאָרשט אָפּגעפּײַערט דעם 30־טן יובילײ פון „איקוף", און ס'איז קיין סאָפעק ניט, אז אָט די דאטע רופט ארויס בא די הײַנטיקע שעפער פון דער ייִדישער ליטעראטור און קונסט ניט ווייניק ראיוינעס און פּאראלעלן. דער פּאריזשער ייִדישער קולטור־קאָנגרעס האָט אין 1937, הארט פארן צווייטן וועלט־קריג, פּראָקלאמירט דעם פּראָגרעסיוון כאראקטער פון אונדזער קולטור־שאפונג, פארבינדנדיק איר העמשעך מיט די פּאָרגע־שריטענע אידייען און מיטן אנטיפאשיסטישן קאמף פון יענער צײַט.

הײַנט, קימאט מיט א פערטל יאָרהונדערט נאָכן זיג איבערן פאשיזם, איז ווידער געפערלעך טעטיק דער קאניבאל, עס איז ווידער אונטער א סאקאָנע פון מילכאָמע און אויסראָטונג די קולטור פון דער מענטשהײַט, ארײַנגערעכנט די אין איר אײַנגעשלאָסענע ייִדישע קולטור.

אין 1937 יאָר האָט די ייִדישע ליטעראטור און קונסט געגעבן אפן פּאריזשער קאָנגרעס א קאָלעקטיוון ענטפער אף מאקסים גאָרקיס באַ־רימטער פראגע: „מיט וועמען זײַט איר, טוער פון דער קולטור?"

לייוויק און אָלגין, אָפּאטאָשו און זשיטלאָווסקי, קאלמען מארמאָר און נאכמען מײַזיל, — האגאם זיי זײַנען געווען שרײַבער מיט פארשיידענע וועלט־אָנשויונגען און האָבן געהערט צו ווײַט ניט קיין אלציינע ליטערא־רישע שולן, זײַנען זיי דאָך געווען געייניקט אין דעם וויכטיקסטן: די ייִדישע קולטור איז קעגן רעאקציע און פאשיזם.

אף דער ניו־יאָרקער קאָנפערענץ אין טאון־האָל דעם 28 אווגוסט 1937, אף וועלכער מע האָט געוויילט דעלעגאטן פון פשא צום פּאריזשער קאָנגרעס, האָט לייוויק אויסגערופן: „אונדזער אלעמענס טיפסטער און הייסטער ווונטש איז, בא דער איצטיקער קאָנפערענץ און בא דעם פּא־ריזשער קאָנגרעס, אָפּצושאפן די מעכיצע צווישן אונדז און די סאָוועטישע שרײַבער וואָס שנעלער..."

נו און הײַנט?

הײַנט, ווען די מעכיצע צווישן דער בירגערלעכער ייִדישער ליטע־ראטור אין אויסלאנד און דער סאָוועטישער איז נאָך א ניט ווייניק טי־פערער ראָוו, ווי צוריק מיט דרײַסיק יאָר; הײַנט, ווען א טייל פון דער ייִדישער ליטעראטור אין אויסלאנד פארבאריקאדירט זיך ווידער אין אירע זשורנאלן און זשורנאלעכלעך אונטער פארשיידענע עסטעטישע און אידעאָלאָגישע מעזוזעס; הײַנט, אין אָנגעזיכט פון דער פולער מאָבילי־זאציע פונעם נעאָפאשיסטישן גויג־אומאָגויג, — איז אויך דאָך קלאָר און אומבאשטרײַטבאר, אז די ייִדישע ליטעראטור קאָן ניט זײַן קיין אינסטרו־מענט פון רעגרעס, רעאקציע און אנטיסאָוועטיזם.

עס איז אויך קלאָר און אומבאשטרײַטבאר, אז הײַנט איז ווידער צײַט צו געבן אן ענטפער אף דער פראגע: „מיט וועמען זײַט איר, טוער פון דער קולטור?"

ייִדישע שרײַבער, מיט וועמען זײַט איר? — פונקט ווי מיט דרײַסיק יאָר צוריק, איז דאָס אן אקטועל־ברענענדיקע פראגע, און די בעסטע שעפערישע קויכעס פון דער ייִדישער ליטעראטור ענטפערן:

אלץ, וואָס איז הײַנט לעבנספייִק אין אונדזער פאָלקס־קולטור, שליסט זיך אָן אין הייליקן קאמף קעגן פאשיזם און רעאקציע, פאר שאָלעם און פּראָגרעס. בלויז אזא שטעלונג צו די הײַנטצײַטיקע וועלט־פּראָבלעמען וועט זיכערן דעם קיִעם און דעם העמשעך פון אונדזער פאָלק און פון אונדזער קולטור.

לייענער
שרייַבן
אונדז

אַ מאַטאָנע
פון אויסטראַליע

טייַערע רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד"!

מיר, מיטגלידער פון יידישן געזעלשאַפטלעכן שטודיר־קרייַז אויפן נאָמען פון איציק וויטנבערג — יאַדזשע ראָזנטאַל, יאַנקעוו בילאַנדער, שמועל גאָלדבערג, לעאָן שטייער, שייַע פרידמאַן, הערש צוקער, שמועל ראָזענצווייַג, סימכע רייַכשטיין און אַנד., — באַגריסן אייַך מיט דעם גרויסן יאָמטעוו פון סאָוועטישן פאָלק, דעם 50־טן יאָרטאָג פון דער סאָציאַליסטישער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע.

ווען די היטלעריסטישע האָרדעס האָבן אין 1939 פאַרכאַפּט אונדזער געבורטס־לאַנד פּוילן, האָבן הונדערטער טויזנטער פּוילישע יידן געפונען אַ רעטונג אויף דער סאָוועטישער ערד. אויך מיר, מיטגלידער פון קרייַז, האָבן געהאַט אין פרייַנטלעכן ראַטנלאַנד אַ וואַרעמע היים: אַרבעט און פרייד. אין דער זעלבער צייַט האָט דאָס רייַכע קאָלאָניאַליסטישע ענגלאַנד און די נאָך רייַכערע אַמעריקע פאַרשלאָסן טיר און טויער און פאַרשטעקט די אויערן פאַר די וויי־געשרייען פון אייראָפּעיִשן יידנטום.

איצט קומען אונדזערע אויסטראַליער אַנטיסאָוועטישע יידישע אַסקאָנים און באַשמוצן דאָס גרעסטע ווערק פון אונדזער ערע — דאָס סאָוועטן־לאַנד.

אין דער אַטמאָספער פון אַ נאַציאָנאַליסטיש־שאָוויניסטישער און אַנטיסאָוועטישער וואַקכאַנאַליע, וועלכע ס'האָבן אופגעהויבן ספּעציעל אין די אָקטיאַבער־טעג די אומווירדיקע רעאַקציאָנערן אין אויסטראַליע, האָבן מיר, די אויבנדערמאָנטע גרופּע לייענער, אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג לידער, געווידמעט דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. די זאַמלונג איז אונדזער בייַטראָג צו באַקעמפן דעם העסלעכן אַנטיסאָוועטיזם, וואָס הערשט אויף דער יידישער גאַס. מיר שעמען זיך, וואָס אין אונדזער יידישן ייִשעוו איז אַזוינס מעגלעך!

באַ דער געלעגנהייַט טיילן מיר אייַך מיט, אַז אין מעלבורן האָבן די פּראָגרעסיווע יידישע אָרגאַניזאַציעס אייַנגעאָרדנט אַן אַקאַדעמיע, געווידמעט די 50 יאָר אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. ס'איז אויך פאָרגעקומען אַ סימפּאָזיום, געווידמעט די אָקטיאַבער־טעג.

מיט גרויס צופרידנקייַט האָט דער עולם אופגענומען אונדזער לידער־זאַמלונג.

טייַערע פרייַנט, נעמט צו אונדזער באַשיידענע מאַטאָנע, ווי אַן אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייַט צום גרויסן ראַטנלאַנד.

אין נאָמען פונעם קאָלעקטיוו

סימכע רייַכשטיין

פון רעדאַקציע

מיר נעמען אויף מיט אַ געפיל פון צופרידנקייַט און פרייד די פּרעכטיקע מאַטאָנע פון אונדזערע אויסטראַליער פרייַנט. מיר ווינטשן דעם פּראָגרעסיוון יידישן ייִשעוו פונעם ווייַטן קאָנטינענט אַ פרייַ און גליקלעך לעבן.

אין דער זאַמלונג „50 יאָר אָקטיאַבער־רעוואָליוציע", וואָס איז מיט גרויס געשמאַק צונויפגעשטעלט און איליוסטרירט, זייַנען אייַנגעשלאָסן לידער פון יויסעף באָוושאָווער, וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי, עמאַנויִל קאַזאַקעוויטש, פּערעץ מאַרקיש, דאָוויד האָפשטיין, מאַקסים טאַנק, פייסעך בינעצקי, שמועל האַלקין, איציק פעפער, אַרן ווערגעליס, נאַזים היקמעט, בער גרין, הערש צוקער אאַ.

הערש צוקער איז איינער פון די צונויפשטעלער און אַרויסגעבער פון דער זאַמלונג. מיר דרוקן דאָ איבער זייַן ליד.

הערש צוקער

כ׳האָב ניט פארגעסן...

ווען ס׳האָט דער טויט געלויערט אף מײַן קאָפּ
און דער מערדער האָט שוין אויסגעשטרעקט
דאָס מעסער,
האָט איר צעעפנט טיר און טויערן פאר מיר,
— איך קען עס ניט פארגעסן.

ווען האקנקרייץ האָט אײַער טוווע־פעלד
פארוויסט
און דער הונגער האָט גענומען מענטשן עסן,
האָט איר געטײלט מיט מיר דעם לעצטן ביסן
ברויט,
— איך וועל עס ניט פארגעסן.

ווען ענג געווען ביז גאָר איז אײַער יעדער
שטוב —
מילכאָמע האָט פארברענט אזויפיל מענטשן־
נעסטן,
האָט איר א ווינקעלע געהאט פאר מיר אין
אײַער הויז,
— איך טאָר עס ניט פארגעסן.

ווען פון פוילן פלעגן וויסטע בסורעס קומען
און ס׳האָט דער צאַר באַהויכט מײַנע מעסלעסן,
א טרייסט איז מיר געווען אײַער פּאָשעט וואָרט,
— ווי זאָל איך עס פארגעסן.

ווען איר האָט טאָג און נאכט געשמידט דעם זיג,
אין שווערסטער מי און בלוטיקסטע פארמעסטן,
כ׳בין אומעטום געווען מיט אײַך אין ריי,
— ווי מעג איך עס פארגעסן.

ווען געקומען איז די „אויסגעבענקטע שאָ“,
בא אײַער יאָמטעוודיקן טיש בין איך געזעסן
ניט ווי א גאסט — נאָר ווי אן אייגן קינד,
— דאָס לאָזט זיך ניט פארגעסן.

און ווען כ׳האָב אײַער גוטע ערד פארלאָזט,
האָב איך זיך ניט פארשריבן קיין אדרעסן,
אין הארצן כ׳טראָג די נעמען אײַערע און אײַער
היים,
— איך וועל זיי ניט פארגעסן!



צוויי זײַטן פון דער מעלבורנער זאמלונג „50 יאָר אָקטיאבער־רעוואָליוציע“.

קעדיי עס זאָל ברענגען נוצן

אין צוזאמענהאנג מיטן 50־טן יאָרטאָג פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט די ווארשעווער „פאָלקס־שטימע“, אָנהייבנדיק פונעם 3 אָקטיאבער ביזן 11 נאָיאַבער פאָריקן יאָר, פארעפנטלעכט א גרויסע סעריע ארטיקלען פון י. קאנטאָר „ייִדן אין קאמף פאר דעם ניצאָכן פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע“. דאָס איז בעלי־סאָפּעק אן ערנסטע ארבעט, אייגנטלעך, דער ערשטער פרווו ברייט צו באווײַזן דעם אָנטייל פון די ייִדישע ארבעטער און אינטעליגענץ אינעם צוגרייטן און דורכפירן די אָקטיאבער־רעוואָליוציע.

צום באדויערן, האָט דער פריצײַטיקער טויט פון כ׳ קאנטאָר צוריק מיט צוויי יאָר איבערגעריסן די ארבעט און ניט געגעבן דעם אווטאָר די מעגלעכקײַט צו ברענגען אין דער געהעריקער אָרדענונג אפילע דעם פארעפנטלעכטן טייל, וועלכער האָט א שײַכעס צו די געשעענישן אין פעטראָגראד און מאָסקווע. די פובליקאציע אין דער „פאָלקס־שטימע“ טראָגט דעריבער דעם כאראקטער פון א מעכאניש אָנגעוואלגערטן מאטעריאל, אָן אן ערנסטן אנאליז, אָן א דורכגעטראכטער סיסטעם און קלאסיפיצירונג. עס טרעפן ניט זעלטן איבערראַשונגען, אייניקע וויכטיקע אָנטיילנעמער פון די געשעענישן ווערן דערמאָנט בלויז פארבײַגייענדיק, אנדערע ווערן אינגאנצן ניט דערמאָנט, בייס צופעליקע, קימאט עפּיזאָדישע פיגורן זײַנען דאפקע יאָ אײַנגעשלאָסן אין דער ארבעט. דער מאטעריאל גופע איז זאָרגפעליק ניט קאָנטראָלירט.

מיר האָבן דאָ ניט בעדייע זיך אָפּצושטעלן גענויער אף די שוואכע זײַטן פון דער פובליקאציע, מיר ווילן גלייבן, אז מיט דער צײַט וועלן זיך געפינען היסטאָריקער, וואָס וועלן פאָרזעצן די אָנגעהויבענע ארבעט, די כעסרוינעס וועלן באזײַטיקט ווערן, דאָס, וואָס פעלט, וועט דערגאנצט ווערן. קעדיי אָבער דעם כ׳ קאנטאָרס ארבעט זאָל זיי קומען צוניץ, ניט צום שאָדן, איז נייטיק שוין איצט מאכן אייניקע באמערקונגען, אויך אויספאריכטן א היפש ביסל טאָעסן, פארקריפלטע פאמיליעס, נעמען, צומאָל פאקטן.

עס מוז קוידעמקאָל אָנגעוויזן ווערן, אז אין א ריי פאלן איז ניט גענוג שטרענג קאָנטראָלירט געוואָרן דער וויכטיקער גראָד פאר דער ארבעט מאָמענט פון נאציאָנאלער אָנגעהעריקײַט פון די מענטשן, וועגן וועלכע עס גייט א רייד. אָן שום גרונט, אפּאָנעם בלויז לויט דער אינטויציע, וואָס האָט ניט שטענדיק געפירט דעם כ׳ קאנטאָר מיטן ריכטיקן וועג, זײַנען בא אים אָנגערופן אלס ייִדן ראסקאָלניקאָוו (13)[1], ליובאָוויטש (13 און 14), פײַדיש (18). אונטער אן ערנסטן צווייפל איז די אָנגעהערי־קײַט צו דער ייִדישער נאציאָנאליטעט פון אי. גענסלער (1), א. קרוזע, מ. רייסבאום (6), בריטשקין (16), ק. ראָזענטאל (17), קירשענשטיין, דרייער, יעסין, אָליווער (ראָטשילד), מעזין (18), עלקין (פארגרײַזט, פאקטיש יאָלקין) (21). ניט קלאָר איז, ווער עס זײַנען און וואָס פאר א ראָליע עס האָבן געשפילט אין די אָקטיאבער־געשעענישן די אָנגערופענע בא י. קאנטאָרן מ. אי. לעמאן, פּ. ל. דעסניצקי און זאָמער (16).

וואָס אָנבאלאנגט די דורכגעלאָזטע אָדער קוים דערמאָנטע און דאָך אָנגעזעענע אָנטיילנעמער פון דער רעוואָליוציע, וועלן מיר זיך באגרענעצן בלויז מיט איין בײַשפּיל. פון די 19 מיטגלידער ייִדן פונעם פעטראָגראַדער מיליטעריש־רעוואָליוציאָנערן קאָמיטעט (די אלגעמיינע צאָל — 82), וועלכער איז געווען דער אָפּעראַטיווער אָנפירער און דורכפירער פון דעם אָקטיאבער־אופשטאנד, ווערן בא קאנטאָרן באצייכנט נאָר סווערדלאָוו, אוריצקי, לאשעוויטש, גוסיעוו, יאָפע, ווײַנבערג, און ס׳ווערן פאלש באצייכנט אלס מיטגלידער פונעם קאָמיטעט י. קאגאן און גוסיעווא־דראבקינא. דאקעגן פעלט אזא אָנווײַזונג אין די ביִאָגראפישע נאָטיצן וועגן ע. מ. סקליאנסקי און נ. מ. אנצעלאָוויטש. עס ווערן איבערהויפּט ניט דערמאָנט אין דער ארבעט די נעמען פון די קאָמיטעט־מיטגלידער ייִדן פּ. א. גאָלאָשטשאָקין, ע. אי. בורשטיין, ג. ד. זאקס, ג. מ. קראמאראָוו, מ. ד. לעווין, י. ס. אונשליכט, יא. מ. פישמאן, וו. ס. שאטאָוו, י. ס. בלייכמאן, כ. ז. יארטשוק (קראָנשטאדט), וואָס וועגן יעדן פון זיי איז דאָ היפּש וואָס צו זאָגן.

אויך פון די בערעך הונדערט ייִדן, וואָס האָבן זיך געפונען אין די רייען פון די קאָמיסארן פונעם פעטראָגראַדער מיליטעריש־רעוואָליוציאָנערן קאָמיטעט, ווערן דערמאָנט בלויז עפּעס מער פון צען, און ניט גראדע די וויכטיקסטע פיגורן, בייס אנדערע (רודניק, לעווענסאָן, אנצעלאָוויטש) ווערן אלס קאָמיסארן אָנגערופן צוויי מאָל (6, 8, 21).

איבערראַשונגען זײַנען עפּשער דעך בוילעטסטער באווײַז, אז דער מאטעריאל איז נאָך ניט פולקום געווען גרייט צום דרוק. אָט גייט א גאנץ אויספירלעכע נאָטיץ וועגן סעמיאָן מיכײַלאָוויטש נאכימסאָן (6). עטוואָס ווײַטער געפינען מיר ווידער א נאָטיץ וועגן סיווע (סימכע) מיכײַלאָוויטש נאכימסאָן (11) און גלײַך נאָכדעם א נאָטיץ וועגן נאום סעמיאָנאָוויטש מיכײַלאָוו (12). ס׳איז ניט נייטיק קיין באזונדערע בקיִעס, קעדיי זיך אָנצושטויסן, אז אין די אלע דרײַ נאָטיצן גייט די רייד וועגן איין און דעם זעלבן מענטשן — סעמיאָן נאכימסאָן. צום באדויערן, האָט די רעדאקציע פון דער „פאָלקס־שטימע“ זיך דערוף ניט געכאפּט. אזוי איז אויך מיט צוויי נאָטיצן וועגן מאָיִסיי יאָסיפאָוויטש בראָנשטיין (10 און 14), וועלכע זײַנען לויטן אינהאלט קימאט אלציינע, עמעס, מיט דעם אונטערשייד, וואָס דאָס ערשטע מאָל ווערט בראָנשטיין אָנגערופן לויטן פאָטערנאָמען ניט יאָסיפאָוויטש, נאָר אָסיפּאָוויטש. צוויי מאָל ווערט בערעך דאָס זעלבע דערציילט וועגן די ערשטע טוער פון קאָמיוג, באזונדערס וועגן ריווקינען, מיט דעם כילעק נאָר, וואָס צוערשט הייסט ער ב. ריווקין (2) און ווײַטער הייסט ער אָסקאר ריווקין (21) — דאָס מאָל ריכטיק.

בענעגייע באזונדערע ביִאָגראפישע נאָטיצן זײַנען מיר געצווונגען, ניט האָבנדיק די מעגלעכקײַט זיך אָפּשטעלן אף יעדערער פון זיי באזונדער, זיך באנוגענען מיט דער פאָלגנדיקער רעשימע פון די וויכטיקסטע בלויזן און טאָעסן, וואָס מיר האָבן באמערקט.

---

[1] אין קלאמערן זײַנען אָנגעוויזן די נומערן פון די ארטיקלען (פאָרזעצונגען), אזוי ווי זיי זײַנען נומערירט אין דער „פאָלקס־שטימע“.

ניט יאַשקע צייטלין, נאָר יעפים צעטלין; צו די זיבן אָנגערופענע ייִדישע יוגנטלעכע אינעם ערשטן באַשטאַנד פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון קאָמיוג דאַרף מען צוגעבן רימאַ יוראָווסקאַיאַ (2).

די אַלגעמיינע צאָל דעלעגאַטן מיט באַשטימונגס־רעכט אויפן X פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר — 690 (ניט 494); מיט באַראַטונגס־רעכט 248 (ניט 149). אַנטשפּרעכנדיק דערצו די פּראָצענטן — 13,6 און 21; צו די פּראָנט־קאָמיסאַרן האָט געהערט אויך טשודנאָווסקי — קאָמיסאַר פון דאָרעם־מײַרעוו־פּראָנט.

אויב שוין יאָ אויסטיילן די גרופּע עמיגראַנטן, אַפילו נאָר די, וואָס זײַנען צוריק געקומען פון אַמעריקע, וואָלט מען געדאַרפט אויך צוגעבן אַהער, אויסער אוריצקין, טשודנאָווסקין און וואָלאָדאַרסקין, די שפּעטער דערמאָנטע וואָסקאָוו, זאָרין, כאַריטאָנאָוו, ליסאָווסקי, אַנטאָן סלוצקי, אַבע גאָרדאָן.

י. קאַגאַן — ניט געווען, ווי שוין אָנגעוויזן, קיין מיטגליד פון פּעטראָגראַדער מיליטעריש־רעוואָליוציאָנערן קאָמיטעט, אויך ניט פון פּעטראָגראַדער פּאַרטיי־קאָמיטעט, ניט פאַנאַנדערגעטריבן די שטאָט־דומע, נאָר לויטן אויפטראָג פונעם מיליטעריש־רעוואָליוציאָנערן קאָמיטעט דעם 27 אָקטיאַבער (אַלטער סטיל) 1917 קאָנפיסקירט אויפרופן, וואָס די שטאָט־דומע האָט אַרויסגעלאָזט; מ. יע. ראָזענשטיין, ניט מ. ג. ראָזענשטיין, אַ באָלשעוויק ניט פון 1917 י., נאָר פון 1903 י.; מיכאַיִל יאַקאָוולעוויטש לאַומבערג, ניט לאַצמבערג (6).

ריאַזאַנאָוו (גאָלדענדאַך), ניט גאָלדענבאַך; אי. ע. גרקאָווסקי, ניט גובאָווסקי (7).

מ. מ. ליטווינאָוו. ניט אָנגעוויזן דער עמעסער נאָמען: וואָלאַך מייער־הענאָך מאָיִסייעוויטש. אויפטראָגן פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי אויסגעפירט בא דער ביוראָ פון II אינטערנאַציאָנאַל, ניט „בא דעם אינטערנאַציאָנאַלן ביוראָ פון דעלעגאַטן צום שטוטגאַרטער סאָציאַליסטישן קאָנגרעס" (9).

וו. ב. סלוצקאַיאַ — בערטע קלעמענטיעוונאַ, ניט לעמענטאָוונאַ; מאַריאַ מאָיִסייעוונאַ עסען (בערצינסקאַיאַ) איז געווען אַ פּאַרטיי־מיטגליד פון 1897, ניט פון 1917. געווען אַ צײַט סעקרעטאַר, אויך מיטגליד פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי (10).

זעליקסאָן, ניט זעליקסמאַן (11).

זיבעל, ניט זידעל (12).

ס. מ. העסען, ניט מ. מ. העסען. וועגן אַ זיצונג פון פּעטראָגראַדער קאָמיטעט דעם 20 מײַ 1917 ווערט אין קיינע געשיכטלעכע קוועלן ניט דערמאָנט; לאַזאַר לוואָוויטש לוואָוו, ניט ב. לוואָוו (12).

ברעסלאַוו, ניט ברעסטאָוו און ניט ברעסלאָוו (13).

ס. ס. זאָרין — גאָמבערג, ניט האַנבערג; אַ. ל. שיינמאַן, ניט ל. שיינין (15).

אוסיִעוויטש, ניט אוסניעוויטש, ווי ס'איז אין פיל ערטער אָנגעוויזן; בריליאַנט — עמעסע פאַמיליע פונעם אָנגערופענעם מיט 10 שורעס העכער סאָקאָלניקאָוו. סאָקאָלניקאָוו און בריליאַנט איז איינע און די זעלבע פּערזאָן (16).

מאַשע יאָסיפאָוונע טשערניאַק, ניט מ. ג. טשערניאַק; סאַוועליעוו־שעלעכעס, ניט סאַוועליעוו־שעלעסט (17) און ניט סיוועליעוו־שעלעסט (20); גריצמאַן, ניט גרינצמאַן; גריגאָרי איזראַיִלעוויטש ליבין, ניט גריגאָרי איזראַיִלעוויטש לידסקי; ניט שטאָק און פיש, נאָר שטאָקפּיש — איין פּערזאָן; כענקין, ניט כראַפּקין; וו. מ. זאַגאָרסקי, ניט מ. ק. זאַגאָרסקי; טאַנקוס, ניט טאַפּקע (17).

ר. א. סקאָוונאָ, ניט ר. א. סקאָווקאָ; מאַשע טשערניאַק, ניט מישע טשערניאַק; ליובע פינדריק, ניט ליובע פידריק (18).

יעמעליאַן יאַראָסלאַווסקי — מיניי (ניט מאָיִסיי) אינראַיִלעוויטש הובעלמאַן. מאָיִסיי הייסט זײַן ברודער, איינער פון די אָנגעזעענסטע פירער פון די ווײַטמיזרעכדיקע באָלשעוויקעס, געשטאָרבן אין מאָסקווע אין יאַנוואַר 1968; „סאָציאַל־דעמאָקראַט", ניט „מאָסקאָווסקי סאָציאַל־דעמאָקראַט" — צײַטונג פון מאָסקווער פּאַרטיי־קאָמיטעט (19).

לובאָצקי — עמעסע פאַמיליע, ניט פּסעוודאָנים פון וו. זאַגאָרסקי; מיכאַיִל ראָזענשטיין (מאָסקווע) — אייניקע מאָמענטן פון דער ביִאָגראַפיע איבערגעפּלאָנטערט מיט דער ביִאָגראַפיע פונעם פּעטראָגראַדער מיכאַיִל ראָזענשטיין. אַ זון פון אַ סאָלדאַט, אַן אַרבעטער פון פּוטילאָווער זאַוואָד איז געווען דער פּעטראָגראַדער ראָזענשטיין (6, 21).

פעלערהאַפט און מעטושטעש איז דער צעטל נעמען, וואָס איז אויסגערעכנט אין די לעצטע שורעס.

סאָלאָוויי ד. מ. (ניט ד. נ.) — קאָמיסאַר פון אַזויגערופענעם „מאָנעטני דוואָר" (געלט־פאַבריק), מיט באַזאָרגן די אַרמיי אויפן פּראָנט קיין שײַכעס ניט געהאַט.

יאַקאָוו קראַמער, ניט אווראָם לוואָוויטש קראַמער; אַ. קליימאַן, ניט אַ. קליינמאַן.

ס. מ. צווילינג איז געווען קאָמיסאַר־עמיסאַר פון אָרענבורגער, ניט פון נאָווגאָראָדער גובערניע. אין נאָווגאָראָדער גובערניע איז אַלס קאָמיסאַר געווען טעטיק וו. ג. ראָם.

און זאָל זײַן אַד־קאַן, כאָטש מע וואָלט געקאָנט דעם דאָזיקן צעטל פאַרלענגערן. אָבער אונדז דאַכט, אַז דאָס זײַנען שוין ניט מער, ווי פּאָשעטע דרוקפעלערן, וואָס קאָנען לײַכט באַמערקט ווערן, ווי, לעמאָשל, פּאַרלאַמענטאַריער אָנשטאָט פּאַרלאַמענטיאָר; קאָקסאָגאָלסקער פּאָלק אָנשטאָט קעקסהאָלמער (2); אָכראַנאַ אָנשטאָט אָכראַנקע (4); קשעסינער וואָקזאַל אָנשטאָט קשעסינסקעס פּאַלאַץ (11) און פיל אַנדערע. דער לייענער איז שוין געוויס איבערגעזעטיקט פון אונדזערע אויסבעסערונגען.

און דאָך, ניט געקוקט אויף אַלץ, איז י. קאַנטאָרס אַרבעט אַ גוטער אָנהייב. מיר קאָנען נאָר מיט אַ געפיל פון דאַנקבאַרקײַט און דערעכערעץ דערמאָנען דעם אומדערמידלעכן האָרעפּאַשניק, וואָס האָט מיט גרויס פלײַס און געטרײַקײַט, ניט רעכענענדיק זיך מיט דער שווערער קראַנקײַט, פון וועלכער ער האָט געליטן די לעצטע יאָרן, זיך אָפּגעגעבן מיט אָט דער וויכטיקער אַרבעט.

י. ברעגמאן

פון רעדאַקציע. ווען די רעפּליק פון י. ברעגמאַן איז שוין געווען אין זאַץ, האָבן מיר באַקומען אַ בריוו פון אונדזער לענינגראַדער לייענער י. קאַגאַן, וועלכער ווײַזט אָן נאָך אויף אַ ריי בלויזן און גרײַזן אין כ' קאַנטאָרס אַרבעט. די וויכטיקסטע פון זיי:

ניט אוריצקי ביזן VI צוזאַמענפאָר, ניט וואָלאָדאַרסקי און טשודנאָווסקי זײַנען ניט געווען קיין מיטגלידער פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי; די דעמאָנסטראַציע באַם קאַזאַנער קלויסטער איז פאָרגעקומען אין 1897, ניט אין 1907. לענין האָט אין דער דאָזיקער דעמאָנסטראַציע ניט אָנטיילגענומען, ער איז דאַן געווען אין פאַרשיקונג.

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען

איליא ערענבורגס לעצטער אינטערוויו

לויט דער ביטע פונעם מעקסיקאַנישן זשורנאַל „סיעמפּרע" האָט דער קאָרעספּאָנדענט פון דער נײַעס־אַגענטור „נאָוואָסטי" אינאַ וואַסילקאָוואַ געשמועסט מיט איליאַ ערענבורגן ניט לאַנג פאַר זײַן טויט.

דאָ ניט לאַנג איז מיר אויסגעקומען צוזאַמען מיט מײַן קאָלעגע — אַ בראַזילישן זשורנאַליסט זײַן בײַ איליאַ ערענבורגן אין זײַן מאָסקווער דירה און שמועסן מיט אים אין פאַרלויף פון צוויי שעה.

אין קאַבינעט, פון אַ טיפן פאָטעל, אַרום וועלכן עס ליגן גלײַך אויפן דיל און אויפן טיש אַ סך ביכער, הייבט זיך אויף דער שרײַבער. ער איז אין אַ גרויען אָנצוג פון גראָבן וואָל־געוועב, אין אַ בלוי העמד מיט אַ האַלדזטוך. מיט באַדויערונג טראַכט איך, אַז די יאָרן שאַנעווען קיינעם ניט, און באַמערק, ווי ערענבורג האָט זיך אַראָפּגעדרוקט פאַר דער לעצטער צײַט. אַ גראָווער קאָפּ, לאַנגזאַמע, שאַרנדיקע טריט פון אַ זאָקן, און בלויז דער בליק — לעבעדיק, אויפמערקזאַם, יונג.

דער שרײַבער לאַדט אונדז אײַן אין גאַסטצימער, וואָס איז ענלעך אויף אַ מוזיי. מיר באַטראַכטן מיט גרויס אינטערעס זײַנע „עקספּאָנאַטן". איבערכאַפּנדיק אונדזערע בליקן, דערקלערט ערענבורג: „דאָס איז פּיקאַסאָ. איך האָב 35 אָריגינעלע אַרבעטן פון דעם דאָזיקן מאָלער, וועלכן איך האָב זייער ליב; און דאָס זײַנען שאַגאַל, טישלער. אָט די סקולפּטור איז פון ביזאַנץ, און דער דאָזיקער טעפּיך — פון פּוילן".

טאַקע דאָ אין גאַסטצימער זעען מיר אַ קאָלעקציע פלעשער פון פאַרשיידענע ווײַנען און קאָניאַקן מיט קאָלירטע עטיקעטקעס און אַ גרויסע צאָל פאַרשיידנפאַרביקע פאָלקס־שפּילצײַג. איליאַ ערענבורג איז אַ שטאַרקער ליבהאָבער פון קעראַמיק, פון רוסישן נאַציאָנאַלן שפּילצײַג און האַלץ־שניצערײַ. זײַן קאָלעקציע פּיפּקעס צום רייכערן איז ברייט באַוווּסט אין גאַנץ מאָסקווע. דאָס איז אַן אוניקאַלע זאַמלונג.

מיר זעצן זיך בײַ אַ קײַלעכדיקן טיש, אויף וועלכן עס שטייט אין אַ גרויסער וואַזע אַ בוקעט מיט בליִענדיקע אָרכידייען (הײַנט האָט מען צוגעשיקט אָט די מאַטאָנע פונעם באָטאַנישן גאָרטן) און באַנאַנד — פלעשעלעך און פּושקעלעך פון אונטער פאַרשיידענע רעפּועס (ווײַזט אויס, דאָ ניט לאַנג איז געווען דער דאָקטער).

מיר דערלאַנגען אונדזערע פון פריִער צוגעגרייטע פראַגן, נאָר ערענבורג פאַרלויפט אונדז דעם וועג. דערוויסנדיק זיך, אַז מײַן קאָלעגע איז פון בראַזיליע, נעמט ער זיך גלײַך אים אַטאַקירן מיט פראַגן: „און ווי לעבט דאָרט מײַן אַלטער פרײַנט זשאָרזשי אַמאַדו? וואָס האָט ער אָנגעשריבן נײַס? ווען קלײַבט ער זיך קומען קיין מאָסקווע?" ער דערמאָנט זיך וועגן זײַנע באַגעגענישן מיטן בראַזילישן שרײַבער, דערציילט, אַז ער האָט איבערגעלייענט אַלע זײַנע ווערק, וואָס זײַנען איבערגעזעצט אויף רוסיש, און אַז באַזונדערס געפעלן אים „גאַבריִעלאַ" און „די אַלטע יאַמליַט".

ער נעמט אַרויס פון שאַפע אַ גרויס הילצערן קעסטל מיט באַיִאַנער ציגאַרן. אויף יעדן ציגאַר איז אויף אַ פאַבריק־אויפן אָפּגעדרוקט די מאַרקע „איליאַ ערענבורג". דאָס איז אַ מאַטאָנע פון זשאָרזשי אַמאַדו. ערענבורג רייכערט אַ סך, קימאַט אָן איבעררײַס. דערבײַ האַלט ער פון ציגאַרן, פּיפּקעס, זעלטענער — סיגאַרעטן. ער האָט ליב שטאַרקן שוואַרצן קאַפע. שטאַרקער קאַפע, שטאַרקע סיגאַרעטן און באַנאַנד — טראָפּנס צום האַרצן — דאָס איז טיפּיש פאַר ערענבורגן.

אונדזער ערשטע פראַגע איז, נאַטירלעך, וועגן זײַן געזונט:

— ווי פילט איר זיך?

— אַזוי, ווי מע דאַרף זיך פילן בײַ 76 יאָר, ניט מער, ניט ווייניקער. נאָר איר וועט עס ניט פאַרשטיין, ווײַל אײַך איז נאָך זייער ווײַט צו מײַנע יאָרן.

— איבער וואָס אַרבעט איר איצט?

— איך שרײַב דאָס זיבעטע בוך פון די מעמואַרן „מענטשן, יאָרן, לעבן". דאָס בוך כאַפּט אַרום דעם פעריִאָד פון 1954 ביז 1964.

— וועגן וועמען קלײַבט איר זיך דערציילן אין אײַער נײַעם בוך?

— איך בין אַ ביסל אָבערגלויביק און האָב ניט ליב צו ריידן וועגן דעם, וואָס איז נאָך ניט אָפּגעטאָן.

— ווען שרײַבט איר — באַנאַכט, אינדערפרי אָדער באַטאָג?

— איך האַלט, אַז באַנאַכט דאַרף מען שלאָפן. איך אַרבעט אין פאַרלויף פונעם גאַנצן טאָג.

— וויִאַזוי שרײַבט איר — מיט אַ פּען, מיט אַ בלײַער אָדער גלײַך אויף דער מאַשינקע?

— גלײַך אויף דער מאַשינקע. דערפאַר, ווײַל די האַנטשריפט איז בײַ מיר אַזאַ שלעכטע, אַז איך קאָן אַליין ניט פאַנאַנדערקלײַבן, וואָס איך האָב אָנגעשריבן. איך דרוק אויף דער מאַשינקע, און טאַקע דאָ, אין גאַנג פון דער אַרבעט, מאַך איך אַ סך אויסבעסערונגען.

— צי פירט איר נאָטיץ־ביכלעך?

— ביז דאָ ניט לאַנג האָב איך געפירט, — ערענבורג באַווײַזט אַ גרויסע צאָל שיינע טעלעפאָן־ביכלעך אין לעדערנע טאָוולען. — זיי האָבן מיר געהאָלפן בײַם אָנשרײַבן די מעמואַרן. נאָר דער זיקאָרן איז אַ קאַפּריזע זאַך: אָפּט פלעגט טרעפן, אַז איך האָב אַליין זיך ניט געקאָנט דערמאָנען אָדער פאַנאַנדערשיפרירן מײַנע נאָטיצן.

ערענבורגס אַרבעטספײַקײַט איז אויסערגעוויינלעך. אין מאָסקווע איז דערשינען אין אַ טיראַזש פון 200 טויזנט עקזעמפּלאַרן אַ זאַמלונג פון זײַנע ווערק אין נײַן בענדער. נאָר דאָס איז בלויז אַ צענטכיילעך פון דעם, וואָס ער האָט געשאַפן. ער האָט אָנגעשריבן קימאַט הונדערט ביכער פון די סאַמע פאַרשיידענע זשאַנרען, און די צאָל העלדן פון זײַנע ווערק וואָלט געקאָנט באַטרעפן די באַפעלקערונג פון אַ דורכשניטלעך גרויסער שטאָט. בלויז זײַנע פריִע לידער פון די 10—20־ער יאָרן וואָלטן פאַרנומען דרײַ בענדער, און זײַן צײַטונגס־פּובליציסטיק — אַמווייניקסטנס 15 בענדער. פאַר די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע האָט ער אָנגעשריבן דרײַ טויזנט צײַטונגס־אַרטיקלען. ווי די קריטיקער מערקן אָפּ, האָט ערענבורג פאַר זײַן לעבן אַזויפיל אָנגעשריבן ניט דער־

פאַר, ווײַל ער שרײַבט גיך, נאָר דערפֿאַר, ווײַל ער שרײַבט שטענדיק.

באַזונדערס באַרימט איז זײַן אַנטיפֿאַשיסטישע פּובליציסטיק אין די יאָרן פֿון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע. אַלעקסאַנדער ווערט — דער מאָסקווער קאָרעספּאָנדענט פֿון דער לאָנדאָנער „סאַנדי־טײַמס“ אין יענע יאָרן — האָט געשריבן אין זײַן בוך „רוסלאַנד אין דער מילכאָמע פֿון די יאָרן 1941—1945“: „זייער אַן אַנגעזעענע ראָליע אין דער גרויסער שלאַכט פֿאַר אויפֿהייבן דעם מאָראַלישן גײַסט פֿון די סאָוועטישע מענטשן האָט אויך געשפּילט איליאַ ערענבורג: יעדער סאָלדאַט אין אַרמיי האָט געלייענט ערענבורגן; עס איז באַוווּסט, אַז די פּאַרטיזאַנער אינעם סוינעס הינטערלאַנד פֿלעגן גערן אויסבײַטן אַן איבעריקן אויטאָמאַט אויף אַ פּעקל אויסשניטן מיט זײַנע אַרטיקלען“.

דער צײַטונגס־אַרבעט האָט ערענבורג אָפּגעגעבן אַ סך קויכעס און יאָרן פֿון זײַן לעבן.

— וועלכע צײַטונגען לייענט איר טאָגטעגלעך? — פֿרעגן מיר ווײַטער דעם שרײַבער.

— די מאָסקווער „פּראַוודאַ“ און די פּאַריזשער „מאָנד“.

— וועמען פֿון די שרײַבער האַלט איר פֿון די בעסטע אויף מײַרעוו?

— סטענדאַל, עליואַר, דזשויס, העמינגווייַ און סטיינבעק.

— און ווי שאַצט איר אָפּ סטיינבעקס פּאָזיציע בענוגייע דער מילכאָמע אין וויעטנאַם?

— אָפּן גערעדט, האָט זײַן פּאָזיציע בײַ מיר אַרויסגערופֿן גרויס באַדויערן און כידעש. איך האָב זייער ליב סטיינבעקן אַלס שרײַבער, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז דאָס, וואָס ער טוט, געפֿינט זיך אין אַ גרויסן ווידערשפּרוך צו דעם, וואָס ער שרײַבט.

— צי זעצט איר פֿאָר אײַער געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעט אַלס מיטגליד פֿונעם אַלוועלטלעכן שאָלעם־ראַט?

— יאָ, און ניט נאָר אין דעם דאָזיקן ראַט, נאָר אויך אין אַ רײ אַנדערע צווישנפֿעלקערלעכע אָרגאַניזאַציעס, ווי, צום בײַשפּיל, „דער קײַלעכדיקער טיש פֿון אייראָפּע“. מײַן געזעלשאַפֿטלעכע הויפּט־אַרבעט אָבער איז די מיסיע פֿון אַ דעפּוטאַט פֿונעם סאָוועטישן פּאַרלאַמענט.

— באַקומט איר אַ סך בריוו? וועגן וואָס שרײַבט מען אײַך?

— אַן ערעך דרײַסיק בריוו אַ טאָג. אַלס קלאַל, אַנטהאַלטן צען פֿון זיי אָפּשאַצונגען פֿון מײַנע ווערק, אײַנדרוקן פֿון לייענער. די אַנדערע צען זײַנען געוויינלעכע מאַנוסקריפּטן פֿון יונגע שרײַבער אָדער פֿאַרשיידענע ביטעס פֿון מײַנע ווײלער, און, ענדלעך, איז אין יעדער פּאַטשט פֿאַראַן אַ באַשטימטער פּראָצענט בריוו פֿון גראַפֿאָמאַנען. כוץ די דאָזיקע לעצטע, אויף אַלע אַנדערע בריוו ענטפֿער איך אומבאַדינגט.

איליאַ ערענבורג האָט אַרומגערײַזט די גאַנצע וועלט.

— וואָס ברענגט איר אַהיים פֿון אײַערע צאָלרײַכע רײַזעס? — פֿאַרגיבן מיר אונדזער פֿאָלגנדע פֿראַגע.

— זוימען פֿון בלומען און פֿלאַנצונגען פֿון געוויקסן. איך בין אַ לײַדנשאַפֿטלעכער סאָדיצטלער. אויף מײַן דאַטשע הינטערן שטאָט איז פֿאַראַן אַ גרויסער סאָד און אַ ווינטער־אָראַנזשעריי, וווּ איך קאָווע געוויקסן פֿון די דאָרעם־לענדער. אַגעוו, האָב איך זייער אַ סך בלומען און ביימער פֿון לאַטײַן־אַמעריקע. פֿאַראַן בײַ מיר אַפֿילע אַ ניט־גרויסער קאַפֿע־בוים, וואָס זײַן פֿלאַנצונג האָט מיר אַמאָל געשאָנקען זשאַרזשי אַמאַדו.

— מע זאָגט, אַז בײַ אײַך איז אַ קאָמפּליצירטער כאַראַקטער? וואָס דענקט איר וועגן זיך אַליין?

— וואָס הייסט אַ קאָמפּליצירטער? איך האַלט, אַז בײַ מיר איז פּאָשעט אַ שלעכטער כאַראַקטער. דער דאָזיקער שלעכטער כאַראַקטער האָט מיר אָבער ניט געשטערט אופֿצוטאָן פֿאַרן לעבן עטלעכע גוטע זאַכן.

— וואָס איז אײַך נעענטער — בעלעטריסטיק, פּובליציסטיק, פּאָעזיע? צו וועלכער שפּעריִשער פֿאַרייניקונג פֿאַרעכנט איר זיך?

— איך בין פּאָשעט אַ מענטש, און, זײַט מויכל די באַנאַלקײַט פֿון די דאָזיקע ווערטער, אַלדאָס מענטשלעכע איז מיר ניט פֿרעמד.

„ביראָבידזשאַנער שטערן“

די ייִדישע שפּראַך האָט אַ פֿערטל מיליאָן ווערטער

בײַס אַן אופֿנעם אין ייִדישן שרײַבער־פֿאַריין אין טעל־אָוויוו האָט דער באַוווּסטער ייִדיש־פֿאָרשער פּראָפֿעסאָר יודל מאַרק, וואָס לעבט אין די פֿאַרייניקטע שטאַטן, געזאָגט צווישן אַנדערס:

„אין 1927 איז דערשינען אַלעקסאַנדער האַרקאַווים ווערטערבוך מיט בערעך 37 טויזנט ווערטער. אין 1950 איז דערשינען נ. סטוטשקאָווס „דער אויצער פֿון דער ייִדישער שפּראַך“, וואָס אַנטהאַלט שוין 65 טויזנט ווערטער. סטוטשקאָוו האָט געאַרבעט אויף זײַן „אויצער“ איינער אַליין און צוליב דעם ניט געקאָנט באַהערשן אַלע ייִדישע ווערטער.

מיר, די גרופּע ייִדישע לינגוויסטן באַם „ייִוואָ“, האָבן גערעכנט, אַז סטוטשקאָוו האָט דורכגעלאָזט לעכאָלהאַפּאַכעס מער פֿון אַ העלפֿט ייִדישע ווערטער, און אַזוי־אַרום האָבן מיר געהאַלטן, אַז דער עמעסער וואָרט־אויצער אונדזערער באַשטייט פֿון 135—150 טויזנט ווערטער.

אין גאַנג פֿון דער אַרבעט אויף דעם נײַעם ווערטערבוך האָט זיך אַרויסגעוויזן אונדזער פֿרישער טאָעס: די קאַרטאָטעקע פֿון דער רעדאַקציע ציילט שוין איצט 180 טויזנט ווערטער. אָבער באַ דעם בלײַבט עס ניט. איצט, נאָכן דערשײַנען פֿונעם ערשטן און צווייטן באַנד פֿון אונדזער ווערטערבוך, קאָן מען דרייסט רעכענען, אַז די ייִדישע שפּראַך פֿאַרמאָגט 250.000 ווערטער“.

„נײַע פּרעסע“, פּאַריזש

פאַרשיידנס

נאַפּאָלעאָן — אווטאָר פון דערציילונגען

עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז נאַפּאָלעאָן איז געווען אויך אַ שרײַבער. אין דער ביבליאָטעק אין קורניק (ניט ווײַט פון פּויזן) געפינט זיך אַ מאַנוסקריפּט פון זײַנער אַ דערציילונג. דאָס איז די געשיכטע פון דער ליבע צווישן דעזינדעריע קלאַרע און דעם יונגן נאַפּאָלעאָן, בײַס ער איז געווען אין מאַרסעל. נאָכן אָפּפאָרן קיין פּאַריז האָט אים דעזינדעריע באַפרײַט, ווי מע זאָגט, פון די טנאָים. טאַקע דעמלט האָט נאַפּאָלעאָן אָנגעשריבן די דערציילונג „קליסאָן און יעווגעניע“.

אין 1822 האָט דעם דאָזיקן מאַנוסקריפּט אײַנגעהאַנדלט דער פּוילישער גראַף טיטוס דזשאַלינסקי, דער באַלעבאָס פון קורניק. די לעצטע פיר זײַטלעך פון דער דערציילונג האָט געפונען אין 1955 יאָר אין ענגלאַנד אַ געוויסער דזש. ס. האָווארד.

אַ דענקמאָל דער ליד

ניט לאַנג צוריק איז אין דער פּוילישער שטאָט גאָגאָלינע געעפנט געוואָרן דער איינציקער אין דער וועלט דענקמאָל דער פאָלקסליד. אָפן שפּיץ פונעם דענקמאָל שטייען „קאַראָלינקאַ“ און „קאַרליק“ (באַוווסטע העלדן פון פאָלקסלידער). דאָס עפענען דעם דענקמאָל איז צונויפגעפאַלן מיטן צוזאַמענפאָר פון די כאָר־ און פאָלקס־קאָלעקטיוון.

געפונען אַ קיווער פון II יאָרהונדערט

אין דער טערקישער שטאָט קאָניאַ (צענטראַל־אַנאַטאָליע) איז געפונען געוואָרן אַ שטיינערנער קיווער, וועלכער שטעלט מיט זיך פאָר, לויט דער אָפּשאַצונג פון ספּעציאַליסטן, אַ זעלטן קונסט־ווערק. דער קיווער געהערט צום II יאָרהונדערט פון אונדזער ערע. ער איז געמאַכט פון אַ מאָנאָליטן גראַניט און וועגט באַ פינף טאָן. פון דרויסן איז דער קיווער באַפּוצט מיט באַרעליעף־געמעלן אָף די טעמעס פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע. די אַרכעאָלאָגן האַלטן, אַז אין קיווער איז באַגראָבן איינער פון די אַלט־גריכישע קריגספירער.

דרײַ צענט פאַר אַ וואָרט

ערלי סטענלי גאַרדנער, דער באַרימטער פאַרפאַסער פון דעטעקטיוון, דערציילט, ווי ער שרײַבט זײַנע ווערק: „ווען דער שרײַבער שרײַבט צו דרײַ צענט פאַר אַ וואָרט, איז ער בלויז פאַרינטערעסירט אין דער צאָל ווערטער. אגעוו, ווען איך שרײַב מײַנע ביכער, פאַרייניק איך די שרײַב־מאַשינקע מיט אַ צייל־אײַנריכטונג, אַזוי אַז די צאָל ווערטער ווערט רעגיסטרירט. איך צווינג מײַנע העלדן אַרויסלאָזן די ערשטע פינף שאָסן אינדערלופטן. איינמאָל האָט מיך דער פאַרלעגער געפרעגט, פאַרוואָס טרעפט ניט דער העלד אַזוי אָפט אין ציל. איך האָב אים געענטפערט: „ווען איך שרײַב: „באַך־באַבאַך“, באַקום איך 15 צענט. נאָר אויב איר מיינט, אַז מײַן העלד וועט ענדיקן די שיסערײַ, איבערלאָזנדיק 15 צענט אין דער ביקס־רער, זײַט איר אַ נאַר“.

אַ צײַטונג פון פּלאַסטמאַסע

דער צײַטונג „וואו ל'אָם גרענוי“, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן דורכן יוגנט־קלוב פון נאָרמאַנדיע (אַ ראַיאָן פון פראַנקרײַך), דראָעט ניט קיין געפאַר צעריסן ווערן אָף שטיקלעך, און די פוטבאָל־ליבהאָבער קאָנען מיט דערפאָלג זי אויסנוצן אַלס אַ שירעם בײַס אַ רעגן. זי ווערט געדרוקט אָף פּלאַסטמאַסע.

מע קאָן רעכענען, אַז אין דעם טאָג, ווען דער ערשטער נומער פון אָט דער ניט געוויינלעכער פּעריאָדישער אויסגאַבע איז דערשינען, האָט פּלאַסטמאַסע אָנגעהויבן אַרײַנדרינגען אינעם צײַטונגס־וועזן.

קינג־קאָנג איז שוין אַ קינדער־שפּיל...

שוין העכער פופציק יאָר, ווי אָפן אַמעריקאַנער קינאָ־עקראַן באַווײַזן זיך די אַזויגערופענע „שוידער־פילמען“. וואַמפּירן און מאָנסטרען, געשאַפענע דורך כאָסיירדייעדיקע געלערנטע און דערפינדער, האָבן זיך פעסט אײַנגעפונדעוועט אָפן אַמעריקאַנער קינאָ־ און טעלעוויזיע־עקראַן. די פּראָגרעסיווע קינאָ־קריטיקער האָבן נאָך אין אָנהייב פון די פופציקער יאָרן מיט אומרו אָפּגעמערקט, אַז אין דער פאַנטאַזיע פון די צושויער פון סאַמע פאַרשיידענעם על־

מע האַלט אין איין זוכן נויעכס טייווע

דער אַמעריקאַנער אַרכעאָלאָג און טעאָלאָג דזשאָן ליבי האָט ניט לאַנג צוריק באַנײַט — שוין צום זעקסטן מאָל — זײַן פּרוּוו צו געפינען נויעכס טייווע אָפן העכסטן באַרג פון טערקײַ.

דער דאָזיקער 71־יאָריקער אַרכעאָלאָג, טעאָלאָג און געשעפטסמאַן פון סאַן־פראַנציסקאָ איז שוין פינף מאָל אַרויפגעשטיגן אָפן שפּיץ פון באַרג אַראַראַט אָף אַ הייך פון 5164 מעטער, וואָס איז געווענדט צו דער מיזרעכדיקער גרענעץ פון טערקײַ מיטן סאָוועטנפאַרבאַנד, זוכנדיק די לעגענדאַרע טייווע. דאָס לעצטע מאָל האָט ער איבערגעריסן זײַן פּרוּוו אין 1965 יאָר איבער אַ שנײַ און אַ שטורעם, ווי אויך איבער אַ בער, וואָס האָט אים באַוואָרפן מיט אַ האָגל שטיינער, בײַס ער האָט געפּרוּווט זיך אַרופּדראַפּן איבערן טהאָם מיט דער הילף פון אַ שטריק.

ליבי טײַנעט, אַז ער האָט געפונען דאָס אָרט פון דער טייווע בײַס זײַן דריטן פּרוּוו צו דערגרייכן דעם שפּיץ פון באַרג אין 1958 יאָר, און ער האַלט, אַז די טייווע איז באַגראָבן אונטערן שניי.

טער ווערן די געשטאַלטן, געשאַפענע דורך די באַרימטע אַקטיאָרן אין די געוויינלעכע קינסטלערישע פילמען, מיט דערפאָלג אַרויסגעשטויסן דורך די „העלדן“ פון די „שווידער־פילמען“. קינג־קאָנג, איינער פון אָט די „העלדן“, האָט זיך פעסט באַזעצט אין די באַנאַכטיקע קאָשמאַרן פון די אַמעריקאַנער קינדער, אין די פינצטערע געהיימניסן פון זייערע הערצער.

און פונדעסטוועגן איז פאַר די לעצטע יאָרן אויסגעקומען קינג־קאָנגן און אַנדערע מאָנסטערן פון די „שווידער־פילמען“ אָפּגעבן זייערע פּאָזיציעס. אויף די קינאָ־עקראַנען האָבן זיך באַוויזן נײַע „העלדן“, אויפגעקומענע אַדאַנק די דערגרייכונגען פון דער וויסנשאַפט און טעכניק.

עס איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן אַ גאַנצע רײ וויסנשאַפטלעך־פאַנטאַסטישע (ריכטיקער, פּסעוודאָ־וויסנשאַפטלעך־פאַנטאַסטישע) פילמען, אין וועלכע ס׳ווערן באַוויזן שוידערלעכע בילדער פון אויפרײַסן פון אַטאָם־ און וואַסערשטאָף־באָמבעס, וואָס ברענגען אום די גרעסטע שטעט אין דער וועלט. דאָס אָרט פון די קאָשמאַרע ברואים אויף די קינאָ־עקראַנען און טעלעוויזיע האָבן פאַרנומען אויסערלעך סימפּאַטישע מענטשן, וואָס פאַרניכטן מיט אַ ליב שמייכעלע אויפן פּנים גאַנצע שטעט און לענדער. דער אַמעריקאַנער קינאָ־היסטאָריקער פּאָל צימערמאַן שרײַבט, אַז אָט די נײַע „העלדן“ וויקלען פאַנאַנדער פאַר דער מענטשהײַט נײַע „טאָפּאָגראַפישע מאַפּעס פונעם גענעם“, זיי סטאַרען זיך אײַנגאַנצן אַ טייל מאַכן פון דער מענטשלעכער נעשאָמע.

דער סאָד פון אַ פּאָטשט־מאַרקע

דער פילאַטעליסט נ. מאַל באַשרײַבט אין דער צײַטונג „וועטשערניאַיאַ מאָסקוואַ“ די געשיכטע פון איינער אַ סאָוועטישער פּאָטשט־מאַרקע, געווידמעט דעם רעוואָלוציאָנערן דעמאָקראַט, שרײַבער און פּובליציסט א. אי. הערצען. אויף דער מאַרקע איז געווען דער פּאָרטרעט, וואָס דער רוסישער קינסטלער נ. גע האָט אָנגעמאָלט צוריק מיט הונדערט יאָר. דער קינסטלער איז אין 1867 געווען אין פלאָרענץ, וווּהין ס׳איז געקומען אויך הערצען. בעשאַס זייער באַגעגעניש האָט דער קינסטלער געבעטן הערצענען פּאָזירן פאַר אים. דער פּאָרטרעט איז אָנגעמאָלט געוואָרן פאַר פינף סעאַנסן.

אין 1869 יאָר האָט נ. גע זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד. פירן מיט זיך דעם פּאָרטרעט פון הערצענען, וועמעס נאָמען ס׳פלעגט אָנוואַרפן אַ שרעק אויף די צאַרישע טשינאָווניקעס, איז געווען אַ שווערע זאַך. דער קינסטלער האָט געפונען אַן אויסוועג — ער האָט פאַרקלעפּט דעם פּאָרטרעט מיט אַ בויגן גראָב פּאַפּיר און אָנגעמאָלט אויף אים דאָס בילד פון מוישע־ראַביינו.

די קירצסטע און לענגסטע נעמען

די ספּעציעלע אויספאָרשונג, וואָס ס׳האָבן געמאַכט ניט לאַנג צוריק ענגלישע זשורנאַליסטן, האָט באַוויזן, אַז די קירצסטע אין דער וועלט פאַמיליע באַשטייט סאַכאַקל פון איין בוכשטאַב. דאָס איז די פראַנצויזישע פאַמיליע אָ. דער קירצסטער געאָגראַפישער נאָמען איז אויך אין פראַנקרײַך — דאָרט איז דאָ אַ דאָרף, וואָס הייסט אי. דערפאַר איז דער לענגסטער געאָגראַפישער נאָמען געפונען געוואָרן אין אַן „אַנדער עק וועלט“ — אין נײַזעלאַנד. דער נאָמען באַשטייט פון 85 בוכשטאַבן, און אין דער פּינקטלעכער איבערזעצונג באַטײַט ער: „אַ שטאָט, וווּ טאַמאַטעאַ, אַ מענטש מיט לאַנגע פיס, וועלכער האָט אויסגעגלײַכט פליינען און וועלכן מע האָט גערופן ערד־עסער, האָט געשפּילט אויף זײַן באַליבטער פלייט“. דער לענגסטער פּרויען־נאָמען איז באַוווּסט אויף די האַוואַיער אינדזלען — בלויז קאָנסאָנאַנט־בוכשטאַבן אַנטהאַלט ער 85.

צו וואָס קאַרגשאַפט ברענגט

גאַנצע דרײַ יאָרהונדערטער איז געזאַמלט געוואָרן די מאַנוסקריפּטן־קאָלעקציע אויף דער שפּראַך אורדו, אויף אַראַביש, פּערסיש און אַנדערע שפּראַכן. דאָס איז געווען איינער פון די ווערטפולסטע אוצרות באַם דאָ ניט לאַנג פאַרשטאָרבענעם כײַדאַראַבאַדער ניזאַם. ווי עס פּאַסט פאַר יעדן קאַרגן ריטער, האָט ער קיינעם ניט דערלויבט אפילע אַ קוק טאָן אויף זײַנע רײַכטימער. עטלעכע מאָל האָבן די גרעסטע אויטאָריטעטן אין געביט פון דער אַראַבישער און פּערסישער ליטעראַטור געווענדט זיך צום ניזאַם, ער זאָל געבן אַ מעגלעכקײַט כאָטש צונויפשטעלן אַ צעטל פון דער מאַנוסקריפּטן־קאָלעקציע, נאָר דער ניזאַם האָט עס ניט דערלויבט.

אין צוויי כאַדאָשים אַרום נאָך זײַן טויט האָט דער יורש זײַנער פעסטגעשטעלט, אַז אַ סך מאַנוסקריפּטן זײַנען אויפגעגעסן געוואָרן דורך די טערמיטן.

וויפל ביכער איז פאַראַן אין אייראָפּע?

אויף אָט דער פראַגע האָט זיך אונטערגענומען ענטפערן דער ענגלישער פאַרלאַג „מענסעל אינפאָרמיישן פּאַבלישינג קאָמפּאַני“, וועלכער האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ קאַטאַלאָג פון אַלע ביכער, וואָס זײַנען אַרויסגעלאָזט געוואָרן אין מײַרעוו־אייראָפּע, פון זינט ס׳איז דערפונדן געוואָרן דאָס ביכער־וועזן.

די אויסגאַבע וועט אײַנשליסן אַרום 13 מיליאָן נעמען און וועט באַשטיין פון 610 בענדער צו 700 זײַטן יעדערער. די אַרבעט איבערן גיגאַנטישן קאַטאַלאָג וועט דויערן 12 יאָר.

די צײַטונג „פיגאַראָ ליטערער“, ברענגענדיק אָט די ציפערן, באַמערקט שאַרפזיניק, אַז ס׳איז נאָך ניט באַוווּסט, וויפל טויזנטער סעקרעטאַרן ס׳וועט אויסקומען דינגען דעם פאַרלאַג, קעדיי ענטפערן אויף די צאָרנדיקע בריוו פון די אויטאָרן, וועלכע מ׳וועט פאַרגעסן אַרײַנטראָגן אינעם קאַטאַלאָג.

נאָטיצן
פון א יידישן בוקיניסט

מיכל גאָרדאָן און זײַן „די באָרד און דערצו נאָך אנדערע שיינע יידישע לידער“

אין 1939 איז אין מאָסקווער פארלאג „דער עמעס“ דערשינען א בוך א. נ. „פארגעסענע לידער“. דער ליטעראטור־פאָרשער י. רימיניק האָט, צווישן אנדערע ליטעראַרישע ווערק פונעם XIX יה., איבערגעדרוקט דאָרט אויך די לידער פון מיכל גאָרדאָן.

צי איז אָבער ריכטיק, אז מיכל גאָרדאָנס לידער, וועלכע האָבן „הויך און ערנסט, טיף און שטארק אמאָל געקלונגען“ (פרוג), צי זײַנען זיי טאקע אינגאנצן פארגעסן געוואָרן?

וועגן דעם, ווי עס זײַנען זײַנערצײַט פּאָפּולער געווען מיכל גאָרדאָנס לידער, שרײַבט י. דינעזאָן: „נאָך איידער די וועלט האָט גאָלדפאדענס לידער דערקענט, זײַנען שוין באַקאנט און מיט ליבע אָנגענומען געוואָרן די לידער פון אונדזער עלטערן און ערלעכסטן פאָלקס־דיכטער מיכל גאָרדאָן. און ווער האָט נאָך הײַנט פארגעסן זײַנע ליבע און קלוגע לידער?.. אלע וויסן זײַנע לידער, אלע זינגען נאָך אדהײַעם: „דאָס ליד פון דער שטיפמוטער“, „דאָס ליד פון דער מאשקע“, „דאָס ליד פון אווראָם באָרשט“, „דאָס ליד פון די צוויאַקעס“, און פון „דער באָרד“ און זײַן איראָניש ליד פון דעם „ווידע“ און נאָך אזעלכע לידער, וואָס זײַנען דעם פאָלקס אייגנס געוואָרן“... („די ייִדישע שפראך און אירע שרײַבער“, 1888).

אויך אין די שפּעטערדיקע דורעס זײַנען מיכל גאָרדאָנס לידער ניט פארגעסן געוואָרן. דעם ווײַט גרעסטן טייל פון זײַן ערשטן בוך „די באָרד און דערצו נאָך אנדערע שיינע לידער“, וואָס איז דערשינען מיט 100 יאָר צוריק אין זשיטאָמיר, האָט זיך דאָס פאָלק אינגאנצן צוגעייגנט. דער נאָמען פון דעם אווטאָר איז עפשער טאקע געבליבן פארהוילן, אָבער זײַנע לידער זײַנען דערגאנגען אפילע ביז צו אונדזערע טעג.

מיכל גאָרדאָן איז ניט נאָר געווען דער אווטאָר, נאָר אויך דער ערשטער אויספילער פון זײַנע אייגענע לידער. ער איז א טיפּישער פאָרשטייער פון דעם דאָר שרײַבער, וואָס איז אופגעקומען אין די זעכציקער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט. אויך ער האָט געוואָלט דעם ייִדן „בעסער, קליגער און נוצלעכער מאכן“. זײַן שאפן איז אינגאנצן פרײַ פון דער טרוקענער און ראציִאָנאליסטישער דידאקטיק, וואָס איז אזוי כאראקטעריסטיש פאר א סאך שרײַבער פון יענער צײַט. די לידער זײַנע זײַנען אין טאָך מאָנאָלאָגן, אין וועלכע דער פאָלקס־מענטש רעדט זיך אליין אראָפּ פונעם הארצן. דער שרײַבער האָט זיך אזוי אידענטיפיצירט מיט זײַנע העלדן, אז עס איז קימאט ווי אָפּגעווישט יעדע מעכיצע צווישן זיי. די אינדיווידואליטעט פונעם שרײַבער דערפילן מיר דעריקערשט אין דעם אויפן, ווי ער דיפערענצירט די שפּראך פון די געשטאלטן. די סאַטירע קומט, אזויארום, פון אינווייניק. דער שרײַבער האָט באוויזן זיך אזוי קונציק צו „פארמאסקירן“, אז דאָס פאָלק האָט ניט דערפילט קיין „זײַטיקע האנט“. מיט דעם איז אויך צו דערקלערן, וואָס זײַן ערשטן בוך לידער האָט מיכל גאָרדאָן אָפּגעדרוקט אנאָנים.

אפילע אין זײַנע אויסגעשפּראָכענע טענדענציִעזע לידער „דער ייִד אין גאָלעס“ (1865), „שטיי אוף, מײַן פאָלק“ (1869) שטראָפט ער קיינעם ניט און מוסערט ניט. אין א גוטן און פרײַנטלעכן טאָן רופט ער, מאָנט און וועקט:

שטיי אוף פון געלעגער און
שטעל זיך אנידער,
אזוי ווי אלע מענטשן גלײַך
אוים דײַנע גלידער...

— — — — — — — — —

שטיי אוף, מײַן פאָלק, גענוג
דיר שלאָפן...

ער האָט געמוטיקט דאָס פאָלק, עס זאָל, טראָץ אלע צאָרעס און גזיירעס, ניט פארלירן דעם גלויבן אין בעסערע צײַטן, ווײַל:

איצט זײַנען שוין אלע
פעלקער קליגער געוואָרן,
עס וועלן באלד אוועק די
פינצטערע יאָרן...
באלד ביסטו גערעכנט א
קינד פון דעם לאנד,
באלד גיבן דיר אלע, ווי
ברידער, די האנט...

מיכל גאָרדאָן איז זײַן גאנץ לעבן געבליבן געטרײַ אָט דעם אָפּטימיזם. אויך אין די פּאָגראָם־צײַטן פון די אכציקער יאָרן האָט ער זיך ניט אָפּגעזאָגט פון די ווערק, וואָס ער האָט געשריבן אין דער „וועסנעצײַט“ פון ייִדישן לעבן אין רוסלאנד. ער האָט זײַנע לידער אפסנײַ איבערגעדרוקט, מאכמעס ער האָט געהאלטן, אז זיי האָבן אויך אין די שווערע רעאקציע־יאָרן „ניט פארלאָרן זייער טאם, זייער ווערט, ווײַל דיזע מײַלעס דארף דער מענטש אין אלערליי צײַטן, העט אין די גוטע, העט אין די שלעכטע“...

מיכל גאָרדאָן האָט קיינמאָל ניט פארלוירן דעם גלויבן, אז די גאנצע וועלט —

צום פרײַען לעבן איז זי
באשטעלט,
צו אלע מענטשן, קליין און
גרויס, —
איין פראווע האָבן זיי אין דער
וועלט.

און אפילע דאן, ווען א טייל פון דער ייִדישער אינטעליגענץ האָט זיך פארלוירן און אָנגעהויבן רופן צוריק אין געטאָ, האָט מיכל גאָרדאָן געהאט מוט צו שרײַבן:

איך האָב דיר געזאָגט און זאָג
דיר ווידער:
דו זײַ א ייִד, נאָר ווייס,
פאַרשטיי,
אַז אַלע מענטשן זײַנען ברידער,
איין גאָט, איין פאָטער האָבן
זיי.

ווי נאָענט די שורעס רופן זיך איבער מיט י.־ל. פּערעצעס באַרימטער ליד:

אַלע מענטשן זײַנען ברידער
פון איין טאַטן, פון איין מאַמען!

פאַרשטייט זיך, אַז די צײַט־געשעענישן האָבן ניט אויסגעמיטן אויך מיכל גאָרדאָנען. קיין קלאָגער און באַוויינער איז ער טאַקע ניט געוואָרן, אָבער אָנשטאָט דער אויסשליסלעך געזעלשאַפטלעכער טעמאַטיק, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר זײַן ערשטן פּעריאָד, האָט ער אין די לעצטע יאָרן זיך אַלץ מער פאַרטיפט אין זיך. אָבער אויך אין זײַן פּערזענלעכער ליריק האָט מיכל גאָרדאָן זיך דערהויבן צו ברייטע פאַראַלגעמיינערונגען:

עס טוט אַמאָל פון יאַם א
שפּריץ
א טראָפּן וואַסער פאַרן זונען־
שײַן
און פאַלט געשווינד, אַזוי ווי א
בליץ,
צוריק אַראָפּ אין יאַם אַרײַן.

אַזוי איז מײַן קורצע לעבנס־
צײַט,
אַזוי איז מײַן גלענצנד לעבנס־
גליק,
עס גייט נאָר פּלוצלינג אַרויס
פון אייביקייט
און פאַלט אין אייביקייט
געשווינד צוריק.

לויט זײַנע שעפערישע האָריזאָנטן איז מיכל גאָרדאָן ענלעך צו די גאַליציאַנער בערל בראָדער און וועלוול זבאַרזשער. די לעצטע אָבער האָבן, אַדאַנק זייער רעליעפער בילדערישקייט און גראָטעסק, מער באַפרוכפּערט די גאָלדפאַדעניש־טעאַטראַלע ריכטונג, אין דער צײַט, ווען מיכל גאָרדאָן איז אַרויף אַף די וועגן פון דער מאָדערנער ייִדישער פּאָעזיע.

ליזער פּאָדריאַטשיק

נײַעס פון אויסלאַנד

א ייִדישער פּאַוויליאָן אין אָשווענטשים

אין אָשווענטשימער מוזיי ווערט אויסגעטיילט א ספּעציעלער פּאַוויליאָן פאַר אַן אויסשטעלונג, געווידמעט דעם קאַמף און דער מאַרטיראָלאָגיע פון די ייִדן אין די אָקופּירטע דורך די היטלעריסטן אייראָפּעיִשע לענדער.

דער פּאַוויליאָן וועט זיך געפינען אינעם בלאָק נומ. 27, אין 8 זאַלן. די עקספּאָנאַטן וועלן שאַפן די אָפּטיילן: ראַסיזם און אַנטיסעמיטיזם אַלס איינע פון די וויכטיקסטע עלעמענטן פון דער היטלעריסטישער פּאָליטיק; די ערשטע עטאַפּן פון דער ייִדישער מאַרטיראָלאָגיע (דאָס אײַנפירן די געלע לאַטע, געטאָס, אַרבעט־לאַגערן, צוואַנגס־אַרבעט); דאָס קולטור־לעבן, דאָס ליטעראַרישע שאַפן, ווי אויך די זעלבסטהילף אין די געטאָס; הילף מיצד דער אָרטיקער באַפעלקערונג; דעפּאָרטאַציע אין די טויט־לאַגערן און הילף מיצד דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. אין אַנדערע אָפּטיילן וועט באַוויזן ווערן דער אָנטייל פון די ייִדן אינעם קאַמף קעגן די היטלעריסטישע אָקופּאַנטן אין וואַרשעווער, ביאַליסטאָקער, טשענסטאָכאָווער, טאַרנאָווער, בענדינער און אַנדערע געטאָס און אין די טויט־לאַגערן פון טרעבלינקע, סאָביבאָר, אָשווענטשים, טראַווניקי, פּאָניאַטאָוו, דער אָנטייל פון די ייִדן אין די פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן און אין די רעגולערע אַרמייען פון די פאַרבינדעטע מעלוכעס.

אַף די סטענדן פון דער אויסשטעלונג וועלן דעמאָנסטרירט ווערן פיל מאַטעריאַלן און דאָקומענטן פון די אַרכיוון פון וואַרשעווער ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט, פון דער הויפּט־קאָמיסיע צו פאָרשן די היטלעריסטישע פאַרברעכנס אין פּוילן, דאָקומענטן און עקספּאָנאַטן פונעם מעלוכישן מוזיי־אַרכיוו אין אָשווענטשים, ווי אויך מאַטעריאַלן פונעם ייִדישן דאָקומענטאַציע־צענטער אין פּאַריזש.

די עקספּאָזיציע פון דער אויסשטעלונג האָט אַפּן סמך פון א פּראָיעקט, וועלכן עס האָבן אויסגעאַרבעט דער פאַרשטאָרבענער פּראָפעסאָר בער מאַרק און דער וויסנשאַפטלעכער מיטאַרבעטער פון וואַרשעווער ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט א. רוטקאָווסקי, צוגעגרייט דער שרײַבער טאַדעוש האָלוי, א געוועזענער געפאַנגענער פון אָשווענטשימער לאַגער. די אַרכיטעקטאָניש־פּלאַסטישע אויספּאָרמירונג גרייט דער באַוווּסטער קינסטלער וויעלהאָרסקי.

דאָרע טייטעלבוימס פּאָעמעס וועגן וויעטנאַם

אין פּאַריזש איז דערשינען א זאַמלונג לידער און פּאָעמעס אונטערן נאָמען „געזאַנגען פאַר וויעטנאַם“, אין וועלכער עס זײַנען פאַרטראָטן 75 דיכטער פון 26 לענדער.

אין דער זאַמלונג זײַנען אײַנגעשלאָסן צוויי פּאָעמעס פון דער פּראָגרעסיווער ייִדישער דיכטערן דאָרע טייטעלבוים.ביידע פּאָעמעס האָט איבערגעזעצט אַף פראַנצויזיש שאַרל דאָבזשינסקי.

דער מײַסטער פון דער ליד

לייב קוויטקאָ. געקליבענע ווערק. פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל“, 1967, מאָסקווע.

מײַן „זילבערנע כאסענע“ מיט לייב קוויטקאָס ווערק איז שוין איצט א גאָר ווײַטע פארגאנגענהײַט. איך האָב פון מײַן פריִער יוגנט אָן שטארק ליב געהאט און האָב ביז הײַנט ליב אָט דעם וווּנדערלעכן דיכטער פאר זײַנע לידער, וואָס זײַנען ווי ניט דורך קיין מענטשן אָנגעשריבן, נאָר זיי זײַנען, דאכט זיך, פון זיך אליין געבוירן געוואָרן: קילבלעכע, ווי עפּל אף א בוים, פרישע, ווי טראָפּנס רעגן אף ערשט אָנגעגלאָזטע פענצטער.

קינדער, די גרעסטע מעווינים אף דיכטונג, הערן זיך צו מיט זייערע ציטעריקע וועזנס צו לייב קוויטקאָס א קינדער־ליד, פארגעדענקען זי גרינג, ווײַל קוויטקאָ נארט זיי קיינמאָל ניט אָפּ, קרימט ניט איבער, כאָלילע, זייערע באוועגונגען און זייער לאָשן.

און — צי גייט דען נאָר אין לאָשן?

דאָ גייט, ווי אונדז דאכט, אין דעם, וואָס לייב קוויטקאָ האָט מיט זײַן שיין געטאָקט קינסטלעריש וואָרט יאָרנלאנג געמויערט א מעכיצע־וואנט צווישן דער אזויגערופענער ביכל־ליטעראטור און צווישן דעם עמעסן ערדישן לעבן.

לייב קוויטקאָ האָט מיט דער פולער האנט א שאָט געטאָן דער וועלט זײַנע טײַערע פּערל, אזעלכע לידער, ווי „לעמל נאשער“, „פון בעמבע קיין דרעמבע“, „פּײַפעלעך“, „האסטיק־לאסטיק“, „דאָס כאזערל עסט, מע זאָל עס עסן“, „מײַן מעסערל“, „דאָס ערשטע יאָדליקל“, „קרויט“, „די הון“ און נאָך א סאך וואָרט־בריליאנטן. שוין אליין דער נוסעך פון יעדער קוויטקאָס ליד צווינגט מיטגיין מיטן דיכטער אין זײַן וועלט ארײַן, וווּהין ער פירט אײַך. און די וועלט, לייב קוויטקאָס, איז אזא נאָענטע, א רעאלע, קיין סימען פון צוגעקלערטקײַט און קינסטלעכן אויסדאכט.

קוויטקאָ לייקנט אָפּ מיט זײַן ארט שרײַבן פּוסטע דיכטערישע „אקראָבאטיק“, ווי ראפינירט, קלוג, קונציק די ליד זאָל ניט זײַן אָנגעשריבן. קוויטקאָס פּערז איז ווילקלינגעוודיק, אָבער ניט אינהאלטלאָז, שיין דיכטעריש, אָבער ניט קינסטלעך ארײַנגעצויגן אין דער ליד ארײַן פאר די אויערן צוליב קלוימערשטער „שיינקײַט“. דאָס איז פּאַשטעס און יוּוועליר־ארבעט.

און ווען?.. ווען קוויטקאָ שרײַבט אפילע וועגן א שטרוי:

סע גייט א שטרוי, א לאנגע שטרוי —
היי, היט זיך, ווער ס'איז אין וועג!
זי הייבט זיך אוף, זי גייט אזוי,
ווי גלײַך אין א געשלעג!

זי שטעלט זיך אוף און וואלגערט אום
און רײַסט זיך דורכן גראָז.
היי, היט זיך, קריכט דאָ ניט ארום,
ווער שוינען ס'וויל די נאָז!

עס גייט א שטרוי! ווי קאָן עס זײַן,
א שטרוי זאָל גיין, נו, זאָגט?
ווער זאָגט עס דען? ס'א מערעשקע,
א מערעשקע זי טראָגט!

פון אונטער שטרוי מע זעט זי קוים;
דאָס ברעקל טראָגט דעם ריז!
נאָר אויב דאָס ברעקל טראָגט די שטרוי,
איז ווער איז דאָ דער ריז?!

די שטרוי איז טאקע מער ווי מער!
די מי איז זייער גרויס!
נאָר ווער פארטראכט זיך — גרינג צי שווער,
ווען בויסטו זיך א הויז!

(א ריז. זײַט 122).

איך האָב בעקיוון ציטירט אָט די גאנצע ליד, קעדיי נאָכאמאָל אונטערשטרײַכן, אז לייב קוויטקאָ איז ניט דער שעפער פון פאָרמלאָזער דיכטונג, ער איז בעפּייַרעש א ווירטואָזער מײַסטער פון וואָרט. ער איז ניט דער האָלץ־העקער, וואָס קומט צום בוים אים אונטערזעגן און אויסהייצן דעם אויוון אף אָפּקאָכן א טאָפּ קארטאָפל. ער איז א „קראסנאָדערעווטשיק“, וואָס שניצט פון פראָסט האָלץ אויסערגעוויינלעך מעבל, —

אינעם דרויסן שטייט דער פראָסט,
ווי ער שטייט, אזוי זיך שטייט ער,
גייסט ארויס צו אים — ער לאָזט,
נאָר ווו דו גייסט, אהינצו גייט ער.
האָט מען וועש ארויסגעהאנגען,
איז דער פראָסט דאָס וועש באפאלן
און באשיט עס מיט קריסטאלן.
האָט מען וועש ארויסגעהאנגען —
כאפּט דער פראָסט און מאכט עס הארט,
הארט און פראָסטיק און פארדארט.
ווי ס'איז אופגעהאנגען.
שטעל אוועק דאָס וועש —
עס שטייט.
טו א שטופּ דאָס וועש —
עס גייט.
עס איז אוועקגעגאנגען!

(פראָסט־ליד. זײַט 164)

מערקווירדיק, ווי קוויטקאָ קען די פּסיכאָלאָגיע פון קינד, ווי ער היט זיך מיט אלע קויכעס ניט אָנבינדן דעם קינד קיין מאָגערע און אויסגעדיייווערטע סכאָלאסטיק.

קוויטקאָ איז אַן אויסגעצייכנטער פּעדאַגאָג. ער לערנט דאָס קינד ברייט עפענען די אויגן, ליידנשאַפטלעך ליב האָבן די נאַטור, די וועלט פון כייעס און פייגל, די ניט־אַנטפּלעקטע (ניט נאָר פאַר קינדער) געוויקסן־וועלט. ער פרעגט און ענטפערט. ער נעמט מיט דאָס קינד אונטערן וואַסער און שוועבט מיט דעם פאַרשייט אין טרוים פון זיינע דיכטערישע זעונגען.

איך טראַכט, אַז נאָך יִיצחאָק־לייבוש פּערעצן איז קיין גרעסערער קינדער־דיכטער, ווי קוויטקאָ, באַ ייִדן ניט געווען און איז ניטאָ.

א רעגן! א רעגן!
סע גיסט מיטאַמאָל,
אי רינוועס, אי ריטשקעס
פון באַרג און אין טאָל.
סיי ביימער סיי טוועס —
זיי ציטערן נאַס,
קיין מענטשן, קיין פייגל,
קיין הינט ניט אין גאַס.
און איינס נאָר א זשוקל
מיט פיסעלעך רויט —
עס דרייט זיך מיט ריטשקעס
און שפּילט מיטן טויט.

און ווייטער ווערט דערציילט, ווי א שווימענדיק שפּענדל ראַטעוועט דאָס אומגליקלעכע, זיך טרינקענדיקע זשוקל, דאָס שפּענדל, וואָס האָט זיך צו א שטיבל צו־געשלאָגן, ווו ס׳וווינט א מישפּאָכע

מיט קינדערלעך דריי,
זיי כאַפּן דאָס זשוקל
און לאָזן עס פריי.

(דאָס זשוקל. זייט 148).

די מערהייט קוויטקאָס לידער הייבן זיך אָן פון שיל־דערן די פאַרשייטקייט פון א קינד, דעם קינדס געמיט, זיין בילדעריש לאָשן:

אָנגערוקט דאָס היטל,
א נעם געטאָן דאָס שליטל,
צו דעם באַרג דאָרט מיטאַמאָל —
און פון דאָרט אין טאָל.
כ׳קען זיך שליטלען ליגנדיק
און זיצנדיק און וויגנדיק,
אויך אָף אַלע פיר —
ווי סע גלוסט זיך מיר.

(מיטן שליטל. זייט 167).

אָדער:

האַסטיק־לאַסטיק
צי זיך אויס,
טו זיך אָן באַלד,
גיי אַרויס!
ווייל דער טאָג דאָך
האַלט שוין ווייט,
טאַנצט און פּילדערט
שוין א צייט.

(האַסטיק־לאַסטיק. זייט 142).

אָט די לידער און ענלעכע צו זיי זיינען פּאַשעט אַראָפּגענומען פון די ליפּן באַם קינד און אים זיי לויטער אומגעקערט.

און דאָס איז גאָר ניט פון די גרינגע זאַכן.

לייב קוויטקאָ איז א גרונטלייגער פון דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג. ער האָט געשאַפן די ערשטע פּאָע־מע וועגן דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע —

אַקסל דיינער,
אַקסל מיינער,
ביידע רירן זיי זיך אָן.
אונדזער מיזרעך איז צעפּלאַקערט,
גלי צעאַקערט,
פלאַם צעפּלאַקערט,
און מיר גייען אינעם פלאַקער,
און עס פייערט אונדזער פאָן;
וועלט אין שימל,
לאַנד און לענדער
אונטער טונקעלען אַלטן הימל —
ס׳הייבט זיך אָן!
ס׳הייבט זיך אָן!

(אין רויטן שטורעם. זייטן 355—356).

אין זיינע געזונטע „פּלעבייִישע" לידער האָט לייב קוויטקאָ אַריינגעהויכט דעם הייסן אָטעם פון דער גרוי־סער רעוואָליוציע און דערביי דעקלאַרירט:

איך בין צוגעבונדן צו מיין גרויסן היינט,
דער דעמב, מיין פריינט,
האָט מיר פאַרשמעקט מיט זיינע וואָרצלען.

(איך בין צוגעבונדן. זייט 351).

און וואָלט עס קוויטקאָ ניט דעקלאַרירט, וואָלט מען אים סיי־ווי־סיי געגלייבט, ווייל זיין גאַנצע שאַפונג איז וועגן אופגייענדיקן דאָר, וועגן רייכן יוגנט־אויצער, וואָס ער האָט א גאַנץ לעבן אַזוי שיין דורכגעטראָגן:

מיר, די יונגע, קומען שטייפע,
בלוט און פייער — יונגלייט!
זעט, מיר מאָלן אויס א לעבן,
פריי די פאַרבן, קלאָר די ווייט:
קראַפט פון אַרבעט — ניט קיין שלאַבער;
לעבנס־פריידן — ניט קיין קרעכץ.
ווער סע קאָן ניט זון דערגרייכן,
ווערט פאַרסאַרפעט און צעלעכצט.
גייט אייך, גייט געזונטערהייט,
גייט אייך מיטן טאָג אַוועק,
דאָ ניטאָ פאַר אייך קיין פרייד,
פּלאָנטערט זיך ניט אָפּן וועג!

(גייט אייך. זייט 435)

אָדער:

יוגנט האָב איך,
די יוגנט איז מיין גרויסער, גרויסער אויצער,
טרוימען דאָרט, און דימענטן, און שטראַלן
ציען, ציען זונען־סטרונעס אויס,
שפּילט מיט צאַרטע פינגערלעך אָף זיי
מיין יוגנט־פרייד...
און אַז די הענטעלעך פון פרייד
שיטן פערלעלעך פון איינס און צוויית,
גייט א טענצעלע אין מיר
מיין יוגנט־האַרץ...

(מיין אויצער, זייט 422).

אָט אַזאַ איז לייב קוויטקאָ. אַזאַ האָב איך אים געוווּסט באַם לעבן: ער האָט געקענט א שמייכל טאָן אין א האַרבסטיק־וואָלקנדיקן טאָג, און די זון זאָל אופגיין.

מאָטל גרוביאַן

כראָניק

אונדזערע לייענער טײלן מיט:

ארן ווינקאָוועצקי, דאָוויד טײַטלבוים (לענינגראַד). פינף טעג איז געווען צוגאַסט אין לענינגראַד דער ייִדישער אַנסאַמבל פון ליד און טאַנץ און דער ייִדישער פאָלקס־טעאַטער פון ווילנע.

די ווילנער זעלבסטעטיקע קאָלעקטיוון האָבן באַוויזן דעם ספּעקטאַקל „פרײלעכס" (רעזשי פונעם פאַרדינסטפולן קונסטטוער פון דער ליטווישער רעפּובליק ב. לוריע) און אַ קאָנצערט־פּראָגראַם.

מעשולעם סורקיס (טשערנאָוויץ). טויזנטער צושויער האָבן באַזוכט סאָפיע סײַטאַנס פאָרשטעלונגען פון דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג. דער עולם, ווי אויך די היגע פּרעסע, האָבן זיך באַגײַסטערט אָפּגערופן וועגן דער מײַסטערשאַפט פון דער אַקטריסע.

ז. דאָבקין (באַקו). לעצטנס האָט דאָ גאַסטראָלירט דער לענינגראַדער ייִדישער אַנסאַמבל פון קאָמעדיע און וואָדעוויל, וועלכער האָט באַוויזן זײַן פּראָגראַם „קאַסרילעווקער גליקן".

די ייִדישע צושויער פון באַקו האָבן וואַרעם אופגענומען די אַרטיסטן פון לענינגראַד און זיי געווונטשן באַרײַכערן דעם רעפּערטואַר מיט סוזשעטן פון דער הײַנטצײַטיקייט.

ז. ראָזענפעלד (כאַבאַראָווסק). ערעוו נײַ־יאָר איז צו אונדז צום דריטן מאָל געקומען צו פאָרן דער ביראָבידזשאַנער ייִדישער פאָלקס־טעאַטער. דער זאַל פונעם היגן טעאַטער פון מוזיקאַלער קאָמעדיע, ווו די ביראָבידזשאַנעס זײַנען אַרויסגעטראָטן, איז געווען איבערפולט. די ספּעקטאַקלען „דאָס גרויסע געווינס" און „הערשעלע אָסטראָפּאָליער" האָבן באַזוכט ניט בלויז ייִדן, נאָר אויך רוסן, אוקראַינער.

אַן אַקאַדעמיש ווערטערבוך פון די טשוקטשן

דער לענינגראַדער געלערנטער פּראָפעסאָר אינענליקיי פאַרענדיקט צונויפשטעלן אַ טשוקאָטיש־רוסיש ווערטערבוך. די דאָזיקע אַרבעט וועט אַנטהאַלטן 80 טויזנט טשוקאָטישע ווערטער און וואָרט־אויסבילדונגען. אינענליקיי איז אַ מיטאַרבעטער פונעם אינסטיטוט פאַר שפּראַך־קענטעניש פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פססר. ער איז דער ערשטער טשוקאָטישער געלערנטער, וואָס האָט פאַרטיידיקט אַ דיסערטאַציע פון אַ קאַנדידאַט פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן.

נײַעס פון אויסלאַנד

וויכטיקע אופטוען

אין סאָפיע איז פאָרגעקומען אַ פּלענום פון דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג און פונעם אויספיר־קאָמיטעט פון דער ייִדישער קולטור־ און בילדונגס־געזעלשאַפט אין בולגאַריע. אין דער אַרבעט פונעם פּלענום האָט זיך באַטייליקט אויך די רעדקאָלעגיע פון דער סאָפיער צײַטונג „יעווריייסקי וועסטי".

מיט אַ באַריכט איז אַרויסגעטראָטן דער פאָרזיצער פונעם אויספיר־קאָמיטעט דר. יוסף אַסטרוקאָוו. אַלס אַ וויכטיקן אופטו פון דער ייִדישער קולטור־ און בילדונגס־געזעלשאַפט האָט ער אָפּגעמערקט די סטאַבילע אויסשטעלונג וועגן דער רעטונג פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין בולגאַריע בײַס דער פאַשיסטישער אָקופּאַציע, ווי אויך דאָס אַרויסגעבן דעם ערשטן נומער פונעם יאָרבוך, געווידמעט דער געשיכטע פון די בולגאַרישע ייִדן און פון די ייִדן פונעם גאַנצן באַלקאַנער האַלב־אינדזל. איצט געפינט זיך אין דרוק דער צווייטער נומער פון דאָזיקן יאָרבוך.

דער אויספיר־קאָמיטעט פון דער געזעלשאַפט האָט אָנגענומען אַ באַשלוס צו פאַרשטאַרקן די פאַרבינדונג מיט די דעמאָקראַטישע און פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס פון אַנדערע לענדער, כדי פירן אַ געמיינזאַמען קאַמף קעגן נעאָנאַציזם.

„דער ראַסיקער אַריער" אין דער סלאָוואַקישער שפּראַך

דער שרײַבער עמיל קניעזשאַ האָט איבערגעזעצט אויף סלאָוואַקיש דאָס בוך פון דעם וואַרשעווער ייִדישן שרײַבער שלוימע שטראַוס־מאַרקאָ „דער ראַסיקער אַריער".

ע. קניעזשאַ פּלאַנירט איבערצוזעצן אויף סלאָוואַקיש „די כאַכאַמים פון כעלעם". אייניקע קאַפּיטלען פון דעם בוך זײַנען שוין דערשינען אינעם אָרגאַן פון סלאָוואַקישן שרײַבער־פאַרבאַנד „קולטורני זשיוואָט".

ווערטערבוך פון אַמאָליקן ייִדיש אין האָלאַנד

אַ ווערטערבוך פון דער ייִדישער שפּראַך, וואָס איז מיט פיל יאָרן צוריק גערעדט געוואָרן אין האָלאַנד, איז דערשינען אין אַמסטערדאַם. דאָס ווערטערבוך „רעשטן פון אַ שפּראַך" איז צונויפגעשטעלט געוואָרן דורך ה. בים.

די ווערטער אינעם בוך ווערן איבערגעגעבן אין לאַטײַנישער טראַנסקריפּציע און זײַנען פאַרטײַטשט אויף האָלענדיש. די איבערוועגנדיקע מערהייט ווערטער, וואָס גייען אַרײַן אין בוך, זײַנען אַ טייל פון הײַנט גערעדטן ייִדיש, עס זײַנען אָבער אין אים פאַראַן אַ סאַך ווערטער, וועלכע זײַנען געווען אייגנטימלעך פאַרן אַלטן האָלענדישן ייִדיש און ווערן שוין הײַנט ניט באַנוצט.

דאָס אַרויסגעגעבענע ווערטערבוך איז אַ ווערטפולער בײַטראָג צו דער פאָרשונג פון דער געשיכטע פון דער ייִדישער שפּראַך.

לאמיר ווידער זינגען די לידער

די ליד וועגן קאכאָווקע

ווערטער פון מ. סוועטלאָוו מוזיק פון אי. דונאיעווסקי

ייִדיש — עמ. קאזאקעוויטש, א. ווערגעליס



קאכאָווקע, קאכאָווקע,
אין מוטיקע מארשן
די ביקסן שוין גרייט צום געשלעג;
אירקוטסק און אָריאָל,
און קאכאָווקע און ווארשע —
עטאפּן פון זיגרייַכן וועג.

געקנאַלט האָט אטאקע,
די קוילן געקלונגען,
הארמאטישער קנאַל זיך געשפּרייט.
און אונדזער א מיידל
גייט דרייסט און גייט מונטער,
דורך פייַער און אומקום זי גייט.

מיר זייַנען געגאנגען
דורך זוניקע ברייטן,
דורך פינצטערן שוידער פון נעכט.
מיר לעבן אין פרידן,
נאָר פּאנצער־צוג גרייט איז
צום קינפטיקן הייסן געפעכט.

דערמאָן זיך, מייַן כאווער,
מיר זייַנען צוזאמען
געגאנגען דורך בלוט און דורך פּייַן,
און ס׳האָבן אונדז ביידן
דורך רויך און דורך פלאמען
די אויגן די בלויע געשייַנט.

דערמאָן זיך:
ס׳איז יוגנט נאָך אלץ ניט פאָריבער,
מיר האָבן געקעמפט און געשטרעבט,
טרינק אויס פארן לאנד,
פאר קאכאָווקע דער ליבער,
ווו ס׳האָט אונדזער מיידל געלעבט.

מיר זייַנען געגאנגען
דורך זוניקע ברייטן,
דורך פינצטערן שוידער פון נעכט.
מיר לעבן אין פרידן,
נאָר פאנצער־צוג גרייט איז
צום קינפטיקן הייסן געפעכט.

פון אונדזער פאָטאָ־אַרכיוו

דער אמת

Дэр Эмэс

(Правда)

ערשטער נומער פון דער צײַטונג „דער עמעס“, דערשינען אין מאָסקווע דעם 7 אווגוסט 1918 אונטער דער רעדאַקציע פון ש. דימאַנשטיין.

די דיכטערן שיפרע כאַלאָדענקאָ אויף דער שיף „סעקסטאַן“ אַלס אַנטײלנעמערן אין אַ ווײַסנשאַפטלעכער עקספּעדיציע (1933).

די שרײַבער־גרופּע בײַ דער מינסקער ייִדישער קאָמיוגישער צײַטונג „יונגער אַרבעטער“ (צוואַנציקער יאָרן).

פון רעכטס אויף לינקס: ש. העלמאַנד, ז. וויטענזאָן, ד. קאַמע־נעצקי, מ. טייף, מ. ליפשיץ.

פון רעכטס אויף לינקס: איציק פעפער, איזי כאַריק, אַרן קוש־ניראָוו אין 1934.

פרײַנטלעכע שאַרזשן פֿון יאַקאָוו אָווערבאַך



אף יאנקל יאקירן

שטעלט יאקירן אָפּ — געשיכטעס
פֿון די קאָדרעס[1] די געדיכטע
פֿולע זעק וועט ברענגען אײַך:
אויסגעדאַכטע,
אויסגעטראַכטע, —
אין פאַנטאַזיע איז ער רײַך.
בעסאַראַבער זיטן, לאָשן,
לעבן, וואָס שוין לאַנג פֿאַרלאָשן,
גראָבט ער אויף...
נאָר ס׳טרעפֿט: יאַקיר
אָפּט אין נײַן מאָס רייד פֿאַרגייט זיך,
און פֿאַרגעסט זיך, און פֿאַרדרייט זיך
אין זײַן אייביקן געלאָף, —
בלײַבן מײַסעס אָן א סאָף...

מאָטל סאַקציִער

אף מאָטל סאַקציִערן



איך האָב אים געזען
סײַ דאָ און סײַ דאָרטן:
סײַ בא זײַן שרײַטער,
סײַ אין זײַן גאָרטן.
סײַ ווען אין ליד
איז ער זיך מיסוואַדע,
סײַ ווען ער זינגט זיך
אַראָפּ פֿון עסטראַדע,
סײַ ווען עס פֿלאַקערט די ליד,
ווי א פֿײַער,
סײַ ווען זי ציט זיך,
ווי רויך פֿון ציגײַער.
שײַעך צו זאָגן —
ס׳טרעפֿט, אַז א מידער
איך פֿאַל פֿון דער קלוגשאַפֿט
פֿון זײַנע לידער.

יאַנקל יאַקיר

---

[1] א וואַלדיקע געגנט אין מאָלדאַוויע.

נאָטיצן אפן קאַלענדאַר

שרײַבער און ווערק

מיט 195 יאָר צוריק, אין פעוורואַל 1773, איז אין טאַרנאָפּאָל געבוירן געוואָרן דער אָנגעזעענער האַסקאָלע־שרײַבער יוסף פּערל.

י. פּערל האָט באַקומען א טראַדיציאָנעלע דערציִונג אין כיידער, ווו ער האָט ארויסגעוויזן שטאַרקע פײַקייטן און איז געווען באַוווּסט ווי אן אילוי. נאָך יונגערהייט האָט ער זיך באַהעפט צו דער כסידישער באַוועגונג.

אין עלטער פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר האָט פּערל צעריסן מיטן כאַסידיזם. ער האָט אָנגעהויבן שטודירן וועלטלעכע וויסנשאַפטן (מאַטעמאַטיק, געשיכטע, נאַטורוויסנשאַפט) און שפּראַכן (לאַטײַן, דײַטש, פראַנצויזיש). ער באַקענט זיך מיט

די גאַליצישע מאַסקילים אין בראָד און ווערט אָף שטענדיק באַפרײַנדעט מיטן אָנגעזעענעם טוער פון דער האַסקאָלע, דעם שילער פון מוישע מענדעלסאָן, מענדל לעפין. אין יאָר 1809 האָט יוסף פּערל געעפנט אין טאַרנאָפּאָל א ייִדישע וועלטלעכע שול, בעראָש פון וועלכער ער איז געשטאַנען דרײַסיק יאָר.

אין 1812 האָט פּערל געגרינדעט אין טאַרנאָפּאָל א דרוקערײַ, ווו עס האָבן זיך געדרוקט ווערק פון די מאַסקילים (מענדל לעפין און אַנדערע).

צו דער צײַט באַציט זיך אויך דער אָנהייב פון יוסף פּערלס ליטעראַרישער טעטיקײַט. אין 1813 האָט ער ארויסגעגעבן א לועך און אינגיכן נאָך דעם — אן אָפּהאַנדלונג אין דײַטש קעגן כאַסידיזם: „געשיכטע דער סעקטען אים יודענטום". אין 1816 האָט פּערל פאַרענדיקט זײַן גרונט־ווערק „מגלה טמירין" (מעגאַלע טמירין — דער אופדעקער פון סוידעס, אין העברעיִש דערשינען אין 1819, אין ייִדיש איז זי אָנגעשריבן געוואָרן, ווי מע רעכנט, אין דער זעלבער צײַט, נאָר דערשינען ערשט אין 1937) — א שאַרפע סאַטירע קעגן כאַסידיזם, וואָס האָט ארויסגערופן א שטורעם אין דער דעמלטיקער ליטעראַטור. די באַדײַטנדיקסטע מאַסקילים פון יענער צײַט (יאַנקעוו־שמועל ביק אין בראָד און ייִצכאָק־בער לעווינזאָן אין קרעמענעץ) האָבן אָנגעשריבן ענלעכע סאַטירישע אַרבעטן און זיי געשיקט פּערלען. אונטער דער ווירקונג פון פּערלס „מגלה טמירין" האָבן געשאַפן זייערע ווערק אויך די ווײַטערדיקע דוירעס שרײַבער, ווען זיי האָבן זיך געווענדט צו דער כסידישער טעמע (י.־י. לינעצקי „דאָס פוילישע ייִנגל", י. ערטער „הצופה לבית ישראל" אא.).

י. פּערל האָט געשאַפן אויך א ריי אַנדערע ווערק. אָבער זײַן גרונטלעכער אופטו פאַר דער ליטעראַטור איז געבליבן „מגלה טמירין".

יוסף פּערל איז געשטאָרבן אין 1839.

דעם 10 פעוורואַל ווערט 70 יאָר, זינט עס איז געבוירן געוואָרן דער דײַטשישער שרײַבער און טעאַטער־טוער בערטאָלד ברעכט.

די לידער פון ב. ברעכט האָבן זיך באַוויזן אין דער פּרעסע סאָף 1914, זײַנע דראַמען — אין די צוואַנציקער יאָרן. אין די ערשטע לידער (די זאַמלונג „לעגענדע וועגן א טויטן סאָלדאַט", 1918) און דראַמען („טרומייטן אין דער נאַכט", 1922 אא.) דריקט אויס ברעכט זײַן האַס צו דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע, ער באַווײַזט די אומענטשלעכע באַרבאַרישקײַט פונעם קאַפּיטאַליזם. אין די ווערק „אן אָפּערע פאַר דרײַ גראָשן" (1928) און „א ראָמאַן פאַר דרײַ גראָשן" (1934) דעקט אוף דער אווטאָר אָף א סאַרקאַסטישן, אָפּט פּאַראַדאָקסאַלן אופן די קרויוועשאַפט צווישן קרימינעלע פאַרברעכנס און „ערלעכן" האַנדל.

אין די עמיגראַציע־יאָרן דערשײַנען די בעסטע ווערק פון ב. ברעכט, אָנגעזעטיקטע מיט דראַמאַטישע קאָנפליקטן און טיפע סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע כאַראַקטעריסטיקעס. אזעלכע זײַנען דער ציקל איינאַקטערס „די שרעק און דער ייִעש אין דער דריטער אימפּעריע" (1935—1938), די פילאָסאָפישע דראַמע „דאָס לעבן פון גאַלילײַ" (1938—1939), די פּיעסע „די מוטער קוראַזש און אירע קינדער" (1939), וועלכע וואָרנט די פּאַשעטע מענטשן, פאַרפירטע דורך דער פאַשיסטישער פּראָפּאַגאַנדע, זיי זאָלן ניט לעבן מיט אילוזיעס.

ב. ברעכט איז ברייט באַקאַנט אַלס רעוואָלוציאָנערער נאָוואַטאָר אין געביט פון טעאַטער. ער איז געווען דער אָרגאַניזאַטאָר און אָנפירער פונעם טעאַטער „בערלינער אַנסאַמבל" (אופגעקומען אין 1949), וועלכער האָט מיט אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג גאַסטראָלירט אין פּאַריז, לאָנדאָן, מאָסקווע, לענינגראַד, וואַרשע, פּראַג און אַנדערע שטעט.

בערטאָלד ברעכט איז געשטאָרבן דעם 14 אווגוסט 1956 אין בערלין.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(на еврейском языке)

Год издания восьмой

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **И. Борухович, А. Гонтарь, М. Лев** (ответственный секретарь), **Нотэ Лурье, Б. Миллер, Г. Ошерович, И. Рабин, Р. Рубина, И. Фаликман, С. Фрай.**

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны: главный редактор — Б 8-27-91; ответственный секретарь — К 4-46-69; отделы прозы и поэзии — Б 8-49-42; отдел критики — Б 3-96-07.

Художеств. и техн. редакция: И. Шустер и А. Токер

Корректоры А. Стрельник и Д. Грозовская

Подписано к печати 19/I 1967 г. Формат 70Х108 1/16. Печ. л. 10(14). Бум. л. 5+2 вклейки. Цена 50 коп. Зак. 3254.

Московская типография № 7 Главполиграфпрома
Комитета по печати при Совете Министров СССР
пер. Аксакова, 13

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 2

1 9 6 8

В НОМЕРЕ:

Д. Хорол. Лирические тетради.
И. Рабин. Я вижу тебя, Вильно... (роман. Окончание).
Рассказы Б. Полевого, М. Альтмана, Я. Рубиана, Р. Пустыльникова.
К 50-летию Советской Армии. И. Чичельницкий. Журналисты-бойцы.
Стихи Г. Ошеровича, В. Данько, И. Котляра, М. Хараца, Г. Релеса.

**ЛИТЕРАТУРНАЯ КРИТИКА.
БИБЛИОГРАФИЯ.
ВОПРОСЫ ИСКУССТВА**

А. Раскин. Поступь поколений (о романе П. Маркиша).
Г. Ременик. Полемические заметки.
Наши сообщения.
Комментарии редакции. Листая журналы и газеты.
Заметки букиниста. Хроника. Заметки на календаре.